Bild-Nr.: JG1168-0-01-0002-0001 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

6.–

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0002-0002 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

א טייל

# זכרונות

וועגען הרב הגאון הצדי"ק

## רבנו אליהו חיים מייזעל ז"צל

צום 15-טן יאהר-צייט י"ד אייר פסח שני תרפ"ז

ערשטער טייל

פערלאג „מסורה" לאדז תרפ"ז.

Jud. Germ.
1168

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB
DFG

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0003-0003 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

Copyright by
VERLAG „MASORA“
A. M. GRUBSZTAJN
LODZ

STADTBIBLIOTHEK
FRANKFURT AM MAIN

Druk. M. Rosen Łódź, Piotrkowska 82.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

# פאָרוואָרט.

איינער פון די, וועלכע האָבען מספיד געוועזן דעם לאָד־זער רב מייזעל האָט, נאָכדעם ווי ער האָט דערצעהלט וועגען די גרויסע מעשים פון רב ביי זיין לעבען, געזאָגט: „דאָס איז נישט קיין טויזענדס־טייל פון זיינע מעשים. זיינע טאָטען אין פערלויף פון זיין לעבען מוזען נאָכגעפאָרשט און אויסגעזוכט ווערען און אין אַ בעזונדער בוך פערעפענטליכט ווערען״:

אונז איז געלונגען צו זאמלען און סיסטעמאַטיזירען א גרויסען סכום מאַטעריאלען וועגען דעם לעבען און טעטיגקייט פון הרב מייזעל, וועלכער האָט אין משך פון 40 יאָהר געלעבט און געאַרבייט אין לאָדז. די ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט־ליכער טעטיגקייט אין לאָדז קען מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען אָהן דעם נאָמען פון ר׳ אליהו חיים מייזעל. בעת די גרויסע און טיילמאָל שרעקליכע געשעהענישען אין לאָדז אין דער צייט פון רבנות פון הרב מייזעל, ווי די כאָלערא־עפידעמיע, פאָגראָם, צארישע אכזריות, „קאַזנאַקאָוושטשינע״ איז הרב מייזעל געוועזן דער, וועלכער האָט אָפּגעווענדעט די גרויזאַמקייט פון יענע צייטען פון דער יודישער בעפעלקערונג. די אַלע עפּאָכעס וועלען אַדורכגעהן פאַר אונזערע אויגען און עס וועט בולט בעשילדערט ווערען די טעטיגקייט פון הרב מייזעל און די אַלע פערזאָנען, פון וועלכע אַ טייל זענען נאָך איצט טעטיג אין געזעלשאַפטליכען לעבען.

די זכרונות וועלען בלייבען אַ טייער אָנדענקען פאַר דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג, צווישען וועלכע דער רב אליהו חיים מייזעל איז געווען אַזוי בעליבט.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0004-0005 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

# אָפּשטאמונג, קינדער יאהרען, יוגענד ביז צום רבנות אין לאָדז.

ר׳ אליהו חיים מייזעל איז געבוירען געוואָרען אין יאהר תקפ״א (1821) אין דעם שטעדטיל האָראדאָק געוו. ווילנער גו־בערניע, זיין פאטער ר׳ משה מייזעל זצ״ל איז געווען א אור־אייניקעל פון גרויסען גאון ר׳ אהרן שמואל קאידאנאָווער זצ״ל מחבר פון תפארת שמואל אויף רא״ש ר׳ אליהו חיים׳ס מוטער די צדיקת הנה איז געווען א טאָכטער פונ׳ם גרויסען גאון ר׳ אליעזר גרייעווער מחבר פונ׳ם ספר משנת ר׳ אליעזר בן יעקב דער נײנטער דור פון ר׳ משה איסערליש דער בעוואוסטער רמ״א זצ״ל ווי בעוואוסט איז דער רמ״א געווען דער דרייצעהנטער דור פון רש״י, און די דאָזיגע פאַמיליע שטאַמט פון דוד המלך אויך איז ער געווען א חבר פון קדושת לוי ר׳ לוי יצחק מ׳בער־דיטשעוו ר׳ אליעזר׳ס שווער איז געווען א אייניקעל פונ׳ם בעריהמטען גאון ר׳ יום טוב ליפמאַן דער בעל תוספות יו״ט ר׳ אליהו חיים איז אויך געווען א אייניקעל פון מהרש״א מהר״ם מ׳לובלין, מגלה עמוקות און הקדוש ר׳ ישראל הי״ד פון ראזינאי.

די פאַמיליע מייזעל שטאַמט פון פראָג און דער בעוואוס־טער גאון ר׳ מרדכי מייזעל פון פראָג איז געווען ר׳ משה מייזעל׳ס א פעטער, דערנאָך האָבען זיי זיך בעזעצט אין פוילען, וואו די דאָזיגע פאַמיליע האָט אויך פערנומען אַנ׳אָנגעזעהענעם אָרט. משה מייזעלס איז געווען כמעט דער איינציגער יוד, וועלכער האָט בעקומען פון דער רעגירונג דאָס רעכט צו קויפען גיטער מיט פויערים און ר׳ אליהו חיים האָט פערקויפט דאָס לעצטע גוט וואָס איז געבליבען פון זיין זיידען.

ר׳ אליהו חיים איז געווען אַ וואונדער־קינד און האָט אַלע מען איבעראַשט מיט זיינע פעהיגקייטען און מיט זיינע קלוגע איינפאַלען. ווען ער איז אַלט געווען זעקס יאָהר האָט ער שוין געהאַט אַ נאָמען פאַר אַנ׳עלוי.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

אינטערעסאַנט איז פאָלגענדער וויץ, וועלכער ווערט איבערגעגעבן וועגן דעם רב מייזעל, ווען ער איז געווען אַ פינף-יעהריג קינד. ווי מיר האָבען שוין בעמערקט, איז דער פאָטער פון אליהו חיים — ר׳ משה מייזעל געווען אַ גרויסער סוחר און געהאַנדעלט מיט פערשידענע פריצים, איינמאָל האָט אַ פריץ צוגערופען דאָס קינד און איהם געפרעגט, וואו ער וויל זיין: אין גן-עדן, אָדער אין גהינום. דער קליינישקער אליהו חיים האָט זיך פערטראַכט און איבערגעפרעגט דעם פריץ: „ווער אייגענטליך געפינט זיך אין גן-עדן און ווער אין גהינום?” דער פריץ האָט זיך צולאַכט און געענטפערט, אַז אין גן-עדן זיצען נאָר פריצים, דאָס גהינום איז אָבער פול מיט יודען. „אויב אַזוי, האָט דאָס קינד געענטפערט, וויל איך בעסער זיין אין גהינום מיט די יודען, איידער מיט דיר אין גן-עדן”.

דער נאָמען פון וואונדער-קינד איז בעריהמט געוואָרען אין דער נאַנצער סביבה, און דער בעוואוסטער גאון „ר׳ לייבעלע קאָוונער” איז ספעציעל געקומען זיך זעהען מיט דעם בעריהמטען קינד. אין מיטען שמועס האָט זיך ר׳ לייבעלע אויפגעשטעלט און ערקלעהרט, אַז ער פאַהרט שוין אַוועק, ווען מען האָט איהם געפרעגט, וואָס עס איז געשעהען, האָט ר׳ לייבעלע געענטפערט, אַז ער האָט מורא, דאָס ער זאָל דעם קינד קיין עין-הרע נישט געבען.

צו אַכט יאָהר איז אליהו חיים אַוועק לערנען קיין וואָלאָזשין, וואו ער האט געלערנט צוזאַמען מיט דעם בריסקער רב ר׳ יוסף בער און מיט דעם קאָוונער רב ר׳ יצחק אלחנן. דאָרט האָט הרב מייזעל נעלערנט ביז דרייצעהן יאָהר.

איינמאָל איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקער דיספוט אין לערנען צווישען די בחורים אליהו חיים און דעם שפעטערדיגען קאָוונער רב ר׳ יצחק אלחנן. אַזוי ווי ס׳איז נישט געקומען צו קיין הסכם צווישען די שטרייטענדע, האָט דעם ענין געזאָלט פערענטפערען דער בעוואוסטער גאון ר׳ יצחק וואָלאָזשינער. ווען ר׳ יצחק האָט אויסגעהערט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך האָט ער פערהערט דעם יונגען גאַון אליהו חיים און איהם געגעבען סמיכה.

ווי דער מנהג איז געווען פערצייטענס, האָט ר׳ אליהו חיים חתונה-געהאַט יונג, צו דרייצעהן יאָהר, נאָר ער האָט זיך אינגיכען גע׳גט און אַ צווייט מאָל חתונה-געהאַט מיט זיין

פּעטער׳ס אַ טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט געלעבט אַלע זיינע יאָהרען. צו זיבּצעהן יאָהר איז ר׳ אליהו חיים געוואָרען רב אין זיין געבּורטס-שטעטעל האָראָדאָק, אין יאָהר 1868 איז ער אָנגע-קומען אַלס רב קיין דאַרעטשין (גראָדנער גוב.) דאָרט איז ער געווען רב ביז 1864. דאַן איז ער אָנגעקומען אַלס רב קיין פּרו-זשאַני. דאָרט איז ר׳ אליהו חיים שוין טעטיג געווען אַלס כלל-טוער און ווען אין פּרוזשאַני האָט אויסגעבּראָכען די שרעקליכע כאָלערא-עפּידעמיע האָט ער מיט גרויס מסירת-נפש מלחמה גע-האַלטען מיט דער שרעקליכער מגפה. דעמאָלט איז ר׳ אליהו חיים שוין בּעריהמט געווען אַלס איינער פון די גרעסטע רבנים אין פּוילען און ליטע.

אין יאָהר 1867 איז ר׳ אליהו חיים אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס רב אין לאָמזשע. דאָ האָט זיך שוין פאַר איהם געעפענט אַ בּרייט פעלד פאַר טעטיגקייט. איינע פון זיינע וויכטיגסטע מעשים אין לאָמזשע איז געווען די השתדלות וועגען דער צאָהל יודישע רעקרוטען. ווי אין אַלע יודישע שטעט, איז אין לאָמזשע אויך געווען בּעשטימט פאַר יודען אַ׳אונגעהייער גרויסע צאָהל רעק-רוטען, בּערך פיל מעהר ווי פון דער גישט יודישער בּעפעלקע-רונג. דער רב האָט דעמאָלט אויך גע׳פּועלט, אַז די צאָהל יודישע רעקרוטען אין לאָמזשער גובּערניע זאָל פערקלענערט ווערען אויף פינף הונדערט מאַן יעהרליך.

אין יאָהר 1873 איז ר׳ אליהו חיים מייזעל אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס רב אין לאָדז.

---

## 2.

## דער „פייערליכער" אריינפאָהר קיין לאָדז.

ס׳איז בּעשטימט געוואָרען, אַז דער נייער לאָדזער רב זאָל קומען אין אַ געוויסען טאָג קיין לאָדז עס איז געמאַכט גע-וואָרען אַלע הכנות, ס׳איז פאָרבּעריייט געוואָרען אַ וואוינונג, מ׳האָט זיך געגרייט צו אַ גרויסען פאַראַד. ווייל ווי מיר האָבּען שוין בּעמערקט, איז הרב מייזעל שוין דעמאָלט געווען שטאַרק מפורסם אין פּוילען. דער גרויסער גביר ישראל קלמן פאָזנאַנסקי האָט צוגעגרייט אַ קאַרעטע מיט פיר פערד אַ זיך אין דער קאַ-רעטע איז געמאַכט געוואָרען ספּעציעל אָהן שעטנז, צום בּאַהן

איז געקומען אַ גרויסער עולם. פון די פני העיר זענען געווען: ר׳ ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי, הערמאַן קאָנשטאַט, מאָריץ פּרענקעל, ישעי׳ ראָזענבלאַט א. אַ., דער צוג איז אָנגעקומען. אַלע פּאַסאַזשירען זענען אַרויסגעגאַנגען און זיך געוואונדערט אויפ׳ן גרויסען פּאַראַד, וואָס ווערט צוגעגרייט. דער צוג איז שוין לעדיג געווען און דער רב איז נאָך אַלץ נישטאָ. קיין שום ידיעה איז אויך נישט געווען און מ׳האָט זיך נישט געקענט פּערטייטשען די סבה, פּאַרוואָס דער רב איז נישט געקומען, פּערשטעהט זיך אַז דער עולם איז אַוועק אומצופרידען און די דאַזאָרעס האָבען אָנגעהויבען נאָכצופרעגען וועגען די סבות פון רב׳ס נישט קומען.

צומאָרגענס פּאָהרט אין צוג קיין לאָדז דער היגער פישער ר׳ יואל. אין זעלבען קופּע פּאָהרט אַ יונגערמאַן, אַ הדרת-פּנים מיט קלוגע אויגען מיט אַ געוועהנליכען מאַנטעל און קאַשקעטעל, צווישען די ביידע יודישע פּאַסאַזשירען פּערבינדט זיך אַ שמועס.

— וואוהין פּאָהרט אַ יוד? פרעגט דער פרעמדער.

— קיין לאָדז. און איהר?

— אויך קיין לאָדז. וואָס הערט מען עפּעס דאָרט?

— ווי אומעטום, פּערהאַן גבירים, פּערהאַן אויך אביונים, די עדה יודען פּערגרעסערט זיך און קיינער טוט גאָרנישט לטובת הכלל.

— וואָס הייסט, פרעגט דער פרעמדער, נישטאָ ביי אייך קיין בקור חולים, קיין יודישע שפּיטאָלען, קיין תלמוד-תורות וכדומה אינסטיטוציעס?

— ביז איצט כמעט ווי נישט, מיר האָבען נישט קיין מזל אין לאָדז, אָט האָבען מיר שוין געמיינט, אַז מיר ווערען געהאָלפען, מיר האָבען אויסגעוועהלט אַלס רב דעם בעוואוסטען גאון, דעם לאָמזשער רב, ר׳ אליהו חיים, האָט ער נעכטען געזאָלט קומען, מיר האָבען געמאַכט דעם גאַנצען פּאַראַד, אָבער ער איז נישט געקומען, אַ סברא, אַז דער רב האָט חרטה בעקומען.

אין אַזאַ שמועס זענען ביידע פּאַסאַזשירען געקומען קיין לאָדז. ביים געזעגנען זיך רופט זיך אָן דער פרעמדער:

— דער רב האָט נישט קיין חרטה, ער איז שוין אין לאָדז.

— ר׳ יואל האָט זיך אָנגעשטויסען, ווער דאָס איז, אַוועק אין שטיבעל, דאָרט איז נאָך אַלץ געווען דאָס געשפּרעך פון טאָג דער ענין, פּאַרוואָס דער רב איז נישט געקומען, ר׳ יואל האָט דערצעהלט זיין געשפּרעך מיט דעם פרעמדען און דאָרט

איז געווען בהסכם, אז דער פרעמדער איז נישט קיין אנדערער, ווי דער לאדזער רב ר׳ אליהו חיים.

דערווייל זענען די דאזארעס אוועק צום רב׳ס וואוינונג, און זיי האבען איהם שוין טאקע געטראפען זיצענדיג ביי א ספר. זיי האבען געמאכט דעם רב פארוואורפען, פאר זיין נישט קומען צו דער צייט. דער רב האט געענטפערט:

— איך געהם נישט בעצאהלט פאראויס. איך ווייס נאך נישט, צי איך וועל ווי געהעריג קענען ערפילען מיינע פליכטען אין אזא שטאדט ווי לאדז, דעריבער האב איך נישט געוואלט פארויס האבען דעם פאראד.

---

## 3.

## ר׳ אליהו חיים אין פאונאנסקי׳ס שפיטאל.

נישט איין גרויסע אויפגאבע איז געשטאנען פאר דעם יונגען רב. אין יענע יאהרען האט די שטאט לאדז געהאלטען אין איין וואקסען, אין דעם וואוקס פון דער שטאט האבען יודען געשפילט א גרויסע ראל, זיי האבען ענטוויקעלט די אינדוסטרי און דעם מסחר און געבערענגט די שטאט אויף א הויכען מצב. ר׳ אליהו חיים איז געווארען רב־אין לאדז אין אנהויב פון איהר ענטוויקלונג און אין זיין צייט איז די דאזיגע שטאט אויסגעוואקסען. דא האט זיך געעפענט א ברייט פעלד פאר דעם ענערגישען און גרויסען יוד. דא האט ער ערשט פונאנדערגעשפרייט זיינע פליגלען און בעוויזען, אז ער איז טאקע ראוי צו זיין א מנהיג פון אזא גרויסער קהלה ווי לאדז.

באלד נאכ׳ן קומען פון ר׳ אליהו חיים מייזעל קיין לאדז האט ער זיך אנגעהויבען ארומצוקוקען אין זיין מלוכה. די דאזיגע מלוכה איז,ליידער געווען זעהר ארים. די תלמוד־תורות, פלומר׳שטע צדקה אינסטיטוציעס — אלץ איז געווען אין א זעהר קלעגליכען צושטאנד. ס׳איז נישט געווען, ווער עס זאל די שוין־עקזיסטירענדע אינסטיטוציעס ארומנעהמען אונטער אן׳ענערגישער האנד, מכל־שכן שוין שאפען נייע נויטיגע אינסטיטוציעס.

ר׳ אליהו חיים האט זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. האט צוזאמענגערופען אנ׳אסיפה פון די לאדזער גבירים און זיי

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0006-0010 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פֿאַרגעשלאָגען צו גרינדען אַ שפּיטאָל פֿאַר משוגעים. דער רב האָט אָנגעוויזען אויף דער קאָלאָסאַלער וויכטיגקייט פֿון אַזאַ אינ-סטיטוציע און אויפֿגעפֿאָדערט די בעל-הבתים מען זאָל וואָס גיכער זיך נעהמען צו דער דאָזיגער אַרבייט. די אסיפה האָט מסכים געווען צום רב׳ס פֿאָרשלאַג און בעשלאָסען אָנצוהויבען קלויבען נדבות, כּדי צו גרינדען דאָס שפּיטאָל. ר׳ אליהו חיים האָט זיך אָבער מיט דעם נישט בעגנוגענט און געפֿרעגט:

— רבותי צו וואָס זאָלט איהר ערשט איינער צום אַנדערען געהן נאָכ׳ן געלד. אַ שאָד צייט און כּוח. ס׳איז דאָך גאָרנישט שווער, דאָ אויפֿ׳ן אָרט צוזאַמענצושטעלען די נויטיגע סומע.

דערויף האָט זיך אָנגערופֿען איינער פֿון די גרויסע פֿאַב-ריקאַנטען וואָס איז אָנוועזענד געווען אויף דער אסיפה.

— ווען מיר וואָלטען זיך געוואָלט אויפֿפֿיהרען אַזוי, ווי דער רב, און אָוועקגעבען דעם לעצטען רובעל יעדען שנאָרער, וואָלטען מיר שוין פֿערטיילט די שטיינער פֿון אונזערע פֿאַבריקען.

דער רב האָט דערויף רוהיג געענטפֿערט:

יעדער מענש האָט אַזעלכע געפֿיהלען ווי ס׳איז פֿאַר איהם נויטיג. איך בין אַ רב — דאַרף איך אַוועקגעבען דאָס, וואָס איך פֿערמאָג, טאָמער וואָלט איך געווען אַ פֿאַבריקאַנט, וואָלט איך אפשר געווען דערזעלבער ווי איהר אַלע.

ר׳ אליהו חיים האָט קודם-כּל געאַרבייט, אַז אין לאָדז זאָל געגרינדעט ווערען אַ מאָדערן-איינגעאָרדענטער יודישער שפּיטאָל. דער רב האָט נאָך געהאַט בולט פֿאַר די אויגען די שרעקליכער סצענעס פֿון פּרוזשאַני און לאָמזשע ווען דאָרט האָט געהערשט די גרויזאַמע עפּידעמיע, די כאָלערא, ווי שווער עס קומט אויס צו פֿיהרען אַ ווירקזאַמען מלחמה מיט די קראַנהייטען, ווען ס׳איז נישטאָ די קראַנקע וואו צו איזאָלירען, ווען ס׳זענען נישט פֿער-האַן די געהעריגע איינאָרדנונגען און רפואות, ווען עס קענען נישט תיכף אָנגענומען ווערען די מיטלען, כּדי צו פֿערהיטען פֿון פֿערשפּרייטען זיך פֿון די קראַנקהייטען, ממש נביאיש האָט ער פֿאָראויסגעזעהען, אַז די פּעסט דערנעהנטערט זיך צו לאָדז און מ׳דאַרף שאַפֿען דעם כּלי-זין, כּדי אָפּצושלאָגען די אַטאַקעס פֿון שונא. דער רב האָט דעריבער נישט גערוהט און נאָר געשטרעבט שוין צו זעהען אַ גוט איינגעאָרדענטען יודישען שפּיטאָל.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

מיט דעם ענין איז אָבער געגאַנגען זעהר שווער, ווייל די גבירים האָבען זיך כּלל נישט געאיילט אַרויסצונעמען פון קעשענע אַ גרעסערע סומע געלד. דער רב האָט אָבער נישט רעזיגנירט און איינגע׳טענה׳ט מיט יעדען פון די דעמאָלטדיגע יודישע גבירים בעזונדער.

סוף־כּל־סוף האָט דער רב גע׳פּועלט ביי ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי, ער זאָל מנדב זיין אויף אַ יודיש שפּיטאָל 700 רובעל אַ יאָהר. האָבענדיג צוגעזאָגט אַזאַ סומע, האָט דער רב זיך ערשט גענומען צו פערווירקליכען זיין פּלאַן. מ׳האָט אָנגעהויבען זוכען אַ פּאַסענדען בנין, וואָס האָט אויך געדויערט אַ שטיקעל צייט. אומעטום איז דער רב אַליין געגאַנגען און געזוכט אַ פּאַסענד הויז. קוים געפונען אַזעלכעס, איז ווידער נישט גוט. דאָס הויז געהערט צו אַ קריסט און ער וויל גישט אַנדערש ווי 1200 רובעל אַ יאָהר.

וואָס טוט מען?

מילא אויף פיהרען דאָס שפּיטאָל האָט שוין דער רב גאָרנישט געטראַכט, ער וועט שוין דאָס מוזען בעקומען פון די לאָדזער בעלי־בתים. אָבער אויף דירה־געלד? פּאָזנאַנסקי וויל נישט מעהר געבען ווי 700 רובעל, פון וואַנען נעהמט מען נאָך 500 רובעל? טראַכט דער רב נישט לאַנג און שמועסט אָפּ מיט׳ן הויז־אייגענטימער, אַז דער קאָנטראַקט, וועלכער דאַרף צוגעשטעלט ווערען פּאָזנאַנסקין אונטערצושרייבען, זאָלען לויטען נאָר אויף 700 רובעל און ער, דער רב וועט צוצאָהלען 500 רובעל יעהרליך.

דאָס שפּיטאָל איז געשאַפען געוואָרען, מ׳קאָן זיך פאָרשטעלען מיט וואָס פאַראַ אַ שווערי׳קייטען עס איז אָנגעקומען דעם רב צוצאָהלען די 500 רובעל אַ יאָהר. דאָס איז אָבער געווען גאָרנישט געגען דער הנאה וואָס דער רב האָט געהאַט פון דעם, וואָס ס׳איהם סוף־כּל־סוף געלונגען צו אָרגאַניזירען אַ מאָדערן יודיש שפּיטאָל אין לאָדז. אַזוי האָט געדויערט 6 יאָהר, ביז דער קאָנטראַקט האָט זיך געענדיגט.

דער קריסטליכער הויז־בעזיצער האָט זיך נישט געקאָנט צוגלויבען, אַז דער רב צאָהלט טאַקע פון זיין אייגענער קעשענע און נאָכדעם ווי דער קאָנטראַקט האָט זיך געענדיגט, האָט ער זיך אָהן דעם וויסען פון רב געווענדעט צו ישראל פּאָזנאַנסקי וועגען בענייען איהם.

פּאָזנאַנסקי האָט נישט געהאַט קיין אַהנונג, וואָס דאָ קומט

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0007-0012 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פאַר און וויסענדיג, אַז דאָס הויז איז אַ מציאה 700 רובעל אַ יאָהר
האָט ער פאָרגעלעגט דעם קריסט הונדערט רובעל יעהרליך
אַ הוספה. דער קריסט האָט זיך אָבער צולאַכט אוּן דערצעהלט
פאָזנאַנסקי׳ן, אַז ער בעקומט די גאַנצע צייט 1200 רובעל יעהרליך.

ישראל פאָזנאַנסקי איז געוואָרען נשתומם פון דער געשיכ-
טע, האָט זיך אַ ביסעל פערשעהמט. ער האָט גאָרנישט געענטפערט
און אונטערגעשריבען דעם קאָנטראַקט אויף 1300 רובעל אַ יאָהר.
ווען פאָזנאַנסקי האָט, ביי דער ערשטער בעגעגעניש מיט׳ן רב,
געבעטען אַן ערקלעהרונג אין דער געשיכטע מיט׳ן שפּיטאָל-בנין,
האָט דער געענטפערט: מיט 6 יאָהר צוריק זענט איהר נאָך נישט
געווען אַזוי רייך און איך האָב אייך דעריבער צוגעצאָהלט 500
רובעל אַ יאָהר, איצט זענט איהר שוין פיל רייכער און מעגט
שוין אַליין אויסהאַלטען דאָס שפּיטאָל.

פון דעמאָלט אָן פיהרט די פאַמיליע פאָזנאַנסקי דאָס יודי-
שע שפּיטאָל ביז׳ן היינטיגען טאָג. ר׳ אליהו חיים מייזעל האָט
אין דעם שפּיטאָל-בנין אויף טאַרגאָוואַ גאַס אַ זעהר גרויסען אָנטייל.

---

## .4

## אַנ׳עגונה געפינט מיט׳ן רב׳ם הילף איהר מאַן.

אין די ערשטע יאָהרען פון דער טעטיגקייט פון ר׳ אליהו
חיים מייזעל אין לאָדז איז די אימיגראַציע קיין לאָדז געווען
זעהר שטאַרק. פון די פערשידענע שטעדטלעך אין ליטע און רוס-
לאַנד איז אַהערגעקומען אַ גרויסע צאָהל יודען, וועלכע האָבען
זיך געוואָלט איינאָרדנען אין דער שטאָט לאָדז, וואָס האָט גע-
שפּרייזט מיט ריזיגע שריט אין דער ענטוויקלונג פון האַנדעל און
אינדוסטריע. דער רב האָט אין געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט גע-
האַט די השגחה איבער די דאָזיגע אַלע עמיגראַנטען, געזאָרגט
פאַר זייער שנעלער איינאָרדנונג און איינלעבען זיך: איינעם גע
שאַפען אַ פּאָסטען, דעם צווייטען געהאָלפען איינריכטען אַ ווערק-
שטעל א. א. וו. דער רב האָט זיך מיט אַלע די דאָזיגע עמי-
גראַנטען אינטערעסירט און געקענט אַלע. זיי אַלע כמעט האָבען
דאָך אָפּגעהאַקט די שוועלען פון רב׳ס שטוב ביז זיי האָבען זיך
איינגעאָרדענט. ווי ווייט ר׳ אליהו חיים האָט געהאַט די
איבערזיכט איבער אַלע אַזוי-גערופענע עמיגראַנטען און ווי



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

ווייט עס האָט דערגרייכט זיין אָריענטאַציע-פעהיגקייט קען בע־ווייזען פאָלגענדע, כמעט אונגלויבליכע געשיכטע, וועלכע איז אָבער אַ פאַקט, און דער בעל-דבר אַליין לעבט נאָך איצט און וואוינט אין לאָדז.

אין אַ קליין שטעדטעל אין דער ליטע האָט דער אָרימער בחור נ. וו. חתונה-געהאַט מיט אַ מיידעל, געגעסען קעסט און גע־דאַרפט זיך נעהמען צו פרנסה. צווישען דעם יונגען פאָר-פאָלק איז אָבער נישט געווען קיין שלום-בית. און אין איין העלען טאָג איז דער יונגערמאַן נעלם געוואָרען פון שטעדטעל און ואיננו, ער איז נישטאָ. עס האָט נישט געהאָלפען דאָס זוכעניש פון דער פאַמיליע. מ׳האָט איהם נישט געפונען. דאָס יונגע ווייבעל וועל־כע איז שוין געווען מעוברת האָט געבוירען אַ טאָכטער און איז געווען אַ וויסטע עגונה, אַזוי זענען געלאָפען יאָהרען נאָך יאָהרען דאָס ווייבעל איז עלטער געוואָרען, די טאָכטער איז אויפגעוואַק־סען און איז שוין אַלט געוואָרען 18 יאָהר. קיין פרנסה האָט דאָס ווייבעל נישט געהאַט און ס׳איז טאַקע געווען שלעכט.

מיט איינמאָל מעלדעט מען דעם לאָדזער רב, אַז ס׳איז צו איהם געקומען אַ פרוי פון שטעדטעל ס. מיט אַ בריף פון דאָרטי־גען רב. ר׳ אליהו חיים רופט אַריין די פרוי און פרעגט וואָס זי פערלאַנגט.

די יודענע ויינט און דערצעהלט, אַז מיט 18 יאָהר צוריק איז איהר מאַן פון איהר אַוועק און פון דעמאָלט אָן ווייסט זי גאָרנישט פון איהם, אין דער צייט האָט זי געבוירען אַ טאָכטער, וועלכע זי וואָלט געוואָלט חתונה-מאַכען, אָבער זי קען נישט, וויל די חרפה איז איהר זעהר גרויס, זי איז אַן׳עגונה. זי וויל נישט מעהר ווי אַ גט פון איהר מאַן, דאָס איבעריגע איז זי איהם אַלץ מוחל.

ר׳ אליהו חיים פרעגט: און וואָס זייט איהר גראָד צו מיר געקומען?

— רבי, ענטפערט די יודענע, ביי אונז אין שטעדטעל האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז מיין מאַן איז דאָ אין „קליין-אַמעריקאַ“, אין לאָדז, און איך וועל פריהער נישט אַוועקפאָהרען פון דאַנען, ביז איהר, רבי, וועט מיר העלפען.

דער רב פרעגט אויס די פרוי, ווי איהר מאַן הייסט, מיט וואָס ער האָט זיך בעשעפטיגט אין דערהיים, ווי ער זעהט אויס,

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0008-0014 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

וואָס פאַראַ געוואוינהייטען ער האָט און אַזוי ווייטער, אַלע קליי- נע און קלייניטשקע פרטים וועגען איהר פערשוואונדענעם מאַן.

די פרוי ענטפערט אויף אַלעם זעהר ענוי: דערצעהלט אַלץ, וואָס זי געדענקט וועגען איהם און האַלט אין איין וויינען.

— ווייסט איהר וואָס, זאָגט ענדליך ר׳ אליהו חיים, איהר וועט בלייבען עטליכע טאָג אין לאָדז, מיט עסען און שלאָפען וועט אייך שוין מיין ווייב בעזאָרגען.

די פרוי איז, פערשטעהט זיך, פערבליבען. און יעדען טאָג האָט זי דער רב אַריינגערופען און זיך אַלץ נאָכגעפרעגט נאָכמעהר פרטים וועגען דעם פערלוירען געגאַנגענעם מאַן נ. וו.

דער רב האָט דערווייל נאָכגעפרעגט אין דער פאָליציי, צי אין לאָדז איז געמאָלדען אַ נפש מיט׳ן נאָמען נ. וו., אָבער אָהן רעזולטאַט. אַזאַ איינער איז אין לאָדז נישט געווען.

פרייטאָג אין דער פריה רופט דער רב אַריין די פרוי, גיט איהר אַ קוויטעל צו אַ היגען פאַבריקאַנט, אַז יענער זאָל דער פרוי געבען שבת צו עסען, דער פרוי האָט דער רב געזאָגט, אַז זי וועט דאָרטען עסען שבת און שבת-צו-נאַכט זאָל זי קומען צום רב.

די פרוי איז אַוועק מיט׳ן צעטעל אויפ׳ן אָנגעגעבענעם אַדרעס. זעלבסטפערשטענדליך, אַז מיט אַ צעטעל פון ר׳ אליהו חיים מייזעל האָט דעם פאַבריקאַנטס פרוי נישט אָפּגעזאָגט צו געבען דער אָרימער יודענע שבת צו עסען. די פרוי איז שוין דאָרט פערבליבען. זי האָט אויסגעגאָסען פאַר דער בעל-הבית׳טע איהר גאַנץ ביטער האַרץ, דערצעהלט וועגען וואָס זי איז געקומען קיין לאָדז און אַז דער רב האָט נאָך ביז איצט פאַר איהר גאָרנישט אויפגעטון.

דער פאַבריקאַנט ק. איז געקומען פרייטאָג צו נאַכטס אַהיים פון שוהל, געמאכט קידוש און זיך געזעצט עסען. אין צווייטען צימער איז געזעסען די אָרימע פרוי געעסען אַ כזית און געשלונגען אַ טרעהר.

וואָס מעהר זי האָט געהערט פון צווייטען צימער דאָס קול פון פאַבריקאַנט ק. אַלץ מעהר איז זי געוואָרען אונרוהיג, זי האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס, אָבער דאָס קול איז איהר אויסגעקומען אַזוי בעקאַנט, עפּעס אַזוי מאָדנע נאָהענט, זי האָט זיך בעמיהט אָנצוקוקען דעם פאַבריקאַנט ק. ווען דאָס האָט זיך מיניטענווייז פון צווייטען צימער איינגעגעבען, אַלץ מעהר איז איהר בעאונרוהיגונג געוואַקסען, אַלץ מעהר האָט זיך איהר געדוכט,



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

און זי לעבט אין חלום, אַלץ מעהר איז זי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער פאַבריקאַנט ק. איז נישט קיין אַנדערער ווי איהר מאַן, פון דער צווישען זייט ווידער האָט זי זיך דאָס נישט געקענט צוגלויבען, ווייל ה׳ ק. האָט דאָך געהאַט אַ פרוי מיט עטליכע קינדערלעך.

די פרוי האָט זיך קוים דערוואַרט, ביז עס האָט זיך געענדיגט דאָס אָוועננדברויט ביים פאַבריקאַנט. און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס דער רב האָט איהר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל קומען צו איהם ערשט שבת-צו-נאַכטס איז זי גלייך אַהין אַוועק און געבעטען די רבי׳צין, אַז זי זאָל פועל׳ן, אַז דער רב זאָל רעדען מיט איהר עטליכע מינוט. ר׳ אליהו חיים האָט איהר בקשה ערפילט. ווי נאָר די יודענע איז אַריין אין שטוב וואו דער רב איז געזעסען איז זי אַנידערגעפאַלען אויף דר׳ערד, אָנגעהויבען שטאַרק וויינען און דערצעהלט, אַז דער ביי וועמען דער רב האָט זי געהייסען עסען שבת, איז נישט קיין אַנדערער ווי איהר מאַן, און איהר קינדס פאָטער, וועלכער איז אַוועק פון איהר מיט 18 יאָהר צוריק פון שטעדטעל ס. און ביז איצט ווייסט מען נישט וואו ער איז אַהינגעקומען.

— פון וואַנען זענט איהר אַזוי זיכער, אַז דאָס איז דערזעלבער? פרעגט דער רב גאַנץ ערנסט און אַביסעל פּערטרויערט.

— איך דערקען איהם, וויינט די פרוי, איך דערקען איהם לויט דעם קול, איך דערקען איהם לויט דעם אויסזעהען, לויט זיין גאַנג, מיט איין וואָרט, רבי, איך וועל שווערען, אַז דאָס איז ער. העלפט מיר, רבי, העלפט, האַלט די יודענע אין איין שרייען.

די בני-בית פון רב האָבען גענומען בערוהיגען די פרוי און דער רב רופט זיך אָן נאָך ערנסטער, ווי פריהער.

— דיר דוכט זיך געוויס, מיין קינד, דיין פאַנטאַזיע אַרבייט, אַ מענש טאָר נישט מיט אַמאָל זיין אַזוי זיכער אין זיך, מ׳מוז זיך ערשט ריכטיג איבערצייגען און דערנאָך ערשט רעדען מיט אַזאַ זיכערקייט. איהר וועט געהען אַהין מאָרגען שבת עסען מיטאָג, דער יוד האָט אייך צוגעזאָגט צו געבען עסען גאַנץ שבת. בערוהיגט אייך, געהט אַהין, אָבער איך בין אייך מתרא, איהר זאָלט זיך דאָרט פערהאַלטען נישט אַזוי, ווי ביי מיר, נאָר גאַנץ רוהיג און שפעטער זאָלט איהר מיר נישט שטערען מיין שבת, נאָר איהר זאָלט קומען צו מיר ערשט נאָך הבדלה.

די פרוי האָט נישט געהאַט קיין עצה און איז אויף צו־מאָרגענס ווידער אַוועק צום פאַבריקאַנט ק.

מיט אַ שטאַרקען האַרץ־קלאַפּען איז די פרוי אַריין אין שטוב פון פאַבריקאַנט. דאָס איז שוין נישט געווען קיין בייגעריגקייט, קיין ווילען פון איבערצייגען זיך אָדער נאָכפאָרשען. ביי דער פרוי איז עס איצט געווען אַ פראַגע פון דעם, וואָס וועט זיין? ווי אַזוי וועט זיך אויפוויקלען דער שרעקליכער פּלאָנטער? ווי אַזוי וועט דער גאַנצער ענין ערלעדיגט ווערען?

— עס וואָלט שוין בעסער געווען, אַז איך וואָלט איינגאַנצען קיין לאָדז נישט געקומען און זיך דערוואוסט, ווי גרויס מיין אומגליק איז, האָט די פרוי געוויינט פאַר דער רביצין, וואָס וועט איצט זיין?

אין דער שטוב פון ה׳ ק. האָט מען בעמערקט די ענדערונג ביי דער אָרימער פרוי און מ׳האָט זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען וועגען די סבות דערפון, אַנשטאָט צו ענטפערען אָבער, האָט די פרוי אין דער שטוב פון ה׳ ק. שווער געחלשט און עס האָט גע־דויערט עטליכע מינוט ביז מ׳האָט זי אָפּגעמינטערט, די אונגליק־ליכע פרוי האָט זיך בעת דעם שבת׳דיגען וויזיט ביי ה׳ ק. נאָכ־מעהר איבערצייגט, אַז ה׳ ק. איז איהר מאַן, זי איז אָבער גע־בליבען טריי דעם צוזאָג, וואָס זי האָט געגעבען דעם רב, זי האָט זיך בעמיהט וואָס וועניגער אַרויסצווייזען, וואָס אין איהר האַרץ טוט זיך און קוים זיך דערוואַרט ביז דאָס שבת־מיטאָג וועט זיך ענדיגען, כדי זי זאָל קענען אַרויסקומען פון דער שטוב, וועלכע האָט איהר אַזויפיל וואונדען געעפענט און אַזויפיל פיין פערשאַפט.

זי איז גלייך אַוועק אין דער וואוינונג פון רב, נאָר מ׳האָט זי נישט צוגעלאָזען ביז נאָך הבדלה.

נאָך הבדלה האָט ר׳ אליהו חיים אַריינגערופען די פרוי און געפרעגט, וואָס ס׳הערט זיך, די פרוי האָט ערקלעהרט, אַז זי האָט זיך נאָך מעהר איבערצייגט, אַז איהרע נעכטיגע בעאָבאַכ־טונגען זענען ריכטיגע, זי קען איצט שווערען ביי אַלעם היילינען, אַז דער פאַבריקאַנט איז איהר פערלוירען־געגאַנגענער מאַן.

— איהר ווייסט, האָט געזאָגט דער רב, אַז ס׳איז אַ שווער פערברעכען חושד צו זיין ווען עס איז אין אַזאַ שרעקליכע זאַך, דערצו נאָך האָט דאָך ה׳ ק. אַ פרוי מיט קינדער און איהר קענט איהם צוליב אַ פאַלשער בעשולדיגונג אַריינפיהרען אין אַ

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0010-0017 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

שווער אומגליק. בעדענקט אייך, וואָס איהר טוט, דערמאָהנט אייך וועגען די פאָלגען פון אייער שריט.

די פרוי ווערט צומישט, קען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדען, זי קעמפט צווישען איהר אייגענער איבערצייגונג און די ערנסטע און מורא׳דיגע ווערטער פון רב, זי דעצידירט זיך אָבער און זאָגט:

— רבי, איך ערקלעהר, אַז דאָס איז ער.

דער רב האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען, געשפרייזט נערוועאיש הין און צוריק איבער דער שטוב, געריבען דעם שטערן כדי צוגעפונען אַנ׳אויסוועג פון דער זעהר שווערער לאַגע.

— געהט אַריין אין אַנדערען צימער, ווענדעט זיך דער רב צו דער פרוי, און צו דעם שמש זאָגט ער: געהט אַריין צום פאַבריקאַנט ק. און זאָגט איהם, אַז ער זאָל תיכף ומיד קומען אַהער צוזאַמען מיט זיין פרוי.

דער פאַבריקאַנט ק. ווייסט נישט וואָס דאָס זאָל בעדייטען, נישט טויט און נישט לעבעדיג קומען זיי ביידע צולויפען צום רב.

דער רב איז דערווייל אַוועק אין אַ געזעלשאַפטליכען ענין אין גאַס און האָט זיך אַ ביסעל פערזוימט. אַרום 10 ביינאַכט קומט אַריין דער רב א מידער, אַ בלאַסער, הייסט די פרוי ק. אַריינגעהען אין אַ בעזונדער צימער און זאָגט מיט אַ זעהר שטרענגען טאָן צו ה׳ ק.

— צו אייך איז געקומען אַ גאַסט, וועלכען איהר האָט שוין לאַנג נישט געזעהען און אפשר נישט געוואָלט זעהען. דער גאַסט האָט אייך געברענגט אַ גרוס פון אייער זעהר אַ נאָהענטען קרוב — פון אייער עלטסטער טאָכטער.

פאַבריקאַנט ק. קען קיין וואָרט נישט אַרויסרעדען, שטעהט בלאַס ווי דער קאַלך. ער הויבט שוין אָן צו פערשטעהען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און ענטפערט גאָרנישט.

דעם רב איז לייכטער געוואָרען אויפ׳ן האַרצען, ער האָט געזעהען, אַז ער האָט קיין טעות נישט געהאַט.

— וואָס וועט איצט זיין? האָט דער רב געפרעגט.

איך בין אין אייער רשות, האָט געענטפערט ה׳ ק.

עס האָט געדויערט נישט לאַנג און ביידע פרויען און ה׳ ק. זענען געשטאַנען פאַר׳ן רב. א מנין יודען איז אויך געווען דערביי. עס זענען אויסגעשריבען געוואָרען צוויי גט׳ן און ה׳ ק. האָט זיי דערלאַנגט זיינע ביידע פרויען. ה׳ ק. האָט אויסגעשרי·



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

בען אַ טשעק אויף אַ גרעסערע סומע געלד און עס אַוועקגעגעבען זיין ערשטער פרוי, וועלכע איז אַוועקגעפאָהרען נאָך דעם-זעלבען אַוועקגעגעבען זיין ערשטער פרוי, וועלכע איז אַוועקגעפאָהרען נאָך דעם-זעלבען אַוועגעד אין איהר שטעדטעל מיט אַן׳אָנזאָג פון רב, זי זאָל נישט דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע, אַחוץ וואָס זי האָט אַ גט פון איהר מאַן, באַלד דערויף איז געשטעלט געוואָרען אַ חופה און ה׳ ק. האָט מקדש געוועזן זיין צווייטע פרוי.

* * *

לויט די פרטים, וואָס די פרוי פון שטעדטעל ס. האָט אָנגעגעבען וועגען איהר פערלוירענעם מאַן, האָט ר׳ אליהו חיים מייזעל אַרויסגעזוכט פון אַלע די, וועלכע האָבען עמיגרירט אין פערלויף פון לאַנגע יאָהרען קיין לאָדז, דעם פאַבריקאַנט ק. און ער האָט זיך נישט טועה געווען. די דאָזיגע געשיכטע ווערט דערצעהלט דורך מענשען, וועלכע זענען געווען אָנוועזענד ביים גט און ביי דער חופה.

---

## .5

## ביאַליסטאָקער ווילן צונעהמען דעם רב צו זיך.

ס׳איז אַ בעקאַנטע זאַך פאַר אַלע די, וואָס האָבען נעהנטער געקענט הרב ר׳ אליהו חיים מייזעל, אַז ער איז געווען אַ שונא בצע, ער האָט פיינד געהאַט געלד, און ביי איהם אין שטוב איז קיינמאָל נישט געווען קיין איבעריגער גראָשען. להיפוך, אין שטוב האָט מען זיך שטענדיג געקווענקלט. ר׳ אליהו חיים האָט אַוועקגעגעבען אָרימע לייט און פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס דעם לעצטען גראָשען אָהן אויסרעכנונג צו ער האָט דערויף, אָדער נישט. עס האָט איהם קיינמאָל קיין געלד נישט געסטייעט און ער האָט דעריבער געמאַכט חובות, וועלכע די גבירים האָבען געמוזט בעצאָהלען. ווען די גבירים האָבען אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט דערמיט, האָט דער רב זיי שטרענג, ווי עס איז געווען זיין געוואוינהייט, געזאָגט, אַז איהם האָבען די אָרימע-לייט געגעבען די פולמאַכט צו ווערען קאַסירער איבער די קעשענעס פון די נגידים. דערצו האָט דער רב נאָך צוגעגעבען, אַז ער איז נאָך אַ רחמנותדיגער קאַסירער, ער האָט נאָך געקענט נעהמען אַ סך מעהר.

ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, האָט ר׳ אליהו חיים געפירט אַלס יונגערמאַן רבנות אין שטעדטעל דערעטשין. דאָרט האָט דער

רב געמאַכט חובות אויף פערשידענע צדקה-זאַכען אויף אַ סומע
פון 3000 רובעל. איז געקומען דאָס שטעדטעל פרוזשאַני, אויס-
געצאָהלט די 3000 רובעל חובות און גענומען דעם רב צו זיך.
דער רב האָט זיך אויך דאָ נישט אָפּגעשטעלט מיט דער ברייטער
האַנד צו העלפען אַלע נויט-ליידענדע, וועלכע האָבען זיך צו
איהם געווענדעט נאָך הילף. אין פרוזשאַני האָט דער רב געמאַכט
חובות אויף 6000 רובעל. איז ווידער געקומען די שטאָדט לאָמ-
זשע, אויסגעצאָהלט די 6 טויזענד רובעל, און ר׳ אליהו חיים מיי-
זעל גענומען צו זיך. אויך דאָ האָט ר׳ אליהו חיים ווייטער גע-
פיהרט זיין גרויסע הילף-אַרבייט, געשטעלט די גבירים פאַר גע-
שעהענע פאַקטען און וואָס די שטאָדט איז געווען גרעסער, וואָס
גרעסערע הוצאות אויף הילף זענען געווען, וואָס מעהר געלד
האָט ר׳ אליהו חיים געדאַרפט, וואָס מעהר האָט ער זיך פער׳חייב׳ט.

ווען די שטאָדט לאָדז האָט אויסגעוועהלט ר׳ אליהו חיים
מייזעל אַלס רב פון לאָדז, איז דער רב שולדיג געווען אין לאָמ-
זשע 11 טויזענד רובעל. לאָדז האָט בתשואות חן אויסגעצאָהלט
די 11 טויזענד רובעל, כדי צו בעקומען דעם דעמאָלט שוין בע-
רימטען גרויסען יוד, ר׳ אליהו חיים פאַר אַ רב אין לאָדז.

אין לאָדז איז דאָס אַרבייטס-פעלד געווען נאָך גרעסער און
ברייטער. די פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפטליכע אַרבייט איז
געווען זעהר פערנאַכלעסיגט. די גבירים זענען געווען אָפּגעוואוינט
פון געבען געלד. ר׳ אליהו חיים איז באַלד געוואָרען דער „בע-
פולמעכטיגטער קאַסירער" און אָנגעהויבען שאַפען איין אינסטי-
טוציע נאָך דער אַנדערער, איינגעאָרדענט זיי, אַ חוץ דעם האָט ער
מיט אַ ברייטער האַנד געהאָלפען אַלע די, וואָס זענען געקומען
צו איהם מיט אַ שווער און ביטער האַרץ. אַזוי האָט ר׳ אליהו
חיים געהאַט אַ גרויסע אַרבייט מיט דעם דעמאָלסדיגען אָנגעזע-
הענעם גביר און בירגער הערמאַן קאָנשטאַט. (קאָנשטאַט איז דע-
מאָלס געווען דער ממונה פון דער רעגירונג איבער דער בילדונגס
אַרבייט פאַר יודישע קינדער) וועגען אויסבויען אַ מושב זקנים,
וואָס געפינט זיך נאָך עד-היום אויף פּאַמאָרסקאַ-גאַס. דער רב
האָט ווידער ביי זיין התלהבות׳דיגע אַרבייט, לטובת-הכלל אין
זיינע ערשטע יאָהרען אין לאָדז פערגעסען אין חשבון און גע-
מאַכט חובות אויף אַ סומע פון 20 טויזענד רובעל. די לאָדזער
אָנגעזעהענע גבירים, וועלכע האָבען די דאָזיגע חשבונות סוף-

כל-סוף גערדאַרפט בעצאָהלען, האָבען אָנגעהויבען שטילערהייט צו מורמלען. וועגען דעם האָט זיך דערוואוסט די ביאַליסטאָקער קהלה, וועלכע האָט גראָד געדאַרפט אַ רב און האָט אין געהיים אַהערגעשיקט עטליכע שלוחים, כדי אונטערצוהאַנדלען מיט'ן רב, אַז די ביאַליסטאָקער קהלה זאָל אָפצאָהלען די 20 טויזענד רובעל און ר' אליהו חיים זאָל איבערנעמען דאָס רבנות אין ביאַליסטאָק.

לאָדז איז דעמאָלט אויך נאָך געוועזען פערהעלטנישמעסיג אַ קליין שטעדטעל און מ'האָט זיך באַלד דערוואוסט וועגען די שלוחים פון ביאַליסטאָק און וועגען דעם צוועק פון זייער קומען קיין לאָדז. די לאָדזער גבירים, וועלכע ס'האָט נישט קיין הנאה געטון דאָס, וואָס דער רב צווינגט זיי צו עפענען זייערע טאַשען, האָבען אָבער בשום אופן דעם רב נישט געוואָלט אַוועקלאָזען פון לאָדז. ר' ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי האָט געלאָזט רופען צו זיך די ביאַליסטאָקער שלוחים און האָט זיי געזאָגט: „אמת, אַז אין יחוס זייט איהר ביאַליסטאָקער אפשר גרעסער און עלטער פון אונז, אָבער וועגען ענין געלד זאָלט איהר מיט אונז נישט רעדען. נישט נאָר צוואַנציג טויזענד רובעל זענען מיר גרייט זיך איינצושפּאָרען און דעם רב לאָזען קיין ביאַליסטאָק, נאָר מיר וועלען צוצאָהלען נאָך 40 טויזענד רובעל און ר' אליהו חיים מייזעל וועט בלייבען ביי אונז".

דעמזעלבען טאָג נאָך האָט ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי אין פערשטענדיגונג מיט נאָך עטליכע גבירים אויסגעצאָהלט אַלע חובות פון רב און די ביאַליסטאָקער שלוחים זענען אַוועקגעפאָהרען מיט גאָרנישט.

דער דאָזיגער עפּיזאָד האָט נישט געשטערט דעם רב, אַז ער זאָל ווייטער זיך פיהרען אויף זיין שטייגער און „אויסבּרענגען" פון די קאַסעס פון די לאָדזער, וועלכע זענען דעמאָלס שנעל רייך געוואָרען, וואָס מעהר געלד אויף פערשידענע צדקה-צוועקען. ווי ווייט דער רב האָט געהאַט אַ ברייט האַרץ און האַנד, ווי ווייט דאָס רחמנות-געפיהל איז געווען גרויס און שטאַרק קענען בעווייזען פאָלגענדע פאַקטען, און מ'וועט זיך נישט וואונדערען וואָס דער רב האָט געדאַרפט אַזוי פיל געלד און ער האָט זיך געמוזט פער'חוב'ן.

די דאָזיגע פאַקטען זענען געווען מעשים בכל יום, און וואָס מעהר דער רב האָט געהאָלפען, אַלץ מעהר איז ר' אליהו

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0012-0021 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

חיים געוואָרען די איינציגע האָפנונג פאַר הילף און רעטונג. מיר וועלען נאָר אָנווייזען עטליכע פאַקטען פון אַ זעהר גרויסע צאָהל.

אַמאָל איז געקומען צום רב אַ יוד, געפאַלען איהם, דעם רב צו די פיס, געוויינט און געקלאָגט: ער האָט געהאַט אַ מיידעל שוין אין די יאָהרען, נישט געהאַט קיין מזל צו קיין שדוכים, שוין 2 שידוכים אָפּגעגאַנגען. דאָסמאָל האָט ער שוין געהאַט געפונען אַ לייטישען יונגערמאַן. תנאים געשריבען און אָפּגעשמועסט זמן-החתונה. דער חתן אַליין איז געווען אַן אָרענטליכער בחור, נאָר זיינע עלטערען האָבען בשום אופן נישט געוואָלט צולאָזען צו דער חתונה, אויב דער כלה׳ס פאָטער וועט נישט סילוק׳ן אַ חוץ צוגעזאָגטען נדן נאָך 300 רובעל. עס האָבען זיך שוין געהאַט אַריינגעמישט אין דעם ענין זייטיגע מענשען, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, דער מחותן פון חתן׳ס זייט האָט געוואָלט אויסנוצען די פערלעגענהייט פון דער כלה׳ס פאָטער און געהייסען זיך די דערמאָנטע סומע בעצאָהלען.

דער יוד, וועלכער איז אַזוי געשטאַנען פאַר׳ן רב און דערצעהלט האָט געחאַט אַ שם פאַר אַ פערמעגליכען מענש, אָבער אין דער אמת׳ן איז ער געווען זעהר געדריקט און ביי זיין בעסטען ווילען. נישט געקענט נאָכקומען דעם פערלאַנג פון חתן׳ס צד.

ר׳ אליהו חיים האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה, טיף אָפּגעזיפצט און געזאָגט: — וואָס קען איך אייך העלפען, אַז איך אַליין בין אַן אָרימאַן

מיט די ווערטער איז ער צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, ערפיס אַרויסגענומען פון דאָרט, איינגעוויקעלט אין פּאַפּיר, איבערגעגעבען דעם יוד און געהייסען איהם געהן לחיים ולשלום.

דער יוד איז אַוועק מיינענדיג, אַז ער האָט בעקומען אַ פּינפּעריל, און איז דעריבער געווען זעהר נישט צופרידען מיט דער הילף פון רב.

אַהיימקומענדיג האָט דער יוד אויפגעפּאַקט דאָס פּאַפּירעל, און צו זיין גרעסטער איבעררַאשונג, האָט ער דאָרט דערזעהען דריי 100-רובעל-שיינען.

די שטוב-מענשען פון רב האָבען דעמזעלבען טאָג געפיהלט, אַז דאָס געהאַלט פון רב, וועלכע ער האָט אָפּגענומען, איז ערגיץ וואו פערשוואונדען געוואָרען.

דאָס איז געווען דאַמאָלס, ווען דער רב האָט צופעליג געהאַט געלד.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0012-0022 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

וואָס איז אָבער געווען דעמאָלס, ווען דער רב האָט אין שטוב נישט געהאַט קיין געלד ?

האָט זיך אַמאָל געטראָפֿן אַזאַ געשיכטע :

ס׳איז געקומען צוגעהן אַ יודענע מיט אַ גרויס געוויין, און געיאָמער, אַז זי וועט זיך דאָס לעבן נעהמען, אויב דער רב וועט איהר נישט העלפֿן. זי האָט געהאַט אַ מיידעל אין די יאָ- רען, קוים בעקומען אַ חתן, אָפּגעשמועסט זמן-החתונה. די חתונה דארף שוין פֿאָרקומען די אַנדערע וואָך, איז איהר אין דער צייט צווישען תנאים און חתונה דערווייל געשטאָרבען דער מאַן און זי האָט נישט קיין גראָשען אויף אויסשטייער און חתונה-הוצאות.

ר׳ אליהו חיים האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבען — נישטאָ קיין צובראָכענער גראָשען. די יודענע אַרויסלאָזען מיט גאָרנישט וועט ער דאָך נישט, איז ער אַריינגעגאַנגען אין צוויי- טען צימער, אַריינגעשלעפּט מיט די ציטערדיגע הענד עטליכע פּאָר זילבערנע שבת-לייכטער, האָט זיי איבערגעגעבען דער פרוי און געזאָגט :

— נעהם די לייכטער, געהט אין לאָמבאַרד, נעהמט וואָס מ׳וועט געבען אויף זיי, דעם צעטעל ברענגט מיר. מאַכט חתונה און זאָל אייך זיין מיט מזל !״

די פרוי איז נבהל ונשתומם געוואָרען, האָט נישט געוואָלט צונעהמען די דאָזיגע אויסטערלישע נדבה, און נישט געוואוסט וואָס צו טון. דער רב האָט אָבער בעפוילען, אַז זי זאָל די ליי- כטער וואָס שנעלער נעהמען און אַוועקגעהן.

פֿרייטאָג נאָכמיטאָג, ווען די רביצין האָט געדאַרפט צוגריי- טען די לייכטער צום ליכט-צינדען, האָט זי זיי, פֿערשטעהט זיך, אין ערגיץ נישט געפֿונען. מ׳האָט זיי געזוכט אַ לענגערע צייט אָבער אומזיסט.

קיינעם איז אָבער נישט איינגעפֿאַלען צו פֿרעגען דעם רב וועגען די לייכטער. ס׳איז שוין געוואָרען שפּעט און די רביצן איז אַריין צום רב און אַיהם אָגעזאָגט די טרויעריגע בשורה, אַז אימיצער האָט צוגע׳גנבעט די לייכטער.

דער רב האָט געענטפֿערט דער רביצין :

— ווי קענסטו אַזוי זאָגען, אונזערע לייכטער זענען מקיים היינט אַ גרויסע מצוה פֿון הכנסת-כלה. יעדע לעבעדיגע אָדער נישט לעבעדיגע זאַך האָט אַמאָל די זכיה צו ערפֿילען אַ גרויסע מצוה !



UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

ס׳פערשטעהט זיך, אַז די רביצין האָט נישט געענטפערט, זי האָט פערשטאַנען וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך, אָבער מיט אַ וויינענדיגען קול האָט זי געזאָגט:

אָבער אין וואָס וועל איך היינט ליכט-בענטשען?

— נו, און קאַרטאָפעל איז אויך אין שטוב נישט פערהאַן? קען מען דען נישט אַריינשטעלען די ליכט אין קאַרטאָפעל און איבער זיי אַ ברכה-מאַכען? נו, אַ סוף, ס׳איז שפעט, מ׳דאַרף ליכט-צינדען — האָט דער רב געענטפערט דער רביצין — מילא, עס וועט זיין נישט אַזוי שעהן, נישט אַזוי ליכטיג, אָבער פאַר, דאָס וועלען אונז די לייכטער אין גן-עדן לייכטען.

די רביצין האָט פערליב גענומען און געצינדען ליכט אין אויסגעשיילטע קאַרטאָפעל.

פרייטאָג צו-נאַכטס זענען שטענדיג געקומען צום רב עט-ליכע מנינים מענשען געלערנט, געשמועסט תורה-זאַכען און גע-זונגען זמירות.

— אזאַ זינגען, ווי מיר האָבען אין דעם דאָזיגען פרייטאָג צו-נאַכטס געזונגען ביים רב, ביי קאַרטאָפלענע לייכטער האָבען מיר נאָך קיינמאָל, נישט געהערט, נישט ביז דעמאָלס און נישט נאָכדעם — דערצעהלט איינער פון די אָנוועזענדע דעם דערמאָהנ-טען פרייטאָג ביים רב.

## 7.

## די פראָווינצער סוהר׳טע און דער גזלנישער דראָשקאוש.

צו ר׳ אליהו חיים מייזעל פלעגט מען זיך ווענדען נישט נאָר נאָך מאַטעריעלע הילף, אָדער אין צדקה-ענינים, נאָר אויך וועגען עצות אין יעדען אומגליק, וואָס האָט איינעם געטראָפען. און נישט נאָר פון לאָדז, נאָר פון אומעטום, וואו דער נאָמען פון ר׳ אליהו חיים מייזעל איז געווען בעקאַנט. דער לאָדזער רב האָט פאַר יעדען געפונען די ריכטיגע עצה, אָבער מיט דעם האָט ער זיך נישט בעגנוגענט. ער האָט אַליין אונטערגענומען און אַ-דורכגעפיהרט ביז׳ן סוף אַלץ, וואָס האָט געקענט העלפען דעם מענש, וועלכער האָט זיך צו איהם געווענדעט.

קיין לאָדז איז אין אַ רעגענדיגער זומער-נאַכט געקומען מיט׳ן באהן אַ סוחר׳טע פון האָראָדאָק איינקויפען מאנופאַקטור-

סחורות. די סוחר׳טע האָט געהאַט ביי זיך אַכט הונדערט רובעל, וואָס איז געווען איהר גאַנץ פערמעגען, אַזוי ווי די פרוי איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין לאָדז, האָט זי געדונגען אַ דראָזשקע און זיך געהייסען אַוועקפיהרען אין האָטעל פון יעקב יצחק זאַקס.

יעקב יצחק זאַקס איז געווען אַנ׳אָנגעזעהענער און זעהר אָרענטליכער יוד און אלע יודישע סוחרים פלעגען קומענדיג קיין לאָדז איינשטעהן געוועהנליך אין האָטעל פון זאַקס׳ן.

דער פיהרער פון דער דראָזשקע האָט אין דעם גאַנצען פערהאלטען זיך פון דער אָנגעקומענער פרוי בעמערקט, אַז דאָס איז א פראָווינצער סוחר׳טע, בפרט, ווען די פרוי האָט בעת׳ן פאָהרען פערפיהרט מיט איהם א שמועס וועגען לאָדז, וועגען די לאָדזער פאַבריקען, געשעפטען מסחרים און דערצעהלט, אַז זי איז געקומען איינקויפען סחורה און רעכענט אין צוויי טעג ארום צוריקצופאָהרען קיין כאָראָדאָק.

דער דראָזשקארזש האָט דערפיהלט דעם ריח פון די פאָר הונדערט רובעל, וואָס די פרוי האָט ביי זיך געהאט און האָט געקעמפט מיט׳ן יצר הרע, צי זאָל ער די פרוי אַוועקפיהרען בשלום, וואוהין זי האָט פערלאנגט, אָדער...

דער יצר-הרע האָט גובר געווען און אָנשטאָט די פרוי אָפּ-צופיהרען אין האָטעל פון יעקב יצחק זאקס, האָט ער זי פער-פיהרט אין די באַלוטער הינטער-געסלעך. אין א געוויסען מאָמענט איז דער פוהרמאן אראָפּ פון די קאָזלעס, צוגעגאַנגען צו דער פרוי און געזאָגט:

— וועסטו מיר אָפּגעבען דיין געלד מיט גוטען, וועל איך דיך לאָזען לעבען, אלא נישט וועסטו א חוץ דעם געלד אויך נאָך בעצאָהלען מיט׳ן לעבען.

די פרוי האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, אָנגעהויבען בעטען און וויינען, אז דאָס געלד איז נישט איגגאנצען איהרס, א טייל האָט זי זיך געבאָרגט, ער זאָל רחמנות האָבען אויף איהר און איהרע קינדער און זי נישט אומגליקליך מאַכען. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, דער דראָזשקאַזש, וועלכער איז גע-ווען נאָהענט רייך צו ווערען, האָט שוין ענערגישער געפאָדערט דאָס געלד, די פרוי האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה אָפּצו-ראַטעווען זיך דאָס לעבען ווי אַוועקצוגעבען דאָס געפאָדערטע

געלד. דער דאָראָזשקאַרזש האָט די פרוי געלאָזט שטעהען אין מיטען גאַס אונטער אַ שלאַקס רעגען און גיך אַוועק אויף דער דראָזשקע.

די פרוי האָט זיך מיט גרויס האַרץ-קלעמעניש דערשלעפט אין שטאָדט אַריין, דערפרעגט צום געווינשטען האָטעל און נישט געוואוסט זיך קיין עצה צו געבען. פלוצלינג איז דער פרוי, וועלכע איז געוועזן פון האָראָדאָק, פון געבורטס-שטעדטעל פון הרב מייזעל, איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז זי זאָל זיך ווענדען וועגען אַן עצה צו ר׳ אליהו חיים. קוים זיך דערוואַרט ביז אינדערפריה איז די אומגליקליכע פרוי אַוועק צום רב, איהם דערצעהלט גענוי די שרעקליכע געשיכטע, וואָס מיט איהר האָט פאַסירט און געבעטען אַן עצה. דער רב האָט די פרוי אויפמערקזאַם אויסגעהערט, גענוי נאָכגעפרעגט וועגען דעם אויסזעהן און קליידונג פון דעם פוהרמאַן און געהייסען דער פרוי, זי זאָל בלייבען עטליכע טעג אין לאָדז.

דעמזעלבען טאָג איז ר׳ אליהו חיים מייזעל אַוועק צום פאָליציי-מייסטער, איהם געבעטען, אַז ער זאָל הייסען אויף איבערמאָרגען אַ דורכפיהרען אַ „סמאָטר“ פון די דראָזשקעס מיט די דראָזשקע-פיהרער.

— צו וואָס דאַרפט איהר, ראַבין, אַזאַ „סמאָטר“ — האָט דער פאָליציי-מייסטער פערוואונדערט געפרעגט.

— דאָסמאָל איז מיר דער ענין שטאַרק נוגע, — האָט געענטפערט דער רב. נאָכ׳ן אַדורכפיהרען דעם „סמאָטר“ וועל איך אַלץ דערצעהלען.

דער פאָליציי-מייסטער איז נאָכגעקומען דעם וואונש פון רב און אויף איבערמאָרגען האָבען אַלע פאָליציי-רעווירען גערופען די דאָראָזשקעס אויף אַ „סמאָטר“.

אין דער בעשטימטער צייט זענען געקומען אַלע דראָזשקאַזשעס. מ׳האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגע רייה. פלוצלינג האָט זיך אויפ׳ן גאַס בעוויזען ר׳ אליהו חיים. ער איז אַדורכגעגאַנגען דורך די רייה פון די אויסגעשטעלטע דראָזשקעס, צוגעגאַנגען צו יעדען יודישען דאָראָזשקאַזש, איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען, בעקוקט פון אַלע זייטען, אויסגעפרעגט וואָס עס הערט זיך ביי איהם, אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס פעהלט אַ קנעפעל, אַ דאָס, אַ יענץ און אַנדערע קלייניגקייטען. די דאָראָזשקאַזשע

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0014-0026 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

זענען געוואָרען אַ ביסעל דרייסטער, בעקלאָגט זיך, ווער אויף
אָרימקייט, ווער אויף אַ קראַנקהייט פון אַ פרוי אָדער קינדער.
דער רב האָט געגעבען איינעם אַ רובעל, דעם צווייטען אַ דריי-
עריל און איז געגאַנגען פון איין שורה צו דער צווייטער, און
קיינער האָט זיך נאָך נישט געקאָנט פערטייטשען, וועגען וואָס
די גאַנצע זאַך איז אראַנזשירט געוואָרען. שפּאַצירענדיג אַזוי
צווישען די דאָראָזשקעס און רעדענדיג מיט יעדען איינעם פון
זיי, האָט זיך דער ר׳ אליהו חיים אָפּגעשטעלט ביי איינעם און
איהם שטאַרקער בעטראַכט ווי די אַנדערע, לענגער מיט איהם
געשמועסט וועגען פערשידענע ענינים און פלוצלינג זיך אָנגערו-
פען צו איהם:

— וואו ביסטו געווען מאָנטאָג ביינאַכט?

דער דאָראָזשקאַזש האָט זיך אין דער ערשטער מינוט נישט
געכאַפּט וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, ער האָט אָנגעהויבען
שטאַמלען, נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן.

דער רב האָט נישט געלאָזט דעם דאָראָזשקאַזש צו זיך
קומען. און נאָכאַמאָל געפרעגט ענערגיש:

- וואו ביסטו געווען מאָנטאָג ביינאַכט און וואָס האָסטו
געוואָלט פון אַנ׳אונבעהאָלפענער פרוי?

דער דאָראָזשקאַזש האָט שוין געוואוסט, אַז ער איז אַ פער-
לוירענער, אַז מ׳האָט איהם געכאַפּט ביי דער האַנד, ער האָט
אָנגעהויבען פאַלען צו די פיס, טאַמלען און בעטען:

— רבי, דער שטן האָט מיך צוגערעדט, איך האָב נישט גע-
קענט ביישטעהען די קליפה, נאָך דער געשעהעניש האָב איך
שוין אַליין געוואָלט אויפזוכען די פרוי, איהר געווייין איז נישט
אַרויסגעגאַנגען פון מיינע אויערען, איהר דערשראָקען פנים האָט
זיך איינגעקריצט אין מיין האַרצען, אָבער איך האָב אָבער מורא
געהאַט, אַז מ׳וועט מיך אַרעסטירען, אַז איך וועל פערפוילט ווע-
רען אין טורמעס. רבי, האָט ווייטער דער דאָראָזשקאַזש גע-
מורמעלט, — איך וועל אייך תיכף צוריקגעבען די גאַנצע סומע,
איך האָב פון דאָרט קיין איינציגען גראָשען נישט געקומען, אָבער
ראַטעוועט מיך, רבי, לאָזט מיך נישט ארעסטירען. איך האָב אַל-
טע טאַטע-מאַמע, וואָס איך מוז דערנעהרען, איך זאָג אייך צו,
אַז דאָס וועט מעהר נישט געשעהען.

ר׳ אליהו חיים האָט ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט, ווײ-
טער פערענדיגט דעם „סמאָטר", אויפגעזעצט זיך מיט נאָך 2 פער-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

שוין אויף דער דראָזשקע פון בעל־דבר און אויך צו איהם אַהיים. דער דראָזשקאַרזש האָט פון אַ בעהעלטעניש אַרויסגעצויגען די גאַנצע סומע, אַפילו נישט אויפגעפּאַקט. דאַן האָט זיך דער רב אָנגערופען צום אָנפאַלער:

— דו ווייסט וואָס דיר קומט פאר אַזאַ אַרבייט וואָס דו האָסט אָפּגעטון? אָבער דאָסמאָל וועסטו בעסער אָפּשניידען, דו וועסט זיצען 2 וואָכען אויף ברויט און וואַסער, אָבער זיי וויסען אַז יעדעס שטיקעל, וואָס דו וועסט נאָכאמאָל מאַכען, וועט אויפגעדעקט ווערען.

דער יונג איז צוגעפאַלען צו דער האַנד פון רב און געקושט.

די פרוי האָט צוריקבעקומען איהר גאַנץ געלד און אַ פרעהליכע און לוסטיגע איינגעקויפט סחורה און אַוועקגעפאָהרען אַהיים, דערצעהלענדיג אין דער גאנצער ווילנער אומגעגענד וועגען דעם קלוגען איינפאַל פון ר׳ אליהו חיים מייזעל.

---

## 8.

## ר׳ אליהו חיים ראַטעוועט אַנ׳אָרים כלה מיידעל פון בזיון.

ר׳ אליהו חיים האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט אָפּצוגעבען דעם לעצטען ביסען, ווען ס׳האָט זיך געהאַנדעלט וועגען העלפען אַנ׳אָרימאַן. אָדער אַפילו יענעם אַ טובה צו טון. דאָס שוין פון די יונגסטע יאָהרען.

ווען ר׳ אליהו חיים איז נאָך געווען רב אין פרוזשאַני, איז ער אַמאָל צוזאַמען מיט 2 שמשים אַוועקגעפאָהרען אויף דער פראָווינץ. ר׳ אליהו חיים איז געווען זעהר אַ ריינער און ציכטיגער. כדי נישט צושלאָפען אויף פרעמד בעטגעוואַנד, פלעגט ער מיט זיך שטענדיג מיטנעמען אויף דער רייזע אייגענע 2 קישענס און אַ קאָלדרע. אַזוי איז אויך געווען דאָסמאָל, ווען דער רב האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ קרעטשמע אין שטעטעל ג., זענען איהם אַנטגעגען געגאַנגען עטליכע בעלי־בתים, וועלכע האָבען שוין געוואוסט אַז ער וועט אַדורכפאָהרען. זיי האָבען אויסגעשפאַנט די פערד און איהם געבעטען, ער זאָל זיי נישט פערשעהמען און זאָל דאָ

בלייבען, ווייל דעמזעלבען טאָג איז אין שטעדטעל געווען א חתונה פון אַנ'אָרים פּאָר-פאָלק און דעריבער האָבען זיי גצוואָלט, אַז דער רב זאָל זיין מסדר-קדושין און זאָל זיי בכלל בעשיינען די שמחה.

ר' אליהו חיים האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען, אַראָפּ גענומען פון דער פוהר דעם באַגאַזש און זיך געגרייט צו דער חתונה. אין אָוועגד זענען זיך אַלע געסט צוזאַמענגעקומען, דער רב איז אויך שוין געווען. אבער די חופה האָט מען אַלץ נישט געשטעלט. דער רב האָט בעמערקט, ווי מ'שושקעט זיך צווישען די מחותנים, מ'בעהאַלט עפּעס פאַר איהם, האָט ער צוגערופען איינעם פון די אָנגעזעהענע בעלי-בתים און געפרעגט:

— וואָס איז די מעשה, וואָס מ'שטעלט נישט קיין חופה?

— פּגרשטעהט איהר רבי, שעהמט זיך דער יוד צו רעדען ס'איז אַ חרפה אויסצוזאָגען, דער חתן האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ביז ער וועט נישט בעקומען פון דעם מחותן קיין בעטגעוואַנד, געהט ער נישט צו דער חופה.

— אין וואָס בעשטעהט דאָס בעטגעוואַנד? פרעגט דער רב ווייטער.

— איך וויים. ענטפערט דער יוד, מ'וואָלט כאָטש געגעבען 2 קישענס מיט אַ קאָלדרע וואָלט מען מיט איהם שוין געקענט אַדורכקומען.

דער רב האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און אָהן דעם וויסען פון דעם אָנטרייבער און די שמשים. אויסגעפּאַקט זיין באַגאַזש, אַרויסגענומען 2 קישענס מיט אַ קאָלדרע, געהייסען דעם יוד עס אַוועקטראָגען דעם חתן און וואָס גיכער שטעלען אַ חופה.

כך-הוה, מ'האָט געשטעלט אַ חופה, דער רב האָט מסדר קידושין געווען און דער עולם האָט זיך משמח געווען ביז טאָג. דער רב האָט זיך אַ ביסעל אויסגערוהט און מ'האָט זיך גענומען גרייטען צו דער ווייטערדיגער רייזע. ביים איינפּאַקען די זאַכען האָט דער אָנטרייבער בעמערקט אַז עס פעהלט דאָס פּעקעל בעטגעוואַנד. דער יונג האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, איז צו געגאַנגען צום רב און געזאָגט:

רבי, מ'האָט אונז בע'גנב'עט דאָ, עס פעהלט אַ פּעקעל בעטגעוואַנד.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0016-0029 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

— שטיל, שייגעץ, ענטפערט דער רב, זיי נישט חושד קיינעם, פּאַק איין די זאַכען און מיר פאָהרען ווייטער.

ווען די רבי׳צין האָט אין דער היים זיך דערוואוסט וועגען דער גנבה פון דעם בעטגעוואַנד, האָט זי אויסגעשריען דעם פורמאַן, פאַר וואָס ער גיט נישט אַכטונג אויפן וועג און היט נישט די זאַכען. דער יונג, וועלכער איז לאַנגע יאָהרען געווען ביים רב, האָט געשוואוירען מיט אַלע שבועות, אַז ער איז די גאַנצע נאַכט געזעסען דאָרט וואו די זאַכען זענען געלעגען, און אויסער דעם רב האָט ער קיינעם אין דעם דאָזיגען צימער נישט געזעהען און ער קען גאָרנישט פערשטעהן, ווי אַזוי דאָס בעטגעוואַנד איז פערשוואונדען געוואָרען. אָבער שריי חי וקים, דאָס בעטגעוואַנד איז נישט געווען.

שבת-צו-נאַכטס זענען צום רב, ווי שטענדיג, געקומען אַ גרעסערע צאָהל בעלי-בתים צו מלוה-מלכה. מ׳האָט געזונגען, געשמועסט, געזאָגט תורה, דערצעהלט מעשיות. דער רב האָט אויך דערצעהלט וועגען דער פּאַסירונג, מיט׳ן חתן-בחור, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיין לעצטער רייזע און געזאָגט:

אַזאַ פרא דם פון אַ חתן, צוליב אַ קאָלדרע מיט אַ קישען נישט וועלען געהן צו דער חופּה. כ׳האָב שוין געזעהען פערשיידענע עקשנים, נאָר אַזא עקשן איבער אַזאַ קלייניגקייט זעה איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען.

די רביצין, וועלכע איז געזעסען אין אַ זייט און אויסגעהערט די גאנצע געשיכטע, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צום רב.

— ווייסטו כאָטש, אַז בעת דיין לעצטע רייזע האָט מען צוגע׳גנב׳עט דיינע 2 קישענס מיט דער קאָלדרע, וואָס איך האָב דיר מיטגעגעבען, וואָלסטו אָבער אַכטונג געגעבען און דיינע מענשען וואָלטען געהיטען דיינע זאַכען, וואָלסטו דו דאָך געקענט אַרויסקלאַפּען דאָס עקשנות פון חתן, אָפּגעבענדיג איהם דאָס פערלאַנגטע בעטגעוואַנד?

אויף דעם האָט זיך דער רב אָנגערופען:

— און דו קלעהרסט, אַז איך האָב אַנדערש געטון? איך האָב דאָך מיך געאיילט אין וועג אַריין, האָב איך מיך געמוזט בעמיהען, אַז די חופּה זאָל וואָס שנעלער פאָרקומען, האָב איך טאַקי דעם עקשן אַוועקגעגעבען מיינע קישענס און קאָלדרע.

וואָס פאַראַ טענות האָסטו צו מיינע מענשען!



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

## 9.

# ר׳ אלי חיים׳ס פסח-אַקציעס.

באַלד ווי ר׳ אליהו חיים איז אָנגעקומען קיין לאָדז אַלס רב האָט ער זיך גענומען מתקן זיין פערשידענע שטאָדט-זאַכען און דערביי איז אויסגעקומען פיל זיך אָנצושטויסען מיט די היגע בעלי-בתים.

לאָדז האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבען צו ענטוויקלען, זענען טאַקע געווען יודען, וואָס האָבען זעהר גוט פערדינט און זייער פערמעגען איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, עס זענען אָבער אויך געווען נישט ווייניגער אָרימע און אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען נישט געהאַט מיט וואָס איבערצולעבען דעם טאָג. דאָס ערשטע וואָס ר׳ אליהו חיים האָט בעמערקט זענען געווען די דאָזיגע אָרימע-לייט, ער האָט טאַקי באַלד אָנגעהויבען צו אַרביי-טען און טון עפּעס.

געווען איז דאָס פאַר פסח און דער יונגער רב האָט אָנ-געהויבען זיך נאָכצופרעגען וואָס עס ווערט עפּיס געטון פאַר די לאָדזער אָרימע-לייט אויף פסח.

דער ענטפער איז געווען אַ מאַך מיט דער האַנד. עס וועט שוין זיין, מ׳וועט אַהיים נעהמען אורחים א. אַ. וו. דער רב איז אָבער מיט די דאָזיגע ענטפערען נישט געבליבען צופרידען, ער האָט זיך איבערגעצייגט, אַז לאָדז איז מעהר פערנומען מיט געלד פערדינען ווי מיט צדקה-ענינים און ער האָט אָנגעהויבען אויפצו פאָדערען די בעלי-בתים, זיי זאָלען זאָרגען פאַר זייערע אָרימע ברידער.

ער איז אַליין אַרויסגעגאַנגען איבער דער שטאָדט, געגאַנ-גען פון שטוב צו שטוב און צוזאַמענגענומען געלד אויף פסח. דאָס דאָזיגע געלד איז צוטיילט געוואָרען צווישען די בכבוד׳ע, וועלכע האָבען זיך געווענדעט צום רב.

מיט דעם האָט זיך דער רב נאָך נישט בעגנוגעט, ער האָט געוואָלט איינפיהרען, אַז ער זאָל בלייבען אַ חוק ולא יעבור, דאָס יעדען פסח זאָל איינגעאָרדענט ווערען אַ קוך פאַר „כל דכפין יתא ויאכול”. יעדער איינע וואָס האָט נישט וואו איינצוגעהען, זאָל זיך נישט דאַרפען דאָס פנים וואַשען און זיך איינבעטען פאַר אַנ-אורח, נאָר זאָל קומען אויף אַ בעשטימט אָרט. וואו ער זאָל בע-קומען מיט פערגעניגען זייגע יום-טוב׳דיגע מאָהלצייטען און זאָל

יך, אין זיין גרויס אומגליק, כאָטש אויף עטליכע שעה פיהלען יום-טוב׳דיג.

דער רב האָט גאָרנישט נאָכגעפרעגט די בעלי-בתּים, געקויפט אויף קרעדיט פון אַלעם גוטען; מצות, קאַרטאָפעל, וויין בוראַקעס אויף באָרשט, מצה-מעהל און אַלע נויטיגע זאַכען, בעשטימט אַ צעהנדליג מענשען וואָס זאָלען דאָס אַלץ פאָרבערייטען און איבערגעשיקט די רעכנונגען צו בעצאָהלען די לאָדזער גבירים.

די בעלי-בתּים האָבען זיך אַ ביסעל געקרימט, נאָר אַ ברירה האָבען זיי געהאַט, זיי האָבען געמוזט בעצאָהלען. עס איז אָפּגעדונגען געוואָרען דער ווארשעווער זאַל, פּאָלודניאָווע 36, און מ׳האָט זיך געגרייט צו דער ערשטער בחנם׳דיגער פסח קיך.

דער ענין איז באַלד מפרסים געוואָרען אין שטאָדט און אַ גרויסער עולם איז געקומען די ערשטע סדר-נאַכט אין ווארשעווער זאַל, כדי צו זעהען, ווי די אָרימע-לייט רעכטען אָפּ דעם סדר. נאָכ׳ן דאַווענען איז אויך אַהערגעקומען ר׳ אליהו חיים. ער האָט פאַר קיינעם גאָרנישט געזאָגט, האָט געהייסען דעם גאַנצען עולם אַריינגעהן אין אַ בעזונדער צימער, אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר אַ גרופּע אָרדנער, זיי זאָלען קיינעם נישט אַרויסלאָזען און אַליין אַריין אין זאַל מיט די געדעקטע טישען און צוזאַמען מיט עטליכע מענשען, וואָס האָבען אַלץ צוגעגרייט פערטיילט די עסענס, צוגעגעבען מוט די אָרימע מענשען, פאַר פאַמיליעס געגעבען בעזונדערע טישלעך א. אַ. וו.

ווען אַלע האָבען שוין געהאַט אָפּגעגעסען און אַוועק, האָט דער רב ערשט ערלויבט די בעלי-בתּים וואָס זענען געקומען אויף ביין-וואונדער צו לויפען, אַרויסצולאָזען אין זאַל אַריין, דאָ האָט ער דעם עולם גוט אָנגעשייגעצט און אָנגעזאָגט, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגען צו קומען מעהר צו די מאָהל-צייטען; כדי נישט צו פערשעהמען די עסערס, פון דעמאָלט אָן איז געוואָרען ווי אַ געזעץ, אַז אויסער די אָרדנער טאָר קיינער נישט קומען צוקוקען, און די אַנדערע יאָהרען זענען טאַקע אין דער פסח-קוך געקומען אַלע די וועלכע האָבען געמוזט צו איהר אָנקומען. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי וועלען זיך נישט דאַרפען פאַר קיינעם צו שעהמען.

אַזוי זענען די דאָזיגע פסח-קוכען אין לאָדז געשאַפען געוואָרען יעהר — איין יאָהר — אויס אין פערלויף פון צעהנדליג

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0017-0032 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

יאָהר. ווען ר׳ אליהו חיים איז שוין געווען עלטער און האָט אַליין שוין נישט געקענט לויפען און אַלץ אַליין טון, אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע, האָבען די שטענדיגע איינאָרדנער פון דער קוך אויך אַראָפּגעלאָזט די הענד און געוואָלט רעזיגנירען פון דער פסח־קוך.

ערב־פסח איז געווען מיטוואָך, עס איז שוין שבת און עס איז נאָך גאָרנישט געטון געוואָרען.

שבת־צונאַכט׳ס לאָזט דער רב צו זיך רופען די 2 מענשען, וועלכע זענען דעם רב שטענדיג בייהילפיג געווען אין איינאָרדנען די קוך, דאָס זענען געווען: ר׳ שמואל בערמאַן און הענעך אָפּענבאַך דער רב האָט צו זיי געזאָגט:

— וואָס, איהרווילט מיר מיין פערגעניגען פון 33 יאָהר מיטאַמאָל צונעהמען? איהר ווילט אַרויפוואַרפען אויף מיר אחריות דערפאַר, וואָס די אָרמע לייט, וועלכע האָבען נישט אויף יום־טוב און וואָס האָבען זיך פערלאָזט, אַז היי־יאָהר וועלען זיי האָבען פסח פון אַלדאָס גוטען אַזוי ווי יעדעס יאָהר, וועלען היינטיגען פסח דאַרפען הונגערען? איך וויל דאָס בשום אופן נישט דערלויבען, נאָך דעם היינטיגען אָוועגד זאָל אָנגעהויבען געטון צו ווערען, די פסח־קוך זאָל מיט גאָרנישט ערגער זיין ווי יעדעס יאָהר.

די יודען האָבען געפרובט דעם רב אָפּצוּאוועגדען דערפון, אין שטאָט איז אומרוהיג, די צייט איז שוין צו קורץ, מ׳וועט גאָרנישט קענען אויפטוען — עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, דער בעפעהל האָט געמוזט אויסגעפיהרט ווערען. ס׳איז איינגעקויפט געוואָרען פון כל־טוב, ס׳איז פאָרבערייט געוואָרען יום־טוב און די ערשטע סדר־נעכט איז ר׳ אליהו חיים געקומען אין וואַרשעווער זאַל און געהאָלפען דערלאַנגען און משמח זיין די געסט, דער רב האָט אַלץ איבערגע׳חזר׳ט:

געהערט אַ מעשה. דעם תענוג פון 33 יאָהר געוואָלט מיר בערויבען, אַזאַ עולה געוואָלט בעגעהען. ס׳האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבען.

ר׳ אלי׳ חיים האָט אַ הויך די דירעקטע פסח־אונטערשטיצונגען אין דער פאָרם פון נדבות און פסח־קיכען נישט וועהניגער בעזאָרגט אויך דערפאַר, אַז אונבעמיטעלטע יודען, וועלכע ווילען נישט געניסען פון מתנות, נאָר ווילען לעבען פון אויסגעהאָרעוועטע גראָשען, זאָלען דאָס קאָנען דערגרייכען.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

צו דעם צוועק האָט ער אויסגע׳פּועל׳ט ביי דער געהעריגער מאַכט, אַז עס זאָל יודען ערלויבט ווערען פריי צו האַנדלען אין די ערב-פסח-וואָכען אין ראַיאָן פון דער וואָלבאָרסקאַ-גאַס ביז צעגעלניאַנאַ. דאָס איז געוואָרען סיי ביי די יודען און סיי ביי די דעמאָלטיגע מאַכט-אָרגאַנען אַ מין טראַדיציע. פון נאָך פורים אָן ביז פסח-צייט פלעגען יודען אויסשטעלען אין די בעשטימטע ערטער אויף יענע גאַסען זייערע ביידעלעך, קוישעלעך און וועגעלעך און האַנדלען פראַנק און פריי, נישט ווערענדיג פון קיינער געשטערט. אַזוי האָט געדויערט אין משך פון יאָהרען, און אויף אַזאַ אופן האָט ר׳ אַלי׳ ר׳ חיים דערגרייכט, אַז יודען, וועלכע ווילען נישט אָנקומען צו יענעמ׳ס גאָב, זאָל פערשפּאָרט ווערען בזיון און שפיכת-דמים, הגם, ווי מיר האָבען געזעהן, פלעגט דער רב די יום-טוב-אונטערשטיצונגען איינאָרדנען אַזוי, אַז קיינעמ׳ס זעלבסטווירדע זאָל דערביי נישט ליידען.

דעם ערשטען טאָג פסח, אין די 90-ער יאָהרען, איז צום רב געקומען צולויפען אַ יוד פון גייערס-מאַרק, אַ שרעקליך צוטראָגענער און דערשראָקענער. ער האָט געציטערט אויפ׳ן גאַנצען לייב און דערצעהלט, אַז ביי איהם אין דערהיים איז איצט חושך, אַ גרויסע צאָהל קריסטען שטעהען ביי איהם אין שטוב, ברעכען די מעבעל, האַקען די שויבען, דראָהען מיט קלעפּ און מיט דערהרג׳ענען. זיי טענה׳ן, אַז דער יוד האָט צוגערויבט אַ קריסטליך מיידעלע, וועלכע האָט געזאָלט מיט אַ טאָג צוריק אַוועקקומען און האָט בענוצט דאָס בלוט פון דעם קריסטליכען קינד אויף מצות צו פסח. דעם ראש המדברים איז געוועזן אַנ׳עלטערע קריסטין, אַ שכנ׳טע פון דעם יוד, וועלכע האָט געשריען, אַז זי האָט אַליין געזעהען, ווי דער יוד האָט אַריינגענאַרט דאָס קינד, וועלכעס איז געוועזען ביי דער זעלבער קריסטען אויף ערציהונג, מיט צוקערלעך און פון דאָרט איז דאָס קינד נישט מעהר צוריק געקומען.

— איך האָב געמיינט, האָט די קריסטען געשריגען, אַז דאָס קינד וועט צוריקקומען, אָבער איך וואַרט פון נעכטען אָן און דאָס קינד איז נישטאָ.

צוליב דעם וואָס, איז גראָד געווען פסח האָבען זיך שוין געפונען אַ סך „לומדים”, וועלכע האָבען שוין געוואוסט צו דערצעהלען פערשידענע פאַנטאַסטישע מעשיות, ווי אַזוי יודען פערנאַרען קריסטליכע קינדער, כדי אויסצוצאַפּען זייער בלוט צו די

מצות. ס'זענען שוין געווען אפילו שכנים עדות, וועלכע האָבען מיט זייערע אייגענע אויערען געהערט בייגאַכט, ווי פון דעם ייד'ס שטוב האָבען זיך געטראָגען קרעכצען און געוויינען, דער אַבערגלויבישער המון האָט אָנגענומען וואָס ווייטער אַ דראָהענדער שטעלונג און ס'האָט געקענט קומען צו גאַנץ ערנסטע פאָלגען.

דער ייד האָט געבעטען דעם רב רחמנות צו האָבען אויף איהם, זיין פרוי און קינדער און געפינען עפעס אַנ'עצה.

ר' אליהו חיים האָט זיך אַליין ערנסט דערשראָקען פון דעם ענין און האָט געזאָגט:

— וואָס רעדסטו, עס האַנדעלט זיך נישט נאָר וועגען דיר, דיין פרוי און קינדער, נאָר וועגען כלל ישראל. מ'דאַרף עפיס טון דערצו.

דאָס איז געווען אין דער פריה פאַר'ן דאַוונען, רב אליהו חיים האָט געהייסען זאָגען תהלים אין מנין, וואו ער האָט געדאַוועגט און בעפוילען צו וואַרטען מיט'ן דאַוונען, ביז ער וועט צוריקקומען. דער עולם פערשטעהט זיך האָט געפאָלגט. עס איז אַוועק אַ שעה, צוויי, דריי, דער רב איז נאָך אַלץ נישט צוריקגעקומען, דער עולם איז געוואָרען אומרוהיג, אָנגעהויבען איהם אַרומצוזוכען איבער דער שטאָדט. אָבער אומזיסט, מ'האָט איהם אין ערגיץ נישט געפונען.

פון שטוב איז דער רב דערווייל אַוועק צום פאָליציי-מייסטער, איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און געפאָדערט מאָמענטאַלע הילף, ביז דער ענין וועט נישט געבוי אויסגעפאָרשט ווערען. דער פאָליציי-מייסטער האָט גלייך אָנטעלעפאָנירט צום פריסטאַוו פון דאָרטיגען רעוויר, וועלכער האָט דעם המון גע-פרובט צוצוטרייבען, אָבער דער המון איז שוין געוועזען אַזוי גרויס, אַז מיט גרויס מיה איז אַ גרעסערע פאָליציי-אָפטיילונג דאָס געלונגען צו טון, דער פריסטאַוו, אַדורכפיהרענדיג די ערשטע אויספאָרשונג אויפ'ן אָרט האָט דעם ייד, וועלכער איז דערווייל צוריקגעקומען פון רב, אַרעסטירט.

דער רב האָט נישט געוואָלט אָפטרעטען פון פאָליציי-מייסטער ביז ער איז מיט איהם, צוליב יום-טוב, אַוועק צו פוס אויף גייער'ס מאַרק אין קאָמיסאַריאַט, וואו עס האָט זיך שוין געפונען דער אַרעסטירטער ייד. פאַר'ן קאָמיסאַריאַט האָבען זיך

נאָך אַלץ פערזאַמעלט קופקעלעך קריסטען, וועלכע האָבען אַרומגערעדט די געשעהעניש.

דערזעהענדיג דעם רב אין דער געזעלשאַפט פון פאָליציי-מייסטער, האָט דער עולם אָנגעהויבען צו מורמלען און אַפילו הויך פראָטעסטירען, אַז די יודען ווילען פערפיהרען די אויס-פאָרשונג און איבערקויפען די פאָליציי.

דער רב מיט׳ן פאָליציימייסטער זענען אַרויף אין קאָמי-סאַריאַט און קודם-כל איז גענומען געוואָרען אויפ׳ן פערהער דער גאָרנישט שולדיגער יוד. דער יוד האָט פון גאָרנישט געוואוסט צו זאָגען און אַלץ געוואָרפען אויף דער זייט פון רב בליקען נאָך הילף און רעטונג, ס׳פערשטעהט זיך, אַז די אויספאָרשונג פון דעם יוד האָט גאָרנישט געגעבען. דער רב האָט אונבעדינגט פערלאַנגט, אַז עס זאָל אויסגעהערט ווערען די קריסטין, וועמענס ערציהונגס-קינד עס איז איהר כלומרשט פערלוירען געוואָרען. מ׳האָט גערופען די קריסטין. דער פאָליציימייסטער האָט געשטעלט פראַגען נאָר די קריסטין האָט גע׳טענה׳ט, אַז מיט אַ טאָג פריהער איז דאָס מיידעלע אַרויס פון שטוב. דורכ׳ן פענסטער האָט זי, די קריסטין געזעהען, אַז דער יוד האָט דעם קינד געגעבען צוקער-לעך און אַזויערום אַריינגענאַרט צו זיך אין שטוב און פון דער מינוט אָן האָט, זי דאָס קינד מעהר נישט געזעהען. דער יוד האָט גע׳חלשט און געטענה׳ט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגען.

דער רב האָט דאַן געבעטען דעם פאַליציימייסטער די ערלויבניש אויסצוהערען די קריסטען. ר׳ אליהו חיים האָט געגעבען איהר צו פערשטעהען די גרויסע אחריות, וואָס זי נעהמט אויף זיך פאַר גאָט און פאַר מענשען, ווען זי וואַרפט אַזאַ חשד, פון וועלכען עס קען אומגליקליך ווערען נישט נאָר אַן׳איינצעלנער מענש אָדער משפחה, נאָר אַ גאַנץ פאָלק. ער האָט ווייטער מיט גוטען געגעבען צו פערשטעהען, וואָס דאָ קומט פאָר און אויך די ערדישע און הימלישע שטראָף, וואָס זי וועט בעקומען, ווען די גאַנצע געשיכטע זאָל זיך אַרויסווייזען פאַר נישט אמת, די קריסטין איז ענטשוויגען געוואָרען און דער רב האָט אַלץ ווייטער גערעדט אין דעם זין און אין דער ריכטונג. די קריסטין האָט אָנגעהויבען ציטערען, די פאַרבען אויף איהר פנים האָבען זיך געביטען, זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטען די בליקען פון רב און פאָליציימייסטער און אויסגעבראָכען אין אַ געוויין!

— מ׳האָט מיך דערצו צוגערעדט, האָט זי געיאָמערט, איך בין נישט שולדיג, מ׳האָט מיך געהייסען דאָס קינד אַוועקשיקען קיין כאיני צו זיין שוועסטער און איך זאָל פונאַנדערלאָזען אַ קלאַנג, אַז דאָס קינד איז פערלוירען געגאַנגען. דאָס איבריגע האָבען זיי געזאָגט, וועט שוין געטון ווערען.

דער פּאָליציי-מייסטער האָט באַלד אַוועקגעשיקט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט געבּרענגט דאָס מעדעלע. די קריסטין איז דערמיט אַראָב אויפ׳ן גאַס און דער עולם, דערוויסענדיג זיך וועגען דער געשיכטע איז פערשעמטערהייט אַוועק.

דער רב איז צופוס אַוועק אַ היים. דער עולם האָט זיך געשטעלט דאַווענען און נאָכ׳ן עסען האָט דער רב דערצעהלט וועגען דער גאַנצער געשעהעניש.

---

## .10

## ר׳ אליהו חיים בּיי פּלעווע׳ן.

ר׳ אליהו חיים איז געוועזען זעהר שלאַגפערטיג און שאַרפזיניג און נישט איין אַנטיסעמיט האָט ער פערמאַכט דאָס מויל דורך זיינעם אַ קלוגען און לאָגישען ענטפער.

דאָס איז געוועזען בימי פּלעווע. אין די צייטען ווען דער דאָזיגער צורר היהודים האָט זיך גענומען צו פערענטפערען די יודען-פראַגע אָדער בעסער געזאָגט צו זוכען מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פונ׳ם ביסעל יודען אין רוסלאַנד.

אויף אַ בּעשטימטען טאָג אין אַ בּעשטימטער צייט האָט פּלעווע צו זיך גערופען די דריי גרעסטע רבנים אין רוסלאַנד. ר׳ חיים סאָלאָוויעטשיק פון בּריסק, ר׳ יצחק אלחנן פון קאָוונא און ר׳ אליהו חיים מייזעל פון לאָדז. מיט די דאָזיגע דריי רבנים האָט זיך דער דעמאָלסדיגער רוסישער פּרעמיער-מיניסטער געוואָלט אַדורכשמועסען וועגען דעם מהות פון דער יודען-פראַגע און וואָס פאַראַ מיטלען אָנצונעהמען, אַז די פראַגע זאָל פערלירען איהר שאַרפקייט. ס׳איז געוועזען אין דער צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט מען אָנגעהויבען צו געבען אָנצוהערען די רוסישע מלוכה-לייט, אַז מיט זייערע פערפאָלגונגען געגען די יודען וועלען זיי ווייטער רוסלאַנד קיין כבוד און קיין נחת נישט פערשאַפען

פּלעווע האַט בּיי דער דאָזיגער קאָנפערענץ געוואָלט אָפּלאַכען פון יודען, געוואָלט בּרענגען די גרעסטע רבנים אין אַ

פערלעגענהייט און געשטעלט זיי אַזעלכע קלאָץ-קשיות, אויף וועלכע ר׳איז געווען זיכער, אַז די רבנים וועלען קיין ענטפער נישט קענען געבען. פלעווע׳ן האָט אָבער נישט געגליקט: אויף אַלע פראַגען האָבען די רבנים געגעבען די קלוגסטע און לאָגישסטע ענטפערען. ענדליך האָט פלעווע אויסגענוצט דעם שטאַרקסטען „אַרגומענט“. ער האָט געזאָגט צו די רבנים:

— איהר זייט דאָך די קלוגסטע פון די יודען אין רוסלאַנד ענטפערט מיר אויף פאָלגענדער פראַגע: ביי די רוסען און אַפילו ביי די פאָלאַקען אין רוסלאַנד זענען פערהאַן אַלערליי בעלי-מלאכות און הענדלער; פערהאַן שוסטער׳ס, פערהאַן בעקערס שניידערס, געוועלבער א. א. וו. האָט איהר שוין אַמאָל געזעהען אַז איינער זאָל דעם אַנדערען וועלען אַרויסרייסען דאָס ביסען פון מויל? אַז איינער דעם אַנדערן זאָל וועלען דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער? אַלע לעבען רוהיג און האָבען פרנסה. און ביי יודען? מאַכט זיך איינער אַ בעקעריי, איז באַלד אין צווייטען הויז דאָ אַ צווייטע, מאַכט זיך אַ יוד אַ געוועלב, איז באַלד אין דער זעלבער גאַס דאָ אַ צעהנדליג אַזעלכע געוועלבער און איינער דעם אַנדערען וואָלט גערן געזעהען די נשמה אויסהויכען די שנאה איז אין לשער. מיט וואָס קען מען דאָס פערטייטשען?

די רבנים שווייגען. פלעווע׳ס פרצוף שיינט פון שמחה. ער האָט געשטעלט די רבנים אין אַ פערלעגענהייט. נאָר דער שטערן פון ר׳ אליהו חיים קנייטשט זיך, מ׳זעהט, אַז דער מוח אַרבייט, זוכט אַן׳ענטפער, כדי צו ראַטעווען דעם אָנזעהן פון די יודען און פערשעהמען דעם שונא ישראל, און ר׳ אליהו הויבט אָן לאַנגזאַם צו רעדען:

— אַדוני מיניסטער, איך וועל אייך די דאָזיגע פראַגע פערענטפערען, ס׳איז אַ גאַנץ פשוטע זאַך: האָט איהר ה׳ מיניסטער, שוין געזעהען, אַז חיות פון דעם זעלבען מין זאָלען זיך איינער דעם אַנדערען פרעסען? האָט איהר שוין, למשל, געזעהען אַז אַ לייב זאָל אויפרעסען אַ לייב, אַ הונד זאָל אויפרעסען אַ הונד אָדער אַ קאַץ אַ צווייטע קאַץ א. א. וו. אַזאַ מאָל פאַסירט נישט. אָבער איין מין איז פערהאַן, ביי וועלכען איינער פרעסט דעם צווייטען — דאָס זענען פיש. פיש שלינגען איינער דעם אַנדערען פאַרוואָס איז עס אַזוי? דער ענטפער איז אַ פשוטער. די חיות אויף דער יבשה האָבען פאַר זיך אָפען די גאַנצע וועלט זיי קענען זיך זוכען זייער חיונה אומעטום און זיי דאַרפען דעריבער

נישט פרעסען זייער אייגען בלוט און פלייש. אָבער די פיש, וועלכע זענען איינגעצוימט אין די גרעניצען פון דעם וואַסער, אין וועלכען זיי געפונען זיך און אויסער די דאָזיגע גרעניצען קענען זיי שוין נישט לעבען, מוזען זיי, כדי צו דערהאַלטען דאָס לעבען, שלינגען איינער דעם אַנדערען. דאָס זעלבע איז אויך מיט אייער פראַגע, ה׳ מיניסטער. פאַר אייך קריסטען איז אָפען דאָס גרויסע רוסלאַנד און אויך די גאַנצע וועלט, איהר האָט דעריבער נישט נויטווענדיג צו בעולה׳ן אייערע גלויבענס-חברים, אָבער מיר יודען, וועלכע איהר האָט אַריינגעשטופט אין דער „טשערטאַ-אָסיעדלאָסטי״ (תחום המושב) און ווייטער פון דעם טאָרען מיר נישט קומען, מיר, וועלכע זענען נאָר אָנגעוויזען אויף אַ בעגרענצטע צאָהל פרנסות, מוזען, כדי צו דערהאַלטען דאָס לעבען, בע׳עולה׳ן איינער דעם אַנדערען, מיר קומען אָבער דאָך צווישען זיך אַדורך און לעבען צוזאַמען.

פלעווע האָט זיך אויף אַזאַ קלוגען און לאָגישען ענטפער נישט גערעכענט, ער האָט מעהר גאָרנישט געפרעגט, זיך געזעגענט מיט די רבנים און אַרויס פון אויפנאַהמס-צימער.

---

## 11.

## הרב מייזעל און גראַף פאַלענס קאָמיסיע

דאָרט ווי די צאַרישע מושלים האָבען זיך געדאַרפט עצה׳ן וועגען דער יודען פראַגע אָדער זוכען מיטלען ווי אַזוי אָפצווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון די יודען אויף דעם קאַמף פאַר זייערע רעכט אין רוסלאַנד, האָבען זיי צוזאַמענגערופען ספעציעלע קאָמיסיעס און קאָמיטעטען, וועלכע האָבען קודם כל גערעדט און געשמיעסט. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מ׳טוט עפעס פאַר יודען, אָבער די דאָזיגע זיצונגען פון די קאָמיסיעס און קאָמיטעטען זענען געוואָרען וואָס אַמאָל זעלטענער ביז זיי זענען אינגאַנצען פערגעסען געוואָרען און פאַר יודען זענען נאָר פערבליבען אָפגענאַרטע האָפנונגען.

מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, ווי אַזוי פלעווע האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער יודען-פראַגע און צו וואָס ער האָט געצילט בעת ער האָט צוזאַמענגערופען זיצונגען וועגען דער דערמאָהנטער פראַגע, אַלע די, וועלכע האָבען זיך אונטערגענומען ביי

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0021-0039 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דער צאַרישער הערשאַפט צו „רעגולירען" די יודען-פראַגע, האָבען אָנגעהויבען דערפון וואָס זיי האָבען צוזאַמענגערופען די רבנים, מיינענדיג, אַז מיט די רבנים אַלס פרומע און גאָטספאָרכטיגע יודען וועט זיין לייכטער אַדורכצוקומען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דער אַזוי-גערופענער „פאַלען-קאָמיסיע".

גראַף פאַלען איז געווען אַ סענאַטאָר, בעת די רעוואָלוציאָנערע צייטען אין רוסלאַנד. די רוסישע רעגירונג האָט זיך געהאַט איהר שטעלונג, אַז אין דער רוסישער רעוואָלוציע זענען די הויפט-שולדיגע די יודען. זיי, די יודען, זענען דאָס די הויפט-אַגיטאַטאָרען, אָרגאַניזאַטאָרען און אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, וועלכע האָט געהאַט קודם-כל דעם ציל אַראָבצווואַרפען די צאַרישע הערשאַפט. געהענדיג אויף דער דאָזיגער ליניע האָט טאַקע די רוסישע רעגירונג געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אָבצושוואַכען די רעוואָלוציאָנערע שטימונג ביי די יודישע מאַסען און צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיסיע אונטער דער אָנפיהרונג פון דעם דערמאָנטען סענאַטאָר גראַף פאַלען.

גראַף פאַלען האָט צו די בעראַטונגען איינגעלאַדען אָנגעזעהענע יודישע עסקנים און זיי אויסגעפרעגט און אויסגעפאָרשט וועגען דער יודען-פראַגע. אַ מאָל האָט גראַף פאַלען צוזאַמענגערופען די גרעסטע רבנים פון רוסלאַנד, כדי מיט זיי זיך אַדורכצושמועסען וועגען דער יודען-פראַגע. ס'פערשטעהט זיך, אַז צווישען די רבנים האָט נישט געפעהלט דער לאָדזער רב ר' אליהו חיים מייזעל. ווען די רבנים זענען שוין געווען אַלע צוזאַמען, האָט גראַף פאַלען געעפענט די זיצונג, און אַלס איהר פאָרזיצענדער געהאַלטען די איינלייטונגס-רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך בעמיהט אין אַ געניג שאַרפער פאָרם אָנצוגרייפען די רבנים אין רוסלאַנד, אַז זיי טוען וועהניג אָדער גאָרנישט צו דעם איינצופלאַנצען די יודישע רעליגיע און די תורה צווישען די יודישע מאַסען, אַז זיי לערנען זיי נישט ווי אַזוי צו האלטען בכבוד דאָס מלכות און דעם קייזער פון פאָטערלאַנד, דעריבער ווערען די יודישע מאַסען וואָס ווייטער אַלץ מעהר צולאָזען, בונטעווען זיך געגען דער רעגירונג און געגען דעם רוסישען פאָטערלאַנד, אָרגאַניזירען שטרייקען, רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, פיהרען אָן מיט זיי, דעמאָראַליזירען די רוסישע אַרבייטער און פויערען, מאַכען אונרוהען אין לאַנד



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
DFG

אין בּרענגען צו בּלוט-פערגיסונגען. דערבּיי האָט גראַף פּאַלען אויסגעקליבּען די יודישע נעמען פון די רעוואָלוציאָנערע אָנפיהרער אין רוסלאַנד אַלס מוסטער פון די מורדים במלכות.

גראַף פּאַלען האָט אין דער ריכטונג און אין דעם טאָן געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע און אַלץ געשטראָפט די רבנים און געענדיגט דערמיט, אַז לויט זיין מיינונג דאַרף די רוסישע רעגירונג זיך פערנעהמען דערמיט, ווי אַזוי אויסצולערנען די יודישע רבנים צו ערפילען זייער פליכט בנוגע דעם פאָטערלאַנד און דעם צאַר, וואָס וועט אויך זיין לטובות די יודישע מאַסען.

די צאָהלרייך-פערזאַמעלטע רבנים זענען פון דער דאָזיגער חוצפה׳דיגער רעדע שטאַרק געטראָפען געוואָרען, אייניגע פון די רבנים האָבען מיט סטאַטיסטישע ציפערען געפרובט צו איבּערצייגען דעם גראַף וועגען דעם אַנטייל פון די יודען אין דער רעוואָלוציאָנערע בּעוועגונג, נאָכמעהר האָבען אַלע געפרובט אָפּצושלאָגען דעם אָנגריף פון גראַף פּאַלען געגען די יודישע רבנים און זיך אַקעגענצושטעלען די דראָהונגען וואָס גראַף פּאַלען האָט אָנגענומען ביים סוף פון זיין איינלייטונגס-רעדע.

דער לאָדזער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל איז די גאַנצע צייט פון דער דיסקוסיע געזעסען שטיל, מיט אַ איראָנישען שמייכעל אויף די ליפען זיך צוגעהערט צו גראַף פּאַלען׳ס נאַרישע אויספיהרונגען און ווען די דיסקוסיע איז געווען אין פולען ברען האָט ער געבעטען אַ וואָרט און האָט געזאָגט:

אויף אונבּעגרינדעטע פאָרוואורפען און בעשולדיגונגען וועלען נישט העלפען קיין שום שלאָגענדע אַרגומענטען. ווען גראַף פּאַלען וואָלט זיך געוואָלט מעהר אַריינטראַכטען און שטודירען דאָס פּראָבּלעם, וועגען וועלכען ער האָט גערעדט וואָלט ער געקומען צו גאַנץ אַנדערע אויספיהרונגען. וואָס שייך אָבער, האָט דער לאָדזער רב ווייטער גערעדט, דער דראָהונג צו בעשטראָפען די רבנים פאַר דעם אויסבּרוך פון דער רעוואָלוציאָנערער בּעוועגונג אין רוסלאַנד, איז די זעלבּע מעשה וואָס מיט יענעם געריכט בעת דעם מיטעלאַלטערליכען געטאָ, וועגען וועלכען איך וויל אייך דאָ דערצעהלען: ווי איהר ווייסט אַלע, האָט אין 18-טען יאָהרהונדערט אין פראַנקפורט עקזיסטירט אַ געטאָ, אין וועלכע די יודען האָבען געקענט וואוינען. אויסער דעם געטאָ האָט קיין יוד נישט געטאָרט וואוינען און לעבּען, ביינאַכט זענען פערמאַכט געוואָרען די טויערען פון געטאָ און

קיין יוד האָט פֿון דאָרט נישט געקאָנט אַרויסגעהען, בייטאָג איז די יודען ערלויבט געווען אַריינצוקומען אין קריסטליכען פֿירטעל, כדי צו ערלעדיגען זייערע געשעפֿטליכע אָדער פּריוואַטע ענינים.

איינמאָל געהט אַ יודישער יונגערמאַן אין מיטען טאָג אַריין אין קריסטליכען פֿירטעל און קען זיך נישט גענוג אָפּוואונדערען וועגען דער הערליכער אַרכיטעקטור פֿון די געביידעס, איבער די שעהנע סקווערען, פּאַלאַצען א. אַ. וו. ווען דער יונגערמאַן איז פֿאַרבייגעגאַנגען נעבען אַ הויכער קירך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ לענגערע צייט געקוקט אויף איהר און בעוואונדערט די מענשליכע קונסט, וואָס קען אויסבויען אַזעלכע פּרעכטיגע מייסטערווערק, וואָס האָט מיט זיך ווירקליך פֿאָרגעשטעלט די פֿראַנקפֿורטער קירך. דער יוד האָט דעם בנין בעטראַכט פֿון אַלע זייטען און אַלץ געדרעהט מיט'ן קאָפּ און גערעדט צו זיך אַליין פֿאַר בעגייסטערונג.

דאָס דאָזיגע בילד האָבען בעמערקט עטליכע קריסטליכע יונגלעך און האָבען נישט געקענט אויסשטעהען דעם היזק וואָס אַ יוד ערלויבט זיך צו בעוואונדערען אַ קריסטליכע קירך. זיי האָבען אויף דער שנעל אָפּגעהאַלטען אַ בעראַטונג און ס'איז ביי זיי געבליבען, אַז מ'זאָל יודען אָנלערנען מיט אַ שטיין אין קאָפּ. אַזוי איז טאַקע געווען. אַ גרויסער שטיין איז שוין געפֿלויגען אין דער לופֿטען, צום גליק האָט דער יונגערמאַן דאָס בעמערקט און שנעל אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ און דער שטיין איז מיט אַ געוואַלדיגער האַסטיגקייט אַריין אין אַ הערליך געמאָלטען פֿענסטער פֿון דער קירך, וועלכעס איז צעשאָטען געוואָרען אויף פֿיצלעך. ס'איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל און געפּילדער, מ'האָט אַרעסטירט דעם יוד און די קריסטליכע יונגעלייט און ווי דעמאָלט איז געווען דער שטייגער, זענען זיי באַלד געשטעלט געוואָרען פֿאַר'ן געריכט. דער ריכטער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַרויסגעגעבען אַ משפּט מיט אַ האַרבער שטראָף פֿאַר דעם יוד, די מאָטיווען פֿון דער אורטייל זענען געווען די וואָס דער יוד האָט בעת'ן פֿליהען פֿון שטיין אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ, וואָלט ער דאָס נישט געטון, האָט גע'טענה'ט דער ריכטער, וואָלט דער שטיין געטראָפֿען אין יוד'ס קאָפּ און נישט אין דער שויב פֿון דער קירך.

דאָס איז דער לאָגישער פּועל־יוצא פֿון די אויספֿיהרונגען פֿון גראַף פֿאַלען, האָט געענדיגט דער רב, ווען ער מאַכט פֿער-

אַנטוואָרטליך די יודישע רבנים פאַר דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

גראַף פאַלען האָט נאָך דעם דאָזיגען משל זיך פערענטפערט אַז ער האָט מיט זיין רעדע דעם ענין נישט אַזוי ערנסט געמיינט ווי די רבנים האָבען דאָס אָנגענומען.

## .12

## ר׳ אליהו חיים פערהיט פון א פאָגראָם אין לאָדז.

דאָס איז געווען אין די אונרוהיגע יאָהרען אין רוסלאַנד, וועלכע עס האָבען אַמשטאַרקסטען געפיהלט די יודען. פון דער פאָגראָם-שטימונג זענען די רוסישע „שוואַרצע מאה" איבערגעגאַנגען צו מעשים פון פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך זענען אָנגעקומען ידיעות וועגען שרעקליכע שחיטות פון די ווילדע כוליגאַנעס. די יודישע קרבנות-קדושים זענען דערגאַנגען אין די הונדערטער און די גאַנצע יודישע בעפעלקערונג אין גרויסען רוסלאַנד האָט איבערגעלעבט וואָכען און חדשים פון שרעק, אַז די דאָזיגע גרויזאַמע מעשים זאָלען זיך נישט איבער׳חזר׳ן אין איינען שטעדטעל אָדער שטאָדט.

אויך אין לאָדז איז אין יאָהר 1905 געווען אַזאַ שטימונג, מ׳האָט געשמועסט וועגען פאָגראָמען. וואָס כוליגאַנעס גרייטען צו צו מאַכען אין לאָדז, מ׳האָט שוין זאָגאַר געוואוסט גענוי דעם טאָג ווען דער פאָגראָם אין לאָדז דאַרף אויסברעכען.

די יודישע בעפעלקערונג אין לאָדז איז נישט געזעסען מיט פערלענטע הענד. די אַרבייטער-ריכטונגען האָבען געגרינדעט בעוואָפענטע זעלבסטשוצען, אויסער דעם זענען כמעט אין דער גאַנצער שטאָדט געשאַפען געוואָרען הויז-מיליצען, וואו עס האָבען יעדע נאַכט דיזשורירט די שכנים פון הויז. כדי צו בעגעגענען די נישט-געבעטענע געסט. די הויז-קאָמיטעטען האָבען, פערשטעהט זיך נישט געהאַט קיין געוועהר און מ׳האָט זיך פערזעהן מיט היימישע מיטלען: ווי פלאַשען אָנגעפילט מיט זאַמד, אייזענע פרענטעס, הייס זאַמד א.א.וו. דער פאָגראָם איז צום גליק, אין לאָדז נישט פאָרגעקומען. אָבער נישט אַלע ווייסען פאַר וואָס, נאָר יחידים ווייסען, אַז לאָדז האָט אָפגעראַטעוועט פון אַ גרויזאַמען פאָגראָם מיט אַלע זיינע שרעקליכע פאָלגען, נישט קיין אַנדערער ווי דער לאָדזער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל. פאָרגעקומען איז דאָס אויף פאָלגענדען אופן:

קיין לאָדז איז געשיקט געוואָרען אין דער צייט פון קריגס-
צושטאַנד דער בעריהמטער ביאַליסטאָקער פולק, וועלכער איז גע-
ווען בעקאַנט מיט אָרגאַניזירען פון פּאָגראָמען אין די ערטער,
וואו ער האָט זיך געפונען. צוליב דעם קומען פון דעם דערמאָנ-
טען פולק איז טאַקי געקומען די פּאָגראָם-שרעק ביי אונז אין
שטאָט און די אָרגאַניזאַציע פון די זעלבסט-שוץ מיליציע, און
ווירקליך, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָבען די אָנ-
פיהרער פון דעם פולק געמאַכט אַלע הכנות צו מאַכען אין לאָדז
אַ פּאָגראָם, ווי ס'זאָל פּאַסען פאַר אַזאַ גרויסע שטאָדט ווי לאָדז.
די אָרגאַניזאַציע אין פולק איז געגאַנגען פאָראויס, ס'זענען
שוין געווען אויסגעאַרבייט אַלע פּ־טים פון דעם טייוולאָנישען
פּלאַן און ס'איז שוין אפילו בעשטימט געוואָרען דער טאָג פון
אויסברוך פון „פּאָלקס-צאָרן", וואו זיי האָבען געשריבען אין די
צעהנדליגער טויזענדער אָפּגעדרוקטע אויפרופען, וואָס זענען בע-
שטימט געוואָרען פערטיילט צו ווערען אין די פּאָגראָם-טעג.
דער פּאָגראָם האָט געזאָלט אויסברעכען אין דינסטאָג, ווען
עס זענען פאָרגעקומען מאַרק-טעג. אָנהויבען האָט ער זיך גע-
זאָלט טאַקע אויף די מערק, ביי די יודישע טישלעך, צווישען
די יודישע הענדלער און קונים.
אין פולק איז אָבער געווען איין אָפיציר מיט'ן נאָמען סאַנ-
קעוויטש, וועלכער איז נישט מסכים געווען מיט דער פערברע-
כערישער אַרבייט פון זיינע חברים אין פולק. ער האָט אָבער
נישט געהאַט קיין עצה אַקעגען צושטעלען זיך איינער אַליין איז
ער געווען צו שוואַך. ער האָט דאָס אויך נישט געטאָרט טון, צו-
ליב דעם ווייל מ'וואָלט אהם געהאַלטען פאַר אַ יודען-פריינד
אָדער אפשר גאָר אַנ'איבערגעקויפטען דורך יודען, ער האָט דע-
ריבער געקלעהרט פערשידענע עצות, ווי אַזוי צו שטערען דעם
פּלאַן פון די ווילדע בעסטיעס. דער בעשטימטער טאָג האָט זיך
דערנעהנטערט, די אָרגאַניזאַציע פון פּאָגראָם האָט זיך פערפעס-
טיגט און סאַנקעוויטש האָט שוין אָנגעהויבען צו צווייפלען אין
דעם, צי אהם וועט זיך איינגעבען עפּיס אויפצוטון, כדי אָפּצו-
ווענדען דאָס גרויזאַמע געפאַהר פון דער אונשולדיגער יודישער
בעפעלקערונג, ער האָט שוין געטראַכט וועגען מעלדען דער הע-
כערער - מאַכט, איז ער אָבער נישט זיכער געווען אין דעם, צי
צווישען דער דאָזיגער מאַכט הערשט נישט אַמאָל די זעלבע פּאָג-
ראָם-שטימונג וואָס ביי די אָפיצירען און געוועהנליכע סאָלדאַטען.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0023-0044 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

די צייט איז דערווייל געלאָפען, עס איז געווען שבת פאַר דעם דינסטאָג ווען דער פּאָגראָם האָט זיך געזאָלט אָנהויבען. סאַנקעוויטשען האָט דאָס געוויסען נישט געלאָזט רוהען און איהם איז פּלוצלונג איינגעפאַלען אַ געדאַנק זיך צו ווענדען צום לאָדזער ראַבין, וועגען וועלכען ער האָט זיך פיל אָנגעהערט, אַז ער, דער רב, איז זעהר אַ קלוגער און איינפלוסרייכער מענש, ער האָט זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, צי ער זאָל בעגעהען דעם שריט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז טאָמער וועט מפרסם ווערען, אַז סאַנקעוויטש איז געוועזען דער „פּערעטער" פון דער „הייליגער זאַך" וועט איהם קיין צרות נישט פעהלען, סאַנקעוויטשעס מענשליכע געוויסען האָט אָבער בעזיגט אַלע זיינע עגאָאיסטישע געפיהל און ער האָט פעסט בעשלאָסען, שבת אין דערפריה אַוועקצוגעהען צום רב, אַזוי האָט ער אויך געטון, שבת נאָכ'ן דאַוונען האָט מען געמאָלדען דעם לאָדזער רב, אַז אַנ'אָפיציר פון ביאַליסטאָקער פּולק וויל זיך דורכאויס זעהען מיט'ן רב אין אַ דרינגענדען ענין, דער רב האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט צוליב דעם וויזיט אין שבת בייטאָג און האָט דעם אָפיציר תיכף אָנגענומען.

ר' אליהו חיים האָט נישט פערזוימט קיין איין מינוט, האָט אַר'ינגעבעטען דעם אָפיציר אין זיין אויפנאַהמס-צימער. סאַנקעוויטש האָט אָפּגעגעבען דעם רב דעם געהעריגען כבוד, זיך פאָרגעשטעלט ווער ער איז און געזאָגט, אַז ער שטעלט אַלס בעדינג פון זיין געשפּרעך מיט דעם רב, אַז קיין שום מענש זאָל נישט וויסען וועגען זיין בעזוך ביים רב.

— אויב מ'וועט זיך דערוויסען, אַז איך בין ביי אייך געווען, האָט סאַנקיעוויטש געזאָגט, בין איך אַ פערלוירענער. איך האָב אָבער געוואָלט קודם-כל אין אָרדנונג זיין מיט מיין געוויסען און איך בין געקומען אייך, חשובער רב מייזעל, אָנזאָגען אַ טרויעריגע בשורה וועגען אַ שרעקליך אומגליק, וועלכע עס דאַרף טרעפען די יודישע בעפעלקערונג אין לאָדז אין די נאָהענסטע טעג. איך בין געקומען צו אייך, געעהרטער רב, ווייל איך האָב זעהר פיל געהערט וועגען אייער גרויסקייט און מעגליכקייטען.

איך האָב אויך געהערט ביי אונז אין פּולק, האָט סאַנקעוויטש אַנ'אויפגערעגטער גערעדט, אַז מ'דאַרף זיך פאַר אייך היטען ווי פאַר פייער, ווייל אויב איהר זאָלט זיך דערוויסען ווע-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main
UB
DFG

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0024-0045 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

גען דעם פּלאַן וואָס ווערט צוגעגרייט, זענען זיי אין פּולק, זיכער, אַז איהר וועט אָפּהאַלטען זייערע פּראָיעקטען און פּלאַנען.

ר׳ אליהו חיים האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, ער האָט ווי ווייט ס׳איז געווען מעגליך בערוהיגט סאַנקעוויטשען און געבעטען, אַז דער אָפיציר זאָל דערצעהלען כסדר אין וואָס דאָס אומגליק בעשטעהט און ווער ס׳גרייט איהם צו און וואָס קען מען טון אַקעגען דעם. סאַנקעוויטש האָט זיך אַ ביסעל בערוהיגט און אָנגעהויבען דערצעהלען:

ווי איהר ווייסט געהער איך צום ביאַלאָסטאָקער פּולק, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַהערגעשיקט געוואָרען קיין לאָדז, כדי צו מאַכען „אָנ׳אָרדנונג“ מיט די סאָציאַליסטען. דאָס אומגליק האָט געוואָלט, אַז איך זאָל בעשטימט ווערען אין דעם דאָזיגען פערשאָלטענעם פּולק. אַלע מיינע בעמיהונגען אַרויסצובעקימען זיך פון דעם דאָזיגען גיהינם העלפען דערווייל נישט. אַנ׳אַנשטענדיגער מענש קען בשום אופן נישט מיטמאַכען די ווילדע אָרגיעס און רציחות, וואָס די חיות אין מענשען-געשטאַלט טון אָפּ. אין וועלכער שטאָדט אָדער שטעדטעל מיר שטעלען זיך אָפּ איז די ערשטע עבודה — דאָס אָרגאניזירען פון אַ שחיטה אויף די „איבאָוויערצעס“, אַזוי רופען זיי די יודען.

— און ווען איהר ווייסט, חשובער ראַבין, האָט סאַנקעוויטש געזאָגט מיט אַ ציטערדיגע שטימע, ווי שווער איך האָב געליטען, וויפיל יסורים איך האָב אַריבערגעטראָגען ווי איך בין שיער נישט משוגע געוואָרען, אין די טעג ווען די ווילדע זעלנער אויפגעהעצט דורך זייערע אָפיצירען, האָבען געקוילעט אונשולדיגע יודען, אויסגעשטאָכען די אויגען זקנים, אָפּגעשניטען די ברוסטען ביי פרויען, אומגעברענגט קליינע קינדער אין די אויגען פון זייערע עלטערען, געשענדעט צניעותדיגע יודישע טעכטער און נאָך אַנדערע שרעקליכע זאַכען, ווען מ׳דערמאָהנט זיך וועגען זיי ווערט דאָס בלוט פערגליווערט אין די אָדערען.

סאַנקעוויטשען האָט פערפעהלט אָטעם, ער האָט זיך אַ ביסעל אָפּגערוהט, כדי ווייטער צו דערצעהלען, ר׳ אליהו חיים איז שוין נישט געווען אַזוי רוהיג ווי פריהער, זיין געזיכט האָט זיך אינגאַנצען פערענדערט, אין די מילדע גוטע אויגען זענען געשטאַנען צוויי גרויסע טרעהרען ר׳ אליהו חיים האָט זיך נישט אָנגערופען אַפילו מיט איין וואָרט, נאָר האָט געלאָזט סאַנקעוויטשען ווייטער רעדען.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

— וואָס האָב איך אָבער געקענט טאָן — האָט סאַנקיעוויטש ווייטער אָנגעהויבן, — אַז איך בין איינער אַליין, איך האָב אַפילו נישט געקענט הויך און אָפען זאָגן, אַז איך בין געגען די דאָזיגע שחיטות, איך האָב ישט געקענט דערהויבן מיין פּראָטעסט-געשריי געגען די מערדערייען אויף אונשולדיגע מענשען און געגען די עולות, וואָס דערמיט ווערט געטון דעם פּאָטערלאַנד. איך וואָלט אין זייערע אויגען אויסגעזעהען ווי אַ פּעררעטער, ווי אַן׳אָפּטריניגער און מיין לעבען אַליין וואָלט אויך געווען אין סכנה. איך האָב דאָס אַלץ געשטיקט אינווענדיג. אָבער מיין האַרץ קען דאָס נישט מעהר אַריבערטראָגען און איך מוז מאַכען אַ סוף צו דער דאָזיגער שרעקליכער לאַגע.

— ווען מ׳האָט אונז אַריבערגעשיקט קיין לאָדז, האָט סאַנקעוויטש ווייטער גערעדט מיט אַ שטילער שטימע, ווי ער וואָלט דעם רב איינגערוימט אַ סוד, האָט מיר דאָס האַרץ אונטערגעזאָגט אַז עס וועט געשעהן אַן׳אומגליק. לאָדז איז אַ גרויסע און רייכע שטאָדט. אונזער חברה האָט באַלד אָנגעהויבן צו רעדען וועגען די גרויסע עראָבערונגען, וואָס מיר וועלען דאָ קענען האָבען ביי די „זשידיס“. דער גאַנצער פּלאַן איז שוין צוגעגרייט, אַלץ איז פערטיג און אין לאָדז דאַרף דעם נאָהענסטען דינסטאָג אויסברעכען דער גרויסער פּאָגראָם. איהר, ה׳ ראַבין, וועט זיכער האָבען צו מיר טענות, פאַרוואָס איך האָב אייך אַזוי שפּעט וועגען דעם צו וויסען געגעבען, איך האָב אָבער אַנדערש נישט געקענט, איך האָב מיר לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, ביז וואַנען איך האָב מיך דעצידירט אויף דעם דאָזיגען שריט, דאָס איז פון מיין זייט אַ גרויסער קרבן. איך חזר נאָכאַמאָל איבער מיין ביטע, למען השם קיינער זאָל נישט וויסען פון מיין בעזוך ביי אייך, און איר ה׳ ראַבין, זעהט אָפּצוהיטען פון דער שרעקליכע שחיטה, טוט וואָס איהר קענט לטובת אייערע ברידער.

ר׳ אליהו חיים האָט מעהר נישט נעדאַרפט הערען, ער האָט זיך באַלד אָריענטירט אין דער שרעקליכער לאַגע און אין דער גרויזאַמער געפאַהר, וואָס האָט געדראָהט דער יודישע בעפעלקערונג אין לאָדז. דער רב האָט אָבער ווי ווייט ער האָט געקענט איינגעהאַלטען זיין דענערווירונג, צוגעזאָגט סאַנקעוויטש, אַז קיין שום איש וועט זיך נישט דערוויסען דאָס ער איז דאָ געווען, געדאַנקט דעם אָפיציר פאַר דער טובה און זיך האַרציג געזעגענט מיט דעם אָרענטליכען מענש.

נאָכ'ן אַוועקגעהן פון סאַנקעוויטשען האָט ר' אליהו חיים אָנגעהויבן זוכען אַנ'עצה צו דעם גרויסען אומגליק. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. אין פולק אַריין האָט נישט געהאַט קיין צוועק זיך צו ווענדען, ווייל דער רב האָט אַרויסגעדרינגען פון די רייד פון סאַנקעוויטשען, אַז דאָס איז אַ ברכה לבטלה. דעם איינציגען וועמען דער רב האָט געהאַט אין זינען, אַלס דעם □ וואָס קען איהם מיטהעלפען אין דער מיסיע זיינער איז געווען דער דעמאָלסדיגער לאָדזער פאָליציימייסטער כזשאַנאָווסקי. ער האָט אָבער אין מיליטער-ענינים געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע דעה. די הויפּט-דעה-זאָגער איז אין דער דעמאָלסדיגער צייט געווען דער בעריהמטער צאַרישער גענעראַל קאַזנאַקאָוו, פון איהם איז אַלץ אָפּהענגיג געווען.

אָבער ווי אַזוי קומט מען צו קאַזנאַקאָוו'ן, האָט ר' אליהו חיים געטראַכט.

מ'טאָר דאָך נישט אַרויסגעבען סאַנקעוויטשען?

מ'מוז דאָך ביי אַזאַ פעראַנטוואָרטליכען און וויכטיגען ענין אַלץ גענוי און דייטליך מאָטיווירען און ברענגען בעווייזען. דער רב האָט די דאָזיגע בעווייזען נישט געהאַט, ער האָט געהאַט דעם איינציגען לעבעדיגען עדות סאַנקעוויטשען, וועלכען מ'האָט אָבער נישט געקענט בענוצען.

דער בעשלוס אין דער דאָזיגער פראַגע איז געווען זעהר אַ שווערער.

ר' אליהו חיים האָט אָבער געהאַלטען פאַר נויטיג מיט קיינעם זיך נישט צו בעראַטען, ערשטענס צוליב דעם צוזאָג סאַנקעוויטשען, אַז קיין שום מענש וועט נישט וויסען פון זיין בעזוך און צווייטענס, כדי נישט אַרויסצורופען קיין פּאַניק ביי דער יודישער בעפעלקערונג, וואָס וואָלט זיכער פאָרגעקומען אין אַזאַ פאַל. וועגען גאָרנישט טון איז דאָך אודאי קיין רייד נישט געווען.

ר' אליהו חיים, נישט זאָגענדיג קיינעם קיין וואָרט, איז באַלד שבת נאָכמיטאָג אַוועק צום פאָליציי-מייסטער כזשאַנאָווסקי. די פאַמיליע פון רב האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואו דער רב געהט דאָס איינער אַליין שבת נאָכמיטאָג, נאָך מעהר איז די פערוואונדערונג געווען גרויס צוליב דעם, וואָס דער רב איז גלייך אַוועק נאָך דעם וויזיט פון דעם רוסישען אָפיציר. אַלע האָבען פאָרגעפיהלט, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען עפּיס זעהר

וויכטיגעס און ערנסטעס. קיינער האָט אָבער נישט געהאַט די דרייסטקייט איבערצופרעגן דעם רב וואוהין ער געהט דאָס איינער אַליין. בפרט, אַז דער רב איז געווען טרויעריג און ערנסט און מיט קיינעם קיין איינציג וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

ס'איז אָבער נישט לייכט צו זאָגן, אַז ר' אליהו חיים האָט געקענט אונבעמערקטערהייט אַדורכגעהען איינער אַליין און שבת נאָכמיטאָג איבער די לאָדזער גאַסען. פון אַלע זייטען האָט מען נאָכגעקוקט און זיך געוואונדערט, וואוהין דער רב געהט דאָס מיט אזאַ שנעלען טריט אין שבת. אויף דער כפּאַצעראָוואַ גאַס (היינט אל. קאָשטשושקי) האָט דער רב בעגעגענט דר. ראָזענבלאַט (היינטיגער לאָדזער דעפּוטאַט), דר. ראָזענבלאַט איז צוגעגאַנגען צו ר' אליהו חיים און איהם אָפּגעשטעלט:

— וואו געהט דאָס דער רבי אַליין אָהן שמש, האָט ד"ר ר. געפרעגט?

— אַן'אַלטער מאַן איז טאַקי געגליכען צו אַ קינד, האָט געענטפערט דער רב, אָבער אַ ביסעל זיך איבערשפּאַצירען קען ער דאָך אָהן אויפזיכט, איבעריגענס האָט געזאָגט ר' אליהו חיים, דאַרף איך איצט די בעגלייטונג פון רבונו של עולם און נישט פון קיין מענש, אַ מענש קען מיר איצט ווייניג העלפען.

דר. ר. האָט דערפיהלט, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אַ זעהר וויכטיגען ענין, האָט נישט מעהר איבערגעפרעגט און איז אַוועק צום רב אין שטוב, כדי זיך דערוויסען וועגען וואָס דאָ געהט. ער האָט אָבער דאָרט אויך גאָרנישט בצוואויר געוואָרען און איז געבליבען וואַרטען ביז דער רב איז צוריקגעקומען.

דער רב איז דערווייל אַוועק צום פּאָליצייאַמייסטער כזשאַנאָווסקי אין דער פּריוואַט-וואוינונג און פערלאַנגט תיכף אָנגענומען צו ווערען. כזשאַנאָווסקי איז אויך געוואָרען שטאַרק פערוואונדערט פון דער רב'ס שבת'דיגען וויזיט. ער האָט דעם רב גלייך אויפגענומען און זיך נאָכגעפרעגט אויף די סיבות פון דעם אויסערגעוועהנליכען בעזוך אין אין זיין פּריוואַט-וואוינונג און אין שבת.

פקוח נפש, האָט געענטפערט ר' אליהו חיים, איז דוחה שבת. דאָס איז געזאָגט געוואָרען ביי אַן'איינצעלנעם מענש, וואו איז אָבער דער דין, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען הונדערטער יודען, וועגען זקנים, פרויען און קליינע קינדער, ווען דאָס געשפּענסט פון אַ שעדליכען טויט שטעהט פאַר אַ גאַנצע עדה יודען?

ווען מיר יודען זענען אָפּגעמשפּט געוואָרען דורך אַ באַנדע נידערטרעכטיגע ברואים אויסגעקוילעט צו ווערען ווי די שעפּסען? צי קען דעמאָלט זיין אַ רייד וועגען שבת, אָדער וועגען אייער פּערזאָן, ה׳ פּאָליציימייסטער, אָדער וועגען אייער פּריוואַט-וואוינונג? איהר, אַלס פּאָליצײ-מייסטער אין לאָדז, אַלס דער היטער פון דער אָרדנונג ביי אונז אין שטאָדט, האָט די פליכט און דעם חוב אָפּצוהיטען פון אַ שרעקליכען אומגליק אַ גרויסען טייל פון בירגער פון דער שטאָדט.

— מ׳אָרגאַניזירט אין לאָדז אַ שרעקליכען פּאָגראָם אויף יודען, האָט דער רב שוין געשריגען מיט אַ הייזעריגער, פאַר אויפרעגונג, שטים. מיר האָבען נישט קיין געוועהר און נישט קיין אייגענע אַרמעע זיך צו וועהרען, איך פערלאַנג דעריבער אין נאָמען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז, אַז איהר זאָלט אָפּהאַלטען דעם טייוולאָנישען פּלאַן און נישט דערלאָזען צו קיין מעשיות קישינעוו, ביאַליסטאָק און אַנדערע.

כושאַנאָווסקי האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם אויסזעהען און אויפרעגונג פון רב. די אויגען פון רב זענען געווען ברייט געעפענט, ער האָט שווער געאָטעמט און זיך יעדע מינוט געכאַפּט ביים האַרץ און זיין פּנים האָט זיך פערקרימט פאַר וועהטאָג. כושאַנאָווסקי האָט געוואַרט ביז ר׳ אליהו חיים האָט זיך בערוהיגט און געבעטען צו דערצעהלען גענוי וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך אייגענטליך.

דעם רב האָט דערצעהלט אַלץ וואָס ... האָט געוואוסט וועגען דעם אָרגאַניזירען פון פּאָגראָם אין לאָדז.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַלץ אַזוי גענוי, האָט כושאַנאָווסקי געפרעגט.

— פערלאַנגט נישט פון מיר, האָט געענטפערט דער רב, אַז איך זאָל אייך דאָס זאָגען, איך האָב געגעבען כמעט אַן ערען-וואָרט, אַז איך וועל נישט אויסזאָגען וועגען דער קוועלע פון וואַנען איך האָב די ידיעות, איך קען אייך אָבער פערזיכערען, אַז די ידיעות זענען אויטענטישע און איך פערלאַנג, אַז איהר, ה׳ פּאָליציימייסטער, זאָלט תיכף ומיד אָפּראַטעווען די יודישע בעפעלקערונג, איך וויל נישט וויסען פון קיין שום אויסריידען. קיין צייט איז אויך נישטאָ, די שווערד הענגט איבער אונזערע קעפּ, זאָגט, וואָס עס איז פערהאַן צו טון?

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0026-0050 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

די ענערגישע שטעלונג פון רב האָט געצוואונגען דעם פּאָליציימייסטער כזשאַנאָווסקי זיך ערנסט צו פאַרטראַכטען. קיין צייט אויף אָפּלעגען, קאָנפערענצען אָדער אויספאָרשונגען איז נישט געווען, איבעריגענס האָט ר׳ אליהו חיים צו דעם דאָזיגען געדאַנק נישט געוואָלט דערלאָזען, כזשאַנאָווסקי איז געווען אין פערלעגענהייט און ער האָט ווירקליך קיין עצה אָפּצוהאַלטען דאָס אומגליק נישט געהאַט. נאָך א ווײַלע טראַכטען האָט כזשאַנאָווסקי זיך אָנגערופען:

— וואָס קען איך אין דעם פאַל טון? עס איז קריגס-צושטאַנד, איך האָב נישט קיין שום רעכט זיך אַרײַנצומישען אין די אינערליכע אַנגעלעגענהייט פון מיליטער, איך קען דאָרט אפילו קיין אויספאָרשונג נישט אונטערנעהמען. דאָס איינציגע וואָס איך וואָלט געקענט טון איז דאָס, אַז איך זאָל נאָך היינט צושטעלען וועגען אַלץ וואָס איהר, ה׳ ראַבין, האָט מיר געזאָגט אַ ראַפּאָרט צו קאַזנאַקאָוו׳ן, קען איך אָבער אויך דאָס נישט טון, ווײַל איך שטיץ מיך נישט אויף קיין שום פאַקטישע מאַטעריאַלען. איך וועל דאָך קאַזנאַקאָוו׳ן מוזען זאָגען פון וואַנען איך קום אויף אַזאַ ענין? גלויבט מיר ה׳ ראַבין, האָט כזשאַנאָווסקי געזאָגט, איך וואָלט אַלץ געטון ווען עס וואָלט געווען אַנבעלאַנג אין מיר, איהר קענט מײַן אַכטונג און אויפריכטיגקייט צו אײַער פערזאָן, אָבער אין דעם פאַל קען איך בײַ מײַן בעסטען ווילען גאָרנישט טון.

— הייסט דאָס, האָט ר׳ אליהו חיים ווײַטער געשריגען מיט זײַן שוין הייזעריגער שטים, אַז מיר מוזען וואַרטען שטום ווי די שעפּסען ביז דער שוחט וועט שלייפען דעם חלף און וועט איהם פּרובען אויף אונזערע העלזער? אַז מיר זאָלען אָפּזאָגען ווידוי און צוגרייטען אונזערע ווײַבער און זויג-קינדער אויפ׳ן מזבח פון די בלוטדורשטיגע חיות, אַז מיר זאָלען זיך גוטוויליג איבערגעבען אין די הענד פון די בעסטיעס? ווילאַנג איך לעב וועט דאָס נישט געשעהען? צו וועמען זאָלען מיר זיך ווענדען נאָך הילף, אַז נישט צום קאָפּ פון דער שטאָדט? צו וועמען זאָלען מיר זיך ווענדען, אַז נישט צום שעף פון דער פּאָליציי, וועלכער איז בערופען אָפּצוהיטען די גאַנצקייט און דאָס פערמעגען פון די בירגער?

כזשאַנאָווסקי איז אינגאַנצען ווי צומישט געוואָרען, ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל ענטפערען אויף דעם פּמעט בעפעהלענדען טאָן פון רב. אין צימער האָט געהערשט אַ מוי…

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0027-0051 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

שטילקייט. פון צייט צו צייט האָט זיך נאָר געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון רב. די שטילקייט האָט איבערגעריסען דער פּאָליציי-מייסטער כזשאַנאָווסקי.

גיט מיר אַנ'עצה וואָס איך זאָל טון? האָט רעזיגנירט געזאָגט דער פּאָליציי-מייסטער.

וואָס הייסט דאָס, האָט געזאָגט דער רב, געהט תיכף צו קאַזנאַקאָוו'ן און ראַפּאָרטירט וועגען אַלץ. זאָגט, אַז דער לאָדזשער רב אליהו חיים מייזעל האָט אייך דאָס אַלץ איבערגעגעבען.

— פאַרוואָס זאָלט איהר דאָס אַליין נישט טון? האָט זיך אָנגערופען כזשאַנאָווסקי.

— דערפאַר ווייל איך וויל, אַז איהר זאָלט זיך אין דעם אַנגאַזשירען. איך וויל, אַז איהר זאָלט זיין פּערזאינטערעסירט דערין, ווייל ס'קען דאָך מעגליך זיין, אַז עס וועט חלילה קומען צו אַנ'אומגליק און דעמאָלט וועלען מיר דאַרפען אייער הילף.

כזשאַנאָווסקי האָט שוין איצט נישט געהאַט קיין שום אויסרייד. אין דער אָנוועזענהייט פון רב איז ער צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן אָנגעקלונגען צו קאַזנאַקאָוו'ן און געבעטען באַלד אויפגענומען צו ווערען. קאַזנאַקאָוו איז שוין שבת אָוונד געווען אין אַ זונטאָג'דיגער שטימונג, ער האָט געפּרובט אָפּצולייגען די אוידיענץ ביז מאָנטאג, אָבער כזשאַנאָווסקי, זייענדיג אונטער דער ווירקונג פון הרב מייזעלס ווערטער, האָט ערקלערט, אַז עס האַנדעלט זיך אין אַ זעהר וויכטיגען און דרינגענדען ענין, וואָס טאָר נישט אָפּגעלעגט ווערען און קאַזנאַקאָוו האָט מסכים געווען. כזשאַנאָווסקי, האָט אָנגעטון זיין מאַנטעל און איז אַוועק צו קאַזנאַקאָוו'ן. דער פּאָליציי-מייסטער האָט צוגעזאָגט דעם רב, אַז ער וועט צושיקען צום רב אַ שליח מיט די רעזולטאַטען פון דער קאָנפערענץ מיט קאַזנאַקאָוו'ן.

דער רב איז אַוועק צו זיך אַהיים. די זון איז שוין געווען נידריג אויף מערב. די אַלעע פון ספּאַצעראָווא גאַס זענען געווען פול מיט שפּאַצירענדע יודען, קיינעם איז נישט אין זינען אַריין געקומען, אַז ס'שטעהט זיי פאָר אין די נאָהענסטע טעג אַזאַ גרויס אומגליק, נאָר דער רב איז געגאַנגען פערטיפט אין די מחשבות וועגען דער גרויזאַמער פּערספּעקטיוו. ער איז געגאַנגען אַ מידער מיט קליינע טריט, בעגלייט דורך ד נייגיריגע בליקען פון דעם שפּאַצירענדען פּובליקום, דער רב האָט געוואוסט, אַז קיין שום ממשות'דיגעס איז נאָך נישט געטון, ס'איז



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0027-0052 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

נאָך נישטאָ קיין בעסערונג אין דער לאַגע, די צייט איז קורץ, וואָס טוט מען ווייטער?

— און אפשר האָט סאַנקעוויטש איבערגעטריבען, און אפשר איינגאַנצען אָפּגענאַרט?

דער רב האָט אָבער נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, צופיל מענשען-קענער איז ער געווען, כדי צו קענען אונטערשיידען סאַנקעוויטשעס אויפריכטיגקייט פון בייזווילליגען שפּאַס. איצט איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער עצה, ווי אָפּוואַרטען געדולדיג אויפ'ן ענטפער פון קאַזנאַקאָוו'ן.

דער רב איז אַריינגעקומען אין שטוב אַ מידער און בלאַסער, זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס ביים רב האָט געוואַרט דר. ראָזענבלאַט און נאָך עטליכע חשוב'ע בירגער פון דער שטאָט, וועלכע האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם געהיימניספולען בעזוך פון אַ רוסישען אָפיציר און וועגען דעם שבת'דיגען בעזוך פון רב ביים פּאָליצײ-מייסטער, זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין און האָבען דעריבער געוואַרט אויפ'ן צוריקקומען פון רב.

אויסער דעם „גוט שבת" האָט דער רב אליהו חיים נישט אויסגערעדט קיין איין וואָרט, מ'האָט זיך געשטעלט דאַווענען מיט מנין מנחה, אָפּגעדאַווענט איז דער רב אַריין אין בעזונדער צימער, גענומען אַ ספר אין האַנד און געזעסען איינער אַליין טיף פערזאָגט וועגען דעם טרויעריגען גורל אוןווירקליכקייט פון יודישען פאָלק.

ביים עולם אין צווייטען צימער איז נייגיריגקייט געמישט מיט אַ געוויסען שרעק אַלץ געוואַקסען, קיינער האָט אָבער נישט געהאַט די דרייסטקייט אַריינגעהען צום רב און איהם איבערצופרעגען. די שטימונג איז געווען אַ שווערע און געדריקטע, אַלע האָבען מיט מורא געוואַרט אויף עפּעס אַ שרעקליכען סוד וואָס וועט אַ לאַדע מינוט ענטפּלעקט ווערען. די מינוטען האָבען זיך געצויגען ווי שעה'ן, דער רב האָט זיך אָבער נישט געאיילט צו רעדען צום עולם, אַזאַ מין לאַגע האָט אָבער נישט לאַנג געקענט דויערען, איינער פון די בעלי-בתים איז אַריין צום רב אין אויף זיך גענומען די דרייסטקייט איבערצופרעגען וואָס דאָ קומט פאָר.

— שלעכטע בשורות, האָט דער רב געענטפערט, דאַרף מען זיך נישט איילען אָנצוזאָגען אַפילו אַ שונא, זייט געדולדיג



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

בריהער אָדער שפּעטער וועט איהר זיך דערוויסען, איך ווינש אונז אַלעמען, אַז מיר זאָלען דאָס דערצעהלען אין פריידען.

נאָך אַזאַ ענטפער וואָס האָט זעהר פיל געגעבען צו פערשטעהען איז דער עולם געוואָרען נאָך אונרוהיגער און מ׳האָט אַרויסגעזאָגט פערשידענע השערות.

פלוצלינג איז מיט אַ קאַרעטע פערפאָהרען פאַר׳ן הויז וואו דער רב האָט געוואוינט אַנ׳אָפיציר. דאָס איז נישט געוועזען דערזעלבער, וואָס איז דאָ געוועזען מיט עטליכע שעה צוריק. ער איז גלייך אַריין צום רב, אויסגעצויגען זיך אין דער גאַנצער לענג ווי אַ סטרונע און געזאָגט:

- גענעראַל קאַזנאַקאָוו האָט געבעטען, אַז איהר זאָלט תיכף ומיד קומען צו איהם.

ר׳ אליהו-חיים איז פון דער דאָזיגער איינלאָדונג נישט איבעראַשט געוואָרען. הפנים ער האָט אויף איהר געוואַרט, ער האָט געהייסען דעם אָפיציר איבערצוגעבען קאַזנאַקאָוו׳ן, אַז אין אַ האַלבע שעה וועט דער רב דאָרט זיין.

דערווייל איז צוגעפאַלען די נאַכט. די ערשטע שטערען האָבען זיך בעוויזען אויפ׳ן לויטערען הימעל. ביים רב האָט מען אָנגעצינדען ליכט, געדאַוונט מעריב, ר׳ אליהו-חיים האָט געמאַכט הבדלה, אָנגעטאָן זיין פּאַראַד-קליידונג און אויף אַ דראָזשקע אַוועק צו קאַזנאַקאָוו׳ן אין פּאַלאַץ. אַריינקומענדיג אין קאָרידאָר האָט דער דענשטשיק שוין געוואוסט, אַז ער דאַרף באַלד מעלדען קאַזנאַקאָוו׳ן, אַז דער יודישער ראַבין איז געקומען. קאַזנאַקאָוו איז אַרויסגעקומען אין קאָרידאָר. ער איז געוועזען רויט און אָנגעבלאָזען פאַר אויפרעגונג און אויף זיין פּנים האָט מען נישט געקענט אונטערשיידען פון וואַנען די אויפרעגונג שטאַמט; צי פון עגמת-נפש צוליב דעם בעפאָרשטעהענדען פּאָגראָם אויף דער יודישער בעפעלקערונג, אָדער גאָר צוליב דעם, וואָס דער פּלאַן איז פריהצייטיג ענטדעקט געוואָרען. קאַזנאַקאָוו האָט זיך אָבער בעמיהט צו בעהערשען. ער האָט אַריינגעבעטען דעם רב אין אויפנאַהמס-צימער, אין וועלכען ס׳איז אויך געזעסען דער פּאָליציי-מייסטער כזשאַנאָווסקי, געבעטען דעם רב זיצען און גלייך צוגעטרעטען צום ענין.

– דער פּאָליציי-מייסטער כזשאַנאָווסקי, האָט קאַזנאַקאָוו אָנגעהויבען רעדען מיט זיין באַסאָווע שטימע, האָט מיר איבער-

נעגעבּן אייער געשפּרעך מיט איהם, איך וויל דורכאויס וויסען, פון וואַנען איהר, ה׳ ראַבּין ווייסט וועגען דעם אַלעמען, איך קען פריהער נישט אָננעהמען קיין פערהיטונגס-מיטלען ביז וואַנען איך וועל האָבּען אַלע פּאַקטישע בעווייזען אין האַנד. ס׳קען דאָך זיין, אַז דאָס איז אַלץ רכילות אָדער קלאַנגען, וועלכע מ׳דערצעהלט אין שטאָדט.

אַ ווײַלע איז אין צימער געווען שטיל, דערנאָך האָט דער רב געענטפערט:

— איך בין דער פערטרעטער פון דער גרויסער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז. איהר ה׳ גענעראַל זענט דער פערטרעטער פון מלכות. צווישען אונז קען נישט זיין קיין רייד וועגען רכילות אָדער קלאַנגען. נאָכמעהר ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ וויכטיגען ענין. פעראַנטוואָרטליכע מענשען שטיצען זיך קיינמאָל נישט אויף אַזעלכע זאַכען נאָר אויף פּאַקטישע מאַטעריאַלען, ליידער איז די זאַך אַזוי, ווי איך האָב זי פאָרגעשטעלט, מ׳גרייט זיך שוין צו רויבּען, מ׳גרייט שוין צו שווערדען און בּיקסען צו מאָרדען. מיט אַ מערדערישער קאַלטבּלוטיגקייט ווערט דער טייוולאָנישער פּלאַן צוגעגרייט און צוגעטראַכט. איהר פרעגט פון וואַנען איך ווייס דאָס אַלץ? איהר זייט אפשר גערעכט, אָבער איך קען און וועל אייך נישט זאָגען, ווייל איך קען נישט דערלאָזען, אַז אַן אַנשטענדיגער מענש זאָל ליידען צוליבּ דעם וואָס ער האָט אונז יודען אַ גרויסע טובה געטון און אונז געוואָרענט פאַר דעם גרויסען אומגליק, וואָס שטעהט אונז פאָר, פערלאַנגט דאָס נישט פון מיר, ה׳ גענעראַל איך בין געבּונדען מיט אַנ׳עהרען וואָרט און וועל אייך דאָס נישט זאָגען.

קאָזנאַקאָוו איז געווען אין אַ פערלעגענהייט, ער דער מעכטיגער גענעראַל האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערען. ער האָט נאָכאַמאָל איבּערגע׳חזר׳ט זיינע אַרגומענטען וועגען בעווייזען און מאַטעריאַלען. ער האָט זיך געדרעהט אַהין און צוריק איבּער׳ן צימער און געזוכט אַנ׳אויסוועג פון דער לאַגע. ר׳ אליהו-חיים האָט איהם אַרויסגעהאָלפען פון דער אונאַנגענעהמער לאַגע און האָט געזאָגט:

זייט אַזוי גוט, ה׳ גענעראַל, און רופט צונויף אַ זיצונג פון די אַנפיהרער פון ביאַליסטאָקער פולק, דריקט זיי צו צו

דער וואַנד און איהר וועט האָבען די ערשטע קוועלע פֿון די ידיעות, וועלכע איך גיב אייך איבער. דאָס „בעריהמטע" ביאַליסטאָקער פֿולק איז אויף אַלץ פֿעהיג און וויל זיינע פֿעהיגקייטען אַרויסווייזען ביי אונז אין לאָדז. צי וועט נישט זיין פֿאַר אייך, ה' גענעראַל, אַ חרפּה, אַז אין דעם אָרט וואו איהר האָט די ממשלה זאָל פֿאָרקומען אַ שחיטה אויף אַ טייל רוהיגע בירגער. צי קען אייער געוויסען רוהיג בלייבען אין אַזאַ פֿאַל, בעטראַכט זיך, ה' גענעראַל, מיר קענען דאָך נישט רוהיג אָפּוואַרטען דעם טויט פֿון רויבערישע הענד, עס מוז דאָך עפּיס געטון ווערען.

— גוט, האָט געזאָגט קאַזנאַקאָוו, איך וועל טון אַזוי ווי איהר האָט מיר געזאָגט. איך וועל נאָך היינט אין דער נאַכט צוזאַמענרופֿען די אָנפֿיהרער פֿון ביאַליסטאָקער פֿולק, איך וויל טון אַלץ וואָס ליגט אין מיינע מעגליכקייטען. אויב אָבער דער גאַנצער ענין וועט זיך אַרויסווייזען פֿאַר נישט ריכטיג, טאָ זייט וויסען, ה' ראַבין, אַז איהר וועט זיין געצוואונגען צו זאָגען פֿון וואַנען איהר האָט די ידיעות גענומען, איך קען דאָך נישט דערלאָזען, צו מאַכען בלבולים אויף רוסישע אָפֿיצירען און זעלנער.

דער רב האָט זיך פֿון דער דאָזיגער דראָהונג לגמרי נישט דערשראָקען און האָט געזאָגט:

— איך בין פֿאַר מיינע רייד פֿעראַנטוואָרטליך.

— געהט אַ היים, האָט קאַזנאַקאָוו שוין גאַנץ העפֿליך געזאָגט צום רב: נאָכ'ן ענדיגען פֿון דער זיצונג וועל איך אייך מיטיילען דעם רעזולטאַט.

דער רב איז אַוועק. כזשאַנאָווסקי איז נאָך געבליבען. קומענדיג צוריק אַ היים צו זיך אין וואוינונג האָט ער צוזאַמענגענומען די מענשען וואָס האָבען זיך געפֿונען אין שטוב און, נישט דערצעהלענדיג קיינעם קיין איינציג וואָרט, אַוועקגעשטעלט זיך זאָגען תהלים.

ווי מ'האָט זיך אין אַ צייט אַרום דערוואוסט האָט קאַזנאַקאָוו נאָך דעמזעלבען אָוועגד אָנגעהויבען אַרומצוזוכען שלוחים, כדי אויפֿצוזוכען די אָנפֿיהרער פֿון ביאַליסטאָקער פֿולק און זיי ברענגען צו אַ זיצונג צו קאַזנאַקאָוו'ן. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. אַלע אָפֿיצירען זענען שוין געווען פֿריי אויף

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0029-0056 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

זונטאָג און יעדער איינער האָט זיך געפינען אין אַנ׳אַנדערען קאַבאַרעט, אָדער פּשוט׳ע שענק און גע׳שיכור׳ט. אַרום איינס אַ זייגער ביינאַכט איז געלונגען זיי אַלע צוזאַמענצונעהמען און די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבען. צווישען די פערזאַמעלטע איז אויך געוועזען דער אָפיציר סאַנקעוויטש. קאָזנאַקאָוו האט געעפענט די זיצונג בזה הלשון:

— מיינע הערען! איך ווייס ווי געטריי איהר דינט דעם פאָטערלאַנד, איך ווייס, אַז איהר זענט גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר׳ן צאַר און פאַר דער גאַנצקייט פון דער רוסישער מלוכה. מיר אַלע ווייסען גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ שווערע און פעראַנטוואָרטליכע אַרבייט עס ליגט אויף אונז ביים „אוסמירייען די מיאַטעזשניקעס“ (בערוהיגען די בונטאָווטשיקעס). אין דער היגזיכט ווייסען מיר נישט פון קיין שום רחמנות. די בונטען מוזען אונטערדריקט ווערען, ווען עס זאָלען אַפילו דאַרפען אומקומען הונדערטער קרבנות. מיר ווייסען אויך אַלע, אַז די רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע קומט פון די „אינאָראָדצעס“ פון פּאָלאַקען און יודען. ס׳איז דעריבער פערשטענדליך אייער געפיהל פון שנאה צו די יודען, אַלס פיינד פון דער צאַרישטישער דינאַסטיע און פון דער מלוכה בכלל.

מיר טאָרען זיך אָבער נישט לאָזען מיטרייסען מיט אונזערע געפיהלען און זיך גוט פערטראַכטען אויף דעם, וואָס מיר מיר ווילען טון.

די אָפיצירען פון ביאַליסטאָקער פולק האָבען שוין אָנגעהויבען צו פערשטעהען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָס און וועגען וואָס עס געהט דעם כיטרען גענעראַל קאָזנאַקאָוו. זיי האָבען זיך איבערגעקוקט איינער אויפ׳ן אַנדערען מיט פרעגענדע מינעס, ווער עס האָט דאָס געקענט זייער געהיימניש פערראַטען. זיי האָבען איצט פערשטאַנען, אַז דאָס שפיל וועט זיך נישט איינגעבען און זיי האָבען דאָס אויפריכטיג בעדויערט. אַלע האָבען געשוויגען ביז קאָזנאַקאָוו וועט איינגאַנצען ענדיגען זיין רעדע.

— איך ווייס פון אַ זיכערער קוועלע האָט קאָזנאַקאָוו ווייטער געזאָגט, אַז איהר מיינע הערען האָט בעשלאָסען דעם קומענדיגען דינסטאָג אַ ביסעל אַ הוליע צו טון און בעאונרוהיגען די יודלעך. צי האָט איהר זיך אָבער פערטראַכט אויב דאָס

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

עסק לוינט בכלל. צי ווייסט איהר וועגען דעם איינפלוס, וואָס די „זשידעס“ האָבען אין אויסלאַנד און ווי אַזוי זיי קענען אונז שאַדען. לאָדז איז אַ גרויסע שטאָדט און דאָס געוואַלד און געשריי פון די יודען וועט זיין מעכטיג און שטאַרק, ווען עס וועט זיי אַ האָר פון קאָפּ געמינערט ווערען. איך לעג אייך דעריבער פאָר, מיינע הערען, צו רעזיגנירען פון אייער פלאַן און לאָזען פאָרלויפיג די יודעלעך צו רוה.

ס'פערשטעהט זיך, אַז די אָפיצירען זענען פון קאַזנאַקאָוו'ס לאַנגע דרשה נישט נתפעל געוואָרען און זיך נישט דערשראָקען. זיי האָט נאָר פערדראָסען די מעשה, ווי אַזוי איז זייער פלאַן דערגאַנגען צו קאַזנאַקאָוו'ן, יעדער האָט זיך ביי זיך געטראַכט, אַז אין פולק מוז זיין עפּיס אַ זשידאָווסקער פריינד, וועלכער האָט פערראַטען די היילינע עבודה. ס'איז אָבער נישט געוועזן קיין עצה און עמיצער האָט געמוזט געבען אַן ענטפער אויף קאַזנאַקאָוו'ס רעדע. דער פולקאָווניק פון ביאַליסטאָקער פולק האָט געבעטען אַ וואָרט און האָט געזאָגט:

— ס'איז אמת, ה' גענעראַל, אַז אונזערע סאָלדאַטען האָבען זיך געוואָלט אַ ביסעל פערוויילען. אונז אָפיצירען איז דער ענין זעהר ווייניג אָנגעגאַנגען. מיר האָבען נישט געפּרובט צו רעאַגירען, אָבער מיר האָבען זיי אויך נישט צוגערעדט דערצו. אויב איהר, ה' גענעראַל, וועט בעפעהלען ווילען מיר אָנגעהמען מיטלען דערחייל אָפּצוהאַלטען די זעלנער פון אַרויסטרעטען געגען די זשידעס.

דער דאָזיגער חוצפה'דיגער ענטפער פון פולקאָווניק האָט שוין אויפגערעגט אַפילו דעם קאַלטען מצרדער קאַזנאַקאָוו'ן. ער האָט אַ קלאַפּ געגעבען מיט דער פויסט אין טיש און געשריגען:

— וואָס הייסט, אַז אייך איז דער ענין גאָרנישט אָנגעגאַנגען? צי אינטערעסירט איהר זיך מיט דעם, וואָס אייערע זעלנער טון, אָדער פלאַנעווען צו טון? אָדער אייך געהט דאָס אַלץ אָן ווי דער פאַריעהריגער שניי. איך זעה איצט און בין איבערציינט, אַז אַלץ וואָס מ'האָט מיר איבערגעבען וועגען דעם געפּלאַנטען פּאָגראָם איז אמת. איך בין איבערציינט, אַז דאָס, וואָס דער ראַבין מייזעל האָט מיר היינט אין אָווענד געזאָגט איז דער קלאָרסטער אמת, האָט זיך קאַזנאַקאָוו נישט ווילענדיג

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0030-0058 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אַרויסגעכאַפּט. איך זאָג, האָט ער געשריגען שוין נישט מיט זיין שטימע, אַז דאָס וועט נישט פּאַסירען. איך וועל נישט דערלאָזען אַז הינטער מיינע פּלייצעס זאָלען אויסגעאַרבייט ווערען עפּיס געהיימע פּלענער, פון וועלכע איך האָב קיין אַהנונג נישט. ניין, בשום אופן, ניין! דאָס וועט נישט געשעהען.

— צי האָט מיר נאָך עמיצער פון אייך עפּיס צו זאָגען, האָט געפרעגט קאַזנאַקאָוו.

דער פּאָלקאָווניק איז געשטאַנען בלאַס ווי די וואַנד און נישט געקענט אַ וואָרט אַרויסרעדען, ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער געזאָגט:

— מיר וועלען טון, ווי איהר. ה' גענעראַל, וועט בעפעהלען.

— אַלזאָ, האָט קאַזנאַקאָוו געזאָגט, געהט אַ היים, פּאַקט די זאַכען און וואַרט אויף מיינע בעפעהלען.

צומאָרגענס אין דער פריה איז געקומען קאַזנאַקאָוו'ס אַדיוטאַנט צום לאָדזער רב און איהם איבערגעבען אַ בריף פון גענעראַל. אין בריף איז געווען געשריבען, אַז דער ביאַליסטאָקער פּולק פערלאָזט מאָנטאָג אין דער פריה די שטאָדט לאָדז. דער בעפעהל איז שוין אָפּגעגאַנגען אין פּולק.

מיט דעם האָט זיך די געשיכטע נאָך נישט געענדיגט.

זונטאָג נאָכמיטאָג איז צום רב געקומען דער יודען-פריינדליכער אָפיציר סאַנקעוויטש, ער איז געווען אָנגעטון אין ציווילער קליידונג, כדי מ'זאָל נישט בעמערקען, אַז ער געהט אַריין צום רב.

מיט אַ שטראַהלענדען געזיכט פאַר פרייד האָט ער דער-צעהלט דעם רב וועגען דער נאַכט-זיצונג ביי קאַזנאַקאָוו'ן און איבערגעגעבען, אַז אין פּולק איז שוין אָנגעקומען אַ בעפעהל, אַז דאָס ביאַליסטאָקער פּולק זאָל מאָנטאָג בעגינען פערלאָזען לאָדז.

— די שמחה איז מיר אָבער אַ ביסעל געשטערט, האָט גע-זאָגט סאַנקעוויטש, אין פּולק האָט דער בעפעהל צו פערלאָזען לאָדז געמאַכט אַ שטאַרקען רושם, די אָפיצירען זענען זעהר צו-פרידען געוועזען, וואָס זיי האָבען זיך געפונען אין אַ גרויסער שטאָדט, וואו מ'קאָן אַ לעב טון, די זעלנער האָבען זיך אויך לאָדז אויך נישט געהאַט צו בעקלאָגען און פּלוצלינג גאָר פער-לאָזען די שטאָדט?

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

אַלע אין פולק, האָט סאַנקעוויטש ווייטער געזאָגט, זענען איבערצייגט, אַז דאָ איז געשעהען אַ פערראַט און אַז עמיץ אַ נאָהענטערער האָט פערראַטען זייער פּלאַן. איך דאַנק אייך זעהר, ה׳ ראַבינער, וואָס איהר האָט ערפיהלט אייער הבטחה און נישט אויסגעזאָגט, ווער עס האָט אייך אַלץ דערצעהלט, מיין לעבען וואָלט אין אַנדער פאַל געהאָנגען אויף אַ האָר. די גרעסטע אויפרעגונג אין פולק איז אָבער געווענדעט געגען אייך, האָט סאַנקעוויטש צוגעגעבען.

— פאַרוואָס געגען מיר, האָט ר׳ אליהו זיך געפרעגט.

— דערפאַר. ווייל קאַזנאַקאָוו האָט אויף דער נעכטיגער זיצונג זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז איהר, ה׳ ראַבינער, האָט איהם וועגען אַלץ דערצעהלט. זיי, די באַנדיטען זוכען איצט אַ פּלאַן, ווי אַזוי נקמה צו נעהמען אין אייך פאַר׳ן אַרויספּאָהרען, איך בין דעריבער געקומען צו אייך וואָרנען, אַז איהר זאָלט זיך היטען פאַר די אויסוואורפען, ביי זיי איז נישט קיין גרויסע זאַך אייך עפּעס שלעכטס-טון.

— איך דאַנק אייך זעהר, איידעלער ה׳ סאַנקעוויטש, האָט דער רב געזאָגט, דריקענדיג די האַנד דעם אָפיציר. זייט רוהיג, איך דאַנק דעם רבונו של עולם, וואָס מיר האָט זיך דורך אייער מיטהילף איינגעגעבען אָפּצושאַפען דעם גזר דין אויף דער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז, וואָס פאַרא ראָל שפּילט דאָ איצט מיין פערזאָן? בפרט נאָך, אַז מיר ווייסען נאָך נישט, צי אייערע אָפיצירען האָבען שוין עפּעס בעשלאָסען וועגען דעם. נאַטירליך וועל איך אויך זיך זעהען צו היטען פאַר זייערע הענד.

— איך האָב מיך איבערצייגט, האָט סאַנקעוויטש מיט בע. גייסטערונג אויסגעשריגען, אַז אייער גרויסקייט, ה׳ ראַבינער, שטייגט איבער אַלע מיינע פאַנטאַזיעס וועגען אייך און אַלץ וואָס איך האָב וועגען אייך געהערט. איך פערלאָז מאָרגען איינדערפריה לאָדז און ווער ווייס, צי איך וועל נאָך ווען עס איז דאָ זיין. די ערינערונג וועגען אייך וועט ביי מיר בלייבען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען.

ר׳ אליהו חיים האָט אַרויפגעלעגט זיין רעכטע האַנד אויפ׳ן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ פון סאַנקעוויטש׳ן און האָט געזאָגט:

איהר האָט געטון אַ גרויסע מצוה, וואָס נישט יעדער מענש האָט די זכיה זי מקיים צו זיין אין זיין לעבען, איהר האָט

גצראַטעוועט אַנ׳עדה יודען פון שענדליכע, פון רוצח׳ישע הענד. איך ווינש אייך דריבער, אַז איהר זאָלט מצליח זיין אין אַלע אייערע וועגען, וואו איהר וועט זיך נאָר קעהרען אין ווענדען.

דער אָפיציר האָט זיך האַרציג געזעגענט מיט ר׳ אליהו חיים און איז אַרויס פון רב׳ס צימער, ווישענדיג זיך טרעהרען פון די אויגען פאַר בעגייסטערונג פון רב׳ס ברכה.

נאָכ׳ן אַוועקגעהן פון סאַנקעוויטש׳ען האָט ר׳ אליהו חיים צוזאַמענגערופען זיינע הויז-מענשען און עטליכע אָנגעזעהענע בעלי-בתים און כלל-טוער פון דער שטאָדט און דערצעהלט וועגען דער גאַנצער פאַסירונג פון נעכטיגען און היינטיגען טאָג.

דער עולם איז אַזוי איבערראַשט געוואָרען פון דער ערצעהלונג, אַז קיינער האָט אין די ערשטע מינוטען נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדען. נאָך אַ קורצער בעראַטונג איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אַ דעלעגאַציע פון די כלל-טוער זאָל זיך ווענדען צום פאָליציי-מייסטער כזשאַנאָווסקי אין פאָלגענדען ענין:

חיות ווי ס׳איז מעגליך, אַז די אַוועקגעהענדע אָפיצירען און סאָלדאַטען פון ביאַליסטאָקער פולק זאָלען וועלען נקמה נעהמען אין לאָדזער רב, דערפאַר וואָס ער האָט זיי געשטערט זייער פלאַן, זאָל ער, דער פאָליציי-מייסטער זעהען אָפצוהיטען די פערזאָן פון בעליבטען רב, נאָכמעהר אַז עס איז אַ סברה, אַז די אָפיצירען פון דעם דערמאָהנטען פולק האָבען טאַקי געדראָהט דעם רב.

כזשאַנאָווסקי האָט צוגעזאָגט צו טון אַלץ, כדי אָפצוהיטען דאָס געזונד און לעבען פון ר׳ אליהו חיים, פאַר וועלכען כזשאַנאָווסקי אַליין האָט געהאַט די גרעסטע אַכטונג. וואָס כזשאַנאָווסקי האָט אין דער דאָזיגער אָנגעלעגענהייט געטון איז נישט בעוואוסט. אַ פאַקט, אַז דעם רב איז גאָרנישט געשעהען.

צומאָרגענס בעגינען האָט מען פון אַלע פענסטער אַרויסגעקוקט און פערשידענאַרטיג קאָמענטירט דעם פאַקט, אַז דאָס פולק וואָס איז ערשט נישט לאַנג געשיקט געוואָרען קיין לאָדז צו מאַכען „אָרדנונג” געהט שוין אַוועק.

אַנדערע ווידער וואָס האָבען געוואוסט דעם סוד האָבען געמאַכט די ברכה „ברוך שפטרנו”. ביסלעכווייז האָט דער ענין אָנגעהויבען פערגעסען צו ווערען. אין אַ צוויי וואָכען שפעטער נאָך דער דאָזיגער געשעהעניש, האָט דער רב אמאָל בעקומען אַ רוסישען בריף אונטערגעשריבען דורכ׳ן פולקאָווניק פון ביאַ

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0032-0061 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ליסטאָקער פּוילק. דער בריף האָט געהאַט פאָלגענדען אינהאַלט:

„ה׳ מייזעל! צוליב דעם וואָס איהר האָט זיך ערלויבט
זעהר שטאַרק צו בעלעדיגען דאָס גאַנצע אָפּיצירענטום, דורכ-
דעם, וואָס איהר האָט זיי אָנגערופען פּאָגראָמשטשיקעס, איז אויף-
אַ זיצונג פון אָפּיצירען-קאָלעגיום איינשטימיג בעשלאָסען געוואָ-
רען צו פאָדערן פון אייך אַ סאַטיספאַקציע; די סאַטיספאַקציע
בעשטעהט אין דעם, וואָס איינער פון אונזערע אָפּיצירען רופט
אייך אַרויס אויף אַ דועל. איך בעט אייך דעריבער אָנצוגעבען
אייערע סעקונדאַנטען".

דערביי זענען אָנגעגעבען נעמען פון צוויי אָפּיצירען, וועל-
כע האָבען געדאַרפט זיין די סעקונדאַנטען פון אָפּיציר׳ס צד.

ר׳ אליהו חיים האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס זאָל בע-
דייטען, צי איז דאָס אַ ביזוויליגער שפּאַס אָדער אַ נייער וויל-
דער איינפאַל פון דעם כוליגאַנישען ביאַליסטאָקער פּוילק. דעם
רב׳ס משפחה איז געווען זעהר בעאונרוהיגט פון דעם דאָזיגען
בריף. דער רב האָט אָבער בעשלאָסען דערווייל נישט צו
מאַכען קיין געברויך פון דעם און אָפּצוּוואַרטען, ווי אַזוי
דער ענין וועט זיך ענטוויקלען. מ׳האָט דערויף נישט לאַנג גע-
דאַרפט וואַרטען, צומאָרגענס איז אָנגעקומען אַ בריף פון סאַנ-
קעוויטשען, אין וועלכען ער האָט מיטגעטיילט, אַז דאָס אָפּיצי-
רען-קאָלעגיום האָט ווירקליך אָנגענומען אַ בעשלוס אַרויסצורופען
דעם רב מייזעל אויף אַ דועל. סאַנקעוויטש האָט ווייטער געשרי-
בען, אַז הגם ער האָט נישט קיין שום עצה אָפּצוהאַלטען די
אָפּיצירען פון זייער בעשלוס, זאָגט ער דאָך צו, אַז ער וועט
מיטטיילען וועגען די שטימונגען, וואָס הערשען אין פּוילק און
וועגען אַלץ וואָס די צעהוליעטע אָפּיצירען האָבען בדעה צו טון.

אַזוי ערום האָט די געשיכטע, טראָץ איהרע קאָמישען מאָמענ-
טען, אָנגענומען אַ זעהר ערנסטען כאַראַקטער. נישט ענטפערען
האָט גאָרנישט געהאַט קיין זין. דער רב האָט נישט לאַנג גע-
טראַכט, זיך אַוועקגעזעצט און איינענהענדיג אָנגעשריבען פאָל-
גענדען בריף:

„אדוני פּולקאָווניק! אייער בריף מיט דער אויפפאָדערונג
האָב איך דערהאַלטען, הגם איך ווייס, אַז לויט דעם עהרען-
קאָדעקס, וואָס איז ביי אייך אָנגענומען, קען מען זיך פון אַ דו-
על-אַרויספאָדערונג נישט אָפּזאָגען, קען אָבער דער דערמאָנטער
קאָדעקס נאָר חל זיין פאַר דער גרופּע מענשען, וועלכע האָבען



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

דעם דאָזיגען קאָדעקס אָנגענומען אַלס אַ מיטעל ווי אַזוי אָפּצוהיטען זייער כּבוד.

איך בין אָבער אַ אָנהענגער פון אַ גאַנץ אַנדערען קאָדעקס, אַ קאָדעקס וואָס איז אַלט כּמעט ווי די וועלט שטעהט, פון דער יודישער תּורה און רעליגיע. אונזער רעליגיע ערלויבט אונז בשום אופן נישט אָפּצוהיטען אונזער כבוד דורך זאַכען, וועלכע קענען זיך ענדיגען מיט בלוט פערגיסונג. צוליב די דאָזיגע טעמים בין איך געצוואונגען אייער ארויספאָדערונג אָפּצוזאָגען. דערביי גיב איך צו, אַז איך האָב אין קיין שום געשפּרעך מיט וועמען עס איז, קיינעם פון די הערען אָפיצירען דירעקט נישט בעלעדיגט, אַזוי אַז אפילו לויט אייער אָנגענומענעם עהרען-קאָדעקס האָט איהר נישט קיין רעכט מיר צו שיקען, וועלכע עס איז אַרויספאָדערונג.

איך בעט אייך דעריבער זעהר צו נעמען אין בעטראַכט מיינע אויספיהרונגען און רעזיגנירען פון אייער בעשלוס. איך בעט אייך דורכאויס אויף מיין היינטיגען בריף צו ענטפערען און פערבלייב מיט אַכטונג אליהו חיים מייזעל, רב פון לאָדז".

די טעג פון וואַרטען אויף אַ ענטפער זענען געווען זעהר אונרוהיגע, דעם רב׳ס משפחה און אויך די נאָהענטסטע פערעהרער האָבען זיך זעהר געשראָקען פאַר דעם אויסגאַנג פון דער געשיכטע, מ׳האָט ר׳ אליהו חיימ׳ען נישט געלאָזען אויף איין מינוט אַליין, און איהם שטאַרק געהיטען, הגם אויף ר׳ אליהו חיימ׳ען אַליין איז נישט געווען צו בעמערקען קיין שום אויפרעגונג אָדער בעאונרוהיגונג.

נאָך עטליכע טעג וואַרטען זענען אָנגעקומען צום רב 2 בריף, דער ערשטער פון די אָפיצירענס סעקונדאַנטען, אַז היות ווי ה׳ א. ח. מייזעל האָט ביז׳ן היינטיגען טאָג נישט צוגעשיקט די נעמען פון זיינע סעקונדאַנטען האַלטען זיי, אַז ה׳ מייזעל זאָגט זיך אָב פון דעם אַרויסגערופענעם דועל, און זיי פּסקענען, דאָס ה׳ מייזעל האָט דעם דועל פערשפּילט.

דער צווייטער בריף איז געווען פון דעם פולקאָווניק. אינ׳ם בריף איז געזאָגט געוואָרען, אַז צוליב דעם וואָס הרב מייזעל האָט זיך אָפּגעזאַגט פון דועל, פאָדערען זיי דורכאויס צו וויסען, ווער עס האָט דעם רב איבערגעגעבען די ידיעות וועגען דעם געפּלאַנטען פּאָגראָם, אין געגענפאַל וועלען זיי זוכען אַ סאַטיספאַקציע אויף אַ גאַנץ אַנדערען וועג.

דער דאזיגער בריף איז שוין געווען א דראהונג מצד די אָפּיצירען און דער רב האָט איהם איבערגעגעבען דעם פּאָליציי-מייסטער כזשאַגאָווסקי. גלייכצייטיג האָט ר׳ אליהו חיים אַוועקגעשיקט אַנ׳ענטפער, אַז וועגען אויסגעבען די פּערזאָן, וועלכע האָט איהם די ידיעות איבערגעגעבען קען קיין רייד נישט זיין, ווען אפילו עס זאָל קאָסטען זיין קאָפּ. דער רב האָט ווייטער געשריבען, אַז ער האַלט דעם ענין פאַר פולשטענדיג ערלעדיגט און ער וועט מעהר קיין פּאָלעמיק און קיין קאָרעספּאָנדענץ נישט פיהרען.

דער פּאָליציי-מייסטער כזשאַנאָווסקי האָט אָנגענומען מיטלען, אַז עס זאָל דעם רב גאָרנישט געשעהען. אין עטליכע טעג ארום איז ווידער אָנגעקומען אַ בריף פון פולקאָווניק, דאָסמאָל שוין דער לעצטער. אין בריף ווערט געשריבען:

„מיר האַלטען אויך שוין דעם ענין פאַר ערלעדיגט. מיר דריקען אויס אונזער גרעסטע אַכטונג פאַר דעם פאָרשטעהער פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז, צוליב דעם וואָס נישט קוקענדיג אויף אונזער אַלע דראָהונגען האָט ער דאָך נישט אויסגעגעבען די פּערזאָן, וועלכע האָט איהם איבערגעגעבען געהיימע ידיעות און אַזוי־צרום בעוויזען, אַז ער האָט דעם שטאַרקען ווילען צו האַלטען די צוגעזאָגטע הבטחות. מיר ערקלערען, אַז מיר ציהען צוריק אונזער אַרויספאָדערונג און אונזערע דראָהונגען און פערזיכערען, אַז פון אונזער זייט וועט אייך קיין האָהר פון קאָפּ נישט געמינערט ווערען.

מיט דעם האָט זיך געענדיגט די סענסאַציאָנעלע געשיכטע וועגען לאָדזער פּאָגראָם.

די לאָדזער רייזענדער האָבען שטענדיג געהאַט אַ שם פאַר זייער ענערגיע און ריהרעוודיגקייט. נישט געווען קיין איין פערוואָרפען ווינקעלע און גאַנץ רוסלאַנד, וואו די לאָדזער רייזענדע זאָלען נישט אָנשפּאַרען מיט די לאָדזער קאָלעקציעס און אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק די דאָזיגע יודישע רייזענדע איז לאָדז געקומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער זי האָט זיך געפונען פאַר דער מלחמה.

איז געפאַהרען אַ לאָדזער רייזענדער ה׳ קאַצענעלבאָגען אין אַ פּראָסטיגען טאָג איבער די קליינע שטעדטלעך פון רוסלאַנד. די קאָמוניקאַציע-מיטלען אין רוסלאַנד זענען נישט געווען קיין אידעאַלע און די רייזענדע איז אויסגעקומען מאַנכעס מאָל

[redacted]

גאַנצע טעג און נעכט זיך צו שלעפּען מיט פוהרען אָדער מיט שליטענס.

אָפּגעפּאָהרען אויף אַ פוהר אַ גאַנצען פרייטאָג'דיגען טאָג איז ה' קאַצענעלענבאָגען שוין פאַרנאַכט אָנגעקומען אין אַ קליין שטעדטעל און פערפאָהרען פאַר אַ גאַסטהויז. דער דאָזיגער „האָמעל" האָט געהערט צו אַ גוטמוטיגע רוסישע נשמה, זעהר אַנאָרענטליכען מענשען, וועלכער האָט פאַר יעדען גאַסט געזוכט די גרעסטע בעקוועמליכקייטען.

ה' קאַצענעלנבאָגען איז אַראָפּגעקראָכען פון דער סקריפּענדער פוהר, אַריינגעגאַנגען אין דער וואַרימער שטוב, זיך אַרומגעוואַשען און אַ ביסעל אויסגערוהט. דער שבת איז צוגעפאַלען, דער מאָגען האָט געפאָדערט דאָס זייניגע.

ה' קאַצענעלענבאָגען איז געווען אין אַ פערלעגענהייט. קיין טרפות האָט ער קיינמאָל נישט געגעסען, ער האָט ביי דעם אגב אָרענטליכען מענשען, נישט געהאַט וואָס צו נעהמען אין מויל אַריין און איז מסופק געווען צי אין דאָזיגען קליינעם קאַצאַפּסקע שטעדטעלע געפינט זיך אַ יוד, וואו ה' קאַצענעלענבאָגען זאָל קענען פערברענגען שבת.

— וואָס וועט איהר עסען באַרין, פרעגט דער גאַסטווירט.

— גאָרנישט פּיאָטר פּאַוולאָוויש, ליידער קען איך ביי אייך אויסער אַ שטיקעל בולקע און טעע גאָרנישט טועם זיין, איך בין אַ יוד און עס נישט קיין טרפות.

— איך האָב פאַר אייך אַן'עצה, האָט זיך אָנגערופען דער גאַסטווירט. ביי אונז אין שטעדטעל וואוינט אַ זעהר אַנשטענדיגער „יעוורעטשיק", אַ שוסטער, ער האָט מיך שטאַרק געבעטען אַז וועלכער יוד עס וועט קומען אין שטעדטעל זאָל איך שיקען צו איהם. ער בענקט אַזוי נאָך אַ יוד, אָבער זעלטען ווען עס פערבלאָנדזשעט זיך צו אונז אַ יוד. קומט, באַרין, איך וועל אייך אהינפיהרען צו דעם שוסטער'ל. ער וועט זיך מיט אייך שטאַרק פרעהען, איהר וועט דאָרט אָפּעסען וועטשערע און דערנאָך וועט איהר צוריקקומען און איבערנעכטיגען ביי מיר אין גאָסטיניצע.

ה' קאַצענעלנבאָגען האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט דער דאָזיגער בשורה און איז צוזאַמען מיט'ן גאַסטווירט אַוועק צום יודישען שוסטער. דאָרט איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט צו שבת עס זיינען געשטאַנען ליכטער אויפ'ן טיש. דער וואַרשטאַט איז שוין אַוועקגערוימט און דער שוסטער האָט איבערגעטון זיין שבת-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0034-0065 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דיגע יופּעצע, כּדי איינער אַליין אין שטעדטעל צו בּעגעגענען דעם הייליגען שבּת.

גוט שבּת, האָט ה׳ קאַצענעלבּאָגען בּאַלד אָנגעהויבּען אויף מאַמע לשון.

שלום-עליכם אַ יוד האָט דער שוסטער זיך שטאַרק דערפרעהט. שוין לאַנג מיט אַ יוד נישט גערעדט. זייט מיין גאַסט און פיהלט זיך ווי אין דער היים.

די 2 יודען האָבּען זיך אַ בּיסעל צורעדט, אויסגעפרעגט וועגן פון וואַנען מ׳שטאַמט. דערהערט, אַז ה׳ קאַצענעלבּאָגען שטאַמט פון לאָדז האָט דער שוסטער כּמעט ווי אויסגעשריגען פאַר פרייד:

— גאָט אַליין האָט אייך דאָ אַהערגעשיקט, הערט וואָס איך וועל אייך בּעטען: מיינע עלטערען, האָט דער שוסטער אָנגעהויבּען פערצעהלען, האָבּען געוואוינט טאַקי אין לאָדז, דורך פערשידענע סבּות זענען מזר פערוואָרפען געוואָרען דאָ אַהער אין דעם רוסישען שטעדטעל, פעסער נעהמען מיר אַלע אַרויס אין לאָדז. נאַכדעם ווי מיינע עלטערען זענען געשטאָרבּען בּין איך פערבּליבּען מיט מיין יונגערען בּרודער אַ בּחור, וועלכער האָט ווייטער געוואוינט אין לאָדז. מיט אַ יאָהר שפּעטער איז אויך מיין בּרודער געשטאָרבּען. ווען עס איז געקומען די צייט ווען מיין פערשטאָרבּענער בּרודער האָט זיך געדאַרפט צושטעלען צום מיליטער, האָט מען מיך אָנגעהויבּען צו טרייבּערען די אָדערען, אַז איך זאָל איהם צושטעלען אָדער איך זאָל בּעצאָהלען פאַר איהם 300 רובּעל.

עס האָבּען נישט געהאָלפען און ס׳העלפען נישט בּיז איצט מיינע טענות, אַז מיין בּרודער איז געשטאָרבּען. מ׳פערלאַנגט פון מיר אַנ׳אויסצוג פון די לאָדזער בּיכער, אַז ער איז ווירקליך געשטאָרבּען. איך האָבּ מיך נישט צו קיינעם צו ווענדען קיין לאָדז, דערווייל נעהמט בּיי מיר דער „אָקאָלאָטשיני" לאַפּובקעס און דראָהט, אַז ער וועט מיר מיין וואַרשטאַט פערקויפען.

ה׳ קאַצענעלבּאָגען האָט צוגעזאָגט דעם שוסטער, אַז נאָר ווי ער וועט קומען קיין לאָדז וועט ער אַרויסנעהמען די געהעריגע פאַפּירען און איבּערשיקען דעם שוסטער. כּדי ה׳ קאַצענעלבּאָגען זאָל אָן דעם ענין נישט פערגעסען, האָט ער איבּערגעלאָזט זיין לאָדזער אַדרעס, אַז דער שוסטער זאָל איהם דערמאָנען. ה׳ קאַצענעלעבּאָגען איז געוועזן בּיי דעם שוסטער בּיז איבּער שבּת און איז ווייטער געפאָהרען.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

נאָך אַ לֿענגערער צייט ווען ה׳ קאַצענעלענבאָגען איז געקומען צוריק קיין לאָדז האָט ער שוין געטראָפען אין דערהיים אַ בריף, אין וועלֿכען דער שוסטער בעט רחמים צו ערלעדיגען דעם ענין. דער אָקאָלאָדאָטשני, שרייבט דער שוסטער, פערלאַנגט פון מיר איצט 20 רובעל. ווען איך וואָלט געהאַט 20 רובל מזומנים וואָלט איך געקענט אַוועקשיקען מיין פרוי אויף אַן׳אָפעראַציע וואָס זי דאַרף נויטיג האָבען.

ה׳ קאַצענעלענבאָגען איז גלייך אַוועק צום לאָדזער רב, וועלֿכער האָט צו יענער צייט געפיהרט די מעטריקע-ביכער און האָט איהם איבערגעגעבען דעם בריף פון שוסטער.

ר׳ אליהו חיים האָט צוגענומען דעם בריף און ערקלערט דעם ה׳ קאַצענעלענבאָגען, אַז ער וועט שוין דעם ענין ערלעדיגען.

מיט אַ יאָהר שפעטער איז ה׳ קאַצענעלענבאָגען ווידער אַוועקגעפאָהרען אויף דער רייזע און געקומען אין דעמזעלבען שטעדטעל, ה׳ קאַצענעלנבאָגען איז גלייך פערפאָהרען צו זיין בעקאַנטען שוסטער.

די גדולה פון דעם שוסטער איז געווען אָהן אַ גרעניץ. ער האָט פשוט נישט געוואוסט וואו דעם ה׳ קאַצענעלענבאָגען אַוועקצוזעצען. ווען די צוויי בעקאַנטע האָבען זיך צורעדט, האָט ה׳ קאַצענעלענבאָגען געפרעגט, צו דער ענין מיט זיין ברודער׳ס פאַפירען איז שוין ערלעדיגט. דער שוסטער האָט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט און דערצעהלט, אַז ער האָט בעקומען אין עטליכע טעג שפעטער ווי ער האָט אַוועקגעשריבען דעם בריף צו ה׳ קאַצענעלענבאָגען, אין אַ קאָנווערט פון לאָדזער רב ר׳ אליהו-חיים מייזעל אַלע נויטיגע פאַפירען. אין דעם קאָנווערט זענען געלעגען צוויי צעהן-רובעל׳דיגע פאַפירלעך און אַ קליין צעטעלע מיט פאָלגענדער צושריפט: „שיקט תיכף אייער פרוי אויף דער נויטיגער אָפעראַציע און זאָל איהר זיין צו רפואה שלמה״. איך האָב אַזוי געטון, האָט געזאָגט דער שוסטער, און מיין פרוי איז איצט פולשטענדיג געזונד. זייט אַזוי גוט ה׳ קאַצענעלענבאָגען און דאַנקט דעם לאָדזער רב פאַר דעם גרויסען גמלת-חסד וואָס ער האָט מיר געטון.

---

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0035-0067 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דאָס גרעסטע אומגליק ביי אַ יודישער מאַמע איז ביז איצט, ווען ביי איהר'ס אַ קינד כאַפּט זיך אַריין די מחשבה איבערצוגעהען צו אַנ'אַנדער גלויבען, דער צער פון שבעה זיצען נאָך אַ לעבעדיגען מת איז דער שרעקליכסטער, וואָס מ'קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. געטראָפען פון אַזאַ אומגליק איז אַמאָל צום ר' אליהו חיים געקומען אַ פרוי פון ראַדאָם, פאַר צרות האָט זי קוים נאָך געקענט רעדען, זי האָט כמעט נישט געוואוסט, וואָס טוט זיך מיט איהר און איז געוועזען קרוב פון משוגעת.

דערזעהען די פרוי אין אַזאַ מעמד, האָט ר' אליהו חיים, אָנגעהויבען זי שטאַרק מוסר'ן.

– וואָס הייסט דאָס, אַז אַ מענש זאָל זיך נישט קענען בעהערשען? צי צרות מוז מען זיין שטאַרק און זיי קענען אַריבערטראָגען, אַ מענש מוז פערשידען אַדורכגעהען אין לעבען, איך וועל אייך, פרוי, פריהער נישט אויסהערען ביז איהר וועט זיך פולשטענדיג בערוהיגען און דעמאָלס וועלען מיר מיט גאָטס הילף זוכען אַנ'עצה.

די דאָזיגע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ ווייכקייט און רחמנות, אַז זיי האָבען דער פרוי אַריינגעברענגט אַ פונק פון האָפנונג, נאָכדעם ווי זי האָט זיך שטאַרק אויסגעוויינט, האָט זי אָנגעהויבען צו דערצעהלען פאָלגענדע טראַגישע געשיכטע.

– איך בין פון ראַדאָם, אַנ'אלמנה נאָך אַנ'אָנגעזעהענעם בעל-הבית און גביר, חוץ מיין מאַן ע"ה האָט מיר גאָרנישט געפעהלט, ס'איז מיר געבליבען אַ נישט-קשה'דיגע ירושה און איך האָב מיך בכבוד מפרנס געוועזען מיט מיין איינציגער טאָכטער, האָט זיך אָבער דער שטן אַריינגעמישט און האָט גובר געוועזען. איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געקומען, מיין טאָכטער איז געוועזען אַ צנועת'דיגע יודישע מיידעל און פלוצלונג אַזאַ אומגליק...

די פרוי האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטען פאַר וועהטאָג און צער און ווידער אויסגעבראָכען מיט אַ ספאַזמאַטישען געיאָמער, עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווייַלע ביז זי האָט זיך בערוהיגט און פאָרטגעזעצט איהר ערצעהלונג.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

—שכנים האָבּן מיר אָנגעהויבּן דערצעהלען, אַז מיין טאָכטער קומט זיך אָפּט צונויף מיט אַ קריסטליכען יונגען באַהןבּעאַמטען. צוערשט האָבּ איך דאָס געהאַלטען פאַר פּלאָטקעס צוליבּ קנאה. זי איז דאָך שעהן ווי אַ מלאך און גוט ווי אַ טויבּ, ליידער, האָט די פרוי שווער אָפּגעזיפצט, האָבּ איך מיך אײנגיכען איבּערצייגט, אַז אַלץ וואָס מ׳האָט מיר פערצעהלט איז דער ריינסטער אמת, דורך דעם, וואָס איך האָבּ נישט געוואָלט גלויבּען אין דעם אַלעם איז די זאַך אַזוי וויים דערגאַנגען, אַז איך האָבּ אויף מיין טאָכטער מעהר קיין שום השפּעה נישט געהאַט, זי האָט מיר אָפען ערקלעהרט, אַז זי האָט זיך פערליבּט אין דעם קריסט און זי וועט זיך פון איהם נישט מעהר שיידען, איך האָבּ אָנגעהויבּען אָנצווענדען פערשידענע מיטלען, האָט די פרוי ווייטער גערעדט און טרעהרען האָבּען זיך געגאָסען איבּער איהר בּלאַסע בּאַקען, געשלאָגען, געריסען די האָהר, צוגעשלאָסען אין שטובּ און נישט אַרויסגעלאָזען, געדראָהט, בּעשוואוירען אויפ׳ן טאַטענס אנדענקען, און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפען האָבּ איך אָנגעהויבּען מיט גוטען: געקושט און געהאַלזט, געפאַלען איהר צו די פיס און געקושט איהרע שיך, גע׳חלשט און געטאַמעלט, אַז זי זאָל זיך אַליין נישט אומגליקליך מאַכען און מיך יונגערהייט נישט בּרענגען אין קבר אַריין. רבי, ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפען, האָט די פרוי זיך שוין נישט געקענט בּעהערשען און בּעקומען אַ היסטערישען אַנפאַל.

אין שטובּ איז געוואָרען אַ טומעל, מ׳האָט גערופען אַ דאָקטאָר און ערשט נאָך 15 מינוט האָט זיך איינגעגעבּען די אומגליקליכע פרוי צו בּערוהיגען. ר׳ אליהו חיים איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער פון וואַנען ער איז געהאַט אַרויסגעגאַנגען און די פרוי האָט מיט אַ שוואַכערע שטים, וועלכע מ׳האָט קוים געהערט, ווייטער דערצעהלט:

— מיט עטליכע וואָכען צוריק איז פּלוצלונג מיין טאָכטער איינגאַנצען פערשוואונדען, הגם איך האָבּ מיך געדאַרפט ריכטען אויף דער דאָזיגער געשעהעניש, האָט עס מיך אָבּער אַזוי שדעריטערט, אַז איך בּין שווער קראַנק געוואָרען און עס האָט געדויערט 3 וואָכען, בּיז איך האָבּ מיך ווידער געקענט אויף די פיס שטעלען. אין דער דאָזיגער צייט איז יעדע שפּור פון מיין טאָכטער פערלוירען געגאַנגען. עס האָבּען נישט געהאָלפען קיין שום זוכעניש און אויספאָרשונגען. איך האָבּ נישט געקענט דער-

געהען, וואו מיין טאָכטער בעהאַלט זיך אויס, ביי אונז אין שטעדטעל זענען שוין אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז זי האָט זיך גע׳שמדט, דאָס זענען אַלץ געווען נישט קאָנטראָלירטע ידיעות ביז פלוצלונג האָב איך בעקומען אַ אַנ׳אַנאָנימען בריף געשריבען אויף פויליש, אין וועלכען מ׳טיילט מיר מיט, אַז מיין טאָכטער איז נאָך נישט גע׳שמדט. זי האָט דאָס ערשט בדעה צו טון, זי געפינט זיך איצט אין לאָדז אין דער וואוינונג פון סטרוזש אויף די דלוגאַ גאַס 14.

איך האָב נישט געהאַט קיין זיכערקייט, צי די ידיעות זענען אמת׳ע, אָבער נישט קוקענדיג דערויף בין איך גלייך מיט מיינס אַ ברודער געקומען קיין לאָדז און אויך אויפ׳ן אָנגעוויזענעם אַדרעס...

נו, האָט ר׳ אליהו חיים איבערגעריסען, איז דאָס טאַקע אמת, אַז דאָס מרשעת געפינט זיך דאָרט?

ליידער יאָ, רבי, איך האָב זי אַליין מיט מיינע אויגען געזעהען. איך האָב קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדען נאָר געקוקט אויף איהר און געשוויגט, אָבער דאָס איז דאָס שרעקליכסטע, די מויד האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו לאַכען ווען זי האָט מיך דערזעהען, און הויך געזאָגט:

ווער זענט איהר, פרוי, איך קען אייך גאָרנישט, איך האָב שוין לאַנג קיין מוטער נישט, איהר זענט דאָך אַ יוד און איך אַ קאַטאָליטשקע, ווי פאַלט איהר אויפ׳ן געדאַנק, אַז איך בין אייער טאָכטער.

און אַלע שקצים און שיקסעס, וועלכע זענען דאָרט אַרומגעזעסען האָבען געשריגען „הוראַ" און זיך געקוילערט פאַר געלעכטער.

אַזאַ מרשעת, אַזאַ מרשעת, האָט דער רב שטיל געזאָגט.

דער סטרוזש פון דלוגע (איצט גדאַנסקע) 14, איז געווען אַ פאָטער פון דעם קריסטליכען באַהן-בעאַמטען אין ראדאָם, אין וועלכען עס האָט זיך פערליבט דאָס יודישע מעדעל און צוליב איהם געוואָלט זיך שמד׳ען. און טאַקי צו איהר קומענדיגען „שווער" איז דאָס נאַאיווע מעדעל געקומען, כדי אַדורכצופיהרען דעם שמד און פייערען די חתונה.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0036-0070 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

די מוטער פון דעם מעדעל, וועלכע איז צוזאַמען מיט איהר ברודער געקומען פון ראדאָם, האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרעהט פאַר דעם פענסטער פון סטרוזש, אָבער יעדעס מאָהל ווען די חברה, וואָס האָט זיך דאָרט געפינען האָט זי דערזעהען איז געוואָרען אַ ניי געלעכטער, נייע זידלערייען און קללות. ס׳איז נישט געווען קיין שום עצה, ווי אַזוי אַרויסצוראַטעווען דאָס מעדעל פון די נעגעל פון שמד.

ר׳ אליהו חיים, וועלכער האָט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע האָט אויפ׳ן אָרט נישט געקאָנט געפינען קיין שום מיטעל צו העלפען דער אומגליקליכער פרוי. ער האָט זי געהייסען פערבלייבען אין לאָדז און געגעבען אַכטונג געבען, אויב איהר טאָכטער וועט נישט אַוועקגעהען פון דעם סטרוזש׳ס וואוינונג אויף דלוגע גאַס עפּיס אין אַנ׳אַנדער אָרט, וואו מ׳וועט זי שוין אין גאַנצען נישט קענען געפינען.

זעהט, האָט דער רב געזאָגט, אַז מיר זאָלען דעם „פויגעל״ שטענדיג האָבען אויפ׳ן אויג, אַז ער זאָל אונז נישט אין גאַנצען פערשוואונדען.

די פרוי איז אַוועק אויף דער דלוגע גאַס, כדי אויסצופיהרען דעם בעפעהל פון רב און ר׳ אליהו חיים האָט גלייך אַוועקגעשיקט אַ שליח צו דער בעקאַנטער כלל-טוערין פרוי ק. אַז זי זאָל תיכף קומען צום רב.

ווען פרוי ק. איז געקומען, האָט דער רב איהר דערצעהלט די גאַנצע טראַגישע געשיכטע און געזאָגט:

— איך גיב אייך איבער די דאָזיגע גרויסע מצוה. איהר מוזט אַלץ ערלעדיגען, אַז עס זאָל נישט קומען דערצו, אַז אַ יודישע טאָכטער זאָל זיך שמד׳ען און דאַן מוז מען צוריקקעהרען צו אַ יודישער מאַמע איהר איינציגע טאָכטער.

— אָבער, רבי, וואָס זאָל איך אָנהויבען צו טוען? איך קען דאָך מיך נישט אַקעגענשטעלען געגען אַזאַ חברה שקצים און גוים, וואָס געפינען זיך אין דער וואוינונג פון דעם סטרוזש.

— איך הייס אייך אויך דאָס נישט טון, האָט געענטפערט דער רב, מ׳מוז דאָס זיך מאַכען אַ גאַנץ אַנ׳אַנדערען פּלאַן. איבריגענס, האָט דער רב צוגעגעבען, געהט צו קאָוואַלעק׳ן און זאָגט איהם, אַז איך האָב איהם געבעטען, אַז ער זאָל געפינען אַנ׳עצה.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

קאָוואַלעק איז דעמאָלט געווען דער לייטער פון „סיסקנאָיע אָטדיעלעניע" (קרימינאַל-פּאָליציי), פאַר איחם האָט געציטערט גאַנץ לאָדז. ער איז געווען איינער פון די בעדייטענסטע אַגענטען אין רוסלאַנד און האָט לאַנגע יאָהרען געפיהרט די אָפּטיילונג פון דער קרימינאַל-פּאָליציי אין לאָדז. ער איז געווען אַ פּראַוואָסלאַוונער זעהר אַ פרומער און אַבערגלויביגער.

פרוי ק. איז נאָך דעם זעלבען טאָג אַוועק צו קאָוואַלסקי'ן, האָט איהם איבערגעגעבען די געשיכטע און די ביטע פון רב. קאָוואַלעק האָט דעם ערשטען אויגענבליק געענטפערט:

— איך קען גאָרנישט דערצו טון. דאָס מעדעל איז שוין פוליעהריג און האָט אַ רעכט אָנצונעהמען, וועלכע רעליגיע זי וויל. פרוי ק. האָט איהם אָבער איבערגעגעבען די ליידען פון דער אומגליקליכער מוטער. זי האָט איהם אויך דערצעהלט, אַז דער לאָדזער רב האָט איהם שטאַרק געבעטען צו געפינען אַן עצה. קאָוואַלעק האָט געענדערט זיין טאָן און האָט געזאָגט:

— אויב דער ראַבין וועט מיר ערלויבען צו האַנדלען, אַזוי ווי איך וועל נאָר געפינען פאַר נויטיג, וועל איך עפּיס אין דער הינזיכט טון. איך פערזיכער אָבער נישט, אַז מיין מיטעל וועט האָבען אַ פעולה.

פרוי ק. איז צוריק אַוועק צום רב, האָט איהם איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון איהר געשפרעך מיט קאָוואַלעק'ן און געפרעגט וואָס צו ענטפערען. דער רב האָט געזעהען, אַז דער ענין האַלט זעהר שלעכט און דעריבער מסכים געווען, אַז קאָוואַלעק זאָל אָנהויבען עפּיס צו טון, אָבער בתנאי, אַז קאָוואַלעק זאָל כסדר אינפאָרמירען דעם רב וועגען זיינע שריט, וועלכע ער נעמט אָן.

פרוי ק. איז אַוועק מיט דער תשובה צו קאָוואַלעק'ן און דער לעצטער האָט געזאָגט מיט אַ בעפעהלענדען טאָן:

— געהט זאָגט דער פרוי פון ראדאָם, אַז זי זאָל שרייבען צו מיר אַ „דאָנאָס", אַז איהר טאָכטער האָט זי אין ראדאָם בעגנב'עט אויף אַ גרויסע סומע געלד, ציהרונג און וועש און איז איצט מיט דער גנבה אַוועק קיין לאָדז. אין דעם „דאָנאָס" זאָל זיך אויך זאָגען, אַז די מוטער האָט זיך דערוואוסט, דאָס די גנב'טע ד. ה. די אייגענע טאָכטער מיט דער גנבה געפינט זיך אויף דלוגע 14 ביים סטרוזש. די פרוי זאָל פערבלייבען אין לאָדז אַזוי לאַנג ווי איך וועל דאָס הייסען.

פֿרוי ק. איז אַוועק צום רב און האָט איהם דערצעהלט וועגן דעם איינבראָך פֿון קאַוואַלעק׳ן.

נאָך דעם זעלבען אָוועגד איז אַזאַ „דאָנאָס״ אַוועק צו קאָוואַלעק׳ן. די אומגליקליכע מוטער, וועלכע האָט געציטערט פֿאַר שרעק אויס מורא פֿאַר דעם, וואָס דאַרף דאָ פֿאָרקומען, איז געבליבען ביי דער פֿרוי ק.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט זענען עטליכע געהיים-אַגענטען צוזאַמען מיט אַנ׳אָפּטיילונג פּאָליציאַנטען אַוועק אויף דלוגע 14.

די גאַנצע חברה ביים סטרוזש איז געווען אינמיטען פֿון דער גרעסטער שמחה און פֿערוויילונג. מ׳האָט געטרונקען, גע־שטיפּט און אויסגעלאַכט די זשידקעס, וועלכע ווילען צוריק בע־קומען זייער טאָכטער. פּלוצלונג האָט עמיצער שטאַרק אָנגעקלונ־גען אין טויער.

ווער קען דאָס זיין? אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך אָנגערופען דער מחותן אַליין, דער סטרוזש פֿון הויז. ער האָט זיך פֿויל אויפגעהויבען פֿון זיין אָרט גענומען די שליסלען, אונ־טערגעברומט אַ קללה אונטער דער נאָז און איז אַרויס עפֿענען דאָס טויער.

– לאָזען נישט אַ מענשען רוהען, האָט דער סטרוזש זיך גע־זידעלט, אַריינשטעלענדיג דעם שליסעל אין שליסעל־לאָך, קראַנק צו זיצען אין דערהיים האָט ער ווייטער געשריגען מיט זיין שיכּור׳ן קול.

– מאָלטשאַט! האָט זיך געהערט אַ שטרענגע שטים פֿון יענע זייט טויער, נישט רעדען קיין סך, נאָר עפֿענען, דאָס איז פּאָליציי.

דער סטרוזש האָט זיך נישט גערעכט אויף אַזאַ מפּלה, האָט שנעל געעפֿענט דאָס טויער און זיך ענטשולדיגט פֿאַר די זידלע־רייען.

אַנו, פֿיהר אונז נאָר אריין צו דיר אין דער וואוינונג האָט געזאָגט דער אָנפֿיהרער פֿון דער פּאָליציי־אָפּטיילונג, איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז אין מיין רעוויר געפֿינען זיך סטרוזשעס, וואָס האַלטען אויף ביי זיך גנבים און נעהמען חלוקה פֿון זיי.

דער סטרוזש האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט עפּיס צו ענטפֿערן, האָט אַריינגעפֿיהרט די פּאָליציי אין זיין וואוינונג:

רוקי ווערך! (הענד אין דער הויך) האָט אַ געשריי געטון איינער פֿון די געהיים־אַגענטען צו די איבעראַשטע געסט, קיינער

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0038-0073 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

זאָל זיך זיך נישט ריהרען פון אָרט, מיר האָבען אַ בעפעהל דאָ אַדורכצופיהרען אַ רעוויזיע, כדי צו געפינען אַ גרויסע גנבה, וואָס איז בעגאַנגען געוואָרען אין ראַדאָם.

דערהערט דאָס וואָרט ראַדאָם, האָבען זיך די אויגען פון אַלע געסט געווענדעט צו דער יודישער פריילין, וויסענדיג זיכער, אַז דער גאַנצער ענין איז איהר שטאַרק נוגע.

— צי געפינט זיך דאָ י. ג. פון ראַדאָם? האָט ווייטער געפרעגט דער געהיים-אַגענט.

דאָס בין איך, האָט דאָס פריילין קוים ארויסגעשטאַמעלט.

זאָגט, וואו געפינען זיך די גע'גנב'עטע חפצים, איהר וועט אונז דערמיט פערשפּאָרען אַדורכצופיהרען די רעוויזיע און אויך אייך גרויסע אונאַנגענעמליכקייטען. זאָגט אויך, וויפיל האָט איהר שוין פון דעם געלד אויסגעגעבען אויף דער היינטיגער הוליאַנקע, וואָס איהר האָט אייך דאָ איינגעאָרדענט, אַנו פייגעלע, אַרויס מיט לשון.

איך... איך ווייס גאָרנישט צו זאָגען, איך ווייס נישט פון קיין גנבה. וואָס ווילט איהר פון מיר, איז דאָס מיידעל איבערגעגאַנגען אין אַ געוויין.

די אַגענטען צוזאַמען מיט די פּאָליציאַנטען האָבען זיך גענומען אַדורכצופיהרען די רעוויזיע. ווי דער רוסישער שטייגער איז געווען האָט מען גאָרנישט געשאַנעוועט: געבראָכען מעבעל, צוריסען בעטגעוואַנד, אויפגעריסען ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, געהאַקט ווענד, מיט איין וואָרט געמאַכט אַ תל עולם פון אַלעם וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב, אַחוץ דעם האָט מען אַדורכגעפיהרט אַ פערזענליכע רעוויזיע ביי אַלע אָנוועזענדע אין שטוב, צוגענומען אַלץ וואָס מ'האָט ביי זיי געפונען און אויסגעשטעלט אַלע אין אַ גרויסער רייה אין מיטער פון הויז.

ס'איז איבעריג צוצוגעבען, אַז בעת דער רעוויזיע האָט מען קיין שום פערדעכטיגעס נישט געפונען, נישט קוקענדיג אָבער אויף דעם האָט מען די גאַנצע געזעלשאַפט מיט גרויס פּאַראַד אָפּגעפיהרט אין קאָמיסאַריאַט, דער פריילין ג. אַלס די בעשולדיגטע אין אויספיהרען די גנבה האָט מען אָנגעטון קייטעלעך אויף די הענד. ווען מ'האָט די אַרעסטאַנטען געבראַכט אין קאָמיסאַריאַט, האָט זיך אָנגעהויבען די איינלייטונגס-אויספאָרשונג. אויפ'ן בעפעהל פון קאָוואַלעק'ן, האָט דער פּריסטאַוו געדאַרפט די דאָזיגע אויספאָרשונג תיכף אַדורכפיהרען. די אומשולדיגע בע-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0038-0074 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פרייען און די שולדיגע איבערשיקען אין דער קרימינאַל-פּאָליצײ.

מ'פאַרשטעהט זיך, אַז דער פּריסטאַוו האָט קיין שולדיגע נישט געקענט געפינען, האָט בעפרייט אַלע געסט, נאָר געמוזט פערהאַלטען די בעשולדיגטע אַליין, זי איז אָפּגעשיקט געוואָרען אין קרימינאַל-פּאָליצײ, וואו זי איז אַריינגעזעצט געוואָרען אין קאַמער ביז צו דער אויספאָרשונג דורך קאָוואַלעק'ן אָליין.

אַרייגקומענדיג אין קאַמער צווישען זונות און אויסוואורפען פון דער געזעלשאַפט, האָט זיך דאָס מיידעל, וואָס איז ביז איצט געוואוינט געוואָרען צו אַ רוהיגע יודישע היים, זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט, די „לאָקאַטאָרען" פון דער קאַמער האָבען גלייך בעמערקט, אַז מ'האָט צו טון מיט אַ גרינע און דעריבער זיך איבער איהר שטאַרק פרעהליך געמאַכט ביז אין דערפריה, מ'האָט זי אויסגעפרעגט, פאַרוואָס מ'האָט זי אַהערגעברענגט, נאָרן דאָס מיידעל האָט גאָרנישט געענטפערט, אַזוי ווי ביי איהר וואָלט דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרען, זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ וויגקעל, איינגעקאָרטשעט זיך און שטיל געכליפעט. זי האָט זיך קוים דערוואַרט ביז 10 אַ זייגער, ווען עס איז אַריינגעקומע דער קלוטשניק און גערופען דאָס פריילײן י. ג. צום פערהער, זי איז אַרויס פון קאַמער און אין דער בעגלייטונג פון אַ פּאָליציאַנט האָט מען זי אַריינגעפיהרט אין קאַבינעט פון קאָוואַלעק'ן.

נאָך עטליכע מינוט האָט זיך געעפענט די טיר פון קאַבינעט און ס'איז אַריינגעקומען קאָוואַלעק.

— אפשר ועט איהר זיך גלייך מודה זיין אין אייער פערברעכען, האָט אָנגעהויבען קאָוואַלעק, מיר האָבען פיינד, אַז עמיץ עקשנ'ט זיך איין, איבעריגענס האָבען מיר גענוג מיטלען צו צווינגען זיך מודה צו זיין.

— אָבער צו וואָס פאַר אַ פערברעכען זאָל איך זיך מודה זיין, האָט דאָס מעדעל געוויינט, אַז איך ווייס נישט, וואָס מ'וויל פון מיר האָבען, איך בין קיינמאָל קיין גנב נישט געוועזן; איך בין אַוועק פון ראַדאם צוליב גאַנץ אַנדערע צוועקען.

— אפשר האָט אייך ווער צוגערעדט דערצו זאָגט, די שטראָף פאַר אייך ועט אַזויערום לייכטער ווערען, אויב איהר ועט זיך נישט מודה זיין בין איך געצוואונגען אייך צו האַלטען אין טורמע און איהר ועט שוין מוזען דאָרטען פערבלייבען ביז אייער פּראָצעס.

— אָבער גלויבט מיר האָט דאָס מעדעל ווייטער גע



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

טענהט, אַז איך בין געקומען קיין לאָדז צוליב גאָר עפּיס אַנדערש, איך האָב מיך פערליבט אין אַ קאַטוילישען יונגערמאַן און אַזוי ווי מיין מאַמע איז אַ פרומע „זשידובקע" האָב איך בעשלאָסען זיך צו שמד'ען און חתונה האָבען מיט מיין אויסדערוועהלטען. צו דעם צוועק בין איך געקומען קיין לאָדז.

— ליידער קען איך אייך גאָרנישט העלפען, האָט געזאָגט קאָוואַלעק, מיר האָבען ידיעות, אַז איהר זענט בעגאַנגען אַ גרויסע גנבה און מיט דעם מוז איך זיך רעכענען. איהר בלייבט זיצען אין אַרעסט.

מיט דעם האָט זיך געענדיגט דער פערהער און דאָס פריילין ג. איז ווידער אָפגעפיהרט געוואָרען אין קאַמער.

קאָוואַלעק האָט געלאָזט רופען די פרוי ק. און האָט איהר איבערגעגעבען די ווייטערדיגע שריט, וואָס ער נעהמט אָן אין דעם ענין. פרוי ק. האָט נעדאַרפט לויט'ן אָבמאַך איינפאָרמירען וועגען אַלץ און בעקומען די הסכמה פון ר' אליהו חיים.

— איך וועל הייסען, האָט קאָוואַלעק געזאָגט, אַז מ'זאָל דאָס מעדעל וואָס מעהר שיקאַנירען אין דער קאַמער און וואָס וועהניגער איהר געבען צו עסען. די מוטער פון דעם מעדעל זאָלט איהר הייסען זיך דרעהען פאַר'ן פענסטער פון דער קאַמער, כדי די טאָכטער זאָל זיך דאַרפען ווענדען מיט עפיס אַ ביטע צו דער מוטער, איך פון מיין זייט וועל שוין דיספּאָנירען, אַז מ'זאָל דער מוטער נישט שטערען צו זיין נאָהענט פאַר'ן פענסטער. ווייטער וועל איך אָנזאָגען, אַז פון דעם צד פון דעם מעדעל'ס איצטיגען חתן זאָל מען קיינעם צו איהר נישט צולאָזען, איבעריגענס וועלען זיי אַליין נישט קומען, ווייל זיי וועלען ציטערען פאַר זייער אייגענער הויט. איך וואָלט אייך אָבער געבעטען, אַז איהר זאָלט יעדען טאָג האָבען אַ בעריכט פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען צווישען דער טאָכטער און דער מוטער.

אַזוי איז טאַקי געווען, מ'האָט דעם מעדעל געגעבען איינמאָל אין טאָג צו עסען, מ'האָט זי נישט אַרויסגעלאָזען אויפ'ן שפּאַציר און אָפגעזאָגט אַלע הנחות, פון וועלכע עס האָבען גענאָסען אַנדערע אַרעסטאַנטען און אַרעסטאַנטקעס. דאָס מעדעל האָט געזעהען, אַז זי איז א פערלוירענע, זי האָט נישט געקענט פערשטעהן, וואָס דאָ קומט פאָר, זי האָט געהאט ספקות, ווער עס האָט איהר דאָס שטיקעל געטון, צי איהר משפחה, וועלכע אין

געווען בייז צוליב איהר ווילען זיך שמד׳ען אָדער אפשר גאָר.. זי האָט נישט געוואָלט דערלאָזען דעם געדאַנק. אָבער ווען זי האָט דערזעהען, אַז ס׳איז שוין אַוועק 2 טעג און נישט „ער״ און נישט קיינער פֿון זיין משפחה אינטערעסירט זיך נישט מעהר מיט איהר—האָט איהר אָנגעהויבען קלאָהר צו ווערען, אַז ס׳איז זעהר מעגליך, אַז ער האָט געוואָלט פּטור ווערען פֿון דער „זשי-דובקאַ״, מיט וועלכער ער איז שוין צו ווייט דערגאַנגען.

מיט די דאָזיגע געדאַנקען איז זי די גאַנצע טעג געשטאַנען ביי דעם פֿערקראַטעוועטען פֿענסטער, די איינציגע זאַך, וואָס ס׳איז איהר ערלויבט געווען. זי האָט גאַנץ גוט געזעהען, ווי גאַנצע טעג דרעהט זיך פֿאַר דעם טורמע פֿענסטער, אַ פֿער-וויינטע, אַ פֿער׳דאגה׳טע, אַ פֿער׳מרה-שחורה׳טע איהר מוטער, וועלכע איז עלטער געוואָרען מיט 20 יאָהר פֿון די דורכגעלעבטע צרות. דאָס האָט זי נאָך מער איבערגעצייגט, אַז די מסירה איז נישט געקומען פֿון דער מוטער׳ס צד גאָר פֿון „איהם״. די ער-שטע 2 טעג האָט זי גאָרנישט געוואָלט רעדען צו דער מוטער, פֿאַר שאַנדע און עקשנות האָט זי בעסער אַריבערגעטראָגען די פיזישע און מאָראַלישע ליידען, איידער זיך צו ווענדען נאָך הילף. צו דער מוטער, וועלכע זי האָט פֿערלאָזען און וועלכע זי האָט נישט געוואָלט אָנערקענען, די מוטער, האָט לויט דעם ווי ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרען, זיך געמאַכט ווי זי וואָלט די טאָכ-טער נישט געזעהען, און זיך אויך צו איהר נישט געווענדעט אפילו מיט איין וואָרט.

אויפ׳ן דריטען טאָג, ווען די אַרעסטאַנטקע איז שוין גע-ווען שטאַרק הונגעריג, פֿערשעהמט און בעלעדיגט דורך איהרע חבר׳טעס, און זעהענדיג, אַז פֿון זיין משפחה געהט אפילו קיי-נער פֿאַר׳ן פֿענסטער נישט פֿערביי, האָט זי אויסגעשריגען צו דער מוטער דורכ׳ן פֿענסטער:

— מאַמע, מאַמעשי!

די מוטער, וועלכע האָט אין פֿערלויף פֿון 2 טעג געוואַרט אויף דעם רוף איז פֿאָרזיכטיג, כדי קיינער זאָל זי נישט בעמער-קען צוגעגאַנגען צום פֿערקראַטעוועטען פֿענסטער.

— מאַמע, פֿאַרוואָס זעהסטו נישט, אַז מען זאָל מיך בע-פֿרייען פֿון אַזאַ גרויזאַמען בלבול, פֿאַרוואָס זעהסטו נישט, מיר אַרויסצוראַטעווען פֿון דעם דאָזיגען גהינם.

וואָס קען איך דיר העלפֿען, האָט געענטפֿערט די מוטער.

איך דרעה מיך שוין פאַר דיין פענסטער 2 טעג, איך האָב שוין עטליכע מאָל געבעטען, אַז מ׳זאָל מיר ערלויבען דיר צו דערלאַנגען עפּיס עסען, אָבער דער „נאַטשאַלניק“ ערלויבט בשום אופן נישט.

— אָבער פאַרוואָס, מאַמע, פאַרוואָס פּייניגט מען מיך מיט הונגער, איך וועל דאָך דאָ אויסגעהן ווי אַ ליכט, איך וועל פון זינען אַראָפּ, אָדער מיר דאָס לעבען נעהמען.

מוטער און טאָכטער זענען געשטאַנען פון ביידע זייטען פענסטער און ביטער געוויינט, קיינער האָט זיי נישט געשטערט, מחמת די וואַך האָט געהאַט אַ בפירוש׳ן בעפעהל צו ערלויבען דער אַלטער פרוי זיך אַדורכצורעדען מיט דער אַרעסטאַנטקע דורכ׳ן פענסטער. עס איז אַוועק עטליכע מינוט אין שטילשווייגען און וויינען. דאַן האָט דאָס מיידעל אָנגעהויבען.

— איך זעה, אַז איך האָב שווער געזינדיגט. איך זעה, אַז איך קום שוין אָפּ די שטראָף פאַר דער גרויסער זינד, וואָס איך בין בעגאַנגען און פאַר דער נאָך גרעסערער, וואָס איך האָב ערשט געוואָלט בעגעהען. איך האָב פערלאָזט מיין מאַמען, געוואָלט פערלאָזען מיין גלויבען און זיך איבערגעבען צו פרעמדע מענשען אין די הענד. איצט ווען איך בין אַריינגעפאַלען אין אַנאומגליק זעהט מען נישט קיינעם פון זיי, קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט מיר, אַזוי ווי איך וואָלט פאַר זיי גאָרנישט עקזיסטירט. נאָר דו אַליין מאַמע, דו אַליין האָסט געפיהלט מיינע ליידען און ביסט געווען נאָהענט פון מיר, איך האָב דאָס גאַנץ גוט געזעהן, איך האָב געזעהען מיט וואָס פאַר אַ צער און וועהטאָג דו האָסט זיך געדרעהט די גאַנצע צייט פאַר דער טורמע. וואָס זאָל איך אָבער טון מאַמע, איך קען מיר נישט העלפען. איך קאָן מיר נישט קיין עצה געבען, זוך מאַמע פאַר מיר אַן׳עצה.

וואָס קען איך פאַר דיר טון, אַז דו האָסט מיך אינגאַנצען פערלייקענט, אַז האָסט מיך פערשעהמט פאַר אונזער גאַנצער שטאָדט צו וועמען זאָל איך זיך ווענדען נאָך אַ טובה פאַר דיר, אַז יעדער ווייסט די גאַנצע געשיכטע.

— מאַמע, מאַמע, איך האָב חרטה, איך בין יונג און נאַאיוו, איך האָב מיר געלאָזט פערבלענדען די אויגען. כ׳האָב נישט געקענט דאָס לעבען. איך וויל צוריקקעהרען צו דיר און דיר זיין אין אַלעם געהאָרכזאַם, אָבער ראַטעווע מיך פון דאַנען אַרויס. טו עפּעס פאַר מיר.

די מוטער איז געווען איבערראַשט פון דעם שנעלן ערפאָלג, זי האָט פאַר פרייד און איבערראַשונג נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל פריהער זאָגן. זי האָט אָבער געדענקט, אַז מ׳גאָר זין נישט פעראַטען. דעריבער האָט זי איהר פרייד נישט אַרויסגעוויזען. נאָר איז אַוועק, צוזאָגענדיג דער טאָכטער צו טון אַלץ, וואָס זי וועט נאָר זיין בכוח.

די פרוי איז אַוועק צו ר׳ אליהו חיים און איהם מיט אַ היסטערישען געוויין דערצעהלט וועגען איהר געשפרעך מיט דער טאָכטער. ר׳ אליהו חיים האָט אָבער בעפוילען מעהר אַהין נישט צו געהען דעם היינטיגען טאָג. פרוי ק. האָט ר׳ אליהו חיים אַוועקגעשיקט צו קאָוואַלעק׳ן מיט אַ גענויען בעריכט. קאָוואַלעק האָט אויך געהאַלטען, אַז דער ענין טאָר נישט פערענדיגט ווערען. אין דער לאַגע פון דער אַרעסטאַנטקע איז נישט געמאַכט געוואָרען קיין שום ענדערונגען, אדרבא איהר לאַגע האָט זיך נאָך פיל פערערגערט. די וואַך, וועלכע האָט געוואוסט, אַז די נייע אַרעסטאַנטקע ווערט ספעציעל שלעכט בעהאַנדעלט, האָט איהר גראָבע בעהאַנדלונג נאָך מעהר פערשטאַרקט. דעם גאַנצען מאָרגענדיגען טאָג האָט די אַרעסטאַנקע אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענסטער זוכענדיג, צי ס׳קומט נישט די מוטער מיט אַ ישועה פאַר איהר, אָבער אומזיסט, ס׳איז קיינער נישט געקומען, ערשט אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט קאָוואַלעק געהייסען, אַז די מוטער פון דעם מיידעל זאָל צוגעהן צום פענסטער און זאָל אַנ׳עצה געבען דער טאָכטער, אַז זי זאָל זיך מאַכען קראַנק.

די מוטער האָט אַזוי געטון, אויף מאָרגען איז זי אַוועק פאַר דער טורמע. ווען די טאָכטער האָט דערזעהן איהר מוטער פונדערווייטענס האָט זי שוין געררופען:

— מאַמע, איך האַלט נישט מעהר אויס, האָסטו שוין געפונען עפיס אַנ׳עצה, זאָג מאַמע שנעל, איך וועל אַלץ טון, וואָס דו וועסט הייסען און בעפעהלען.

— די איינציגע עצה, וואָס איך האָב פאַר דיר, האָט געזאָגט די מוטער, איז די, אַז דו זאָלסט דיך מאַכען קראנק, דעמאָלט וועט מען דיך אָבפיהרען אין שפיטאָל און דאָרט וועט מען ווייטער זעהן וואָס צו טון.

אַזוי איז טאַקי געווען, באַלד נאָכ׳ן אַוועקנעהן פון דער מוטער האָט די אַרעסטאַנטין זיך אַוועקגעלעגט אויף דער „נאַרע",

זיך געקאָרטשעט און געדרעהט פאַר וועהען. די וואָך האָט ווע-
גען דעם געמאָלדען קאָוואַלעק׳ן. קאָוואַלעק, וועלכער האָט גע-
וואוסט וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך, האָט געהייסען די אַרעס-
טאַנטין אָבפיהרען אין פּאָזנאַנסקי׳ס שפּיטאָל. דאָרט איז זי
פערבליבען עטליכע טעג, דערנאָך האָט מען זי אָבגעפיהרט צום
רב. דאָרט האָט דער רב זיך אַוועקגעזעצט און איהר געגעבען
אַ געהעריגע לעקציע. דאָס מעדעל האָט פאַר חרפּה נישט גע-
קענט די אויגען אויפהויבען. זי האָט צוגעזאָגט צו זיין גוט און
פרום, איבערגעבעטען די מוטער, די משפּחה און געשוואוירען
מעהר קיין אַזעלכע נאַרישקייטען נישט צו בעגעהן.

נאָך דעמזעלבען טאָג איז די מוטער מיט די טאָכטער
אַוועק קיין ראַדאָם. דאָס מעדעל האָט זיך ווירקליך פון דע-
מאָלט אָן אויפגעפיהרט אָן שום פאָרוואורף. ס׳איז אַוועק צוויי
יאָהר און דאָס מעדעל האָט חתונה געהאַט מיט אַנ׳אָנגעשטעלטען
פון קעלץ און היינט וואוינט זי ווייטער אין ראדאם זעהר צו
פרידען מיט איהר מאַן און צוויי קינדער.

---

## געראַטעוועט א מענשען פון זיכערען טויט

ס׳איז געווען אין די אונרוהיגע צייטען אין לאָדז. ווען
קיינער איז נישט געווען זיכער, אַז אַרויסגעהענדיג פון דערהיים
אַ געזונדער וועט איהם נישט טרעפען אַ בלאָנדזשענדע קויל. די
ווילדע קאָזאַקען האָבען אונטערדריקט אַלערליי „אונרוהען“ מיט
דער נאַהייקע און מיט דער ביקס. ס׳פערשטעהט זיך, אַז אַ מענש-
ליך לעבען איז ביי די דערמאָהנטע בעסטיעס געווען זעהר ביליג
און האָט קיין שום ווערט נישט געהאַט. מ׳האָט געשאָסען אויף
רעכטס און לינקס, נישט קוקענדיג שולדיג אָדער נישט שולדיג.

אין איינעם פון יענע טעג איז אויף אַלטשטאָדט בעת קאָ-
זאַקען האָבען „געיאָגט“ פערוואונדעט געוואָרען אַ יוד אין די
מיטעלע יאָהרען ר׳ וואָלף גוטערבאום פון קרוטקאַ באַלוט 15.
איין קויל האָט איהם געטראָפען אין אַ פיס, די צווייטע אין
דער רעכטער האַנד. מ׳האָט דעם גוטערבאום אָפגעפיהרט אין
פּאָזנאַנסקי׳ס שפּיטאָל. ער איז דאָרט אָפגעלעגען אַ לענגערע צייט
און דער פוס איז ווי עס איז פערהיילט געוואָרען. וואָס שייך

דער האַנד האָבצן די היגע דאָקטוירים ערקלעהרט, אַז מ׳מוז אונבעדינג די האַנד אַראָפּנעהמען. ה׳ גוטערבאום האָט זיך גע־דאַרפט שנעל דעצידירען אויף דער אָפּעראַציע, מחמת ווי די דאָקטוירים האָבען ערקלעהרט קען קומען צו אַ בלוט־פערגיפטונג אין גאַנצען קערפער. זעהר שווער איז געווען ביי דעם יוד זיך דעצידירען אויף אַראָפּצונעהמען די רעכטע האַנד, וואָס וועט זיין דערנאָך, ווער וועט געבען חיונה דער פרוי און קינדער. נישט לאָזען מאַכען די אָפּעראַציע. איז נאָך ערגער, עס דראָהט מיט סכנת נפשות.

נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת האָט ה׳ גוטערבאום ערקלעהרט די דאָקטוירים:

— איך געה נישט איין אויף דער אָפּעראַציע, איך וויל בעסער שטאַרבען מיט מיינע ביידע הענד. סיי ווי סיי אָהן דער האַנד וועל איך זיין גלייך צו מת.

צווינגען אַראָפּנעהמען די האַנד האָבען די דאָקטוירים נישט געוואָלט און מ׳האָט דעם ה׳ גוטערבאום אויסגעשריבען פון שפּיטאָל. אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קוליע דעם רעכטען פוס. מיט אַן׳אָהנמעכטיגער האַנד איז ה׳ גוטערבאום געקומען צו זיך אין דער קליינער וואוינונג צו פרוי או קינדער, כדי אָפּצו־וואַרטען דעם אונרחמנות׳דיגען טויט.

אין שטוב איז די נויט גרויס, נישטאָ ווער ס׳זאָל פער־דינען אַ קאָפּיקע, נישטאָ פאַרוואָס צו קויפען עסען, נישטאָ מיט וואָס דירה־געלד צו בעצאָהלען, דער דעמאָלסדיגער הויז־ווירט פון קרוטקאַ־באַלוט 15 איז אָבער געווען אַ יוד אַן׳אכזר, ער האָט דערפיהלט אַז גוטערבאום האַלט קרוב למיתה, און אַז אַן׳־אלמנה מיט קליינע קינדערלעך וועט איהם שווער זיין אַרויסצו־וואַרפען פון דער דירה. ער האָט דעריבער תיכף אָפּגעגעבען אויף אַן׳עקסמיסיע און געוואָלט אַרויסוואַרפען דעם אָרימען יוד פון דער דירה.

ס׳איז נישט געווען קיין עצה, געווען זעהר שלעכט, מ׳וואָלט שוין געקענט צוזאַמענקלייבען פאַר דעם אכזריות׳דיגען ווירט די עטליכע פאָר רובל דירה־געלד, יענער האָט אָבער געהאַט אַ וויטען קוק און דורכאויס פערלאַנגט, אַז גוטערבאום זאָל זיך אַרויסציהען פון דירה. און ווי געוועהנליך, ווען דער חלף איז שוין געלעגען אויפ׳ן האַלז, איז מען געלאָפען צום לאָדזער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל.

דער אָרימער יוד האָט גענומען זיין קוליע און קוים מיט צרות זיך דערשלעפּט צו דער וואוינונג פון רב אויף זאַוואַדזקא 22. דער יוד האָט דערצעהלט דעם רב זיינע איבערלעבונגען, די מעשה מיט דער אָפּעראַציע פון דער האַנד און די איצטיגע גרויסע צרה, אַז מ׳וויל איהם אַרויסוואַרפען פון דער דירה.

— און איך זאָג, האָט ר׳ אליהו חיים געשריגען נישט מיט זיין קול, אַז ער וועט דיך פון דער דירה נישט אַרויסוואַרפען, הערסט, איך זאָג, אַז אַ יוד וועט אַזאַ אכזר נישט זיין.

— אָבער רב, האָט זיך אָנגערופען דער יוד, מיר האָבען שוין געפּרובט מיט גוטען און מיט בייזען, געפּרובט ביי איהם צו דערוועקען דאָס רחמנות-געפיהל, עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, און פון וואַנען, רבי, זאָל איך נעהמען אויף אַ נייע דירה, איצט איז פרייטאָג אין דער פריה און ביי מיר איז נאָך נישטאָ קיין ביסען אויף שבת, רבי, ראַטעוועט מיך, העלפט מיר האָט דער יוד געיאָמערט.

— רעד מיר נישט מעהר וועגען דער דירה, האָט דער רב זיך צובייזערט, איך זאָג, אַז ער וועט דיך נישט אַרויסוואַרפען. דערויף האָט ר׳ אליהו חיים אַרויסגענומען פון קעשענע 4 רובל מיט 40 קאָפּיקעס, דערלאַנגט עס דעם יוד און געזאָגט:

— דו זאָלסט נישט מעהר קריכען אַזאַ שטיק וועגס מיט דיין קראַנקען פוס אויף דער קוליע. 4 רובל וועסטו האָבען אויף שבת, פאַר 20 קאָפּיקעס וועסטו אַהיימפאָהרען מיט אַ דראָזשקע און פאַר די איבעריגע 20 קאָפּיקעס, וועסטו מיט אַ דראָזשקע קומען נאָכאַמאָל צו מיר מאָנטאָג אין דער פריה.

פאַר איבעראַשונג האָט דער יוד גאָרנישט געענטפערט, צוגענומען דאָס געלד און פול מיט האָפנונג אַהיימגעפאָהרען.

זונטאָג האָט דער רב צו זיך גערופען דעם הויזווירט, נישט געלאָזט איהם קומען צום וואָרט, אויסגעשייגעצט איהם און בעפוילען, אַז ער זאָל זיך נישט דערוועגען צו ריהרען דעם ה׳ גוטערבאַום פון דער דירה. דער ווירט האָט זיך געוואָלט פערענטפערען, דער רב האָט איהם אָבער געלאָזט שטעהען און איז אַרויס פון צימער.

מאָנטאָג אין דער פריה איז ה׳ גוטערבאַום מיט אַ דראָזשקע געקומען צום רב. דער רב האָט איהם געהייסען זיצען, זיך אַוועקגעזעצט אַקעגען דעם ה׳ גוטערבאַום און געזאָגט:

— איך האָב אַביסעל נאָכגעטראַכט וועגען אייער האַנד, איך האָב געטראַכט, צו ס'וואָלט נישט כדאי געווען, אַז איהר זאָלט פאָהרען זיך אַנ'עצה האַלטען מיט אַ פראָפעסאָר אין ברעסלוי.

— אָבער רבי, שטאַמעלט דער יוד, ווער קען זיך דאָס איינרעדען. איך בין אַנ'אָרימאַן. איך פערמאָג נישט קיין קאָפיקע מיין אייגענס. ווען איך זאָל אַפילו מיין גאַנץ ביסעל ווירטשאַפט פערקויפען, וועל איך נישט קענען צוזאַמענשטעלען די נויטיגע סומע אויף צו פאָהרען קיין ברעסלוי.

— נו, אין אַנ'אָרימאַן דאַרף זיך נישט ראַטעווען דאָס לעבען, האָט געזאָגט מיט אַ שמייכעל דער רב. דאַ האָסטו 50 רובעל, מאָרגען וועל איך דיר צושיקען אַ „גובערנאַטאָרסקי" פאַס און דו וועסט תיכף פאָהרען קיין ברעסלוי צו אַ פראָפעסאָר, צו וועלכען איך וועל דיר מיטגעבען אַ בריף.

מ'קאָן זיך שוין פאָרשטעלען ווי גרויס ס'איז געווען די איבערראַשונג פון ה' גוטערבאום. ער האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט איינגעהען אויף דעם דאָזיגען פּלאַן און אַ שעמעוודיגער געזאָגט:

— און וואָס וועט דאָ זיין מיט מיין הויז-געזונד, זיי וועלען דאָך דאָ אויסגעהען פון הונגער, איך וועל דאָך קיין רוה נישט האָבען און מיין גאַנצע קוראַציע וועט מיר נישט ניחה זיין.

— זיי רוהיג, האָט דער רב געענטפערט. איך וועל שוין דערפאַר זאָרגען, אַז ס'זאָל זיין אין אָרדנונג. דו פאַק דיר איין די זאַכען, פאָהר לחיים ולשלום און זאָל אויף דיר קומען אַ רפואה שלימה.

גוטערבאַום איז אַוועקגעפאָהרען קיין ברעסלוי און איז גענצליך אויסגעהיילט געוואָרען. ער איז געקומען אַהיים מיט פולשטענדיג געזונדע האַנד און פוס, דורך דער גאַנצער צייט, וואָס גוטערבאַום האָט פערברענגט אין אויסלאַנד, האָט אליהו חיים רעגולער צוגעשיקט זיין פרוי צו 6 רובעל אַ וואָך אויף חיונה.

ה' גוטערבאַום פערדינט נאָך ביז היינט זיין פרנסה אַלס שמש פון דער אַלטשטעדטישער שוהל.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0043-0083 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

# פאַר שענדען יודישע ספרים בעקומט אַ לאַדזשער רעוויראָוע 4 יאָהר טורמע.

די צאַרישע מושלים האָבען אין יעדער הינזיכט געוועלטיגט מיט זייער ברוטאַליטעט און ריקזיכטסלאָזיגקייט, יעדע פעראָרדנונג איז אויסגענוצט געוואָרען, אפילו דורכ'ן קלענסטען בעאַמטען צו ציהען נוצען פאַר זיך און בעווייזען זיין יד חזקה.

אין דער צייט, ווען עס איז אַרויס די פעראָרדנונג וועגען דעם, אַז די חדרים מוזען האָבען קאָנצעסיעס איז זי דורך די מלמדים נישט גענומען געוואָרען אַזוי ערנסט און זיי האָבען דעם ענין פערנאַכלעסיגט. פלוצלונג האָבען די רעוויראָוועס אָנגעהויבען אַדורכצופיהרען רעוויזיעס אין די אַלע חדרים פון זייערע רעווירען און נאָכגעפרעגט אויף קאָנצעסיעס, אַנ'אמת'ער שרעק און פאַניק איז אָנגעפאַלען אויפ'ן מלמד און אויף די קינדער, ווען מ'האָט דערזעהען, אַז דער רעוויראָווע קומט אַריין אין חדר. אין פיל חדרים, איז אפילו געווען איינגעפיהרט, אַז מ'האָט בעשטימט צווישען די קינדער דיזשורסטוועס, כדי אַכטונג צו געבען, צי ס'קומט נישט דער רעוויראָווע.

די שרעק איז נישט געווען קיין איבערגעטריבענע. מ'האָט געדאַרפט בייוואוינען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהען אַזאַ מין רעוויזיע. דער רעוויראָווע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך: געשלאָגען דעם מלמד און די קינדער, געזידעלט זיך מיט די נידריגסטע רוסישע קללות, די חדרים זענען פערזיגעלט געוואָרען און צוזאַמען דערמיט האָט זיך דער רעוויראָווע גאָרנישט וויסען געמאַכט. אַז אין דער וואוינונג געפינט זיך דער מלמד מיט זיין פרוי און קינדער, זיי זענען געבליבען אין מיטען גאַס, און ערשט נאָך לאַנגע בעמיהונגען האָט נעלונגען צוריק אויפצו'חתמ'ען די דירות פון די מלמדים.

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע, די רעוויראָוועס האָבען ווי אָפּגערעדט צווישען זיך מיטגענוהען „גאָראָדאָוואָיען“, וועלכע האָבען בעת דער רעוויזיע צוגענומען אַלע ספרים: ווי סדורים, חמשים, גמרות א.א.וו. און אָהן שום ריקזיכט האָבען זיי די דאָזיגע ספרים אַריינגעוואָרפען אין די מיסטקאַסטענס, אָדער נאָר אין נאָך שענדליכערע ערטער,

אין שטאָדט איז, צוליב די דאָזיגע ווילדע מעשים פון די רעוויראָוועס, געוואָרען אַ שטאַרקער טומעל, די דאָזיגע אכזריות'ן



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

וענען דערגאַנגען אויך צו ר׳ אליהו חיים און ער האָט אָנגעהויבן זוכן אַן׳עצה ווי אַזוי אָנצולערנען די בעסטיעס, ס׳האָט זיך אָבער אַלץ נישט געמאַכט קיין געלעגנהייט דערצו און די רעוויראָוועס האָבן ווייטער געפיהרט זייער ווילדע פראַקטיק.

מיט אַ בעזונדער פערביטערטקייט האָט זיך אויסגעצייכענט דער רעוויראָווע פון מרדכי גבאי׳ס גאַס, ער האָט די אַרבייט פון פערניכטען די ספרים געפיהרט מיט אַזאַ התמדה, אַז די האָהר האָבען זיך געשטעלט קאַפויר, אייגמאָל איז דער דאָזיגער רעוויראָווי געקומען אין חדר פון אַבע פוקס אויף מרדכי גבאיס גאַס 6, אפילו נישט פרעגענדיג וועגען קיין קאָנצעסיע האָט ער געהייסען צונעהמען אַלע ספרים און זיי אַריינוואַרפען אין אַן׳אומריין אָרט, דער מלמד איז אַוועק צום לאָדזער רב און מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט וועגען די מעשים פון רעוויראָווע.

ר׳ אליהו חיים האָט זיך גלייך אויפגעזעצט אויף אַ דראָזשקע און איז אַוועק אויפ׳ן אָרט פון דער געשעהעניש, ר׳ אליהו חיים האָט נאָך געטראָפען דעם רעוויראָווע ביי דער סאַמע אַרבייט. ווען דער רב איז אָנגעקומען איז דער רעוויראָווע אַביסעל צוטומעלט געוואָרען און איז אַוועק אין מיטען דער „אַרבייט“. אויפ׳ן הויף זענען נאָך געלעגען שטיקלעך פון די צוריסענע ספרים, צווישען די שמות האָט זיך אויך געפונען אַ בלעטעל מיט אַ „הנותן תשועה“, עס האָט אָבער שוין געפעהלט דער נאָמען פון צאַר, ר׳ אליהו חיים האָט אויפגעהויבען דאָס בלעטעל און איז אַוועק אַהיים.

נישט לאַנג געטראַכט האָט ר׳ אליהו חיים אָנגעשריבען אַן׳אָנקלאַגע צום פּראָקוראָר. דער רב האָט אַנגעוויזען אין דער אָנקלאַגע אויף דער האַנדלונג פון דעם דערמאָנטען רעוויראָווע, וועלכער פראָפאַנירט און פערשוועכט רעליגיעזע הייליגקייטען. דער רב בעט דעריבער דעם דאָזיגען בעאַמטען צוצוציהען צו געריכטליכע פעראַנטוואָרטליכקייט. דערביי לעגט דער רב פאָר איהם אַליין אויסצוהערען אַלס עדות.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַן׳אויספאָרשונג ביז ס׳איז געקומען צו אַ פראָצעס געגען דעם רעוויראָווע

אויפ׳ן פראָצעס איז טאַקע אַרויסגעטרעטען אַלס עדות דער לאָדזער רב, בעת זיין עדות-זאָגען האָט דער רב אַרויסגענומען פון טאַש דאָס געפונענע בלעטעל פון סידור מיט דעם הנותן תשועה

און אויפמערקזאַם געמאַכט די ריכטער, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך ערלויבט אַריינצוװאַרפען אין אונריינע ערטער דעם נאָמען פון צאַר אַליין און פון צאַר׳ס גאַנצער פאַמיליע. דאָס איז שוין נישט, האָט דער רב געזאָגט, קיין פערשווערונג און שענדונג פון דער יודישער רעליגיע, נאָר אויך אַ שענדונג פון דעם נאָמען פון רוסישען קייזער און פון קייזערס פאַמיליע, די שטראָף דאַרף דעריבער זיין נאָך גרעסער און האַרבער. דער רב האָט ווייטער אָנגעוויזען, אַז דער אָנגעקלאָגטער איז איינער פון אַ סך, וואָס טוען אָפּ אַזעלכע מעשים.

נאָך דער דאָזיגער אַרגומענטאַציע פון הרב מייזעל, האָבען די אַדוואָקאַטען געהאַט אַ זעהר שווערע אַרבייט מיט זייערע פערטיידיגונגס-רעדעס. נאָך אַ לאַנגע בעראַטונג פון געריכט איז דער אָנגעקלאָגטער רעוויראָווע פער׳משפט געוואָרען צו צוויי יאָהר טורמע.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז די אַדוואָקאַטען האָבען אָפּגעגעבען אַנ׳אַפּעלאַציע. די אַפּעלאַציע איז פאָרגעקומען מיט עטליכע חדשים שפעטער, אָבער די שטראָף איז נישט פערקלענערט געוואָרען נאָר פערקעהרט, זי איז פערדאָפּעלט געוואָרען, דער אָנגעקלאָגטער איז פער׳משפט געוואָרען צו 4 יאָהר טורמע. פון דעמאָלט אָן האָבען אויפגעהערט די רעוויזיעס אין די חדרים.

---

אין יאָהר 1905 האָט די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג אַרומגעכאַפּט גאַנץ רוסלאַנד. ס׳איז קלאָהר, אַז די דאָזיגע בעוועגונג האָט אויך נישט אויסגעמידען פוילען און בעזונדערס לאָדז, וועלכע האָט פערמאָגט אַנ׳אונגעהויערע צאָהל אַרבייטער. אין לאָדז זענען געווען זעהר שטאַרקע פאָליטישע און פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. עס זענען פאָרגעקומען גאַנץ אָפטע שטרייקען אַלגעמיינע, אין איינצעלנע בראַנזשעס, אָדער גאָר אין איינצעלנע פאַבריקען.

די צאַרישע פאָליציי האָט זיך אַליין נישט געקענט אַנ׳עצה געבען מיט דער בעוועגונג אין אונזער שטאָדט און איז נישט בכּוח געווען די דאָזיגע בעוועגונג אָפּצוהאַלטען. צוליב דעם

איז אין לאָדז ערקלערט געוואָרען קריגס-צושטאַנד און אַלס הערשער מיט בעזונדערע פולמאַכטען איז געשיקט געוואָרען קיין לאָדז דער בעקאַנטער רוסישער סאַטראַפּ גענעראַל קאַזנאַקאָוו.

באַלד נאָך זיין אָנקומען האָט ער זיך גענומען צו מאַכען אָרדנונג מיט דער שטאַרקער האַנד. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין שום רחמנות און נישט איין טויט-אורטייל האָבען די טעראָריסטישע „באָיובקעס“ אַרויסגעטראָגען געגען קאַזנאַקאָוו׳ן. ער איז אָבער גוט אויסגעהיטען געוואָרען און ס׳איז איהם קיין זאַך נישט געשעהען. די ערשטע אַרבייט, וואָס קאַזנאַקאָוו האָט געטוהן אין לאָדז, איז געוועזן זיין בעפעהל אויפצושטעלען אַ תּליה אין מיטען שטאָדט אויפ׳ן טורמע׳הויף פון דלוגע-גאַס. אויף די דאָזיגע תּליה האָט מען געהאָנגען מוטיגע און דרייסטע קעמפער פאַר דער בעפרייאונג פון פוילען און פאַר דעם אַראָפּוואַרפען פון צאַריזם. די תּליה איז מיט אַ כּיון אויפגעשטעלט געוואָרען אין מיטען שטאָדט, כּדי אָפּצושרעקען דעם עולם. דאָס האָט אָבער וועניג-וואָס געהאָלפען. נישט איין קעמפער איז אומגעקומען אויף דער תּליה מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און אַ ברכה פאַר דער זאַך, פאַר וועלכער ער איז אַ קרבן.

קאַזנאַקאָוו האָט נישט גערוהט, ער האָט אַלץ געזוכט נייע מיטלען ווי אונטערצודריקען די רעוואָלוציאָנערע שטימונג.

אין איין שעהנעם פריהמאָרגען איז אויף די לאָדזער גאַסען אויסגעהאָנגען געוואָרען אַ פעראָרדנונג פון קאַזנאַקאָוו׳ן, אַז יעדער בעל-הבית איז מחויב תּיכף צו מעלדען אין פּאָליצייקאָמיסאַריאַט, אויב עס ברעכט ביי איהם אויס אַ שטרייק. פאַר נישט אָפּהיטען די פעראָרדנונג האָט קאַזנאַקאָוו געדראָהט מיט לאַנגע חדשים טורמע און מיט גרויסע געלד-שטראָפען. און כּדי צו ווייזען, אַז ער מיינט מיט זיין פעראָרדנונג גאַנץ ערנסט זענען שוין די ערשטע טעג נאָכ׳ן פערעפענטליכען פון דער פעראָרדנונג עטליכע פאַבריקאַנטען אַריינגעזעצט געוואָרען אין טורמע אויף עטליכע חדשים אָהן שום משפּט, נאָר אויפ׳ן אַדמינסטראַטיווען אופן. פיל ערגער איז געוועזן מיט די אַרבייטער, וועלכע דער פאַבריקאַנט האָט געמאָלדען אַלס שטרייקער. זיי האָבען בעקומען שטראָפען פון קאַטאָרגע און טורמע. די לייכטסטע שטראָף איז געוועזן אַ „וויסילעניע“ אויף סיביר. די דאָזיגע טאַקטיק פון קאַזנאַקאָוו׳ן האָט אָנגענומען ערנסטע פאָרמען.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0045-0087 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

זיין גרעסטען כעס האָט קאַזנאַקאָוו אויסגעלאָזען אויף די יודישע שטרייקענדע אַרבייטער. אַ חוץ דעם, וואָס נ׳האָט זיי געשלאָגען מכות-רצח, האָט מען זיי אָפּגעריסען פון זייערע היימען, פון זייערע פרויען און קינדער, אַרייגעזעצט אין די טורמעס און פערשיקט אויף סיביר. קאַזנאַקאָוו האָט נישט געמאַכט קיין אויסנאַהם אפילו פאַר די, וואָס מ׳האָט בעשיינפערליך געוואוסט, אַז זיי שטרייקען נאָר צוליב סאָלידאַריטעט און צוליב מורא פאַר די פּאַרטייאישע אַרבייטער.

די פּראָצעדור פון מעלדען איז געווען פאָלגענדע: דער פאַבריקאַנט האָט געמאָלדען דעם פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, אַז ביי איהם האָט אויסגעבראָכען אַ שטרייק. דערביי האָט ער געמוזט צולעגען אַ ליסטע פון די אַרבייטער און זייערע אַדרעסען. נאָכמיטאָג זענען די דאָזיגע מעלדונגען פון אַלע קאָמיסאַריאַטען איבערגעגאַנגען אין דער קאַנצעלאַריע פון פּאָליציי-מייסטער און פון דאָרט איז אָוועקגעגאַנגען אַ ראַפּאָרט צו קאַזנאַקאָוו׳ן. אין דער זעלבער נאַכט זענען גלייך פאָרגעקומען אַרעסטען פון אַלע שטרייקערס און צו מאָרגענס איז שוין אַרויסגעגעבען געוואָרען די שטראָף.

נאָך יעדען אַזאַ אַרעסט איז ביים רב ר׳ אליהו חיים מייזעל אין שטוב געווען חושך. ס׳זענען געקומען צו לויפען טאַטע-מאַמע פון זוהן און טעכטער. קינדער פון טאַטעס, פרויען פון מענער מיט געשרייען און יללות, אַז זייערע אונשולדיגע משפחה-מיטגלידער זענען פער׳משפט געוואָרען דער אויף טורמע, קאַטאָרגע אָדער אַרויסגעשיקט צו ווערען אין טיפען קאַלטען סיביר. זיי אַלע האָבען פערלאַנגט פון רב, ער זאָל אינטערווענירען און אָפּשאַפען די שרעקליכע גזרה.

ס׳איז אָבער געווען זעהר שווער עפּיס צו טון אין דער הינזיכט. אינטערווענירען ביי קאַזנאַקאָוו׳ן האָט נישט געהאַט קיין שום זין. שיקען אָנקלאַגעס צו דער העכערער מאַכט האָט מען אויך נישט געקענט, ווייל ס׳וואָלט געהייסען, אַז דער רב וויל שטיצען די שטרייקערס.

ר׳ אליהו חיים איז עטליכע טעג אַרומגעגאַנגען פערטראַכט און פערטרויערט. ער האָט געזוכט עפּיס אַן׳עצה צו די נייע צרות, פון וועלכע עס האָבען מייסטענס געליטען יודען, ווייל זיי האָבען געאַרבייט אין קליינע פאַבריקלעך און וואַרשטאַטען און זייערע פאַבריקאַנטען מורא האָבענדיג פאַר דער גרויסער



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

שטראָף זענען געווען געצוואונגען וועגען יעדער קלייניגקייט צו מעלדען דער פּאָליציי. אַ חוץ דעם האָבען די פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטען די ליסטעס מיט יודישע נעמען גיכער אָפּגעשיקט ווי אַנדערע.

נאָך לאַנגען נאָכטראַכטען האָט ר׳ אליהו חיים זיך דעצידירט עפּיס צו דעם ענין. ער האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט און איז אַוועק צום דעמאָלסטדיגען פּאָליציי-מייסטער כזשאַנאָווסקי.

אַריינקומענדיג צום פּאָליציימייסטער איז דער רב גלייך צוגעטרעטען צו דעם ענין:

ה׳ פּאָליציימייסטער, האָט דער רב געזאָגט, איהר ווייסט וועגען די גרויסע אַרעסטען און אכזריות׳דיגע שטראָפען, וואָס קומען פאָר אין דער לעצטער צייט, זייט דער בעריהמטער פעראָרדנונג פון קאַזנאַקאָוו׳ן וועגען די שטרייקען. בעת די דאָזיגע אַבלאַוועס, האָט ווייטער געזאָגט דער רב, ווערען אַרעסטירט אומשולדיגע מענשען. צי קען דאָס ווייטער דערלאָזט ווערען?

— וואָס קען איך דען טון אין דער דאַזיגער אָנגעלעגענהייט? די פעראָרדנונג איז נישט אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך מיר און איך קען זי דעריבער נישט אָפּשאַפען. איך ווייס אַליין, אַז די דאָזיגע פעראָרדנונג איז נישט צוועקמעסיג. די שטרייקען וועלען זיך דורך די דאָזיגע רעפּרעסיעס נישט אָפּשטעלען, עס ליידען נאָר דורך דעם פיל אומשולדיגע מענשען. ליידער קען איך גאָרנישט צו דעם טון. איבריגענס, וואָס קומט איהר ה׳ ראַבינער צו מיר, איהר האָט דאָך אַ קורצערען וועג דעם ענין צו ערלעדיגען. איך, אַלס לאָדזער פּאָליציימייסטער האָב נישט קיין רעכט צו געבען אייך אַזעלכע עצות, אָבער איהר דאַרפט אייך שוין אָנשטויסען וואָס איך מיין.

— צוליב דעם טאַקי בין איך צו אייך געקומען, האָט געענטפערט דער רב, איך האָב עס אויף מיין אחריות נישט געוואָלט טון. איך האָב געפונען פאַר נויטיג מיט אייך זיך פריהער צו פערשטענדיגען. איך האָב בדעה צונויפצורופען אַ פערזאַמלונג פון יודישע פאַבריקאַנטען, אויף וועלכער עס דאַרף בעשלאָסען ווערען, אַז די דאָזיגע פאַבריקאַנטען זאָלען נישט מעלדען וועגען די שטרייקען, וואָס ברעכט אויס אין זייערע פאַבריקען, נאָר אַזוי אַרום וועלען מיר קענען פערהיטען, אַז ס׳זאָל נישט ליידען און אומקומען אַזויפיל אומשולדיגע יודען. כדי די

דאָזיגע פערזאַמלונג זאָל האָבען מעהר אויטאָריטעט וויל איך, אַז איהר ה׳ פּאָליציימייסטער, זאָלט זיין אָנוועזענד.

כזשאַנאָווסקי, וועלכער איז געווען אַ שׂונא קאַזנאַקאָוו׳ן און האָט געזוכט עפּיס איהם שלעכטס צו טון. און, הגם ער האָט צו אַזאַ פערזאַמלונג נישט געטאָרט געהען, האָט די שׂנאה צו קאַזנאַקאָוו׳ן ביי איהם גובר געווען און ער האָט צוגעזאָגט צו קומען.

— איך שטעל אָבער אַ בעדינג, האָט געזאָגט כזשאַנאָווסקי, אַז איהר ה׳ ראַבינער זאָלט מיר פערזיכערען, אַז קיינער פון די פערזאַמעלטע וועט נישט אויסזאָגען, אַז איך האָב אָנטייל גענומען אין דער דאָזיגער פערזאַמלונג.

— די פערזאַמלונג וועט פאָרקומען ביי מיר אין שטוב, האָט געזאָגט דער רב, און איהר קענט דעריבער גאַנץ רוהיג זיין, אַז קיין איין איינציג וואָרט, וואָס וועט גערעדט ווערען און וועגען קיין איינציגען מענש, וואָס וועט דאָרט אָנוועזענד זיין, וועט נישט אַרויסקומען אין גאַס.

אַזוי איז פערבליבען. דער רב האָט אויף צו מאָרגענס צונויפגערופען די פערזאַמלונג פון יודישע פאַבריקאַנטען מיט אַ שעה פריהער, ווי ער האָט געזאָגט כזשאַנאָווסקי׳ן. ווען אַלע זענען שוין געווען פערזאַמעלט, האָט דער רב מיטגעטיילט, אַז צו דער פערזאַמלונג וועט אויך קומען דער פּאָליציימייסטער כזשאַנאָווסקי און האָט אָפּגענומען אַנ׳עהרען-וואָרט ביי די אָנוועזענדע, אַז וועגען דעם, וואָס מ׳וועט דאָ רעדען און ווער ס׳וועט דאָ זיין מוז בלייבען אַ שטרענגער סוד. און ווירקליך איז באַלד געקומען דער פּאָליציימייסטער כזשאַנאָווסקי. די בעראַטונג האָט זיך אָנגעהויבען. דער רב האָט געהאַלטען די ערעפנונגס-רעדע און האָט קלאָהר געמאַכט פאַר די אָנוועזענדע די שרעקליכע לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפען נאָך דער פעראָרדנונג פון קאַזנאַקאָוו׳ן.

— הונדערטער מענשען קומען אום, טויזענדער נפשות, משפחות פון די פערשיקטע, געהען אויס פון נויט. די רציחות און ווילקיר זענען געוואַלדיג. דער איינציגער אויסוועג פון דעם איז, אַז די יודישע פאַבריקאַנטען זאָלען זיך אָפּהאַלטען פון מעלדען, אַז ביי זיי קומט פאָר שטרייקען, די פוילישע פאַבריקאַנטען, האָט דער רב געמאָלדען, האָבען דאָס אויך פערשטאַנען און האַלטען אין דערזעלבער צייט אויך אָפּ אַ פערזאַמלונג וועגען דעם זעלבען ענין.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0046-0090 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ביי אַ טויטער שטילקייט האָט גענומען אַ וואָרט דער פּאָליציימייסטער כזשאַנאָווסקי. ער האָט ערקלערט, אַז ביי זיין בעסטען ווילען קען ער גאָרנישט העלפען, ווייל די ראַפּאָרטען וואָס קומען צו איהם יעדען טאָג אין זיין קאַנצעלאַריע, מוזען דעם זעלבען אָוונד נאָך אַפּגעשיקט ווערען צו קאַזנאַקאָוו'ן. דער איינציגער אויסוועג וואָלט דעריבער געווען, אַז די יודישע פאַבריקאַנטען זאָלען נישט מעלדען ווענען די שטרייקען.

עס האָבען זיך אַרויסגעזאָגט אין דער דיסקוסיע עטליכע אָנגעזעהענע יודישע פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען זיך זעהר סימפּאַטיש בעצויגען צו דעם ענין און האָבען געזאָגט, אַז זיי פערפליכטען זיך נישט אָנצוגעבען קיין מעלדונגען וועגען שטרייקען אין זייערע פאַבריקען. ס'האָט אויסגעזעהען, אַז די פערזאַמלונג וועט זיך ענדיגען מיט ערפאָלג און מעהר אָדער וועניגער וועלען זיך די אַרעסטען אָפּשטעלען. אָבער פּלוצלינג האָט געבעטען אַ וואָרט איינער פון די גרעסערע יודישע פאַבריקאַנטען און האָט געזאָגט:

— מיך וואונדערט אַבסאָלוט נישט, וואָס דער לאָדזער רב האָט געקענט קומען צו אונז מיט אַזעלכע פאָרשלאָגען. מיר אַלע קענען זיין ווייך האַרץ און גרויס רחמנות צו אַלע בעשעפענישען. אָבער, אַז אַ מענש מיט עפּאָלעטען, אַזאַ הויכער מלוכה-בעאַמטער, ווי ס'איז דער פּאָליציימייסטער כזשאַנאָווסקי זאָל אונז אָנרעדען נישט צו האָרכען די פעראָרדנונגען פון דער העכערער מאַכט, דאָס האָב איך מיר נישט פאָרגעשטעלט. איך וועל מיך אַזעלכע בעשלוסען נישט אונטערוואַרפען.

אין צימער איז געוואָרען אַ בעוועגונג. דער פּאָליציימייסטער איז געוואָרען בלאַס און נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. דער רב האָט גענומען אַ וואָרט גוט אויסגע'שגצ'ט דעם פאַבריקאַנט און געזאָגט:

ה' פּאָליציימייסטער, בערוהיגט אייך. מיר ווייסען אייערע גוטע כונות, איך פערזיכער אייך נאָכאַמאָל, אַז וועגען אייער אָנוועזענהייט דאָ וועט זיך קיינער נישט דערוויסען.

דער פּאָליציימייסטער איז שנעל אַוועק פון דער פערזאַמלונג. קיין בעשלוס איז נישט אָנגענומען געוואָרען און דער גרויסער אויפטו פון רב האָט נישט געקענט אַדורכגעפיהרט ווערען. יעדענפאַלס האָבען פון דעמאָלסט אָן די פאַבריקאַנטען כמעט ווי אויפגעהערט צו מעלדען וועגען שטרייקען.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

# די טעטיגקייט פון לאדזער רב בעת דער כאלערא-מגפה.

דאָס איז געווען אין יאָהר 1894. פון אַלע שטעדט און שטעדטלעך אין רוסלאַנד זענען אָנגעקומען אַלאַרמירענדע ידיעות וועגען אַ גרויזאַמער קראַנקהייט, וואָס האָט מיט אַ מורא'דיגער שנעלקייט זיך פערשפרייט. שוין דער נאָמען אַליין פון דער קראַנקהייט האָט אָנגעוואָרפען אַ שרעק אויף דער גאַנצער בעפעלקערונג, דער נאָמען איז געווען כ אָ ל ע ר ע. דער גרויזאַמער שונא, וועלכער האָט געפיהרט די מלחמה מיט די אָרימע מענשען האָט צוגערויבט הונדערטער, טויזענדער קרבנות די מעדיצינישע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד און דאָס שפיטאָל-וועזען אין רוסלאַנד זענען גישט געווען בכּוח אויפצונעהמען דעם קאַמף מיט דעם שונא, וואָס האָט געשניטען מיט זיין בלוטיגער שווערד אויף רעכטס און לינקס. די צאָהל קרבנות איז דעריבער פערהעלטנישמעסיג געווען אַ זעהר גרויסע. פון וויטען רוסלאַנד האָט זיך די עפידעמיע דערנעהנטערט אין צענטראַל-רוסלאַנד און פון דאָרט קיין פוילען. קיין לאָדז זענען שוין אָנגעקומען טרויעריגע ידיעות פון פערשידענע שטעדטלעך וועגען אויסברוך פון דער קראַנקהייט, די פערצווייפלונג פון דער בעפעלקערונג אין די דאָזיגע שטעט איז געווען אין לשער, די כלל-טוער און די רבנים האָבען אַראָבגעלאָזט די הענד און נישט געוואוסט וואָס צו טון. קיין הייל-מיטלען זענען נישט געווען, זעלטען ס'איז אין וועלכען שטעדטעל געווען אַ דאָקטאָר, מ'האָט אפילו נישט געקענט אָרגאַניזירען קיין מענשען, וועלכע זאָלען העלפען די אומגליקליכע קראַנקע, ווייל יעדער האָט מורא געהאַט זיך אָנצושטעקען מיט דער שרעקליכער קראַנקהייט.

די מגפה האָט טאַקי נישט אָנגעטראָפען קיין שום ווידערשטאַנד און האָט זיך מיט יעדען טאָג פערשטאַרקט.

דערביי איז אָבער געווען נאָך אַ צרה, ווי נאָר אַ קראַנקהייט האָט זיך בעוויזען אין אַ שטאָדט אָדער שטעדטעל, האָט ווער עס האָט נאָר געהאַט די קלענסטע מעגליכקייט געכאַפּט די נויטיגסטע זאַכען און ענטלאָפען פון דער שטאָדט אין אַן אַנדער אָרט, מיינענדיג, אַז דאָרט וועט דער מלאך-המות איהם נישט דערגרייכען, צוליב דעם האָט זיך די מגפה, וואָס אַ מאָל מעהר

פערשפּרייט און פערשלעפּט און מ׳האָט קיין שום גרענדיק נישט געקענט פאַר איהר מאַכען.

ר׳ אליהו חיים האָט דערפיהלט די גרויסע געפאַהר, און הגם אין לאַדז איז נאָך נישט פערנאָטירט געוואָרען אפילו קיין איין פאַל פון דער קראַנקהייט, האָט ר׳ אליהו חיים צוזאַמענגערופען אַ גרויסע פערזאַמלונג פון די פערוואַלטונגען פון געזעלשאַפטליכע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און סתם אָנגעזעהענע בעלי-בתים און כלל-טוער. אויף דער פערזאַמלונג האָבען געדאַרפט אָנגענומען ווערען די פערהיטונגס-מיטלען פאַר לאָדז און געשאַפען ווערען הילף פאַר דער פראָווינץ.

די פערזאַמלונג איז געווען זעהר אַנ׳ערנסטע און טרויעריגע, יעדער פון די אָנוועזענדע איז געווען אונטער׳ן איינדרוק פון די שוידערליכע ידיעות, וועלכע זענען אָנגעקומען פון דער פראָווינץ וועגען דער כאָלעראַ מנפה. ר׳ אליהו חיים מייזעל האָט געעפענט די פערזאַמלונג און האָט געזאָגט:

— רבותי! אַ גרויזאַמער שונא האָט זיך אַריינגעריסען אין אונזער לאַנד. אַ שונא, וועלכער ווייסט נישט פון קיין ריקזיכט אָדער רחמנות, אַ שונא וואָס מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישען פרוי און מאַן, קינד און זקן, אָרים און רייך, א שונא, וועלכער שניידט, מיט פערבונדענע אויגען, מיט אַ בלוטיגער שווערד, נישט זשאַלעוועדיג קיינעם, דער שונא הייסט כ אָ ל ע ר אַ. מיר זענען געשטראָפט געוואָרען מיט איינע פון די שרעקליכסטע שטראָפען מיט אַ מגפה. פון די שכנ׳ישע שטעדטלעך קומען שוין אָן ידיעות, אַז דער שונא איז דאַ און מיר קענען זיך ריכטען אויך ביי אונז אין לאָדז אויף איהם. כל זמן מיר זעהען דאָס נישט מיט אייגענע אויגען קען מען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען דעם גאַנצען שרעק און גרויל פון דער לאַגע, אָבער זאָלען מיר זיך אויף איין אויגענבליק פאָרשטעלען מענשען פאַלען אויף די גאַס ווי פליגען, ס׳איז נישטאָ, ווער ס׳זאָל זיי העלפען און לינדערן זייערע יסורים און ליידען. די קרבנות פון דער כאָלעראַ ווערען וואָס אַ מאָל מעהר און ס׳איז נישטאָ קיין צייט, ווער ס׳זאָל זיי זייער רעכט טון און ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל דאָס טון, ווייל יעדער האָט מורא זיך צוצוריהרען צו דער דאָזיגער פעסט. עס ווערען פלוצלונג אַוועקגעריסען פאָטערס פון קינדער, מוטערס פון זויגענדיגע עופה׳לעך, קינדער פון עלטערען, [illegible]עלייט ווערען אונטערגעשניטען ווי זאַנגען אין פעלד.

שטעלט אייך פאַר דאָס יאָמערען און קרעכצען, וויינען און שרייען, בעטען נאָך רחמים און הילף. און הגם די מגפה מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישען יוד און נישט-יוד, זענען דאָך מיר יודען אָנגעוויזען צו ברענגען די גרעסטע קרבנות, ווייל קודם-כל קענען די קריסטען אנטלויפען אין די דערפער צו זייערע קרובים, וואו די פעסט האָט נישט קיין צו שטאַרקע ווירקונג און צווייטענס זענען זיי זיכער פערזעהען מיט שפיטאַלע אין הייל-אַנשטאַלטען ווי מיר.

— איך האָב אייך אַלע אָנפיהרער פון דער שטאָדט, צוזאַמענגערופען, האָט דער רב געזאָגט און טרעהרען האָבען זיך געקייקעלט אויף זיינע באַקען, כדי איהר זאָלט זיך אָפגעבען אַ דין וחשבון פון דעם, וואָס שטעהט אונז פאָר, הלילה, אין דער נאָהענסטער צוקונפט. מיר קענען זיך איצט גאַנץ גוט אויסווייגען, אָבער שפּעטער וועט נישט זיין קיין צייט צו וויינען. מיר מוזען די רעטונגס-אַקציע נעהמען אין אונזערע הענד אַריין און ערקלעהרען דעם שונא אַ ענערגישען ווידערשטאַנד, אַלע קהלה׳שע און שטאָדטישע אַרבייטען מוזען געשטעלט ווערען אָן אַ זייט און די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט מוז געווענדט ווערען אויף דער נייער צרה, אַזוי ווי דאָס ווערט געטון בעת אַ מלחמה.

דער עולם וואָס איז געווען אָנוועזענד אויף דער אַסיפה האָט די גאַנצע צייט געוויינט און געשלוכצט, ביי די לעצטע ווערטער פון רב האָט יעדער זיך אַ ביסעל בערוהיגט און איז געווען גרייט אונטערצונעהמען יעדער אַרבייט אין קאַמף מיט דער כאָלעראַ.

ווער עס וועט עפּיס טון, האָט דער רב ווייטער גערעדט, וועט נישט טון פאַר קיינעם נאָר פאַר זיך אַליין, פאַר זיין פרוי און פאַר זיינע קינדער. זאָלען זיך אַלע פעראייניגען אין טאָג פון גרויסען אומגליק, זאָלען מיר אַלע ווי איין מענש אַרבייטען אָפּצווענדען פון אונזער קהלה און פון כלל ישראל אַ גרויסע כמעט-אונפערמיידליכע צרה.

די דאָזיגע רעדע פון ר׳ אליהו חיים האָט אויף די אָנוועזענדע געמאַכט אַ גרויסען רושם. די בעגייסטערונג איז געווען גרויס און מ׳האָט געזעהען, אַז אַלע אָנוועזענדע זענען גרייט מיט זייער לעבען און פערמעגען זיך שטעלען צו דינסט צו דער בעפאָרשטעהענדער רעטונגס-אַרבייט.

גלייך אויפ׳ן אָרט איז געזאַמעלט און געצייכענט געוואָרען

אַ גרויסע סומע געלד, וועלכע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער דיספּאָזיציע פון רב. גלייך האָבען איינינע ווירטסלייט געמאָלדען וועגען לעדיג שטעהענדע גרויסע לאָקאַלען און פּלעצער אויף אויסצובויען באַראַקען און מאַכען איזאָלאַציאָנס-הייזער פאַר קראַנקע. גלייך זענען אָפּגעגעבען געוואָרען שטיבלעך און סתם לאָקאַלען פאַר היימלאָזע, וועלכע זענען אַנטלאָפען טאָג-טעגלין פון דער פּראָווינץ פון דער שרעקליכער מגפה. גלייך אויפ׳ן אָרט האָבען זיך געמאָלדען גאַנצע פעראיינען און פּריוואַטע פּערזאָנען אַלס פרייוויליגע ווען עס וועט נויטיג זיין צו פיהרען די אַרבייט. איצט האָט מען געדאַרפט די גאַנצע אַרבייט אָרגאַניזירען און סיסטעמאַטיזירען. ר׳ אליהו חיים האָט בעשטימט צו זיך עטליכע, מענשען, וועלכע האָבען געדאַרפט אָנפיהרען מיט דער גאַנצער אַרבייט און ער האָט געזאָגט, אַז אין פאַל ווען מען וועט דאַרפען וועט ער אויפפאָדערן אַלע זיך צו שטעלען צו דער אַרבייט. גלייך זענען אויך בעשטימט געוואָרען אינקאַסענטען, וועלכע האָבען שוין געדאַפט זאַמלען גרעסערע און קלענערע סומען אויפ׳ן קאַמף מיט דער כאָלערע.

די פערזאַמלונג האָט זיך שוין געהאַלטען ביים פערענדיגען. דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבען פונאַנדערגעהן. פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ יוד פון דער דרעוונאָווסקאַ גאַס אַ טרויעריגער און פערוויינטער. ער איז צוגעגאַנגען צום רב און איהם ערקלערט, אַז ביי איהם איז דעם זעלבען טאָג אינדערפריה קראַנק געוואָרען אַ זוהן און דער דאָקטאָר האָט איהם ערקלערט, אַז ער איז קראַנק אויף כאָלערע.

— דער שונא איז דאָ, האָט אויסגעשריגען ר׳ אליהו חיים, נעהמט זיך צום געוועהר, און זייט גרייט אויף יעדען רוף.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז נאָך דער דאָזיגער בשורה איז נישט געווען מעהר קיין צווייפעל און ס׳איז געוואָרען קלאָהר, אַז די מגפה האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט קיין לאָדז און דאָס אין דעם סאַמע אָרימסטען און שמוציגסטען קוואַרטאַל — אין אַלטשטאָדט.

ס׳איז נישט געווען מעהר קיין צייט אויף חקירות אָדער פערזאַמלונגען, מ׳האָט געדאַרפט אָנהויבען אַרבייטען. ר׳ אליהו חיים האָט דעם בעשטימטען קאָמיטעט נישט געלאָזט מער אַוועקגעהען. דער קאָמיטעט האָט זיך בעראַטען אַ גאַנצע נאַכט וועגען די מיטלען וואָס מ׳דאַרף תיכף אָננעהמען.

קודם-כל איז בעשלאָסען געוואָרען אין דער גרויסער רע·

טוּנגס-אַקציע נישט צוּ מאַכען קיין אוּנטערשיד צווישען יוּד אוּן קריסט. יעדער קראַנקער האָט געדאַרפט לויט דער מעגליכקייט געראַטעוועט ווערען. ווייטער איז בעשלאָסען געוואָרען באַלד פוּן אָנהויב נישט צוּ דערלאָזען צוּ קיין פּאַניק אין שטאָדט אוּן אָפּהאַלטען די יוּדישע בעפעלקערוּנג פוּן ענטלויפען אין דער וועלט אַריין. צוּ דעם צוועק זענען בעשטימט געוואָרען ספּעציעלע דיזשוּרען אויפ׳ן וואָקזאַל אוּן אויף די עקען פוּן די שטאָדט אוּן וועלכער מענש עס האָט געוואָלט אַוועקפאָהרען האָט געמוּזט האָבען אַ ספּעציעלען צייכען פוּן דעם קאָמיטעט צוּ בעקעמפען די הערשענדע מגפה. עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אַז אין די גאַסען פוּן אַלטשטאָדט אוּן באַלוּט וואוּ עס זענען נישטאָ קיין טעלעפאָנען, זאָלען בייטאָג אוּן ביינאַכט אַרוּמגעהען דיזשוּרען אוּן ביי יעדען פאַל פוּן אַ קראַנקהייט גלייך ברענגען הילף דוּרך אַ דאָקטאָר אָדער איבערפיהרען דעם קראַנקען אין די שפּיטעלער. צוּם סוֹף איז נאָך בעשלאָסען געוואָרען אויף צוּמאָרגענס תיכף צוּצוּגרייטען אַ גרעסער לאָקאַל אוּן פּראָוויזאָריש איינאָרדנען אַ שפּיטאָל. דאָס זענען געווען די ערשטע אַרבייטען פוּן קאָמיטעט, וועלכע זענען צוּמאָרגענס באַלד אין דער פריה אויסגעפיהרט געוואָרען.

די ידיעה וועגען דעם ערשטען כאָלערא-פאַל אויף דער פּוילישער גאַס האָט זיך בליץ-שנעל פערשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט. די שטימוּנג איז געוואָרען ווי אין תשעה-באב. אַ שרעק האָט אַרוּמגעכאַפּט די יוּדישע בעפעלקערוּנג פוּן שטאָדט, מענער זענען געלאָפען אין די בתי-תפלות זאָגען תהלים, ווייבער האָבען פערבראָכען די הענד אוּן געוויינט. ס׳איז נויטיג געווען צוּ בעהערשען די לאַגע אוּן בערוּהיגען דעם עולם. פוּן דעם הויז, וואוּ ס׳איז פאָרגעקוּמען דער ערשטער כאָלערא-פאַל זענען די איינוואוינער ענטלאָפען ווי פוּן אַ שרפה. צוּם קראַנקען אַליין האָט זיך קיינער נישט געוואָלט צוּריהרען, מורא-האָבענדיג פאַר אָנשטעקוּנג.

נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, אין וועלכער ס׳איז פאָרגעקוּמען די בעראַטוּנג, האָט ר׳ אליהו חיים זיך נישט געלעגט שלאָפען. ער איז גלייך אַראָפּגעגאַנגען מיט צוויי בעגלייטער אין דער פּוילישער גאַס, וואוּ ס׳איז געלעגען דער קראַנקער, ער איז גלייך אַריין אין שטוּב אוּן מיט זיינע אייגענע הענד אַרויפגעלעגט דעם קראַנקען אויפ׳ן טראָג-בעטעל אוּן איהם אָפּגעפיהרט אין פּראָ-

וויזאָרישען שפּיטאל. דער דאָזיגער ביישפּיל האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג, דער עולם האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, מ'איז אַוועק דער טויט־שרעק. נאָך אין דעמזעלבען טאָג האָט ר' אליהו חיים אַרויסגעלאָזען אַ קול־קורא, אין וועלכען ער האָט אויפגעפאָדערט די יידישע בעפעלקערונג צו דערהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט און זיך נישט לאָזען מיטרייסען מיט'ן פּאַנישען שרעק. דער אויפרוף האָט אָנגעוויזען, אַז שרעק איז איינע פון די סבות וואָס פערשטאַרקט די קראַנקהייט און מ'דאַרף זיך ווי ווייט מעגליך אַליין בעהערשען.

אויך דער אויפרוף האָט געהאַט די געהעריגע ווירקונג און נאָך אַ געוויסער בערוהיגונג האָט דער קאָמיטעט מיט'ן לאָדזער רב בראש זיך געקענט נעהמען צו דער אָרגאַניזאַציע־אַרבייט. אָהן אָפּרוה טאָג און נאַכט האָט געבּרענט די צוגרייטונגס־אַרבייט.

ר' אליהו חיים איזגעגאַנגען דערין, אַז דער ערשטער חולה אויף דער שרעקליכער קרענק זאָל געזונד ווערען, מחמת דאָס האָט געקאָנט זיין דאָס בעסטע מיטעל צו בערוהיגען די איבערגעשראָקענע בעפעלקערונג. דעריבער האָט ר' אליהו חיים צו עטליכע שעה אין טאָג דיזשורירט ביי דעם קראַנקען, אַליין געבּרענגט צו איהם די גרעסטע לאָדזער דאָקטוירים, אַליין זיך אומגעגאַנגען מיט דעם קראַנקען און איהם געפּלעגט און ווירקליך האָט דעם קראַנקען אָנגעהויבען בעסער צו ווערען און דאָס האָט געהאַט די אויסגערעכענטע ווירקונג. דער עולם האָט זיך איבערצייגט, אַז אויך פון דער דאָזיגער שרעקליכער קראַנקהייט קען מען אויך געזונד ווערען און מ'דאַרף נישט פערלירען די האָפנונג אין אַראָפּלאָזען די הענד.

אָבער דער שונא איז נישט אָפּגעשטאַנען, אין אָנהויב פון חודש תמוז האָט זיך די כאָלערע אָנגעהויבען פערשפּרייטען מיט אַ שרעקליכע שנעלקייט, עס זענען קראַנק געוואָרען גאַנצע משפּחות, גאַנצע הייזער און אַפילו גאַנצע געסלעך, איצט האָט זיך געדאַרפט אָנהויבען די אמת'ע אַרבייט. די קראַנקהיים, האָט אויך נישט געשוינט די קריסטליכע בעפעלקערונג און גענומען פון איהר גרויסע קרבנות.

די אַרבייט פון לאָדזער רב אויף דעם געביט איז אַפילו צווישען די קריסטען שטאַרק מפרסם געוואָרען און מ'האָט וועגען דעם גערעדט אין דער גאַנצער שטאָדט. די קריסטען האָבען זיך שטאַרק מתקנא געווען אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער

הילף געגען דער מגפה, ווייל אויף דעם געביט איז ביי די קריסטליכער בעפעלקערונג זעהר ווייניג אויפגעטון געוואָרען.

אין איין שעהנעם פריהמאָרגען איז צו ר׳ אליהו חיים אין וואויגונג געקומען אַ קריסטין. זי האָט זיך מיט אַ שרעקליך געוויין און געיאָמער געוואָרפען פאַר די פיס פון רב און געשריען:

הייליגער ראַבין, הייליגער יוד, גרויסער איידעלער מענש העלפט מיר ראַטעוועט מיך!

וואָס איז געשעהען, האָט דער רב געהייסען פרעגען די יאָמערנדע קריסטין.

איך בין פון לאַגעווניק, האָט די קריסטין ווייטער געוויינט, מיר האָבען שוין זייט עטליכע וואָכען געהערט וועגען דער כאָלערא־עפידעמיע, וואָס האָט אַרומגענומען פוילען און בתוכם אויך די שטאָדט לאָדז. ביי אונז איז אָבער די גאַנצע צייט געווען שטיל. קיין שום פאַלען פון דער קראַנקהייט איז נישט געוועזען, מיט עטליכע טעג צוריק אָבער איז ביי מיר קראַנק געוואָרען אַ טאָכטער. מיר האָבען זי געהיילט מיט אונזערע „באַבסקע“ מיטלען, אָבער באַלד אויף צו מאָרגענס איז קראַנק געוואָרען מיין זוהן, די פויערים פון דאָרף האָבען אָנגעהויבען צו ברומען אונטער דער נאָז, אַז דאָס איז כאָלערע. זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען אויפ׳ן מאַרק און האָבען בעשלאָסען, כדי נישט דערלאָזען, אַז די קראַנקהייט זאָל זיך פערשפרייטען, די צוויי קראַנקע לעבעדיגערהייט צו בעגראָבען, אָדער אין בעסטען פאַל זיי צו ערשט צו פער׳סמ׳ען.

איך האָב מיך דערוואוסט וועגען דעם בעשלוס פון די פויערים, האָט די קריסטין אַלץ ווייטער געיאָמערט און מיר איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך קען אונזערע פויערים און איך ווייס, אַז זיי זענען פעהיג אויסצופיהרען דעם אונטערגענומענעם בעשלוס. איך בין גלייך אַוועק צו אונזער קשאָנדז, אָבער ער איז נישטאָ אין דאָרף, איך ווייס נישט די סבות, צוליב וואָס ער איז אַוועקגעפאָהרען, די געפאַהר איז אָבער גרויס, איך קען מיר נישט קיין עצה געבען, היינט אין דער פריה זענען שוין געקומען די ערשטע שלוחים, כדי מיר די דערמאָנטע בשורה אָנצוזאָגען, זיי האָבען גערעדט מיט מיר אין גוטען, זיי האָבען מיר געגעבען צו פערשטעהן, אַז איך מוז מסכים [illegible] צו פערסמ׳ען מיינע קינדער לטובת דעם כלל.

הייליגער ראַבין, גרויסער איידעלער מענש, מיר אַלע ווייסען, אַז אַ דאַנק אייך ווערען געראַטעוועט הונדערטער מענשען, מיר אַלע האָבען איין גאָט אין הימעל, האָט רחמנות אויף אַנ׳אַלמנה און ראַטעוועז איהרע צוויי איינציגע קינדער פון אַ מאָרד.

די קריסטין איז געפאַלען אויף דער ערד. זיך געקלאַפּט דעם קאָפּ אין פּאָדלאָגע, היסטעריש געוויינט און זיך נישט געקענט בערוהיגען.

און ווער איז איצט ביי אייך אינדערהיים? האָט דער רב געהייסען פרעגען.

איך האָב איבערגעלאָזען דאָרט מיין ברודער, האָט די קריסטין געענטפערט, זיי קענען אָבער יעדע מינוט אויספיהרען זייער בעשלוס.

— און פאר וואָס געהט איהר נישט צו פּאָליציי. געדהט אַהין און ערקלעהרט דעם גאַנצען שרעקליכען ענין און איהר וועט זיכער בעקומען דאָרט הילף.

— איך בין שוין געווען, האָט די קריסטין זיך ווייטער געריסען די האָהר אופ׳ן קאָפּ, איך האָב אַלץ דערצעהלט, אָבער דאָרט האָט מען מיר אַנ׳עצה געגעבען, אַז איך זאָל מיינע קראַנקע קינדער אַוועקפיהרען אין שפּיטאָל, וואו האָב איך אָבער אַ שפּיטאָל, ביי אונז איז אַפילו קיין דאָקטאָר נישטאָ, די איינציגע האָפנונג מיינע איז איצט דער ראַבין. מיר האָבען אַלע: יודען און קריסטען געזאָגט, אַז דער ראַבין מיט זיין גרויס רחמנות אויף אַלע בעשעפּענישען וועט מיר אויך העלפען.

לויט דעם ווי די קריסטין האָט דערצעהלט איז נישט געווען קיין צייט צו וואַרטען, מ׳האָט געמוזט שנעלער עפּיס טון. ר׳ אליהו חיים איז גלייך אַוועק אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע און פערלאַנגט הילף. גלייכצייטיג האָט דער רב בעשטימט 6 מענשען פון דער סאַניטאַרער-מיליץ, געדונגען 2 דראָזשקעס און געהייסען אַוועקפאָהרען קיין לאַגעווניק און ברענגען די צוויי קראַנקע. צוזאַמען מיט די 9 מענשען איז אויך מיטגעפאָהרען אַ פּאָליציי-פּאַטרול, וועלכע האָט געדאַרפט נישט דערלאָזען צו קיין עקסצעסען.

די גאַנצע עקספּעדיציע איז אַוועק קיין לאַגעווניק. פאַר׳ן הייזעל, ווי די 2 קראַנקע זענען געלעגען איז געשטאַנען אַ גרעסערע צאָהל פויערים, וועלכע האָבען דערזעהענדיג די דאָראָ-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0051-0099 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

זשקעס מיט די פּאָליציאַנטען אָנגעהויבען זיך פּענאַנדערגעהן· ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פּויערים האָבען שוין געהאַט צוגעגרייט אַלץ אויף אַדורכצופיהרען די צערעמאָניאַלע לויה, כדי אָפּצוהאַלטען די מגפה. די פּויערים האָבען מורא געהאַט צו-שטעלען אַ ווידערשטאַנד און די סאַניטאַרען האָבען מיטגענומען די צוויי שטאַרק-איבערגעשראָקענע און אָפּגעשוואַכטע קראַנקע.

די קראַנקע זענען אַריינגעברענגט געוואָרען אין יודישען שפּיטאָל און דער רב האָט בעפוילען זיי צו געבען די בעסטע בעהאַנדלונג, כדי זיי זאָלען געזונד ווערען און צוריקפאָהרען אין דאָרף און אַזוי אַרום אַרויסטרייבען דאָס אַבערגלויבען פון די פּויערים.

די קראַנקע האָבען בעקומען די בעסטע קוראַציע. ליידער האָט זיך איינגעגעבען צו ראַטעווען נאָר דעם זוהן פון דער קריסטין, די טאָכטער איז אין עטליכע טעג אַרום געשטאָרבען.

דער דאָזיגער איידעלער טאַט פון ר׳ אליהו חיים האָט גע-מאַכט אַ געוואַלדיגען רושם צווישען דער קריסטליכער בעפעלקע-רונג ביי אונז אין שטאָדט. יעדער וואָס האָט געהאַט עפּיס אויפ׳ן האַרצען איז געקומען צום רב.

די כאָלערא-מגפה האָט זיך אַלץ געשטאַרקט און מ׳האָט געדאַרפט, וואָס אַמאָל מעהר אַרבייט און אָנשטרענגונג. עס האָט אָבער נישט געפעהלט אַ זעלכע, וואָס האָבען דעם לאָדזער רב געוואָלט אונטערשטעלען אַ פּיסעל.

נישט קוקענדיג אויף די אַלע פאַרהיטונגס-מיטלען האָט זיך די מגפה אַלץ מעהר פערשטאַרקט. די מיטהעלפער פון ר׳ אליהו חיים אין קאַמף מיט דער עפּידעמיע האָבען אָנגעהויבען מיד צו ווערען, עטליכע פון זיי זענען אָנגעשטעקט געוואָרען און האָבען זיך אויך געלעגט קראַנק, דאָס האָט אָפּגעשראָקען אַ גרויסע צאָהל מענשען, וועלכע האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון דער הילפס-אַרבייט. ר׳ אליהו חיים איז אָבער נישט מיד געוואָרען, ער האָט זיך געשאַפען וואָס אַמאָל נייע גרופען, וועלכע האָבען זיך איהם געשטעלט צו דינסט. אַחוץ די אַרבייט וואָס מ׳האָט געדאַרפט אָנפיהרען פאַר די קראַנקע, האָט מען נאָך געדאַרפט זאָרגען פאַר די טויטע, אַז עס זאָל זיי געטון ווערען זייער רעכט.

מ׳האָט דערצעהלט דעם רב, אַז אויפ׳ן בית-עולם ליגען מתים צו עטליכע טעג און ס׳איז נישטאַ ווער ס׳זאָל קובר זיין.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0051-0100 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דאָס איז געווען 4 טעג אין אלול 1894. 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג האָט דער רב צוזאַמענגענומען עטליכע מנינים יודען און מיט די אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן בית-עולם. אין מתים-שטיבעל זענען געווען אויסגעלעגט געדיכט אייגער נעבען אַנדערען מתים פון אַלערליי עלטער. ס׳איז פשוט נישט געווען די מתים וואו אַריין צו לעגען, און דאָ איז וואָס אַ מאָל אַלץ אָנגעקומען נייע לויות, מ׳האָט געבראַנגט פרישע מתים.

אַריינקומענדיג אין מתים-שטיבעל האָט דער רב בעמערקט, אַז מ׳נעהט תכריכים אויף מאַשינען, מחמת מיט די הענד וואָלט מען נישט געקענט אויסקומען. דער רב האָט בעפוילען תיכף אַרויסצוואַרפען די מאַשינען און אַוועקגעזעצט עטליכע יודען צו נעהען תכריכים.

דער רב איז אַריין אין מתים-שטיבעל, אויפגעדעקט די ליגענדע מתים און צו זיי גערעדט:

— פאַר וועמען האָט איהר איבערגעלאָזט אייערע קינדער, פאַר וועמען האָט איהר איבערגעלאָזט אייערע אלמנות, אפשר אויף מיין קאָפּ? איך בין שוין אַלט און שוואַך, איך קען נישט מעהר אויסטראָגען אויף מיינע פלייצעס די גרויסע צרות פון מיין עדה יודען אין דער לאָדזער קהלה.

און אויפהויבענדיג די הענד צום הימעל, האָט דער רב זיך שטאַרק צוויינט:

— רבונו-של-עולם, אפשר וועט שוין זיין גענוג, זעה דאָס רטמנות פון די הונדערטער און טויזענדער אלמנות און יתומים, דערבאַרים זיך איבער די דאָזיגע אומבעהאָלפענע מענשען. איך בין גרייט, אַז דו זאָלסט מיך צונעהמען פון דער וועלט, כדי מכפר צו זיין די יודישע בעפעלקערונג אין לאָדז. איך בין שוין אַן אַלטער מענש און נאָך מיר וועלען שוין קיין קליינע אומבעהאָלפענע יתומים נישט בלייבען, נעם צו, רבונו-של-עולם, דעם דאָזיגען קרבן און זאָל זיין אַ סוף צו דיין גרויסען אומגליק.

דער גאַנצער עולם, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויפ׳ן בית-עולם האָט מיטגעוויינט מיט׳ן רב; ווייבער האָבען גע׳חלש׳ט, מענער האָבען געגאָסען הייסע טרעהרען.

נאָכדעם האָט דער רב גענומען דעם שליסעל פון טויער האָט פערשלאָסען דאָס טויער און אויסגעשריגען: גאָט אין הימעל, איך זאָג דיר, אַז איך וועל מעהר דורכ׳ן טויער קיין מתים פון דער מגפה נישט אַריינלאָזען, ס׳מוז נעהמען



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0052-0101 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אָ סוף צו דער שטראָף, און דער רב איז אַוועק אין פעלד און דאָרט ערגיץ פערוואָרפען דעם שליסעל, דערנאָך האָט דער עולם אויסגעבראָכען 2 ברעטער אין פּאַרקאַן און דורך דאָרט אַריין אויפ׳ן בית-עולם. דאָרט האָט זיך דער גאַנצער עולם אַוועקגעשטעלט זאָגען תהילים.

ס׳איז שוין געוואָרען פינסטערליך און דער רב איז נאָך אַלץ אַרומגעקראָכען צווישען די מתים, געהאָלפען אַליין נייען תכריכים און מטהר זיין. ווען אַלע מתים האָבען שוין געהאַט פערטיגע בגדים האָט דער גאַנצער עולם צוזאַמען מיט׳ן רב געגראָבען קברים און אָנגעהויבען מקבר צו זיין איינעם נאָכ׳ן אַנדערען, אָהן שום אָברוה. דאָס האָט געדויערט ביז 4 פּאַרטאָג. דער רב איז געוועזן צוזאַמען מיט אַלע און אַליין, אַזוי ווי יע-דער, געהאָלפען אַלץ טון. דער עולם איז שוין שטאַרק מיד און מ׳הויבט זיך שוין אָן פונאַנדערצוגעהן. פּלוצלינג ווערט איינעם פון די אָנוועזענדע שלעכט און לויט אַלע סמנים ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער כאָלערע-מגפה, דער עולם ווערט אומרוהיג, יעדער האָט מורא פאַר זיין לעבען, דער רב לאָזט אָבער נישט צו קיין שרעק, ער זעצט זיך אויף צוזאַמען מיט דעם קראַנקען אויף אַ פוהר׳ל און פיהרט איהם אין שפּיטאָל. נישט קוקענדיג אויף דער שווערער אַרבייט און נישט געשלאָפענער נאַכט איז געבליבען דער עטליכע און זיבעציג יעהריגער מאַן ביים קראַנקענ׳ס בעט ביז מיטאָג און געלינדערט איהם זיינע ליידען.

אין אַ מערקווירדיגע ואַך. פון דעם טאָג אָן האָט די מגפה אָנגעהויבען שוואַכער צו ווערען. די קראַנקהייטס-פאַלען זענען געוואָרען כסדר זעלטענער, און אין פערלויף פון עטליכע וואָכען איז די מגפה איינגאַנצען איינגעשטילט געוואָרען.

איצט איז געקומען די צייט אַרומצוזעהען זיך ווי גרויס דאָס אומגליק איז געוועזען און וואָס פאַר אַ מיטלען עס דאַר-פען אָנגענומען צו ווערען, כדי צו ראַטעווען די הונדערטער עלענדע אלמנות און יתומים — די נאָכוועהען פון דעם שרעק-ליכען אומגליק.

די דאָזיגע אַרבייט איז געוועזן נישט קיין לייכטערע, ווי די עצם געגען-כאָלערע-אַקציע. די הונדערטער פאַמיליעס זענען געבליבען אָהן שום מיטלען צום לעבען. מ׳האָט געדאַרפט גרוי-סע אָנשטרענגונגען, כדי עפּיס צו טון. ס׳פערשטעהט זיך, אַז



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

קיין געלד איז נישט געווען. דער אַנטי־כאָלערע־קאָמיטעט האָט נאָך געהאַט אַ שפּאָרען דעפיציט, וועלכען מ׳האָט געדאַרפט דעקען. אַ חוץ דעם האָט מען געדאַרפט גרויסע סוּמען אויף אוּנטערצוּנעהמען אַ הילפס־אַקציע פאַר די געזוּנדע אָדער פעראוּמגליקליכטע. קיין געלד איז נישט געווען. ר׳ אליהו חיים האָט זיך נישט מיאש געווען, ער האָט צוּנויפגערוּפען די גרעסטע גבירים אין לאָדז אוּן זיי געזאָגט:

רבותי! מיר האָבען בעזיגט אַ גרויסען, שטאַרקען אוּן גרויזאַמען שונא. מיר האָבען פערטריבען פוּן זיך אַ שרעקליכע קראַנקהייט, וואָס האָט אַוועקגעריסען פוּן אוּנז הוּנדערטער נפשות אוּן טויזענדער זענען געבליבען אָהן מיטלען צוּם לעבען. איהר אַלע זענט אָפּגעהיטען געוואָרען פוּן דער קראַנקהייט. איהר זייט עַנטלאָפען מיט אייערע פאַמיליעס קיין אויסלאַנד אוּן געלאָזען אַלץ אויף גאָט׳ס בעראָט. איהר האָט אייך אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבען. אייערע פערמעגענס, וואָס איהר האָט אָנגעזאַמעלט אין פערלויף פוּן לאַנגע יאָהרען האָט איהר איבערגעלאָזען ביי אוּנז. מיר האָבען זיי אייך אָפּגעהיטען. איצט זייט איהר צוּריקגעקוּמען קיין לאָדז אוּן צוּריק איבערגענוּמען אייער האָב אוּן גוּטס. אָבער זאָגט איצט: וואָס וועט איהר געבען פדיון הנפש? מיט וואַס וועט איהר אָפּקויפען די לעבענס פוּן אייך, פוּן אייערע פרויען אוּן קינדער? גמלת חסדים טוּען מיר נאָר אָרעמע אוּן אוּנגבעהאָלפענע מענשען, אָבער איהר מוּזט אייערע לעבענס אָפּקויפען לטובת די געליטענע. זייט וויסען, רבותי, אַז איהר וועט נישט אָפּקוּמען מיט גראָשענס. איך פערלאַנג שוין דאָ אויפ׳ן אָרט מיר צוּ געבען די נויטיגע סוּמען צוּ דעקען דעם אַלטען דעפיציט אוּן נייע סוּמען אויף צוּ העלפען אַלע די, וועלכע זענען פעראָרימט געוואָרען דוּרך פערלירען זייערע פאַמיליען־מיטגלידער. סוּמען אויף ערהאַלוּנג פאַר די ערשט איצט געזוּנד־געוואָרענע א. אַז. וו.

מיר מוּזען צוּריקשטעלען די יוּדישע בעפעלקערוּנג אין אוּנזער שטאָדט לכל־הפחות, אַזוי ווי די שטאָדט איז געווען פאַר׳ן אויסברוּך פוּן דער קראַנקהייט.

די פערזאַמעלטע גבירים האָבען פאַר בושה אַראָפּגעלאָזען די אויגען. זיי האָבען זיך געפיהלט פאַר שוּלדיג אוּן נישט געוואוּסט וואָס צוּ ענטפערען. איינער נאָכ׳ן אַנדערען האָבען זיי אָנגעהויבען צוּ דעקלאַרירען גרעסערע סוּמען פאַר די אַקציע.

עס האָט זיך צונויפגעזאַמעלט אַ גרויסע סומע און דער רב, נישט אָפּרוהענדיג זיך פון דער אַדורכגעמאַכטער אונגעהויערער אַרבייט האָט זיך גלייך גענומען צו דער ווייטערדיגער נישטוועהניג וויכטיגער אַרבייט פון היילען די נאָכוועהען פון דער שרעקליכער מגפה, עס זענען געשאַפען געוואָרען צוויי רעטונגס־קאָמיטעטען, איינער פאַר דער פּראָווינץ וואו די קראַנקהייט האָט נאָך געבושעוועט און איינע פאַר דער שטאָדט לאָדז, וועלכער האָט זיך פערנומען מיט קאָנסטרוקטיווער הילף פאַר די געליטענע פון דער מגפה. די דאָזיגע רעטונגס־קאָמיטעטען האָבען דעמאָלט זעהר פיל אויפגעטון, און פיל פון די, וואָס האָבען בעקומען שטיצע פון דעם דעמאָלסדיגען לאָדזער רעטונגס־קאָמיטעט זענען דערנאָך געוואָרען גרויסע גבירים און נאָך גאַנץ לאַנג אונטערשטיצט דעם דאָזיגען שטענדיגען קאָמיטעט, וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ זעהר שעהן קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער יודישער געזעלשאַפטליכער אַרבייט אין לאָדז.

די אַרבייט פון לאָדזער רב בעת די כאָלערא־עפּידעמיע איז ווי געהעריג אָפּגעשאַצט געוואָרען נישט נאָר דורך דער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז, נאָר אומעטום וואו יודען האָבען זיך נאָר געפונען. די דאָזיגע הילפס־אַקציע האָט אויך נישט געקענט אַדורכגעהן אָהן אויפמערקזאַמקייט ביי דער פּוילישער בעפעלקערונג און אויך ביי דער מאַכט. און טאַקי האָט דער רב זיך קונה שם געווען ביי דער קריסטליכער בעפעלקערונג, און דער וואַרשאָווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט פאָרגעשטעלט דעם לאָדזער רב פאַר דער צענטראַלער רעגירונג אין פּעטערבורג, אַלס איינער פון די, וועלכע האָבען אַמענערגישסטען בעקעמפט די כאָלערא־מגפה אין לאָדז. די צענטראלע רוסישע רעגירונג האָט דעריבער דעמאָלט בעשטימט פאַר׳ן לאָדזער רב אַנ׳אויסצייכנונג אין דער פאָרם פון אַ גאָלדען שווערדעל, וועלכעס איז איבערגעגעבען געוואָרען דעם לאָדזער רב דורך דעם וואַרשאָווער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

## גראַטעוועט אַ אונשולדיג יודיש מיידעל פון פרויענהענדלערס הענד.

אין יאָהר 1908 האָט איבער די יודישע שטעדט און שטעדטלעך אין פּוילען און ליטע פונאַנדערגעשפּרייט איהרע נעצען אַ באַנדע פרויען־הענדלער, וועלכע האָבען רעקרוטירט

זייערע קרבנות הויפּטזעכליך צווישען די יודישע מעדלעך.

די באַנדע האָט געאַרבייט אונטער פערשידענע מאַסקעס און אויסריידען; אייניגע פון זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט אַלס שיף-אַגענטען, אַנדערע ווידער אַלס רייכע פאַבריקאַנטען, וועלכע זוכען אַרבייטערינס פאַר זייערע אונטערנעהמונגען, נאָך אַנדערע אַלס רייכע אַמעריקאַנער חתנים, וועלכע זענען געקומען אין זייער היימאַטס-אָרט, כדי דאָ צו זוכען זייערע בעשערטע און צוזאַמען אַוועקפאָהרען קיין אַמעריקאַ. די באַנדע פרויען-הענדלער האָט אַנגעמאַכט אמת׳ע חורבות אין יודישע הייזער. ווען עס האָט זיך די פרויען-הענדלער נישט איינגעגעבען אַרויס-צורייסען זייער קרבן מיט גוטען, האָבען זיי דאָס געטון מיט געוואַלד, פון קיינעם נישט בעמערקט. די באַנדע האָט געהאַט אַגענטען אין אַלע גרעסערע שטעדט און זיי האָבען שנעל אי-בערטראַנספּאָרטירט זייער „סחורה" פון איין אָרט אויפ׳ן צווייטען.

די יודישע קהלות אומעטום האָבען דעמאָלס געטראַכט וועגען אָננעהמען מיטלען געגען דעם נייעם אַנשיקעניש.

אין איין שעהנעם טאָג אין חודש יולי 1908 יאָהר קומט צום לאָדזער רב אַ פרוי, אַ ווילנערין. זי האָט זיך ווי אַ משוגענע אַריינגעריסען אין רב׳ס צימער און געשריגען:

— הייליגער רבי, איהר גרויסער בעל-רחמנות און מלאך הגואל פון הונדערטער און טויזענדער נפשות, זאָל איך אויך זיין איינע פון די, וועלכע וועט אייער נאָמען שטענדיג לויבען און בענשען ביז די לעצטע מינוטען פון מיין לעבען. איהר זעהט, רבי, מיינע גרויע האָהר, דאָס איז נישט פון אַלטקייט, איך בין אינגאַנצען אַלט 43 יאָהר, די גרויע האָהר האָב איך בעקומען אין פערלויף פון עטליכע וואָכען פון אַ גרויזאַמער צרה, וועלכע האָט מיך געטראָפען.

און ווירקליך איז די פרוי געווען גרוי ווי אַ טויב, אויף איהר בלאַס פנים האָט מען דערקענט, אַז זי לעבט איבער אַ שווערע טראַגעדיע. איהרע רויטע אויגען און הייזעריגע שטימע האָבען עדות געזאָגט, אַז שוין נישט איין נאַכט האָט זי פער-בראַכט מיט וויינען און קלאָגען.

ר׳ אליהו איז געווען געוואוינט צו אַלערליי אויסטערלישע צרות און טראַגעדיעס, ס׳איז דאָך נישט אַדורכגעגאַנגען קיין איין טאָג, אַז עמיץ זאָל נישט קומען צו איהם און פערצעהלען וועגען שרעקליכע ליידען און יסורים. דאָס רחמנות פון דער

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0054-0105 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

פרוי האָט אָבער מעהר ווי שטענדיג איבערגענומען אַלע אָנוועזענדע און אויך דעם רב אַליין.

— וואָס איז אייך געשעהען, האָט דער רב געפרעגט, און צו וואָס זענט איהר צו מיר געקומען אַזש פון ווילנע?

מיר איז געשעהען אַ שרעקליך אומגליק, האָט די פרוי אָנגעהויבען דערצעהלען. איהר שטימע איז געווען אָהן קלאַנג, אַזוי ווי צמיץ וואָלט גערעדט פון אַ קבר אַרויס, איך האָב פערלוירען מיין איינציג קינד, מיין איינציגע טאָכטער. וואָלט זי כאָטש געשטאָרבען, וואָלט איך געטרויערט נאָך איהר און זיך ביסלעכווייז בערוהיגט. די צרה איז אָבער נאָך גרעסער, מיין טאָכטער לעבט אָבער אין חרפה, אין שאַנד און שמוץ.

די פרוי האָט פערקרימט איהר פנים אין אַ שרעקליכען גרימאַס און זיך ספּאַזמאַטיש צוויינט. אַלע אָנוועזענדע האָבען שוין פערשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. די דאָזיגע מוטער-טראַגעדיעס זענען אין דער דעמאָלסדיגער צייט געווען אַן׳אָפטע ערשיינונג. ווען די ווילנערין האָט זיך אַביסעל בערוהיגט האָט זי ווייטער גערעדט:

— מיין טאָכטער איז איצט אַלט 19 יאָהר. אַ שעהן גערא־טען קינד געווען, געענדיגט 7 קלאַסען פון רעגירונגס-גימנאַזיום, האָט זיך פלוצים בעוויזען אין ווילנא דער טייוועל אַליין אין דעם געשטאַלט פון אַ עלעגאַנטען הער, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען שדכנ׳ען צו מיין קינד. ער האָט דערצעהלט, אַז ער איז אַ רייכען פאַבריקאַנטס אַ זוהן פון לאָדז און ער האָט געמוזט פערלאָזען לאָדז און קומען קיין ווילנא, ווייל ער בעהאַלט זיך פאַר דער פאָליציי צוליב זיי אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג. דעם בחור האָט טאַקי נישט געפעהלט קיין געלד און האָט יעדעס מאָהל איהר געברענגט נייע מתנות. מיט דער ערצעהלונג, אַז ער איז אַ מערטירער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג האָט דער דאָזיגער יונגערמאַן נאָך אַרויסגערופען מעהר סימפּאַטיע אין דער יונגער און נישט ערפאַהרענער נשמה פון מיין קינד.

— וואָס דער אמת — האָט די פרוי טיף אויסגעזיפצט — האָב איך אויך קיין שום חשד נישט געהאַט, און דאָס פּאָרל איז געוואָרען אַלץ נעהנטער צו זיך. אַלע שכנים האָבען מיך, משטיינס געזאָגט מקנא געווען, מחמת איך גיב אויס מיין טאָכטער אין אַזאַ רייכטום און צו אַזאַ איידעלען יונגערמאַן. מיין



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

הארץ האָט מיר אָבער שטענדיג געזאָגט, אַז דאָ איז עפּיס נישט גלאַטיג ביז דאָס אומגליק איז געשעהען. מיט אַ חודש צוריק איז מיין קינד פלוצלינג פערשוואונדען געוואָרען און צוזאַמען מיט איהר אויך דער „פאַבריקאַנט". באַלד אין אָנהויב האָב איך געטראַכט, אַז דאָ איז עפּיס אַנ׳אומגליק מיט ביידע געשעהען. אפשר זיך געשיפט אין וואַסער און אַריינגעפאלען, אפשר שפּאַצירט אין וואַלד און בעפאַלען געוואָרען. מ׳האָט אָנגעהויבען אַרומצוזוכען, וואו די שטאָדט האָט נאָר אַ ווינקעל, אַלאַרמירט און געשטעלט אויף די פיס די גאַנצע פּאָליציי, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. מיין מיינונג וועגען אַנ׳אומגליק האָט זיך געענדערט, איך האָב אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען אַ שרעקליך פערברעכען, וואָס איז דאָ געשעהען. איך האָב מיך דערמאָנט וועגען אַלץ, וואָס איך האָב געהערט וועגען די באַנדעס פרויען-הענדלער, וועלכע האָבען פערלעגט זייער נעץ אין אונזער געגענד, און פון דעם טראַכטען בין איך גרוי געוואָרען, פון דעם פיל וויינען האַלט איך אויך ביי בלינד ווערען, ביז אַט דאָס קאַרטעל האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע מיינע ספקות און איך האָב שוין גענוי געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט די פרוי אַרויסגענומען פון בייטעל אַ קאַרטעל און עס אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש, ביי וועלכען ס׳איז געזעסען דער רב.

דאָס קאַרטעל איז געווען געשריבען אין דער רוסישער שפּראַך און האָט ענטהאַלטען בלויז עטליכע ווערטער: „מאַמע, ראַטעווע מיך, מ׳פייניגט מיך. איך וועל דאָס נישט איבערטראָגען".

איך האָב נאָכגעזעהען דעם שטעמפּעל פון דער פּאָסט, האָט די פרוי ווייטער דערצעהלט, און בעמערקט, אַז דאָס איז פון לאָדז. איך האָב מיך נישט געווענדט צו דער פּאָליציי און נישט צו קיין אַנדערען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אין לאָדז זיצט אַ רב מיט׳ן נאָמען ר׳ אליי׳ חיים מייזעל, וועלכער האָט אַזוי פיל מענשען שוין געלינדערט זייערע ליידען און וועט דעריבער זיך אויך נישט אָפּזאָגען מיר צו העלפען, איצט האָב איך אַלץ דערצעהלט, האָט די פרוי רעזיגנירט געזאָגט, טוט רבי וואָס איהר ווילט, גיט מיר צוריק מיין קינד, וואָס איך האָב אויף אַזאַ שרעקליכען אויפ׳ן פערלוירען.

דער רב האָט גאָרנישט מעהר איבערגעפרעגט. ער האָט

שוין גאַנץ גוט פערשטאַנען די שרעקליכע לאַגע פון דער פרוי. ס'איז אָבער געווען זעהר שווער עפּיס פאַר דער פרוי צו טון, מחמת ס'איז דאָך געווען מעגליך, אַז דאָס מיידעל איז אין לאָדז אינגאַנצען נישט איינגעמעלדען געוואָרען, אָדער מ'האָט זי נאָר דורכגעפיהרט דורך לאָדז און ווער ווייסט וואו דאָס מיידעל האָט שוין געקענט זיין. דער רב האָט אָבער די דאָזיגע געדאַנקען נישט געוואָלט אַרויסזאָגען אין דער אָנוועזענהייט פון דער אומגליקליכער פרוי, כדי איהר נישט אַוועקצונעהמען די לעצטע האָפנונג. דער רב האָט דעריבער געהייסען איינצואָרדנען די ווילנער פרוי ביי איינעם פון די היגע בעלי-הבתים, וואו זי זאָל פערבלייבען עטליכע טעג, כדי זיך אַרומצוזעהען, וואָס מ'קאָן אין דער הינזיכט אויפטון.

באַלד אין דעמזעלבען טאָג האָט נאָך דער רב אַוועקגעשיקט דאָס קאַרטעל אין דער „סיסקנאָיע אָטדיעלעניע“ (קרימינאַל-פּאָליציי) צו דעם קאַרטעל האָט דער רב צוגעלעגט אַ בריף און געבעטען, אַז די פּאָליציי זאָל טון אַלץ, כדי אויפצוקלעהרען דעם דאָזיגען ענין. דעם רב, וועלכען איז געווען שטאַרק אָנגעזעהן אין דער גאַנצער שטאָט, דורך זיין אַרבייט און אויטאָריטעט, האָט די פּאַליציי אפילו נישט געוואַגט אָפּצוזאָגען אין זיין ביטע און דער לייטער פון דער קרימינאַל-פּאָליציי, האָט איבערגעגעבען זיין ענין די ענערגישסטע אַגענטען. זיי האָבען פון דער פער'דאגה'טע מוטער צוגענומען די פּאָטאָגראַפיע פון איהר טאָכטער און זיך געלאָזען איבער דער שטאָט עפּיס אויפטון. דער לייטער פון דער קרימינאַל-פּאָליציי, וועלענדיג דורכאויס טון אַ טובה דעם לאָדזער רב, האָט צוגעזאָגט די אַגענטען אַ גרויסע בעלוינונג, אויב זיי וועלען דאָס צוגערויבטע מיידעל געפינען, די אַגענטען זענען אַרומגעקראָכען אין אַלע פערדעכטיגטע שענקען און הייזלעך, זיך פערשטעלט פאַר גנבים, אַלפאָנסען א. אַז. וו. און אַלס געשמעקט און געפאָרשט, אַזוי האָט געדויערט עטליכע טעג. אויפ'ן פינפטען טאָג. זענען די אַגענטען געקומען צו זייער לייטער און ערקלעהרט, אַז דאָס מיידעל וואָס ווערט געזוכט געפינט זיך אין אַ שאַנד-הויז אויף סקווערנאָוואַ 18 און איז שוין אפילו רעגיסטרירט אין דער זיטען-פּאָליציי.

דאָס איז געווען ערגער, צוליב דעם וואָס די אויסוואורפען האָבען איינרעגיסטרירט דאָס אונשולדיגע מיידעל אין דער זיטען-פּאָליציי האָט געמוזט קומען צו אַ פּראָצעס. אַנדערש האָט

מען זי נישט געקענט בעפרייען. דער לייטער פון דער קרימי־נאַל־פאָליציי האָט דעריבער אַוועק געשריבען אַ בריף, וואו ער האָט איהם ערקלעהרט די גאַנצע לאַגע. דאָס איינציגע, האָט די קרימינאַל־פאָליציי געשריבען וואָס מ׳קאָן אין דער הינזיכט טון איז דאָס מיידעל מיט׳ן טראַנספאָרט אַוועקשיקען קיין ווילנאָ צו דער דיספּאָזיציע פון דער ווילנער פאָליציי, און דאָרט זאָל די פאָליציי טון וואָס זי וויל.

בעקומענדיג אַזאַ מיטיילונג, האָט דער רב דאָס אַלץ נאָך געהאַלטען בסוד און אַוועקגעשריבען אַ בריף צום ווילנער רב מיט אַנ׳אָנפראַגע אויף דער פאַמיליע פון דעם מיידעל און וועגען דעם צו די גאַנצע געשיכטע, וואָס די ווילנער פרוי האָט דערצעהלט איז אמת. דער רב האָט דערביי געבעטען אַ טעלע־גראַפישע תשובה, אויף צומאָרגענס ביינאַכט איז אָנגעקומען די טעלעגראפישע תשובה, אַז אַלץ וואָס די פרוי האָט דערצעהלט איז אמת, און ס׳איז נאָך געוועזען צוגעגעבען די ביטע פון ווילנער רב, אַז אויב מ׳קען העלפען מיט עפּיס דער אומגליקלי־כער פרוי און דעם אומגליקליכען מיידעל זאָל דאָס געטו׳ן ווערען.

זייענדיג ביי זיך שוין איינגאַנצען זיכער האָט דער רב אַוועקגעשיקט אין דער קרימינאַל־פאָליציי אַ בריף, אין וועלכען ער האָט ערקלעהרט, אַז דאָס אַלץ וואָס ער, דער רב, האָט גע־שריבען אין זיין פריהערדיגען בריף איז אמת און דעריבער נעהמט ער אַלץ אויף זיין פעראַנטוואָרטליכקייט, אין אַזאַ פאַל, האָט דער רב געשריבען קען מען און מען דאַרף זיך נישט רעכענען מיט קיין שום פאָרמאַליטעטען, און מ׳דאַרף אַרויסראַטעווען אַ מענש, וואָס טרינקט און האַלט ביים דערטרונקען ווערען. דער רב האָט דעריבער פערלאַנגט תיכף ומיד צו בעפרייען דאָס מיידעל פון די הענד פון די אויסוואורפען און זיי איבערגעבען איהר מוטער, וועלכע געפינט זיך אין לאָדז. פאַר׳ן ווייטערדיגען גורל פון דעם אונשולדיגען קרבן, האָט דער רב געשריבען, וועט שוין געזאָרגט ווערען.

נאָך אַזאַ בריף האָט די קרימינאַל פאָליציי נישט געהאַט קיין עצה און נאָך אין דעמזעלבען טאָג אָוועגד־צייט איינגעאָר־דענט אַנ׳אָבלאַווע אויף סקווערעווא 18. די אָבלאַווע האָט גענע־בען גינסטיגע רעזולטאַטען און דאָס מיידעל איז אַרעסטירט גע־וואָרען, זי איז באַלד אונטער אַ וואַך פון פאָליציאַנטען איבער־געשיקט געוואָרען צו איהר מוטער.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0056-0109 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

די צווײ פרויען האָבען פערבראַכט די גאַנצע נאַכט אין וויינען און קלאָגען און זיך נאָר געטרייסט, וואָס זיי זעהען זיך נאָך און געמאכט א פלאַן ווי אַזוי איינצואָרדנען, זייער לעבען אין דער צוקונפט.

צו מאָרגענס אינדערפריה האָט דער רב געשיקט זיין משמש אין גמינע-קאַנצעלאַריע און געהייסען צו זיך תיכף קומען דעם דעמאָלסדיגען גמינע-אָנגעשטעלטען ר׳ ליבוש ליפּסקי, עס פערשטעהט זיך, אַז ליפּסקי איז זאָפאָרט געקומען.

— ליבוש, האָט דער רב געזאָגט, דו וועסט דאָ בלייבען און איך וועל דיך אַוועקשיקען אין אָווענד קיין ווילנא מיט אַ וויכטיגער שליחות.

רבי, איך בין גרייט צו טון אייער בעפעהל, אָבער איך בין נישט צוגעגרייט איצט צו פאָהרען. איך האָב נישט געזאָגט ביי מיר אינדערהיים, איך האָב מיך נישט איבערגעטון.

— דאָס שאַדט אַלץ נישט, האָט דער רב געזאָגט, דו וועסט שוין פון דאַנען נישט אַוועקגעהן, דו ביסט דער ענטשפּרעכענדער מענש, וואָס וועט קענען אַדורכפיהרען די שליחות, אַזוי ווי ס׳געהער צו זיין.

און צורופענדיג דעם לאַנג-יעהריגען שמש ר׳ ישראל יצחק, האָט דער רב איהם געשיקט צו ליבוש ליפּסקי אין שטוב און געהייסען דאָרט זאָגען, אַז דער רב שיקט אַוועק ליפּסקי׳ן אויף 2 טעג.

ליפּסקי האָט ביז׳ן אָווענד נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, ער האָט נישט געהאַט קיין דרייסטקייט איבערצופרעגען און געוואַרט ביז דער רב וועט איהם איבער-געבען דעם ענין וואָס ער דאַרף ערלעדיגען.

דער רב איז דערווייל אַוועק אין גאַס, ער איז געגאַנגען אין פּאָליציי-רעוויר און פערלאַנגט אַ בעשייניגונג, אַז די זשאַנ-דאַרמעריע זאָל אויפ׳ן וועג קיין ווילנאָ געבען הילף זיינעם אַ מענש, פאַר וועלכען ס׳איז פערהאַן אַ סכנה, אַז ער זאָל בעפאַ-לען ווערען אויפ׳ן וועג. דער רב האָט אַזאַ בעשייניגונג בעקו-מען און איז גלייך אַוועק אַהיים, דעמאָלסט ערשט האָט דער רב אַריינגערופען צו זיך אין צימער ליפּסקי׳ן און איהם געזאָגט:

איך גיב דיר איבער צו ערלעדיגען אַ זעהר וויכטיגען ענין, ס׳שמעקט אַפילו מיט געפאַהר פאַר דיר, אָבער דו ביסט דער איינציגער וועלכען איך קען אַלס ענטשפּרעכענדען אַדורכ-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

צופיהרען די שליחות. עס איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען אַ אונשולדיג יודיש מיידעל פון די הענד פון ווילדע ברואים, פון מיאוסע אויסוואורפען. זי איז אַ ווילנערין און געפינט זיך איצט אין לאָדז צוזאַמען מיט איהר מוטער, איך וויל נישט די צוויי אונבעהאָלפענע פרויענצימער אַוועקלאָזען אַליין אָהן השגחה. איך האָב אַ חשד, אַז די אויסוואורפען האָבען זיך נאָך נישט מיאש געווען פון זייער קרבן. זיי וועלען פרובען נקמה צו נעהמען צוליב זייער דורכפאַל זיי וועלען מיט אַלע כוחות פרו-בען צוריק אַריינצובעקומען דאָס מיידעל אין זייערע נעגעל. און דיין אויפגאַבע איז דעריבער דערצו נישט צו דערלאָזען. איך גיב דיר די דאָזיגע אויפגאַבע איבער און איך בין זיכער, אַז דו וועסט זי ערפילען בשלמות.

ליפסקי'ן האָט דער ענין פערשטעהט זיך נישט קיין גרויסע הנאה געטון, ער האָט פערשטאַנען, אַז אין זיין רייזע איז דאָ אַ גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט און דערביי אַ גרויסע געפאַהר, ס'איז אָבער נישט געווען קיין רייד וועגען דעם זיך אָפצוזאָגען פון די בעפעהלען פון רב, ליפסקי האָט זיך געווענדעט צום רב:

– רבי, האַלט איהר נישט, אַז איך בין צו שוואַך אַדורכ-צופיהרען די דאָזיגע שליחות, אַז איך וועל מיר נישט קענען קיין עצה געבען מיט אַ באַנדע אויסוואורפען?

– ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה. איך גיב דיר דאָ מיט אַ בריף פון דער פאָליציי. מיט דעם דאָזיגען בריף וועסטו זיך קענען ווענדען צו דער זשאַנדאַרמעריע אויפ'ן וועג, אויב עס וועט דיר דראָהען, וועלכע ס'איז געפאַהר.

די צייט פון אַוועקפאָהרען איז דערוויייל אונטערגעקומען. פאַר'ן טויער איז שוין געשטאַנען אַ דראָזשקע און די צוויי פרויען צוזאַמען מיט ליפסקי זענען אַוועקגעפאָהרען צו דער באַהן. דעם רב'ס פאָרגעפיהל איז בעגרינדעט. די חברה, „אַל-פאָנסען" האָבען נישט געקענט אַזוי לייכט אַריבערטראָגען זייער דורכפאַל, זיי האָבען געוואוסט, צוליב זייער בעקאַנטשאַפט אין דער קרימינאַל-פאָליציי, אַז דאָס אָפראַטעווען פון מעדעל איז נעשעהען צוליב די בעמיהונגען פון לאָדזער רב. זיי האָבען דעריבער בעשלאָסען מיט אַלע מעגליכקייטען צו ווייזען אויך זייער גבורה.

די ערשטע עטליכע סטאַציעס איז אַלץ געגאַנגען אין אָרדנונג. אָבער דערנאָך האָט ה' ליפסקי בעמערקט, אַז אויף

יעדער סטאַציע זעצט זיך אַריין אין דעם וואַגאָן, וואו ער איז געזעסען מיט די צוויי פרויען, עפּיס פערדעכטיגע פערשוינען. ליפּסקי האָט פאַרגעפּיהלט, אַז די אויסוואורפען ווילען בכח צונעהמען זייער קרבן. די פערשוינען אין דעם דאָזיגען וואַגאָן האָבען זיך אויף יעדער סטאַציע פערגרעסערט און אויף דער סטאַציע אין סקערנעוויץ זענען די פערשוינען צוגעטרעטען אויסצופיהרען זייער פּלאַן. זיי האָבען געמאַכט אַ גרויסען טומעל, זיך אָנגעהויבען שלאָגען און אַזויאַרום געוואָלט און געטומעלט דאָס מעדעל מיט זיך מיטנעהמען.

ה׳ ליפּסקי האָט אָבער זיך שנעל אָריענטירט אין דער לאַגע, אַרויסגערופען די באַהן-זשאַנדאַרמעריע, איבערגעגעבען זיי דעם בריף פון דער פּאָליציי און אויף גיך ערקלעהרט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. דער קליינער זשאַנדאַרמעריע-פּאָסטען האָט זיך נישט געקאנט קיין עצה געבען מיט דעם גרויסען טומעל און גרויסען געשלעג און זיי האָבען קודם-כל אַראָפּגענומען דאָס מעדעל פון וואַגאָן און זי פערהאַלטען צוזאַמען מיט ליפּסקי׳ן ביז די באַהן איז אַוועק. ערשט מיט׳ן צווייטען צוג איז ה׳ ליפּסקי בשלום צוגעפאָהרען מיט די פרויען ביז ווילנאָ.

אינ׳ם אַרכיוו פון רב געפינען זיך בריף פון די דאָזיגע צוויי פרויען, וועלכע זענען מיט אַ קורצער צייט שפּעטער אָפּגעפאָהרען קיין אַמעריקאַ אין וועלכען זיי דאַנקען דעם רב פאַר דער גרויסער טובה, וואָס ער האָט זיי געטון.

---

## משלם טובה תחת רעה.

יעדעס יאָהר ווען ס׳האָט זיך דערנעהנטערט די פּריזיווצייט, איז ביים רב אין שטוב געווען ווי אין אַ ביהנשטאָק. יעדער איינציגער האָט געפונען פאַר זיין חוב צו קומען צו ר׳ אליהו חיים און פרעגען אַנ׳עצה. ס׳זענען געקומען הונדערטער יונגע לייט פון דער פרעמד, וואָס זענען געוועזען נכתבים אין לאָדז און האָבען געדאַרפט דאָ שטעהען צום פּריזיוו. די דאָזיגע יונגעלייט האָט מען געדאַרפט פערזעהען מיט אויפענטהאַלט. מ׳האָט געדאַרפט פערזעהען די שוין צוגענומענע רעקרוטען מיט אַלעם נויטיגען, מיט איין וואָרט—אַרבייט האָט נישט געפעהלט דאָס אלץ איז ווייטער אַרויפגעפאַלען אויף די פּלייצעס פון דעם אונערמידליכען לאָדזער רב.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0057-0112 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

רשעים פעהלען אין ערגיץ נישט, אין לאָדז זענען זיי אויך געווען. האָט זיך געטראָפען אַ מעשה, אַז איינער אַ פערשוינדעל, אַ גאַנץ אָנגעזעהענער גביר האָט געדאַרפט צושטעלען זיין בן־יחיד צום פריזיוו, איז ער געקומען צום לאָדזער רב, אַז ער זאָל איהם געבען אַן׳עצה ווי אַזוי צו בעפרייען זיין זוהן פון מיליטער־דינסט. ס׳איז קלאָהר, אַז דער רב האָט געענטפערט, אַז פון דער הינזיכט האָט דער בעל־הבית געטראָפען נישט אויף דער ריכטיגער אַדרעס און האָט איהם געהייסען פערלאָזען דאָס צימער.

דער גביר האָט בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין אין לאָדזער רב, געטראַכט און געטון, ער האָט אָנגעשריבען אַ מסירה׳לע צום פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר, אין וועלכער עס ווערט דער־צעהלט, אַז דער לאָדזער רב פערנעהמט זיך, נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי מיט בעפרייען יודישע רעקרוטען פון מילי־טער־דינסט, אַ סימן האָט יענער אָנגעגעבען, אַז ביים רב אין שטוב איז שטענדיג פול מיט רעקרוטען, וועלכע קומען אונטער־האַנדלען מיט׳ן רב.

דער פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר האָט די דאָזיגע מיאוסע מסירה איבערגעשיקט אין די געהעריגע אינסטאַנצען קיין לאָדז און אויפגעפאָדערט אַרויסצורופען דעם לאָדזער רב אויף פערהער.

ווען דער רב האָט בעקומען די אויפפאָדערונג צום פער־הער און דערוויסענדיג זיך וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו געהען אויפ׳ן דאָזיגען פערהער. די לאָדזער מאַכט האָט דעריבער נישט געהאַט קיין אַנדער אויס־וועג, ווי איבערשיקען די פּאַפּירען צוריק קיין פּיעטריקאָוו אין קאַנצעלאַריע פון גובערנאַטאָר.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און דער רב האָט בעקומען אַ פּאַפּיר פון דער גובערנאַטאָרסטוואָ אין פּיעטריקאָוו. אין דעם דאָזיגען פּאַפּיר האָט זיך געזאָגט, אַז אויב ביז אַ געוויסען טער־מין וועט דער לאָדזער רב זיך נישט צושטעלען צום געפאָדער־טען פערהער וועט ער פערלירען זיין פּאָסטען אַלס לאָדזער רב.

הגם דער רב אליין און אויך אַלע הויז־מענשען האָבען געוואוסט ווער דער מסור איז, האָט דער רב אין דער הינזיכט, אַז דער מסור זאָל אָפּלייקענען זיינע רכילות, גאָרנישט געטון, דער רב האָט אויך אַוועקגעשריבען אַן׳ענטפער צום גובערנאַטאָר, אַז צוליב אַ נידערטרעכטיגער מסירה וועט ער זיך אויף קיין פערהער נישט שטעלען.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

עפּיס טוּן אין דער הינזיכט האָט מען אָבער פאָרט געמוזט
אין פּעטערבורג האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אין
די רעגירונגס-קרייזען דער בעוואוסטער כלל-טוּער פּראָפ. באַקסט.
באַקסט איז אויך געווען אַ ידיד און אַ שטאַרקער אָנהענגער
פון ר׳ אליה׳ חיים מייזעל. דער רב האָט גענומען די אויפפאָ-
דערונג פון פּיעטריקאָוו און זי אַוועקגעשיקט צום פּראָפ. באַקסט,
מיט דער ביטע עפּיס צו טוּן אין דעם ענין.

פּראָפ. באַקסט, בעקומענדיג דאָס בריוועל פון לאָדזער
רב, האָט נישט פערזוימט קיין איין מינוט, ער האָט גלייך אוועק-
געשריבען אַ לאַנגען בריף צום וואַרשאָווער גענעראַל-גובערנאַ-
טאָר. דער בריף האָט אויפגעקלעהרט דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר
דעם גאַנצען ענין מיט דער מסירה, האָט פאָרגעשטעלט די
גרויסע פּערזענליכקייט פון לאָדזער רב און געבעטען אַן׳אינטער-
ווענץ וועגען דעם בעריהרטען ענין.

דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט שוין דעמאָלס גאַנץ גוט
געקענט דעם לאָדזער רב און מיט זיין ענערגיע און אַרבייט.
דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט תיכף פעראָרדענט קיין פּיעט-
ריקאָוו, אַז מ׳זאָל מבטל מאַכען די אויספאָרשונג און צוציהען
דעם מסור צו פעראַנטוואָרטליכקייט.

ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט האָט דער גובער-
נאַטאָר אַליין לגמרי נישט געוואוסט וועגען דעם גאַנצען ענין.
די גאַנצע געשיכטע מיט דעם פריהער האָבען אַראַנזשירט צוויי
העכערע בעאַמטע פון דער גובערנאַטאָרסטווע, וועלכע האָבען
נישט געקענט פערשמערצען די איינפלוסען, וועלכע עס האָט
דער „זשידאָווסקער ראַבין“. די דאָזיגע צוויי בעאַמטע זענען ווי
געהעריג בעשטראָפט געוואָרען.

אַ חוץ דעם האָט מען געהאַלטען ביים פערפיהרען אַ
פּראָצעס געגען דעם מסור. דאָס איז געווען אַ זעהר שווערער
פּראָצעס. דער רב האָט זיך שוין דעמאָלט דערוואוסט, אַז דער
חשד, וועלכען ער האָט געהאַט בנוגע דעם פערזאָן וואָס האָט
דערלאַנגט די מסירה איז געווען אַ בעגרינדעטער.

איינמאָל אָווענד-צייט קומט אַריין צום רב דער זעלבער
פערשוין צוזאַמען מיט זיין פרוי, די פרוי, זעהט אויס האָט
נישט געוואוסט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, זי האָט דערצעהלט
דעם רב, אַז די פּאָליציי איז געקומען או איהר אַ היים און
געוואָלט אַרעסטירען איהר מאַן, צום גליק איז ער נישט געווען

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0058-0114 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אינדערהיים, די פּאָליציי וואַרט אָבער בּיי איהר אויף איהר מאַן. זי האָט דעריבּער געבּעטען דעם רב, אַז ער זאָל זיך בּעמיהען עפּיס טון, כּדי איהר אונשולדיגער מאַן זאָל נישט אַרעסטירט ווערען.

— און דו האָט דער רב זיך אָנגערופען צום מאַן, ווייסט דו אויך נישט, פאַרוואָס מ'וויל דיך אַרעסטירען?

— יאָ, איך ווייס יאָ, איז געווען דער ענטפער, איך בּעט, אַז איהר רבּי זאָלט מיר מוחל זיין, איך בּין בּעגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט.

דער רב האָט גאָרנישט מעהר געפרעגט אָדער גערעדט, ער האָט דעם מאַן מיטגעגעבּען אַ בּריף צו דער פּאָליציי, אין וועלכען דער רב ערקלערט, אַז ער שענקט דעם מסור די שטראָף און בּעט דעם גאַנצען פּראָצעס צו אַנולירען דערבּיי האָט דער רב הויך געזאָגט: „דער רבּונו של עולם זאָל מיר העלפען, אַז איך זאָל אַלע מיינע שונאים נאָר קענען טובות טון". דער יוד איז אַוועק, דער פּראָצעס איז טאַקי אַנולירט געוואָרען, פון דעמאָלט אָן האָט דער דאָזיגער יוד געגעבּען גרויסע נדבות אויף אַלע פעראַנשטאַלטונגען, וואָס דער לאָדזער רב האָט אונטערגענומען.

---

# פּרובּעז צו גרינדען יודישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס.

אין די 90-טער יאָהרען איז די לאָדזער טעקסטיל-אינדוסטריע געגאַנגען מיט ריזיגע שריט פאָראויס. עס האָבּען זיך געעפענט איין פאַבּריק נאָך די אַנדערע, קלענערע פאַבּריקען האָבּען פערגרעסערט זייער פּראָדוקציע, גרויסע האָבּען איינגעפיהרט די האַנד-וועבּעריי אויף מעכאַנישע שטוהל. בּיי דעם איבּערגאַנג פון דער האַנד-וועבּעריי אויף מעכאַנישע שטוהל האָבּען קודם-כל פערלוירען זייער פּרנסה די יודישע אַרבּייטער, וועלכע זענען נישט צוגעלאָזען געוואָרען אין די מעכאַנישע פאַבּריקען. אַ חוץ דעם האָבּען פערלוירען זייערע פּרנסות די יעניגע לוין-וועבּער, וועלכע האָבּען געאַרבּייט בּיז צו יענער צייט אַזעלכע אַרטיקלען, וואָס זענען אָנגעהויבּען געוואָרען צו



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

אַרבייטען אויף קראַפט. זיי האָבען דעריבער נישט געקענט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ און זענען געוועזען געצוואונגען צו פערמאַכען זייערע וואַרשטאַטען.

די אַרמעע פון די דאָזיגע פרנסה-לאָזע איז געוואָרען מיט יעדען טאָג גרעסער, זיי האָבען פערלאַנגט הילף און מ'האָט געדאַרפט עפּיס טון פאַר זיי. קודם-כל, פערשטעהט זיך, איז מען אַוועק צום לאָדזער רב, ביי איהם האָט מען שטענדיג געזוכט הילף און אַן עצה. דער רב האָט געשאַפען די ערשטע סומען אויף דרינגענדע הילף. אָבער ר' אליהו חיים איז באַלד געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיט געוועהנליכע צדקה געבען וועט קיין קאָנקרעטע הילף די אַרבייטסלאָזע נישט געגעבען ווערען, און ער האָט גענומען קלערען וועגען נייע פרנסה-קוועלען פאַר די אַרבייטסלאָזע. די דאָזיגע עובדה איז אָבער נישט געווען קיין לייכטע. צו שאַפען נייע אַרבייטס-וואַרשטאַטען האָט מען זיך גענויטיגט אין גרויסע סומען. אַ חוץ דעם האָט מען געדאַרפט אויסזוכען אַזעלכע פרנסות, וואָס זאָלען נישט זיין קיין צייטווייליגע, נאָר דויערהאַפטיגע און שטענדיגע.

ר' אליהו חיים איז געפאַלען אויף דעם געניאַלען פּלאַן צו גרינדען ווירטשאַפטליכע קאָלאָניעס פאַר יודען אין פּוילען. דער דאָזיגער פּלאַן איז געווען אַ גראַנדיעזער און האָט געפאָדערט זעהר פיל אָנשטרענגונג און מיה. דער לאָדזער רב איז אָבער נישט געווען פון די דאָזיגע מענשען, וועלכע זאָלען זיך אָפּשרעקען פאַר גרויסע אַרבייטען, זיין ענערגיע אין דער דאָזיגער הינזיכט איז געוועזען פשוט צו באַוואונדערען. פון זיין פּלאַן האָט ר' אליהו חיים קיינעם נישט דערצעהלט, ביז ער האָט זיך נישט אַליין גוט באַטראַכט און זיך מישב געווען מיט אַנדערע און באַקאַנטע יודישע פּערזענליכקייטען און כלל-טוער אין רוסלאַנד און פּוילען.

דער לאָדזער רב האָט מאָטיווירט זיין פּלאַן דערמיט, וואָס יודען זענען נישט וועהניגער פעהיג צו יעדער אַרבייט, ממילא אויך צו ערד-אַרבייט, ווי יעדער אַנדערער, אַז יודען פערנעהמען זיך מיט לופט-פרנסות, נאָר דערפאַר ווייל זיי זענען געצוואונגען דערצו, ווייל מ'לאָזט זיי צו קיין אַנדערע אַרבייט נישט צו, און נישט דערפאַר, ווייל זיי ווילען נישט אַרבייטען. אַ חוץ דעם האָט ר' אליהו חיים אָנגעוויזען, אַז אין דער לאָדזער אומגעגענד געהערען די שענסטע קאָלאָניעס צו די דייטשע

קאָלאָניסטען. דאָס שטערט נישט, אַז זיי זאָלען זיין אין די בעסטע בעציהונגען מיט דער איינגעבוירענער בעפעלקערונג, מיט די פאָליאַקען.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז דער לאָדזער רב האָט זיך ווערבירט פאַר זיין פּלאַן אַ גרעסערע גרופּע גבירים און כלל-טוער, וועלכע האָבען געדאַרפט אָנהויבען די גרויסע און דאַנקבאַרע אַרבייט. אָבער דאָ האָבען זיך אַרויסגעשטעלט גאַנץ אונפאַרהאָפטע שטערונגען. געגען דעם דאָזיגען פּלאַן זענען שטאַרק אַרויסגעטרעטען פון איין זייט די אָרטאָדאָקסען און פון דער צווייטער זייט די חובבי-ציון, וועלכע האָבען ערקלערט, אַז די צוגעבונדענקייט צו דער ערד דאָ אויפ'ן אָרט וועט אָפּווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון די יודען פון ארץ-ישראל. די אָרטאָדאָקסען זענען סתם אַרויסגעטרעטען געגען מאַכען יודען פאַר פויערים.

דער לאָדזער רב האָט געטון אַלע מעגליכקייטען, כדי צו איבערצייגען די דערמאָהנטע גרופּען אין זייערע פאַלשע טענות. ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען. דער גאַנצער פּלאַן, וועלכער איז שוין געווען אויסגעאַרבייט מיט אַלע איינצעלהייטען און ס'זענען שוין אפילו אָנגעצייכענט געוואָרען די שטחים-ערד, וואָס האָבען געזאָלט איינגעקויפט ווערען, איז געגאַנגען לאיבוד. די געגנער האָבען זיך נישט געלאָזט איבערצייגען און ר' אליהו חיים האָט געמוזט רעזיגנירען.

אַזוי ערום איז דעמאָלט פערניכטעט געוואָרען אַ גרויסע אַרבייט, וואָס וואָלט נושא פירות געווען ביז'ן היינטיגען טאָג און אונזערע פּאָזיציעס וואָלטען אפשר פיל שטאַרקער געווען ווי ביים היינטיגען טאָג.

---

## פלייש אין די „גיין טעג“.

ר' אליהו חיים איז געווען פון דעם טיף כלל-טוער, וואָס קיין שום קלייניגקייט איז נישט אַדורך אונבעמערקט פון זיינע אויגען. דער לאָדזער רב האָט געוואוסט אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אין יעדע געזעלשאַפטליכע אָדער פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, און וואו עס האָט נאָר עפּיס געפעהלט האָט עס געמוזט באַלד געשאַפען ווערען, כדי די וועלכע געניסען פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע זאָלען זיין צופרידען.

אין לאָדז האָט אין דער דעמאָלסדיגער צייט עקזיסטירט די אַזוי-גערופֿענע האַנדווערקער-„תּלמוד-תּורה“ אויף פּאָמאָרסקאַ 48. הגם די דאָזיגע אינסטיטוציע איז געפֿירט געוואָרן דורך די גבֿירישע אַסימילאַטאָרן, איז זי דאָך געווען אַ מוסטער-אינסטיטוציע. די תּלמוד-תּורה האָט זיך געפֿונען אין אַ גרויס בעקוועם און מאָדערן-איינגעריכט הויז. די קינדער האָבן דאָרט געלערנט אַ גאַנצן טאָג, בעקומען צו עסן און די אָרימסטע אויך הלבשה. וויפֿיל די אָנפֿירער האָבן זיך נישט בעמיהט די דאָזיגע אינסטיטוציע צו פֿירן אין אַסימילאַטאָרישן גייסט, האָט זיך זיי דאָס נישט איינגעגעבן, אַ דאַנק דעם, וואָס דער לאָדזער רבֿ האָט געהאַט די אויפֿזיכט איבער די לערער פֿון די יודישע לימודים, וואָס האָבן געווענדעט די קינדער אויפֿ׳ן וועג פֿון נאַציאָנאַלער ערציהונג.

די לאָדזער גבֿירים האָבן געעפֿענט זייערע טאַשן פֿאַר וואוילטעטיגע צוועקן, אָפּהענגיג פֿון דער קאָניונקטור אין געשעפֿט. ווען עס זענען אין לאָדז איינגעטרעטן די אַזוי-גערופֿענע קריזיסן, האָבן שוין אַלע אינסטיטוציעס דאָס דערפֿילט און געהאַט צו טון מיט אַ גרויסן געלד-מאַנגעל.

אין איינעם פֿון אַזעלכע קריזיס-יאָהרען האָט אויך די תּלמוד-תּורה אויף פּאָמאָרסקאַ דערפֿילט דעם קריזיס און נאָר אַ דאַנק דעם אָנגעזעהענעם כּלל-טוער ה׳ מאָריץ פֿרענקעל, וועלכער איז געווען דער אָנפֿיהרער פֿון דער תּלמוד-תּורה האָט זיך די דערמאָהנטע אינסטיטוציע געקענט ווי עס איז אויסהאַלטען. יעדענפֿאַלס האָט ה׳ פֿרענקעל געמוזט מאַכען, הן אין דער לעהרע, הן אין עסען פֿאַר די קינדער גרויסע אָפּשפּאַרונגען.

דער לאָדזער רבֿ האָט אָבער בשום אופֿן נישט מסכּים געווען מיט די דאָזיגע אָפּשפּאָרונגען און האָט גע׳טענה׳ט, אַז ס׳איז גלייכער, דאָס די קאַסעס פֿון די גבֿירים זאָלען איינגעשרומפּען ווערען, איידער די מוח׳לעך און מאָגענדלעך פֿון די קינדער. ער איז דעריבער דערגאַנגען די גבֿירים די יאָהרען, אַז זיי זאָלען די אינסטיטוציע פֿיהרען אין דעמזעלבען פֿערנעהם, וואָס פֿריהער, אָדער גאָר נאָך ברייטער, ווייל אין אַ קריזיס-יאָהר איז די אָרימקייט צווישען די מאַסען נאָך גרעסער און דאָס קינד האָט נישט אין דער היים אפילו דאָס מינימאַלסטע, וואָס עס האָט געהאַט פֿריהער.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0060-0118 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דאָס איז געווען אין אָנהויב פון די „ניין טעג”. די פאַר־וואַלטונג פון דער תּלמוד־תּורה אויף פּאָמאָרסקאַ־גאַס האָט זיך געוואָלט דעקען מיט פרומקייט און אָבהיטען דינים און באַשלאָ־סען די קינדער נישט צו געבען אין פערלויף פון די „ניין טעג” קיין פלייש, נאָר בלויז געשמעלצטע זופּ.

דער דעמאָלסדיגער לעהרער פון יודישע לימודים, דער באַ־קאַנטער לעהרער ר׳ עוזר גלאַנץ, האָט דערצו נישט געוואָלט מסכּים זיין און ערקלעהרט, אַז צוליב דעם שוואכען געזונד־צו־שטאַנד פון די קינדער דאַרף מען זיך נישט רעכענען מיט די „ניין טעג” און געבען די קינדער פלייש צו עסען. די פערוואַל־טונג האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אַז זי האָט כּלומרשט מורא פאַר׳ן לאָדזער רב און דעריבער קען מען די קינדער נישט געבען קיין פלייש. הגם עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען נישט קיין גאַנץ וויכטיגען ענין, האָט ה׳ גלאַנץ נישט געוואָלט נאָכגעבען און ערקלעהרט, אַז ער וועט פרעגען דעם לאָדזער רב א שאלה. און ווירקליך איז ה׳ גלאַנץ אַוועק נאָך דעמזעלבען טאָג צום רב און איהם דערצעהלט וועגען דעם אינצידענט.

דער לאָדזער רב האָט תּיכּף געלאָזט צו זיך רופען דעם ה׳ מאָריץ פרענקעל, און באַלד ביים אַריינקומען פון ה׳ פרענ־קעל, האָט ר׳ אליהו חיים זיך אָנגערופען:

— איהר ווייסט, ה׳ פרענקעל, אַז היינט זענען די „ניין טעג”. איך ערקלעהר אייך בפירוש, אַז דאָס עסען, וואָס די קינדער פון אייער תּלמוד־תּורה בעקומען היינט פון אייך, טאָר מען נישט נעהמען אין מויל אַריין.

— אָבער, רבי, האָט ה׳ פרענקעל געזאָגט, איהר האָט אַ טעות, מיר טוען גאָרנישט געגען דין. מיר האָבען דאָך אַ קלאָה־רען בעשלוס, אַז די קינדערלעך זאָלען אין פערלויף פון די ניין טעג נישט בעקומען קיין פלייש צו עסען. מיר זענען נאָך נישט אַזעלכע גוים, האָט ה׳ פרענקעל מיט אַ שמייכעל צוגעגע־בען, דאָס מיר זאָלען פערגעסען וועגען די ניין טעג. מיר האָ־בען נאָך זאָגאַר געהאַט אַ קאָנפליקט מיט אונזער לעהרער ה׳ גלאַנץ, וועלכער האָט געזאָגט, אַז די קינדער מעג מען געבען פלייש צו עסען.

— טאַקי דערפאַר, זאָג איך, אַז מ׳דאַרף זיי אין מויל אַריין נישט נעהמען. איהר, די פערוואַלטונג, דאַרפט זיין אָפּגע־

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

היטען און נישט עסען קיין פליישׂ, אָבער די רעליגיעזע ערציהונג פון די קינדער לאָזט איבער מיר און דעם לעהרער ה׳ גלאַנץ. איך בעפעהל אייך איצט אויב איהר האָט פליישׂ, זאָלט איהר די קינדער געבען.

ה׳ מאָריץ פרענקעל האָט גאָרנישט געענטפערט און זיך געזעגענט מיט׳ן רב.

מ׳דאַרף דאָך נישט צוגעבען, אַז די קינדער האָבען בעקומען פליישׂ און דאָס נאָך ווי אויף צו להכעיס נאָך גרעסערע פאָרציעס ווי שטענדיג.

---

אין סאַמע ערב שבועות אין יאָהר 1891 איז צו ר׳ אליהו-חיים געקומען אַ פרוי פון אַ יאָהר 28 מיט אַ קינד פון 2 וואָכען אויף דער האַנד און אויסגעבראָכען אין אַ מורא׳דיג געוויין.

— רבי! איך בין אַנ׳אומגליקליכע עגונה. שוין 5 חדשים ווי מיין מאַן איז פון מיר אַוועק און איך ווייס נישט וואו ער איז אַהינגעקומען. ווען ער איז אַוועק, בין איך געווען פערנומען אין טראָגען, אין 4-טען הודש. איצט בין איך געבליבען עלענד, אַליין, אָהן אַ שטיקעל ברויט פאַר זיך און אַ טראָפּען מילך פאַר׳ן 2-וואָכיגען יונגעלע.

דער רב האָט זיך גענוי און אויספיהרליך נאָכגעפרעגט ווער דער מאַן איז, ווי אלט ער איז, מיט וואָס ער האָט זיך פערנומען און צי זי, די פרוי, האָט נישט עפּעס אַ חשד, וואוהין ער האָט געקענט אַנטלויפען.

די פערצווייפעלטע פרוי האָט דעם רב דערצעהלט:

— מיין מאַן איז געווען אַ שניידער. מיר האָבען חתונה-געהאַט מיט אַנ׳ערך אַ יאָהר צוריק. ער האָט אָבער פון אָנהויב אָן מיך שלעכט בעהאַנדעלט און שטענדיג גערעדט וועגען דעם, אַז ער וועט אַוועק קיין אַמעריקאַ. צי ער איז איצט טאַקע געפאָהרען קיין אַמעריקאַ ווייס איך נישט.

דער רב האָט זיך נאָך אויסגעפרעגט אַ רייהה פרטים און געבענדיג דער פרוי אַ היבשע מטבע איהר געהייסען אַהיימגעהן, צוזאָגענדיג זיך צו פעראינטערעסירען מיט איהר גורל.

און ר׳ אליהו חיים האָט באַלד אַוועקגעשיקט בריף צום ועד-הרבנים אין ניו-יאָרק, אַז זיי זאָלען זיך אינטערעסירען צי דאָרט אין אַמעריקאַ געפינט זיך אַ יונגערמאַן מיט אַזאַ און אַזאַ

נאָמען. ר׳ אליהו-חיים האָט זיך אויך פערשטענדיגט מיט׳ן וואַר-שאָווער ראַבינאַט וועגען דעם ענין.

די פרוי האָט אָבער ווייטער געליטען נויט אין דחקות און זי האָט אָפּגעטון דאָס שרעקליכסטע, וואָס אַ מאַמע קען טון: זי האָט דאָס קינד אונטערגעוואָרפען אויף פּאָלודניאָווע-גאַס, צו-לעגענדיג אַ צעטעלע, אַז גוטע מענשען זאָלען רחמנות - האָבען אויף עלענדען קינד.

געטון האָט דאָס די פרוי צוויי חדשים נאָך דעם, ווי זי איז געוועזען ביים רב. אַזוי, אז דאָס קינד איז שוין אַלט געווען צעהן וואָכען.

דער, וועלכער האָט דאָס קינד אויפגעהויבען, האָט, ווי דער שטייגער איז געווען, ארויפגעטראָגען דאָס אונטערגעוואָרפענע קינד צום רב, ר׳ אליהו-חיים.

ווי נאָר דער רב האָט אָנגעקוקט דאָס קינד, האָט ער באַלד דערקענט, אַז דאָס איז דאָס קינד פון דער עגונה, וועלכע איז ביי איהם געווען.

הגם דער רב האָט געוואוסט די אַדרעס פון דער פרוי, האָט ער פונדעסטוועגען געפינען פאַר נויטיג נישט אויפצוזוכען זי, נאָר אַליין זיך צו פעראינטערעסירען מיט׳ן קינד.

דאָס קינד איז טאַקע דורכ׳ן רב אַוועקגעגעבען-געוואָרען צו ערציהען צו אַ קינדערלאָזער רייכער יודישער משפחה אין לאָדז און אַליין האָט זיך דער רב שטענדיג נאָכגעפרעגט, ווי דאָס קינד פיהלט זיך, צי ס׳לערנט זיך, וכדומה.

ס׳זענען אַוועק יאָהרען. דאָס קינד איז אונטערגעוואַקסען און געגאַנגען אין חדר. אָפט-מאָל האָט דער רב צו זיך גערו-פען דאָס יונגעלע אויף שבת און עס פערהערט אין חומש און רשי.

אין דער זעלבער צייט האָט ר׳ אליהו-חיים אויך נישט פערלוירען פון אויג די מוטער פונ׳ם קינד. ער איז געוואויר-געוואָרען, אַז זי לעבט נאָך אלץ אין גרויס נויט. פון איהר מאַן האָט זיך איהר נישט איינגעגעבען צו בעקומען קיין שום ידיעה און זי האָט געצויגען חיונה פון וואשען וועש און ריימען שטובען.

איינמאָל האָט ר׳ אליהו-חיים געשיקט נאָך דער פרוי, דער מאמע פונ׳ם קינד, און זי געפרעגט:

— ווי געהט עס דיר? וואָס מאַכט דיין זוהן? ער מוז שוין איצט אַלט זיין אַ יאָהר 12, לערנט ער זיך פרייליך? האָסטו נחת פון איהם?

די פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען, אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, אָבער געשוויגען.

דער רב האָט זי מעהר נישט געפרעגט, נישט וועלענדיג זי ברענגען פאַר'ן נסיון, אַז זי זאָל איהם דאַרפען זיך מודה-זיין אינ'ם בעגאַנגענעם חטא.

ווען דאָס יונגעל איז אַלט-געוואָרען 16 יאָהר, האָט שוין געקענט אַביסעל גמרא, האָט דער רב אַליין איהם אַוועקגעגעבען צו אַ זייגער-מאַכער און אָנגעזאָגט דעם בעל-הבית, ער זאָל אויף דעם יונגעל השגחה-געבען, ווי אויף אַנ'אייגען קינד און איהם שנעל אויסלערנען די מלאכה.

אין 2 יאָהר אַרום, זייענדיג אַנ'18-יעהריגער בחור, האָט דאָס יונגעל שוין פערדינט 10 רובל אַ וואָך, אַרבייטענדיג אַלס זעלבסטשטענדיגער זייגער-מאַכער.

דאָ האָט דער רב שוין בעשלאָסען צונויפצופיהרען מאַמע און זוהן, קודם-כל דערפאַר, וואָס דער זוהן האָט שוין דער מאַמען געקענט געבען פרנסה.

אין חול-המועד פסח האָט ר' אליהו חיים גערופען צו זיך דעם בחור און איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע פון זיין לעבען; ווער זיין מאַמע איז, אַז זי לעבט אין גרויס דחקות און ליידען, אַז זיין פאָטער איז ערגיץ פערפאַלען געוואָרען און אַז ס'איז געקומען די צייט, ער זאָל זיך צוזאַמענטרעפען מיט זיין מאַמען, איהר געבען פרנסה און אויך אַ חתן ווערען.

די פרוי איז נעפאַלען דעם רב צו די פיס און נישט געוואוסט וואָס זי האָט צו ענטפערן. האָט אָנגעהויבען שטאַמלען האַלבע ווערטער: נויט... עלענד... דחקות...

ר' אליהו חיים האָט איהר אָבער געזאָגט:

— טאָ זיי-זשע אויך וויסען, אַז דיין קינד לעבט. ער איז שוין אויסגעוואַקסען, האָט זיך גוט געלערנט, אַרבייט און פערדינט. ער איז די גאַנצע צייט געווען אונטער מיין השגחה.

דאָ האָט דער רב אריינגעפיהרט דעם בחור אינ'ם חדר, וואו די מוטער האָט זיך געפונען און אָנגעוויזען אויף דער פרוי,

— אָט דאָס איז דיין מאַמע. זי האָט אַ מאָל געגען דיר שטאַרק געזינדיגט. אָבער דער רבונו-של-עולם איז אַנ,אל-רחום, ער האָט דיך נישט פערלאָזט און דיך אַריינגעגעבען און גיטע הענד- טאָ געדענק-זשע אין כיבוד-אם און האָב ליב די פרוי, וועלכע האָט דיך אויסגעטראָגען אין איהרע איינגעווייידען. זאָרג

פאַר איהר און זיי מיט איהר אייביג. ווי לאַנג דו וועסט לעבען.

מאַמע און זוהן זענען זיך געפּאַלען אויף די העלזער און אַ געוויין פון פרייד האָט אָפּגעהילכט איבער דער שטוב.

ר׳ אליהו חיים האָט זיך מיט זיי וואַרים געזעגענט און צוגעזאָגט זיך מיט זיי צו פאַראינטערעסירען, אויב זיי וועלען אַמאָל זיין אין אַ נויט.

מיט דער פראַגע וועגען עגונות, וואָס איז נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג איינע פון די אומגליקליכע פּראָבלעמען ביים יודישען פאָלק, האָט זיך ר׳ אליהו חיים שטאַרק פאַרנומען. דער צער פון די אומגליקליכע פרויען, וועלכע האָבען געמוזט מאַנכעס מאָל זייער גאַנץ לעבען אָפּקומען אין שווערע פּיין האָט נישט געלאָזט רוהען דעם איידעלען מענש, ווי ס׳איז געווען דער לאָדזער רב. ער האָט אויף דער דאָזיגער פראַגע געלעגט זיין הויפּט אויפמערקזאַמקייט און געזעהען ווי ווייט מעגליך די דאָזיגע פראַגע צו לינדערען.

בעזונדערס האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזען פאַר נויטיג אין דער צייט פון דעם יאַפּאַניש-רוסישען קריג און בעת דער פערשטאַרקטער עמיגראַציע קיין אַמעריקאַ.

דאָס ערשטע וואָס דער לאָדזער רב האָט געטון איז געווען צו האָבען אַ שטענדיגען קאָנטאַקט מיט די רבנים אין די גרעסערע שטעדט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. די דאָזיגע אַרגאַניזאַציע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען בשעתו צו דעם צוועק פון אויסגעפינען מענער פון עגונות, איז שוין געוועזען אַ גאַנץ שטאַרקע און איז שפּעטער אָפּגעשוואַכט געוואָרען. אַ דאַנק דער דאָזיגער אַרגאַניזאַציע האָט זיך דעם לאָדזער רב איינגעגעבען אַסך צרות און ליידען צו לינדערען, אַסך טרעהרען צו טריקענען.

אין רוסיש-יאַפּאַנישען קריג בעת מ׳האָט גענומען דעם „זאַפּאַס” האָט מען אויך פון לאָדז צווישען אַנדערע גענומען 2 היגע יונגעלייט, וועלכע זענען געווען אַלטע קאָלעגען. זיי זענען אַוועק אויפ׳ן פראָנט אין ווייטען מזרח. דאָ אין לאָדז האָבען זיי איבערגעלאָזען פרויען איינע מיט 3 און די אַנדערע מיט 4 קינדערלעך. די ערשטע צייטען האָבען ביידע קאָלעגען, וועלכע האָבען זיך שטענדיג געהאַלטען צוזאַמען, געשריבען גאַנץ גוטע בריף, אָבער שפּעטער ווען דער קריג האָט אויפגעהערט איז פון זיי פערלוירען געגאַנגען יעדע שפּור. געוואַרט אַ יאָהר צוויי

קיין שום פּיפּס. ס'פֿערשטעהט זיך, אַז די אומגליקליכע פֿרויען
מיט די קליינע קינדערלעך האָבען געמיינט דאָס זייערע מענער
זענען אומגעקומען אין קריג. דאָך האָבען זיי נישט געהאַט וועגען דעם קיין שום גענויע ידיעות און זענען דעריבער ביידע
אַוועק צום לאָדזער רב נאָך אַן עצה.

דעם רב איז דער ענין באַלד נישט געפעלען געוואָרען. ערשטענס האָט אַרויסגערופען אַ חשד דאָס, וואָס ביידע זענען
מיט איינמאָל פֿערפֿאַלען געוואָרען, צווייטענס, וואָס פֿון דער מי-
ליטער-מאַכט איז נישט געווען קיין שום ידיעה וועגען דעם מצד
דער מיליטער מאַכט.

דער רב האָט קודם-כל צוגענומען די קינדער פֿון די אָרי-
מע עגונות און זיי איבערגעגעבען אין פֿערשידענע אינסטיטוציעס
צו ערציהען, דערנאָך האָט דער רב זיך גענומען קלאָהר צו
מאַכען דעם ענין מיט'ן פֿערשוואונדען פֿון די דאָזיגע צוויי מענער.

דער רב איז געווען פֿון די מענשען וועלכע האָבען עקש-
נותדיג אַדורכגעפֿיהרט יעדע אָנגעהויבענע זאַך. דאָס זעלבע
איז אויך געווען אין דערמאָנטען ענין. דער רב איז געגאַנגען
פֿון פּאָדעם צום קנויפּ. ער האָט זיך געשטעלט אין פֿערבינדונג
קודם-כל מיט די שטעדט פֿון וואַנען עס זענען געקומען די לעצ-
טע בריף. פֿון דאָרט ווייטער און נאָך 3 חדשים
האָט דער רב זיך דערוואוסט, אַז די דאָזיגע 2 פּערשוינען האָ-
בען ערוואָרבען אין כאַרבין אַ גרויס פֿערמעגען און גרייטען זיך
אַוועקצופאָהרען קיין אַמעריקאַ.

מ'האָט נישט געטאָרט פֿערלירען קיין צייט, די פּערשוינען
האָבען געקענט פֿערשווינדען ווערען און דאָס מאָל שוין אויף
אייביג, די פֿרויען האָט דער רב דערוויילּ גאָרנישט דערצעהלט
וועגען זייערע געפֿונענע מענער אויס מורא פֿאַר אַן אַנטוישונג,
טאָמער גיט זיך זיי איין צו ענטלויפֿען. דער רב האָט אַוועקגע-
שריבען צו דער כאַרבינער יודישער קהלה, אַז מ'זאָל זעהן ווירקען אויף די דאָזיגע צוויי מענער, דאָס זיי זאָלען רחמנות האָבען
אויף זייערע פֿרויען און קליינע קינדער און זיי נישט איבערלאָ-
זען אויף הפקר. דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפֿען. די צוויי פּער-
שוינען האָבען אינגאַנצען נישט געוואָלט זיך בעקענען, אַז זיי
זענען לאָדזער און אַז זיי האָבען אינדערהיים געלאָזען פֿרויען
און קינדער.

דאָס האָט פֿערפֿליכטעט דעם רב אַדורכצופֿיהרען זיין אויפֿ-

גאַבע. דער רב האָט צוגעשטעלט דער פּאָליציי אַלע דאָקומענטען וועגען די דאָזיגע 2 מענער און פערלאַנגט, אַז די לאָדזער פּאָליציי זאָל פעראָרדנען אין כאַרבין צו פערהאַלטען די 2 מענשען, וועלכע האָבען זיך שוין צוגעגרייט צו פאָהרען קיין אַמעקאַ. דער רב האָט אָנגעוויזען, אַז זיי לייקענען, דאָס זיי האָבען פרויען און קינדער און מ׳דאַרף זיי דעריבער דורכאויס פערהאַלטען. די לאָדזשער פּאָליציי האָט טעלעגראַפיש פעראָרדענט צו פערהאַלטען די 2 מענשען און זיי איבערשיקען קיין לאָדז.

אַזוי איז דאָס טאַקע געוועזן, די 2 קאָלעגען זענען מיט אַ טראַנספּאָרט איבערגעשיקט געוואָרען קיין לאָדז און איבערגעגעבען געוואָרען אין רשות פון לאָדזער רב.

דער רב האָט די חברה־לייט, וועלכע האָבען מיט זיך מיטגעברענגט אַ נישט־קשה׳דיג פערמעגען, גוט אויסגע׳שגצ׳ט און זיי צוזאַמענגעפיהרט מיט זייערע פרויען און קינדער. די פּאָרלעבען נאָך ביז היינט דאָ אין לאָדז אין גרויס עשירות.

אין ענין עגונות האָט דער לאָדזער רב געפיהרט אַ גאַנצען סעקרעטאַריאַט. די דאָזיגע טעטיגקייט איז טאַקע געוועזען אַ זעהר דאַנקבאַרע. ס וואָלט געוועזען צו פיל אויסצורעכנען די אַלע פאַלען, אין וועלכע ר׳ אליהו חיים האָט אינטערוועניירט און מיט עקשנות ביי דער גרעסטער אָנשטרענגונג געפיהרט דעם אונטערגענומענעם ענין ביז׳ן סוף.

די דאָזיגע טעטיגקייט פון לאָדזער רב האָט באַלד בעקומען אַ שם נישט נאָר אין אונזער שטאָט, נאָר אויך נאָך גאַנץ ווייט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון קאָנגרעס־פוילען און רוסלאַנד. קיין צרות ביי יודען האָט קיינמאָל נישט געפעהלט, און דער רב איז דעריבער געוועזען בעוואָרפען מיט עגונה־ענינים.

פון אַ שטאָט אין רוסלאַנד זענען אַמאָל געקומען צום רב צוויי פרויען, וועלכע האָבען דערצעהלט פאָלגענדע אויסטערלישע געשיכטע: אַ געוויסער פ. ק. האָט בעת ער האָט געדינט אין קאַזאַן אָפּט אַריינגעקומען צו אַן אָנגעזעהענעם סוחר בראָדסקי, דער דאָזיגער סוחר האָט פ. ק.׳ן שטאַרק אונטערשטיצט. ער האָט אויסגעפועל׳ט, אַז ק. זאָל נישט דאַרפען געהען אויף איבונגען, זאָל נישט דאַרפען שלאָפען אין קאַזאַרמע און בכלל אַלץ געטון, כדי צו פערלייכטערען דעם זעלנער ק. דאָס דינען אין רוסישען מיליטער. ק. האָט זיין אנגעגעבען פאַר אַ פריילידיגען,

און ד״האָט געוואָרפען אַנ׳אויג אויף בראָדסקי׳ס טאָכטער. ק. האָט געשפּילט אַ ראָל פון אַנ׳אַנשטענדיגען און אינטעליגענטען יונגערמאַן און די טאָכטער פון בראָדסקין און דער סוחר בראָדזקי אַליין האָבען גאָרנישט געהאַט געגען דעם שידוך מיט ה׳ ק.

באַלד נאָכדעם ווי ק. האָט געענדיגט דאָס מיליטער-דינסט איז געשטעלט געוואָרען אַ חופּה און ק. בעקומענדיג אַ גרויסען נדן האָט זיך איינגעאָרדענט אַ געשעפט און אַ ווייטער רוסישער שטאָט אין אָריעל.

אין דער אמת׳ן האָט אָבער ק. געלאָזט בעת׳ן אַוועקגעהען אין מיליטער-דינסט, אין אַ קליין רוסיש שטעטעל אַ פרוי מיט אַ קליין קינד, ס׳פערשטעהט זיך, אַז ק. האָט די גאַנצע צייט אַ היים געשריבען, כּדי נישט אַרויסצורופען קיין שום חשד, נאָך זיין צווייטער חתונה אָבער, איז ער שוין געצוואונגען געווען אויפצוהערען אַ היים צו שרייבען, מחמת ער האָט נישט געוואָלט צו וויסען געבען וואו ער געפינט זיך, צוליב דער זעלבער סבה האָט ער נישט געוואָלט וואוינען צוזאַמען מיט זיין שווער אין קאַזאַן און האָט געפונען אַלע אויסריידען, כּדי זיינע געשעפטען איינצואָרדנען אין ווייטען אָריעל.

אין קליינעם שטעדטעל האָט די ערשטע פרוי מיט דעם קליינטשיקען קינד דערווייל געוואַרט אויפ׳ן צוריקקעהר פון איהר מאַן. זי האָט גע׳חלומ׳ט וועגען בעסערע צייטען, וואָס וועלען קומען פאַר איהר און איהר געליבט קינד, וואָס האָבען זיך אַזוי שטאַרק געמאַטערט בעת דער אָפּוועזענהייט פון מאַן און פאָטער. עס וועט אויך קומען אַ בעסער לעבען אויף איהם, האָט זיך די פרוי געטראַכט, ער האָט זיך נעבעך אַזוי שטאַרק אָנגעליטען ביים מיליטער.

די צייט פון דינסט פון ק. האָט זיך שוין לאַנג געענדיגט און ק. איז נאָך אַלץ נישט אַהיימגעקומען. געוואַרט עטליכע מאָנאַטען, אַ חודש, צוויי. אָבער נישט קיין מאַן און נישט קיין בריף האָט מען געזעהן. די פרוי האָט גלייך פאָרגעפיהלט, אַז מיט׳ן מאַן איז עפּיס געשעהען שרעקליכעס. זי האָט אַוועקגעשריבען אין פולק, וואו איהר מאַן האָט געדינט, אָבער ווי ס׳איז געווען די טבע ביי די רוסישע ביוראָקראַטען האָט זי בעקומען ערשט אין עטליכע וואָכען אַרום אַ בריף, אין וועלכען עס ווערט געזאָגט, אַז דער זעלבער ק. איז שוין מיט דריי חדשים צוריק בעפרייט געוואָרען פון פולק.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0064-0126 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

די דאָזיגע ידיעה האָט ווי אַ דונער געטראָפֿן די אומגליקליכע פֿרוי, זי האָט נישט געוואוסט וואָס אָנצוהויבן פֿריהער צו טון. זי האָט זיך געעצה׳ט מיט׳ן רב פֿון שטעדטעל, וועלכער האָט געהייסען אַריינפֿאָהרען קיין קאַזאַן און אויפ׳ן אָרט אויספֿאָרשען דעם ענין. די פֿרוי האָט אַזוי געטון.

געקומען קיין קאַזאַן איז די פֿרוי קודם־כל אַוועק אין פֿולק, אָבער דאָרט האָט זי ווידעראַמאָל געהערט, אַז ק. איז אַרויס פֿון מיליטער מיט עטליכע חדשים צוריק. די פֿרוי איז אַוועקגעגאַנגען צום קאַזאַנער רב וועגען אַן עצה. דער רב האָט אַרומגעשיקט איבער דער גאַנצער שטאָדט, איבעגעפֿרעגט, פּריוואַט און אין דער פּאָליציי, אָבער ער האָט קיין שום שפּור נישט געפֿונען.

ק. האָט זיך ביי דער פֿאַמיליע בראָדסקי, פֿערשטעהט זיך אָנגערופֿען מיט אַ פֿרעמדען נאָמען, דעריבער איז כמעט אוממעגליך געוועזען עפּיס אויסצוגעפֿונען, דער קאַזאַנער רב, וויסענדיג וועגען דער התונה פֿון בראָדזקי׳ס טאָכטער מיט אַ פֿרעמדען זעלנער, האָט דעריבער געהייסען די פֿרוי אַוועקגעהען צו בראָדסקי׳ן, זיך דאָרטען הייסען ווייזען די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דעם איידעם זייערען.

די פֿרוי האָט נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, איז אַוועק צו בראָדסקי׳ן און איבערגעגעבען, אַז דער רב האָט געבעטען צו ווייזען די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זיין נייעם איידעם.

ה׳ בראָדסקי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, הגם ער האָט אַליין נישט געוואוסט פֿאַרוואָס דערזעהענדיג די פֿערטרויערטע פֿרוי האָט ער פֿאַרגעפֿיהלט, אַז עפּיס איז דאָ נישט גלאַטיג. ער האָט אַרויסגענומען פֿון שופֿלאָד די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זיין איידעם, אויף וועלכער דער לעצטער איז געוועזען צוזאַמען מיט בראָדסקי׳ס טאָכטער.

די פֿרוי האָט נאָר געוואָרפֿען אַ בליק אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע, איז אויסגעבראָכען אין אַ היסטעריש געוויין און שווער געחלש׳ט, נאָכדעם ווי מ׳האָט זי דערמונטערט, האָט זי דערצעהלט דעם גאַנצען ענין ווער זי איז און נאָך וואָס זי איז געקומען קיין קאַזאַן. בראָדסקי האָט נישט פֿערלוירען דאָס גלייכגעוויכט, געפּאַקט זיין רענצעל און מיט׳ן ערשטען צוג צוזאַמען מיט דער פֿרוי אַוועק קיין אָריעל.

קיין קאַזאַן האָט זיך די דאָזיגע סענסאַציאָנעלע געשיכטע בליץ־שנעל פֿערשפּרייט און מ׳האָט שטאַרק בעדויערט די זעהר



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

שאָנטענדיגע און וואוילטעטיגע משפחה פון דעם אָנגעזעהענעם סוחר בראָדסקי.

פאַרטאָג איז ה׳ בראָדסקי מיט דער נידערגעשלאָגענער און פער׳צער׳טער פרוי אָנגעקומען קיין קריעל און זענען גלייך פערפאָהרען אין וואוינונג פון דעם „איידעם“.

בראָדסקי האָט געלאָזט די פרוי וואַרטען אין ערשטען צימער און אליין אַריין צו זיין איידעם אין שלאָפשטוב. דאָס איז געוועזען פאַרטאָג, די טאָכטער האָט זיך זעהר שטאַרק דערשראָקען פון דעם פלוצלינגדיגען בעזוך פון איהר פאָטער, דער איידעם האָט זיך אָבער תיכף אָריענטירט אין דער לאַגע, ער האָט זיך גאַנץ לאַנגזאַם אָנגעטון. ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעהען. דער פאָטער האָט פערביסען מיט די ליפען און נישט געוואָלט מיטאָמאָל דערצעהלען דער טאָכטער פון דעם שרעקליכען אומגליק. ער האָט מיט אונגעדולד געוואַרט ביז דער איידעם וועט זיך אָנטון, כדי מיט איהם צו פערפיהרען אַן׳ענטגילטיגען געשפרעך, איבעריגענס, האָט ה׳ בראָדסקי נאָך געלעבט מיט דער האָפנונג, אפשר אַ בלבול, אפשר אַ מיספערשטענדניש.

דער איידעם האָט זיך אָנגעטון און איז אַרויס אין קאָרידאָר, ער האָט שטיל געעפענט די טיר און איז אַרויס. ער איז מיט אַ דראָזשקע אַוועק אין אַ נאָהענטען שטעטעל און פון דאָרט אַוועק מיט דער באַהן.

בראָדסקי האָט אַפילו נישט בעמערקט ווי אַזוי דער פויגעל איז אַוועקגעקומען. ס׳האָט נישט געהאָלפען דער באַלויבטער טומעל, דער בחור איז ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין, בראָדסקי האָט נישט געקאַרגט קיין שום גרויסע סומען, כדי אויסצוגעפונען זיין איידעם, כדי זיין איינציגע טאָכטער זאָל כאָטש נישט בלייבען קיין אייביגע עגונה. ס׳איז אָבער געוועזען אַרויסגעוואָרפענע מיה.

די ערשטע בעגעגעניש צווישען די צוויי פרויען פון דעם אויסוואורף איז געוועזען אַן׳ערשיטערענדע. די ביידע פרויען זענען זיך צונויפגעפאַלען אויף די העלזער און יאָמערליך געוויינט. בראָדסקי׳ס טאָכטער האָט נישט אַוועקגעלאָזען מעהר פון זיך די אָרימע פרוי און האָט נאָך אַהערגעבראַכט דאָס קליינע קינד פון דער פרוי, אַזוי האָבען ביידע פרויען, שוועסטערס פון איין אומגליק, געלעבט אַן׳ערך צוויי יאָהר און פון דעם אויסוואורף איז

קיין שפּור נישט געווען. ס׳איז שוין כמעט נישט געבליבען קיין האָפנונג צו געפונען דעם אונמענש.

צו בראָדסקין אין געשעפט איז אַמאָל געקומען אַ לאָדזער חאַיאַזשאָר. ס׳פערשטעהט זיך, אַז ער האָט זיך גלייך דערוואוסט וועגען דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפען די פאַמיליע בראָדסקי. דער וואָיאַזשאָר האָט גע׳עצה׳ט דעם ה׳ בראָדסקי, אַז ער זאָל אַוועקפאָהרען צום לאָדזער רב, וועלכער וועט זיכער עפּיס אויפטון אין דעם ענין. בראָדסקי האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַוועקגעשיקט ביידע פרויען קיין לאָדז.

די פרויען האָבען דערצעהלט דעם רב די גאַנצע געשיכטע און מיט הייסע טרעהרען געבעטען אַן׳עצה, דאָס איז געווען אַ זעהר שווערע געשיכטע, עס איז נישט געווען קיין איין פונקט, אין וועלכען מ׳זאָל זיך קענען אָנכאַפּען, פון וועלכע מ׳זאָל קענען ציהען ווייטער דעם פאָדעם, כדי אויפצוקלעהרען דעם ענין. דער רב האָט געהייסען ביידע פרויען אַהיימפאָהרען און געבעטען, אַז בראָדסקי זאָל שטעהען מיט איהם אין שטענדיגער קאָרעספּאָנדענץ־קאָנטאַקט די פרויען זענען אַוועקגעפאָהרען און בראָדסקי חאָט באַלד אָנגעשריבען אַ לאַנגען בריף צום רב, אין וועלכען ער האָט צוגעזאָגט צו געבען גרויסע סומען אויף פערשידענע צדקה־צוועקען, אויב זיין טאָכטער וועט בעפרייט ווערען פון די קייטען, מיט וועלכע עס האָט זי אַרומגענומען אַן׳אויסוואורף.

דער רב האָט זיך גענומען ערלעדיגען דעם ענין, קודם־כל האָט דער רב אַוועקגעשיקט בריף אין אַלע ערטער, מיט וועלכער ער האָט געהאַט עפּעס אַ קאָנטאַקט אין ענין עגונות און האָט געוואַרט אויף אַן׳ענטפער, אַנדערש איז געווען זעהר שווער עפּ׳ס אויפצוטון, צו יעדען בריף האָט אויך דער רב צוגעלעגט די פאָטאָגראַפיעס דעם נאָמען און דעם פאַלשען נאָמען פון דעם ענטלאָפענעם, ס׳איז אַוועק אַ לענגערע צייט און קיין ענטפער פון ערגיץ נישט געווען, דער רב האָט אָנגעהויבען צו זוכען אַנדערע מיטלען, אָבער בשום אופן נישט געפונען.

ערשט אין עטליכע חדשים אַרום האָט דער רב בעקומען אַ בריף פון ניו־יאָרק אַז לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען געפינט זיך דער געזוכטער מאַן אין פילאַדעלפיאַ. ס׳ווערט אָבער זיין זעהר אַ שווערער ענין צו צווינגען זיך מודה זיין, ווייל יענער האָט גאָר אַ דריטען נאָמען און האָט אַ גרויס פערמעגען און גרייט זיך

אין פילאַדעלפיאַ רייך חתונה האָבען צו איצט איז ערשט געקומען די ריכטיגע צייט נישט צו פערזוימען דעם ענין און נישט פערפאַסען דעם מאָמענט, כדי נישט צו פערשפעטיגען, אָבער וואָס איז געווען אויפצוטון? וואָס פאַר אַנ׳עצה האָט מען זיך געקענט געבען? ר׳ אליהו חיים האָט לאַנג וועגען דעם געטראַכט און סוף-כל-סוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַנדערש וועט זיך דער ענין נישט לאָזען ערלעדיגען ווי אָוועקשיקען איינע פון די פרויען קיין אַמעריקאַ און זי זאָל דאָרטען מאַכען אַ סוף צו דער גאַנצער געשיכטע.

דאָס איז שנעל געשעהען. דער רב האָט אָוועקגעשיקט קיין אַמעריקאַ די ענערגישערע, בראָדסקיס טאָכטער. זי האָט מיט גענומען מיט זיך בריף פון לאָדזער רב, צו דער דאָרטיגער אָרגאַניזאַציע צו העלפען עגונות. אין דעם דאָזיגען בריף בעט דער רב, אַז די דאָרטיגע אָרגאַניזאַציע זאָל אָנוועגדען אַלע מיטלען העלפען צו דעמאַסקירען דעם אויסוואורף, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ אויף קיין שום מיטלען און וויל ווייטער אומגליקליך מאַכען יודישע מיידלעך. בראָדסקי׳ס טאָכטער האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט איהר הויזגעזונד און מיט אַ שווער האַרץ זיך געלאָזען אין דעם ווייטען פרעמדער אַמעריקאַ.

געקומען קיין אַמעריקאַ, איז בראָדסקי׳ס טאָכטער קודם-כל אַריינגעגאַנגען אין דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך פערנומען מיט די ענינים פון עגונות. זי האָט פאָרגעשטעלט דעם בריף פון לאָדזער רב און געבעטען אָנווייזונגען, וואָס ווייטער צו טון.

אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען שוין דעם ענין גרינדליך געקענט און מ׳האָט די פרוי צוזאַמען מיט אַ שליח אָוועקגעשיקט קיין פילאַדעלפיע מיט אַ בריף צו דער דאָרטיגער יודישער קהלה מיט דער ביטע צו ערלעדיגען דעם ענין.

די גאַנצע השערה, אַז דער בעל-דבר געפינט זיך אין פילאַדעלפיע איז געווען געבויט אויף וואַהרשיינליכקייט. קיין שום זיכערעס איז נאָך נישט געוועזען; דער ענין האָט ערשט בעדאַרפט גענוי אויסגעפאָרשט און אויפגעקלעהרט ווערען.

דער, אויף וועמען מ׳האָט געטראַכט, אַז ער איז דער געזוכטער מאַן, האָט געהאַט אַ גרויס געשעפט מיט אַ שותף אין פילאַדעלפיע. ער האָט זיך אָנגערופען דזשימס יאַקאָבי. דער געדאַנק, אַז דאָס איז דער זעלבער געזוכטער, איז געווען

די עהנליכקייט פון יענעם צו דער פאָטאָגראַפיע, וואָס דער רב האָט בשעתו צוגעשיקט קיין ניו-יאָרק.

מ׳האָט געדאַרפט אַרבייטען פאָרזיכטיג און ענערגיש. דער בעל-דבר האָט זיך נישט געדאַרפט בשום אופן דערוויסען, אַז מען שפירט איהם נאָך. דער שליח פון דער ניו-יאָרקער אָרגאַניזאַציע האָט קודם-כל געשיקט נאָך דעם שותף פון דעם בעל-דבר, אַ יוד אָבער שוין אַן׳אַמעריקאַנער בירגער און האָט מיט איהם פערפיהרט אַ געשפרעך:

– צי קענט איהר די פערגאַנגענהייט פון אייער שותף

האָט געפרעגט דער שליח?

פון דזשעמס יאַקאָבי, האָט פערוואונדערט געפרעגט דער אַמעריקאַנער, גענוי נישט, איך האָב מיך ספּעציעל קיינמאָל נישט אינטערעסירט דערמיט. איך ווייס נאָר, אַז ער שטאַמט פון רוסלאַנד, ער איז אַהערגעקומען מיט צוויי יאָהר צוריק מיט זעהר אַ נישטיגע סומע, אָנגעהויבען ביי מיר צו אַרבייטען אַלס אַנגעשטעלטער און צוליב זיין פלייס און ענערגיע איז ער געוואָרען מיין שותף און האָט איצט אַ גרויס פערמעגען, איך שדכ׳ן איהם אפילו מיין שוועסטער, וועלכע איך האָב ערשט נישט לאַנג אַראָפּגעבראַכט פון רוסלאַנד.

דער שליח האָט אַרויסגענומען די פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט געהאַט פון לאָדז געוויזען זי דעם אַמעריקאַנער און געפרעגט אויב דאָס איז טאַקע זיין שותף

דער אַמעריקאַנער האָט נישט פערשטאַנען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך ער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז עפּיס קומט דאָ פאָר און האָט בעשלאָסען נישט איבערצופרעגען נאָר רוהיג אָפּוואַרטען אויף דער אויפלעזונג פון דער פראַגע. ער האָט גוט בעטראַכט די פאָטאָגראַפיע און געענטפערט, אַז הגם זיין שותף האָט זיך אַביסעל געענדערט, זאָגט ער אָבער מיט דער גאַנצער זיכערקייט אז אויף דער דאָזיגער פאָטאָגראַפיע געפינט זיך זיין שותף.

צו בעהאַלטען איז נישט געווען וואָס! דער ניו-יאָרקער שליח האָט דערצעהלט דעם אַמעריקאַנער, אַז די דאָזיגע פרוי איז אַ דעלעגאַטקע פון צוויי פרויען, וועלכע דער כלומר׳שטער דזשעמס יאַקאָבי האָט אין רוסלאַנד. מ׳מוז זעהען איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם דאָזיגען בחור צו דעמאַסקירען און בעפרייען די צוויי אומגליקליכע פרויען.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0067-0131 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

— איהר, האָט דער שליח געזאָגט צום אַמעריקאַנער, זענט מחויב אַלס אַנשטענדיגער מענש צו העלפען אונז אין דעם דאָזיגען ענין, אַנדערש וועלען מיר גאָרנישט אויפטון, ווייל איך בין זיכער, אַז יאַקאָבי וועט לייקענען שטיין און ביין און וועט זיך נישט וועלען בעקענען צו זיינע מעשים.

ס'איז פערבליבען, אַז דער אַמעריקאַנער זאָל נאָך אויפ'ן זעלבען אָוונד פערבעטען צו זיך זיין שותף און ווען יענער וועט דאָרט זיין, זאָל דער אַמעריקאַנער זיך טעלעפאָניש ווענדען אין האָטעל, וואו עס זענען איינגעשטאַנען דער שליח מיט בראָדסקי'ס טאָכטער און זיי וועלען קומען אַהין און אויפ'ן אָרט פולשטענדיג ערלעדיגען דעם ענין.

אַזוי איז געווען, אין אָוונד האָט דער אַמעריקאַנער טעלעפאָנירט, אַז בראָדסקי'ס טאָכטער זאָל תיכף אַריינקומען און האָט פערזיכערט, אַז פון זיין זייט וועט ער אָנווענדען אַלע מעגליכקייט, כדי דעם ענין ווי אַמבעסטען צו ערלעדיגען.

דער שליח איז באַלד אָוועק מיט דער פרוי צו דעם אַמעריקאַנער, וועלכער האָט שוין געהאַט צוגעגרייט זיין שותף צו דעם, אַז צו איהם, דאַרפען קומען געסט פון דער פרעמד.

אַלץ איז געמאַכט געוואָרען „פאָ אַמעריקאַנסקי". דער אַמעריקאַנער האָט קיין שום שהיות נישט געמאַכט און האָט תיכף אַריינגעפיהרט די פרוי אין צימער, וואו ס'האָט זיך געפונען זיין שותף.

דזשעמס יאַקאָבי איז בלאַס געוואָרען, האָט אָנגעהויבען צו ציטערען אויפ'ן גאַנצען קערפער. ער האָט נישט געקענט קיין וואָרט אַרויסרעדען, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואָרט וואָס דאָ וועט פאָרקומען.

בראָדסקי'ס טאָכטער האָט זיך אויך קוים געהאַלטען אויף די פיס. הגם זי איז געווען צוגעגרייט צו דער דאָזיגער בעגעגניש, דאָך איז די איבעראַשונג געווען אַ קאָלאָסאַלע.

די שטילקייט און די געדריקטע שטימונג האָט איבערגעריסען דער אַמעריקאַנער, וועלכען עס זענען געווען פרעמד אַלע סענטימענטען. ער האָט גלייך ערקלערט זיין שותף, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט און פאָרגעלעגט אויפ'ן אָרט צו מאַכען אַ סוף צו דער טרויעריגער געשיכטע.

דזשעמס יאָקאָבי האָט נישט אָפּגעלייקענט, ווייל דאָס האָט איצט נישט געהאַט קיין צוועק. מיט אַ ציטערדיגער שטימע האָט ער געזאָגט:



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0067-0132 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

איך בין גרייט אָפּצוּגט׳ען מיין ערשטע פרוי און צו בע-האַלטען פאַר זיך אַלס פרוי בראָדסקי׳ס טאָכטער.

בראָדסקי׳ס טאָכטער האָט מיט דער גרעסטער פעראַכטונג אָפּגעוואָרפען דעם דאָזיגען פאָרשלאַג. זי האָט פערלאַנגט, אַז דזשעמס זאָל תיכף אָפּגט׳ען ביידע פרויען, אַ חוץ דעם האָט זי פערלאַנגט אַ גרעסערע סומע פאַר דער אומגליקליכער אָרימער פרוי, וועלכע געפינט זיך אין רוסלאַנד מיט איהר קליין יונגעלע אָהן שום מיטלען צום לעבען.

דער „חתן“ האָט זיך געפּרובט אַקעגענצושטעלען, אָבער עס האָט איהם גאָרנישט געהאָלפען. דער ענין איז פערבליבען אַזוי ווי בראָדסקי׳ס טאָכטער האָט געוואָלט, מיט דעם אונטער-שיד, וואָס אַ חוץ פאַר דער פרוי, האָט נאָך דער אַמעריק. פער-לאַנגט אַ סומע אויף צדקה-צוועקען צו דער דיספּאָזיציע פון לאָד-זער רב, וועלכער האָט אַזויפיל מיה אַנגעווענדעט דעם ענין צו ערלעדיגען.

מיט 8 טעג שפּעטער איז בראָדסקי׳ס טאָכטער אַוועקגע-פאַהרען צוריק קיין רוסלאַנד מיט ביידע גט׳ן און אַ גרויסע סומע דאָלאַרען אין טאש פאר דער אָרימער פרוי און צו דער דיספּאָזיציע פון לאָדזער רב.

ווי אַזוי מ׳האָט זיך נישט בעמיהט דעם ענין אין פילאַ-דעלפיע צו פערטושען, איז עס אָבער דאָך נישט געלונגען. פון דעם ענין האָט זיך באַלד דערוואוסט די גאַנצע יודישע בעפעל-קערונג אין פילאַדעלפיע און בעזונדערס די יודישע עמיגראַנטען פון רוסלאַנד. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די גאַנצע גע-שיכטע איז געקומען אין דער יודישער פרעסע און דערנאָך אויך אין דער אַמעריקאַנער.

פאַר דעם כלומרשטן דזשעמס יאַקאָבי האָט זיך אָנגעהויבען אַ זעהר טרויעריג לעבען. מ׳האָט אויף איהם געוויזען מיט די פינגער און ער איז געווען ביי אַלעמען אין די מיילער. ס׳פערשטעהט זיך, אַז וועגען מין אַ לייטישען שידוך אין אַמעריקאַ האָט שוין קיין רעדע נישט געקענט זיין. אַ חוץ דעם האָט אונזער ב. ק. בעקומען געוויסענסביסען פאַר זיינע חטאים און האָט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפונען. ער האָט געפּרובט אויף עטליכע וואָכען אַוועקצופאָהרען פון פילאַדעלפיע, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, ער האָט זיך בשום אופן נישט געקענט בערוהיגען. ביז איינמאָל האָט דזשעמס אָנגענומען א



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

פעסטען בעשלוס צו ליקווידירען אַלע זיינע געשעפטען און תיכף צוריקצופאָהרען נאָך רוסלאַנד. קיין בעשטימטע פלענער אויף דער צוקונפט האָט ער נישט געהאַט און ער האָט אפילו נישט געוואָלט טראַכטען וועגען דעם

מיט דער גאַנצער ענערגיע און ענטשלאָסענקייט, וואָס דזשעמס האָט נאָר פערמאָגט, האָט ער זיך גענומען צו ליקווידירען זיינע גרויסע געשעפטען מיט דעם שותף, דער אַמעריקאַנער האָט איהם אפילו געפרובט אָפצורעדען פון דעם שריט, האָט איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז סוף-כל-סוף וועט דער ענין פערגעסען ווערען. אָבער דזשעמס האָט פון גאָרנישט געוואָלט מעהר הערען, האָט זיך פיל נישט געדונגען וועגען די בעדינגונגען פון אָפגעבען פון דעם געשעפט, אַבי זיך אַרויסצובעקומען פון אַמעריקאַ.

— וואָס האָסטו אַזוי שטאַרק צוגעלעגט צו אַמעריקאַ, האָט איהם זיין שותף געפרעגט.

— אדרבא, האָט דזשעמס געענטפערט, איך האָב אין אַמעריקאַ פערדינט. מיט דעם פערדינטען געלד וועל איך אָפוואַשען מיין גרויסען חטא, וואָס איך בין געגאַנגען. איבריגענס האָב איך שוין דערוואַקסען אַ יונגעל, פאַר וועלכען עס איז מיין חוב צו זאָרגען און איהם צו בעזאָרגען.

קיין שום אָפוועגדונגען האָבען נישט געהאָלפען. דזשעמס האָט אַלץ פערקויפט חצי חנם און איז מיט דער ערשטער שיף צוריק אַוועק קיין „יוראָפ". ער איז אָבער נישט פערפאָהרען צו זיך אין שטעדטעל און נישט קיין קאַזאַן אָדער אָריעל, ווייל ערשטענס האָט ער נישט געוואוסט, וואו זיינע געוועזענע פרויען געפונען זיך, והשנית איז די חרפה פאַר איהם צו גרויס זיך צוזאַמענצוטרעפען מיט בעקאַנטע מענשען, וועלכע האָבען דאָך אָהן ספק געוואוסט וועגען זיין פערגאַנגענהייט. ער איז דעריבער פערפאָהרען קיין לאָדז. אגב האָט ער נאָך געהאַט בדעה זיך מתודה צו זיין פאַר'ן לאָדזער רב, וועלכער האָט איהם פאַקטיש דעמאַסקירט און בעטען דעם לאָדזער רב, וועגען אַן עצה, וואָס פאַר אַ תשובה ער זאָל אויף זיך נעהמען און ווי אַזוי ער זאָל פערזאָרגען זיין איינציגען זוהן. ער האָט אויך נישט פערלוירען די האָפענונג חתונה צו האָבען מיט איינע פון זיינע צוויי אָפגעג'גט'ע פרויען.

דזשעמס איז אַרייַנגעקומען צום רב און אָהן שום פאָררעדעס האָט ער געזאָגט:

— איך בין פּ. ק., צו וועמען איהר האָט אַהינגעשיקט בראָדסקי'ס טאָכטער קיין פילאַדעלפיאַ. איהר ווייסט דאָך שוין מן-הסתם, רבי, ווי אַזוי דער ענין האָט זיך געענדיגט, איצט בין איך אַליין געקומען צו אייך, אַז איהר, רבי, זאָלט אַרויסטראָגען אייער פסק געגען מיר און מיר זאָגען וואָס פאַראַ שטראָף עס קומט מיר.

— דו האָסט זיך אינגאַנצען נישט געדאַרפט פאָרשטעלען פאַר מיר, האָט גוטמוטיג דער רב געזאָגט, איך האָב דיך דערקענט גלייך ביים אַריינקומען לויט די פאָטאָגראַפיע דיינע, וועלכע איך האָב אַנומעלט געזעהען, וואָס שייך די שטראָף פאַר דיר ערוואַרט דיך פון ערגיץ אַנדערשוואו, האָט דער רב אָנגעוויזען אויפ'ן הימעל.

— איך וויל אָבער, רבי, די שטראָף אָפּקומען אויף דער וועלט, איך בין מודה ומתודה, אַז איך בין בעגאַנגען אַ גרויסע זינד, עס מוז דאָך עקזיסטירען עפּעס אַ תשובה פאַר מיר, פאַר יעדען פושעי איז דאָך פערהאַן אַ תשובה, האָט דזשעמס שוין געזאָגט מיט טרעהרען אין די אויגען.

דער רב האָט זיך איבערצייגט, אַז פּ. ק. האָט גאַנץ ערנסט הרטה אויף זיין בעגאַנגענעם שריט און ווי דער שטייגער פון רב איז געוועזן האָט ער בעשלאָסען איהם זיינע ליידען צו פערלייכטערען.

פּ. ק. האָט געזאָגט דעם רב, אַז הגם ער האָט אין אַמעריקאַ די לעצטע צייט היזק געהאַט זעהר פיל געלד, פונדעסטוועגען איז איהם נאָך געבליבען אַ היבשע סומע, מיט וועלכער דער רב קען אינגאַנצען דיספּאָנירען. ער האָט ווייטער געזאָגט, אַז ער איז גרייט צוריק חתונה צו האָבען מיט איינע פון זיינע צוויי געוועזענע פרויען, יעדענפאַלס וויל ער אויסהאַלטען אויף זיין חשבון די ערציהונג פון זיין קינד.

דער רב האָט זיך גלייך געשטעלט אין פערבינדונג מיט בראָדסקי'ן. דער ענטפער איז אָבער געווען אַ נעגאַטיווער, קיין איינע פון ביידע פרויען האָט אפילו נישט געוואָלט הערען וועגען צוריק חתונה האָבען מיט פּ. ק. דאַגעגען האָט דער רב געפועלט, אַז די ערציהונג פון קינד זאָל פאָרקומען אויפ'ן חשבון פון פאָטער.

פּ. ק. האָט דערווייל זיך פערלעגט אַ פאַבריק אין לאָדז. די הצלחה האָט צוגעשפּילט און זיין פערמעגען האָט זיך פערגרעסערט. אין עטליכע יאָהר שפּעטער איז פּ. ק. ערנסט קראַנק געוואָרען, און ווען ער האָט דערפיהלט, אַז זיינע כּוחות געהען איהם אויס, האָט ער געשריבען אַ צוואה, לויט וועלכער ער האָט פערשריבען גרעסערע סומען פאַר צדקה צוועקען אין זיין שטעדטעל אין קאזאַן און אין לאָדז. דאָס איבריגע גרויסע פערמעגען האָט ער פערשריבען פאַר זיין איינציגען זוהן. פּ ק. האָט זיך שוין טאַקי נישט אויפגעהויבען מעהר פון דער קרענק און איז געשטאָרבען. דאָס פערמעגען האָט איבערגענומען זיין זוהן, וועלכער האָט אַלץ אין לאָדז פערקויפט און זיך בעזעצט צוזאַמען מיט זיין מוטער אין רוסלאַנד.

---

## ר' אליהו חיים מאַכט נישט קיין אונטערשייד צווישען יוד און קריסט.

אין לאָדז האָט געוואוינט אַ גרויסער וואַלד-סוחר, אַ קריסט ה. י. ער האָט געמאַכט זעהר גרויסע געשעפטען, געווען רייך און געהאַנדעלט אין גרעסטען טייל מיט יודען, ה. י. איז נישט געווען קיין יודען-פיינד, געוועזען אַנ'אַנשטענדיגער מענש און דעריבער האָבען יודען מיט איהם זעהר גערן געמאַכט געשעפטען. ביי געשעפטען געהט נישט שטענדיג אַלץ אין אָרדנונג און ס'קומען אַרויס אָפט סכסוכים. ביי איין אַזעלכען סכסוך צווישען דעם קריסטליכען וואַלד-סוחר ה. י. מיט אַ יוד זענען ביידע צדדים מסכים געוואָרען צו געהען צו אַ דין-תורה און אַלס בית-דין זיך אויסגעקליבען דעם לאָדזער רב ר' אליהו חיים מייזעל. די דין-תורה איז געוועזען זעהר אַ קאָמפּליצירטע און איז אויסגעפאַלען, לויט דער גערעכטיגקייט, גינסטיג פאַר דעם קריסטליכען סוחר. פון דעמאָלט אָן, איז דער קריסטליכער וואַלד-סוחר מיט יעדען סכסוך וואָס ער האָט געהאַט געקומען צום לאָדזער רב, ער האָט נישט געוואָלט וויסען פון קיין שום געריכטען, (מ'מוז צוגעבען. אַז די דין-תורה וואָס ער האָט געוואונען ביים רב האָט ער שוין צוויי מאָל געהאַט פערשפּילט אין געריכט) פון קיין שום אויסגלייכענישען, ווי נאָר עס האָט עפּיס געטראָפען אַ

סכסוך איז ער אַוועק צום רב, און ווי אַזוי ר׳ אליהו חיים האָט געפּסק׳נט האָט דער קריסט פינקטליך מקיים געווען.

די אורטיילן פון לאָדזער רב זענען אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן דעם קריסט, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו פרעגן דעם רב עצות פאר יעדן געשעפט, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן, די עצות זענען שטענדיג געווען קלוגע און זאַכליכע, דער קריסט האָט אויך דעם רב איבערגעלאָזן גאַנץ אָפט נדבות אויף פערשידענע וואוילטעטיגע יודישע אינסטיטוציעס.

דאָס איז געווען אין די אומרוהיגע רעוואָלוציאָנערע יאָהרען. דער קריסט ה. י. האָט פאַר זעהר אַ גוטען פרייז פערקויפט זיין גרויסען וואַלד און באַלד צומאָרגענס האָט ער שוין געדאַרפט אָפּקויפען אַנ׳אַנדערען, ווען ער איז אַהיימגעפאָהרען פון וואַלד קיין לאָדז מיט דער גרויסער סומע געלד וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט פון פערקויפטען וואַלד, זענען איהם בעפאַלען באַנדיטען און איהם געלאָזען אָהן אַ פרוטה. ער איז קוים אַרויס מיט׳ן לעבען, דער רייכער קריסטליכער וואַלד-סוחר איז אַזויערום אין איין אויגענבליק געבליבען אַ פולשטענדיגער אָרימאַן, נישט געהאַט אפילו מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבען, ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען אַרויסצופערקויפען פערשידענע חפצים פון שטוב און דער דלות איז וואָס ווייטער אַלץ מעהר געוואַקסען.

דער קריסט ה. י. האָט זיך דאָס גענומען שטאַרק צום האַרצען. פון גרויס עגמת-נפש האָט ער אָנגעהויבען צו קרענקען, ביז ער האָט זיך אינגאנצען אַוועקגעלעגט און נישט געקענט מעהר אויפשטעהען פון בעט. מ׳האָט אָנגעהויבען רופען דאָקטוירים, וועלכע האָבען ערקלעהרט, אַז ה. י. איז קראַנק אויף אַ ראַק. מ׳דאַרף שנעל אַדורכפיהרען אַנ׳אָפּעראַציע און דאָס נישט אין לאָדז נאָר אין אויסלאַנד.

פאַר דער פאַמיליע פון ה. י. איז דאָס געווען אַ זעהר שלעכטע בשורה. נישט נאָר ס׳איז נישט געווען אין שטוב אויף אַנ׳אָפּעראַציע אין אויסלאַנד, נאָר אפילו מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען. קיין שום טראַכטען האָט נישט געהאָלפען. ס׳איז נישט געווען פון וואַנען צו נעהמען אויף רייזען קיין אויסלאַנד, און ס׳איז אויסגעקומען אויסצוואַרטען אויפ׳ן טויט פון ה. י.

דער געוועזענער וואַלד-סוחר איז געווען אין פערצווייפלונג ביז איינמאָל איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק. די לעצטע

צייטען ווען ער איז אַמאָל געוועזען ביים לאָדזער רב אין שטוב און האָט מיט אייגענע אויגען געזעהען מיט וואָס פאַראַ ברייט־קייט און רחמנות ר׳ אליהו חיים האָט אַרויסגעהאָלפען פון יעדער צרה, פון יעדען אומגליק וואָס האָט וועמען עס איז געטראָפען, ער האָט בעמערקט, אַז דער לאָדזער רב האָט דערביי נישט געמאַכט קיין שום אונטערשיד, קיינעם נישט פריווילעגירט. נישט איין הונ־דערט רובל, האָט ער בעמערקט, האָט דער רב צו דעם צוועק אַרויסגעגעבען פון זיין טאַש. ער האָט אָנגעשריבען אַ בריף צום לאָדזער רב מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

— הייליגער רבי, ווענען מיין אומגליק, וואָס מיך האָט גע־טראָפען האָב איך אייך פערזענליך שוין אינפאָרמירט, איצט וועל איך אייך מיטטיילען וועגען דעם צווייטען נאָך גרעסערען אומ־גליק. איך בין קראַנק אויף אַ ראַק, און די דאָקטוירים בעהויפ־טען, אז די איינציגע רעטונג פאַר מיר איז אַוועקצופאָהרען קיין אויסלאַנד אויף אַ אָפּעראַציע. איך בין אָבער עלענד ווי אַ שטיין און האָב נישט פון וואַנען צו נעהמען אויף דער רייזע. איך שרייב צו אייך, רבי, ווייל איך האָב מיך איבערצייגט אין אייער גרויסקייט און אין אייער טעטיגקייט. איך וואָלט בעסער געוואָלט שטאַרבען, איידער אויסצושטרעקען די האַנד צו מענ־שען, אָבער צו אייך אַלס פאַסטוך פון פאָלק וועגד איך זיך נאָך הילף, גיט מיר די מעגליכקייט ווייטער צו ערנעהרען מיין פרוי און קינדער און נוצליך זיין פאַר דער געזעלשאַפט, דערביי ווייס איך גענוי שוין פון פיל פאַלען, אַז איהר זאָגט נישט אָפּ אייער הילף אויך קריסטען, וועלכע האָבען סוף כל־סוף דעם אייגענעם גאָט. איך ווענד מיך נאָכאַמאָל צו אייך מיט אַ בקשה: העלפט מיר!

ר׳ אליהו חיים האָט אויפערקזאַם אַדורכגעלייענט דעם דאָ־זיגען בריף. אָפּזאָגען איז ביי דעם לאָדזער רב נישט פערהאַ־נען געוועזען, קיין געלד האָט ער אָבער נישט געהאַט. געווען גראָד אַ וו״ך פון פיל אַ זעלכע צרות. נישט לאַנג געטראַכט איז דער רב אַוועק אין גאַס און האָט געהייסען דעם שליח פון קריסט קומען שפעטער.

דער רב איז אוועק אין דער באַנק פאַר געגענזייטיגען קרעדיט (פיעטרקאָווער 43) און גענומען פאַר זיך אַ הלואה אויף 300 רובל און דאָס אַוועקגעשיקט דעם קריסט. דער געוועזענער וואַלד־סוחר איז תיכף אַוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד און זיך

געלאָזט אָפּערירען. די אָפּעראַציע איז געלונגען און ה. י. איז
געזונד געוואָרען. ער אַרבייט ביז איצט אין אַ האָלץ-סקלאַד אַלס
אָנגעשטעלטער און איז מפרנס זיין משפּחה.
די דאָזיגע געשיכטע האָט אונז דערצעהלט ה׳ ה. י. אַליין,
דערביי האָט ער צוגעגעבען: — איך האָב זיך דערוואוסט, אַז עס
דרוקען זיך די זכרונות וועגען דעם גרויסען מענש, ר׳ אליהו חיים
מייזעל. איך האָב דעריבער געפונען פאַר מיין חוב אויך די דאָ-
זיגע געשיכטע איבערצוגעבען. אַ דאַנק דעם לאָדזער רב
בין איך ביז׳ן היינטיגען טאָג געזונד און בין בכבוד מפרנס מיין
פאַמיליע. איך בין נישט קיין גביר איצט, איך בעט אייך אָבער
ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט איבערצוגעבען פון מיר 3 זלאָ-
טיס פאַר דער תּלמוד-תּורה אויפ׳ן נאָמען פון דעם נישט-פערגע-
סענעם לאָדזער רב מייזעל.

---

# נישט איינגעבעגער בלבול פון דער רוסישער זשאַנדאַמעריע.

דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די צארישע זשאַנדאַר-
מען האָבען געהאַט די גאַנצע ממשלה ביי אונז אין שטאָדט.
ס׳איז געווען גענוג, אַז די זשאַנדאַרמעריע זאָל אַדורכפיהרען
ביי וועמען עס איז אַ רעוויזיע, ערקלעהרען, אַז דער ביי וועמען
די רעוויזיע איז געמאַכט געוואָרען איז אַ סאָציאַליסט און יענעם
האָט שוין קיין צרות נישט מצהר געפעהלט. פיל אַזעלכע אומ-
שולדיגע קרבנות האָבען בעצאָהלט מיט זייערע לעבענס אין די
קאַטאָרזשנע טורמעס אָדער אין סיביר. און די זשאַנדאַרמען זענען
געווען בעגלויבט. וואָס זיי האָבען געזאָגט איז פאַר׳ן רוסישען
געריכט געווען קודש-קדשים.
איינמאָל האָט פאַסירט פאָלגענדער מאָדנער צופאַל. אַ קאַ-
סירער פון אַ היגער יודישער וואוילטעטיגער געזעלשאַפט האָט
געהאַט ביי זיך אין דער היים אַ גרעסערע סומע קהליש געלד.
דאָס געלד האָט מען דעמאָלס צוליב די אונרוהיגע צייטען נישט
געהאַלטען אין די בענק, נאָר שטענדיג גרייט אויסצוגעבען. פון
דעם האָבען זיך דערוואוסט עטליכע זשאַנדאַרמען און האָבען
צווישען זיך אָפּגערעדט, אַז די דאָזיגע סומע קען זיי צונוץ
קומען אויף הולאַנקעס. אגב וועלען זיי קענען בעווייזען פאַר

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0071-0139 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

דער העכערער מאַכט זייער אייפריגקייט ביים אויסרוימען די קראַמאָלע און כאַפּען סאָציאַליסטען, זיי האָבען דעריבער גע־מסר'ט פאַר דעם „זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק", דאָס די זשאַנדאַרמען האָבען בעקומען געהיימע ידיעות, אַז ביי דעם דערמאָהנטען קאַסיר קומען אָפט פאָר סאָציאַליסטישע פערזאַמלונגען און דאָרט געפינט זיך אויך אַ לאַגער פון געוועהר. ס'איז פעראָרדענט געוואָרען נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַ רעוויזיע אונטער דער אָנפיהרונג פון די זעלבע צוויי זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבען די מסירה געברענג.

1 אַ זייגער ביינאַכט האָט מען שטאַרק געקלאַפּט אין דער טיהר פון דעם דערמאָהנטען קאַסיר האָט ש. ע. דערוויסענדיג זיך, אַז עס קלאַפּען זשאַנדאַרמען זיך נאַטירליך שטאַרק דערשראָקען, אָבער זייענדיג זיכער, אַז ביי איהם איז אַלץ כשר, האָט ער תּיכף געעפענט די טיהר. די זשאַנדאַרמען האָבען אָנגעהויבען די רעוויזיע אויפ'ן אמת רוסישען שטייגער. מ'האָט אויסגענישטערט יעדעס ווינקעלע, אויפגעהויבען די פערינעס און די קישענס, צי דאָרט איז נישט פערהאַן עפּיס אונלעגאַלעס, אויפגעריסען די פּאָדלאָגעס און אַרויסגעהאַקט שטיקער מויער אין די ווענד. זיי האָבען דאָסמאָל ספּעציעל אָנגעמאַכט אַזאַ גערודער און טומעל, כדי ש. ע. זאָל נישט קענען האָבען זיינע אויגען אומעטום און זאָל נישט זעהען, ווי די זשאַנדאַרמען נעהמען צו די 600 רובעל, קהליש געלד. וואָס ער האָט געהאַט ליגען אין אַ שופלאָד.

ש. ע. האָט אָבער בעמערקט, ווי איינער פון די זשאַנדאַרמען האָט אַרויסגענומען דאָס געלד פון שופלאָד און עס אַריינגעלעגט צו זיך אין טאַש.

ה' ע. האָט דערווייל גאָרנישט גערעדט. ער האָט אַלץ געטראַכט, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט דער רעוויזיע איז בלויז אַ מיספערשטענדניש, אַז אַזעלכע זאַכען קענען זיך פערלויפען און אַז נאָכ'ן פערענדיגען די רעוויזיע וועט מען איהם דאָס געלד צוריקגעבען. אָבער די האָפענונג איז באַלד צורינען געוואָרען.

דאָס האָב איך געפונען אין בעט, האָט געזאָגט איינער פון די רעוויזאָרען, און אַרויפגעלעגט אויפ'ן טיש אַ גוט־פערבונרען פּעקעל.

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0071-0140 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

איינער פון די זשאַנדאַרמען האָט פאַרזיכטיג געעפענט דאָס פעקעל און פון דאָרט האָבן זיך אַרויסגעשיט פראָקלאַמאַציס מכּל המינים.

ה׳ ש. ע. איז שיער נישט אומגעפאַלען, ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז מ׳וויל איהם דאָ מאַכען אַ שרעקליך בלבול און איהם אַריינפיהרען אין אַ גרויס אומגליק. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און אויסגעשריגען:

— ס׳אַליגען, איהר האָט דאָס פעקעל ביי מיר נישט געפונען, איהר האָט מיר דאָס אונטערגעוואָרפען!

— מאַלטשאַט! האָט אויסגעשריגען דער אָנפיהרער פון דער רעוויזיע, דראָהענדיג ה׳ ש. ע. מיט דער פויסט.

אָבער דאָס איז געווען נישט אַלץ. באַלד איז צוגעקומען צום טיש נאָך אַ רעוויזאָר און אַוועקגעלעגט אַ רעוואָלווער, וועלכען ער האָט כּלומרשט געפונען הינטער דער פאָדלאָגע.

די שטוב מענשען פון ה׳ ע., וועלכע זענען די גאַנצע צייט פון דער רעוויזיע געשטאַנען דערשראָקענע, נישט קענענדיג אַ וואָרט אויסרעדען, האָבן זיך אויך שוין אָריענטירט אין דער לאַגע. זיי האָבן צוזאַמען מיט ה׳ ע. פאָראויסגעזעהן דאָס גרויסע אומגליק, וואָס זיי שטעהט פאָר.

— ס׳איז נישט אמת, האָט ע. נישט מיט זיין קול געשריגען. איך האָב קיינמאָל קיין רעוואָלווער פון דער נאָהענט אפילו נישט אָנגעקוקט, איהר בעגעהט אַ שרעקליך פערברעכען, מאַכענדיג אויף מיר אַזאַ בלבול, איך וועל דערצו נישט דערלאָזען.

— יעווריי טרוס (אַ יוד אַ פחדן), האָט געענטפערט דער זשאַנדאַרם, טוט אָן אַלדאָס ביין און איצט וויל ער זיך נישט מודה זיין דערצו. דערביי האָט דער זשאַנדאַרם פערקרומט זיין פּרצוף און שעלמיש געשמייכעלט.

איצט האָבען שוין די זשאַנדארמען שנעל פערענדיגט די רעוויזיע, געהייסען דעם ה׳ ע. זיך אָנטון און געהן מיט זיי זיך אַקעגענצושטעלען איז ניטט געווען וואָס, עס וואָלט סיי ווי פיי גאָרנישט געהאָלפען. נישט געווען קיין אַנדער עצה ווי צו פאָלגען.

— איך האָב צו אייך נור איין בקשה, האָט ה׳ ע. גערעדט מיט טרעהרען אין די אויגען. איהר האָט דאָס בעת דער רעוויזיע אַרויסגענומען פון אָט דער שופלאָד 600 רובעל. דאָס איז נישט מיין געלד. דאָס איז געלד פון דער אינסטיטוציע וואו



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

איך בין קאַסיר. איך בעט אייך, גיט מיר צוריק דאָס געלד, כּדי איך זאָל עס צוריקשיקען דער אינסטיטוציע. אין ערגסטען פאַל גיט מיר אַ קוויטונג אויף דעם געלד, כּדי איך זאַל זיין אין אָרדנונג.

— דו געמיינער „זשיד". האָט זיך אויף אַ אמת צובייזערט דער אָנפיהרער פון דער רעוויזיע. ווי אַזוי וואַגסטו זיך אויף דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע אַ בלבול צו מאַכען. איך האָב דיר אַרויסגענומען 600 רובעל? איך האָב דאָ 50 רובעל, וואָס דו האָסט מיר געגעבען „לאַפּובקע", אַז איך זאָל דיך נישט אַרעסטירען. טו זיד נאָר אָן קום מיר וועלען דיך שוין אויסלערנען שכל.

עס האָט נישט געהאָלפען קיין שום רייד און געוויינען, די זשאַנדאַרמען האָבען מיטגענומען ה' ע. די פאַמיליע פון אַרעסטירטען האָבען נאָך אין מיטען נאַכט אויפגעוועקט עטליכע כּלל-טוער און מיט זיי זיך גע'עצה'ט, וואָס צו טון. ס'איז געבליבען צו וואַרטען ביז אין דער פריה און פרעגען אַ עצה ביים לאָדזער רב ר' אליהו חיים מייזעל.

באַלד אינדערפריה האָט מען דעם רב פערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, פיל איז נישט געווען צו דערצעהלען. ר' אליהו חיים האָט אויסגעצייכענט געקענט די פּראַקטיק און דאָס אויפפיהרען זיך פון די זשאַנדאַרמען. קיין זכותים איז זיי זיכער נישט געווען צו זוכען, דעם ענין האָט מען אויך נישט געקענט פערשלעפען, כּדי איהם צו ערלעדיגען ווען אַלץ וועט זיין נאָך פריש.

דער רב איז אַוועק צום „זשאַנדאַרמסקע נאַטשאַלניק". דער לעצטער האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום ראַפּאָרט וועגען די רעוויזיעס און אַרעסטען פון דער לעצטער נאַכט. דער נאַטשאַלניק האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה, פערלעגט די הענד אויף די ברוסטען, ווי ס'איז געווען זיין געוואוינהייט און געזאָגט:

— ליבער ראַבין, וואָס קען איך טון, ס'איז אמת, אַז אונזערע זשאַנדאַרמען מאַכען מאַנכעס מאָל שווינערייען, אַז זיי זענען נישט אָהן חטא, אָבער מיר מוזען דאָך זיי גלויבען, אַנדערש וועט יעדער שולדיגער אָדער נישט שולדיגער, זיך פערטיידיגען מיט דעם, אַז מ'האָט איהם אונטערגעוואָרפען א. א. ז. אויך ה' ש. ע. האָט נישט קיין עדות, אַז די זשאַנדאַרמען האָבען אים די פּראָקלאַמאַציעס אונטערגעוואָרפען און אַז זיי האָבען איהם, ווי איהר, ה' ראַבין דערצעהלט, צוגענומען פון שופלאָד 600

רובל, איז טאַקע זעהר שלעכט און איך זעה גישט קיין עצה דערצו.

וואָס הייסט, האָט דער רב געענטפערט, זענען מיר אַנגעוויזען נאָר אויף דעם חשד פון עטליכע פויערישע זשאַנדאַרמען, וואָס קענען טון וואָס נאָר זייער האַרץ פערגלוסט זיך? איז דאָ נישט קיין שום העכערע מאַכט, וועלכע זאָל קענען שטערען דעם ווילקיר פון די דאָזיגע זשאַנדאַרמען, איז טאַקע זעהר שלעכט אין רוסלאַנד. אויב איך וועל נישט געפונען דאָ ביי אייך קיין רעכט, וועל איך זיין געצוואונגען זיך צו ווענדען נאָך ווייטער, אפשר וועל איך דאָרט עפיס אויפטון.

ווייל באמת, האָט דער רב ווייטער געזאָגט, וואו איז יושר? ווי קען מען דערלויבען, אַז 600 רובל, וואָס זענען צונויפגעזאַמעלט געוואָרען דורך אַ וואוילטעטיגע אינסטיטוציע, זאָל פערהוליעט און פערטרונקען ווערען דורך עטליכע זשאַנדאַרמען, ווייל זיי געפעלט אַזוי, און דערביי כדי דאָס מיטעל זאָל הייליגען דעם ציל, זאָל נאָך אַ מענש אַריינפאַלען אין אַ שרעקליכען אומגליק? און איהר ה' נאַטשאַלניק האַלט, אַז צו דעם איז נישט פערהאַן קיין שום עצה.

דער נאַטשאַלניק איז אַביסעל צוטומעלט געוואָרען פון רב'ס גערעכטע רייד, קיין עצה האָט ער דאָך נישט געפונען, אויסער נצהמען און שמייסען די זשאַנדאַרמען, דאָס האָט אָבער נישט געטאָרט געטון ווערען, ווייל דער אייגענטליכע רוסישע מעטאָד צו פאַקען רעוואָלוציאָנערען איז געווען — פּראָוואָקאַציע. דער נאַטשאַלניק האָט שעלמיש אַ שמייכעל געטון און געזאָגט:

— נו, אדרבא, ה' ראַבין, מ'זאָגט דאָך, אַז איהר זענט אַ קלוגער געפינט איהר עפיס אַן עצה ווי אַזוי אויפצוקלעהרען דעם ענין, אָבער דערביי מוזט איהר איבערצייגט זיין אין דער אונשולדיגקייט פון דעם ה' ש. ע.

— גוט, האָט געענטפערט דער רב, ערלויבט מיר, אַז איך זאָל זאָגען דעם ה' ש. ע. ווי אַזוי ער זאָל טענה'ן ביי דעם ערשטען פערהער.

— איהר נישט, ה' ראַבין, האָט געזאָגט דער נאַטשאַלניק, דאָס וועט זיין צופיל אויפפאַלענד, אָבער שיקט אַהער אייער אַ מענש און איך וועל איהם ערלויבען, אַז ער זאָל זיך נאָך פאַר'ן פערהער אַדורכרעדען מיט'ן אַרעסטירטען ש. ע. וועלכער געפינט זיך איצט טאַקע אין דעם הויז.

דער רב איז אַוועק און אין אַ האַלבער שעה האָט זיך גע-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0073-0143 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מאָלדען אַ מענש פון רב, וועלכער איז גלייך אַריינגעפיהרט גע-וואָרען צום אַרעסטירטען ש. ע.

דער שליח פון רב האָט דעם ה׳ ע. איבערגעגעבען, אַז ר׳ אליהו חיים מייזעל האָט געהייסען, דאָס ער זאָל זיך בערו-היגען און זאָל פאָלגען אַלץ, וואָס דער רב וועט איהם הייסען, אויפ׳ן פערהער זאָל ער טענה׳ן אַזוי, ווי דער רב וועט הייסען. דערביי האָט דער שליח איבערגעגעבען דעם ה׳ ע. וואָרט ביי וואָרט, וואָס ער האָט צו זאָגען ביי דעם ערשטען פערהער.

— אָבער איך וועל דאָך אַליין אויף מיר ציהען אַן׳אומ-גליק, האָט געיאָמערט דער אַרעסטאנט, איך קען דאָך אַזוי נישט זאָגען.

— דער רב האָט געהייסען און אַזוי זאָלט איהר טון, מן הסתם ווייסט דער רב וואָס ער טוט, האָט געזאָגט דער שליח און איז אַוועק.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט און מ׳האָט דעם אַרעסטאַנט אַריינגעפיהרט אויפ׳ן ערשטען פערהער צום דיזשורירענדען זשאַנ-דאַרמסקען אָפיציר. אויפ׳ן טיש ביים אָפיציר איז געלעגען דאָס כלומרשט געפונענע פעקעל פראָקלאַמאַציעס, דער רעוואָלווער און אַ פעקעלע פאַפירענע באַנקנאָטען.

נו, זעהר פיין, האָט אַרויסגעברומט דער אָפיציר, פערצי-הענדיג דעם רויך פון דעם פאַפיראָס. וואָס ער האָט געראָיכערט און זיין נאַז איז נאָך רויטער געוואָרען ווי שטענדיג, זעהר פיין געווצהר, פראָקלאַמאַציעס אין דערצו נאָך שוחד. גאָר זיך נישט געריכט אויף אַזאַ אַנשטענדיגען בירגער.

— ס׳איז אַלץ אַ ליגען האָט געשריען ה׳ ש. ע. אַרומקו-קענדיג זיך אויף די זשאַנדאַרמען, וואָס האָבען ביינאַכט ביי אים אַדורכגעפיהרט אַ רעוויזיע, ביי מיר האָט מען גאָרנישט געפונען דאָס געלד האָבען זיי ביי מיר צוגענומען.

— נור, נישט שרייען, האָט בנעימות געזאָגט דער אָפיציר ווייל איך רייס איבער דעם פערהער, אַלץ געלאַסען, מיר וועלען צוזאַמענשטעלען דעם פראָטאָקאָל און אייך איבערשיקען צום אויספאָרשונגס-ריכטער, אייערע אַלע זענען אַזוי. טון אַלדאָס ביינז און אויב זיי פאַלען אַריין פרובען זיי אַרויפצוואַרפען אַלץ אויף אונזערע, וועלכע האָבען אַזוי פיל מיה און אַרבייט מיט זיי.

דער אַרעסטירטער האָט געזעהן, אַז ער מוז אָנהויבען צו טענה׳ן לויט די אָנווייזונגען פון רב און האָט גאַנץ שטיל און רוהיג געזאָגט:



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

– פרעגט און איך וועל ענטפערען אויף יעדע פראַגע.

– אַזוי האָב איך ליב, האָט געברומט דער האַלב-שלעפעריגער אָפיציר, גאָר זיך נישט איינ׳עקשענען. געפונען ביי אייך די פראָקלאַמאַציעס.

– יאָ.

– און דעם רעוואָלווער אויך?

– יאָ.

– און לאַפּובקע גענעבען? וויפיל און וועמען?

– גענעבען יעדען איינציגען צו 50 רובל, דאָס הייסט 400 רובל, אַ חוץ דעם זשאַנדאַרם, פאַר וועלכע עס האָט מיר שוין נישט געסטייעט, האָט ה׳ ע. אָנגעוויזען אויפ׳ן ערשטען בעסטען זשאַנדאַרם.

ע. האָט דאָס אַלץ אַרויסגערעדט מעכאַניש, אין הספּם מיט בעפעהל פון רב, אַליין נישט וויסענדיג, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

די זשאַנדאַרמען האָבען זיך נישט גערייכט אויף אַזאַ ווענדונג, געוואָרען אינגאַנצען צוטומעלט און נישט זייענדיג צוזאַמען גערעדט האָבען זיי נישט געוואוסט, וואָס זיי זאָלען אָנהויבען צו ענטפערען.

אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפענט די טיהר און אין פערהער׳ס-צימער איז אַריינגעקומען דער „זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק“ בכבודו ועצמו.

דער אָפיציר האָט געמאַכט אַ שטרענגע מינע און וועלענדיג בעווייזען זיין שעף, וואָס פאַר אַ העכט ער האָט געפאַקט האָט איבערגע׳חזר׳ט דעם פערהער.

– אַלזאָ, איהר זענט זיך מודה, אַז מ׳האָט ביי אייך געפונען די פראָקלאַמאַציעס און דעם רעוואָלווער, וואָס ליגען דאָ אויפ׳ן טיש?

– יאָ, האָט געפּאָלגט אַ קורצער ענטפער.

– נו, און לאַפּובקע אויך גענעבען?

– יאָ, יעדען זשאַנדאַרם, אַ חוץ איינעם צו 50 רובעל.

דער אַרעסטאַנט האָט אין זינען געהאַט דעם בעפעהל פון רב און זיך געהאַלטען אָן דעם.

דער אויספאָרשונגס-אָפיציר האָט גענומען דאָס פעקעלע געלד, וואָס איז געלעגען אויפ׳ן טיש און אָנגעהויבען צו צעה-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0074-0145 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

לען. ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען, אַז דאָרט איז נאָר געוועזען 50 רובעל.

— וואו איז דאָס איבריגע געלד? — האָט געפרעגט דער אָפיציר.

— „יעוורעי לזשאָט!“ (דער יוד לייגט) האָט זיך אָנגע־רופען איינער פון די זשאַנדאַרמען, ער האָט נאָר גענעבען מיר אַליין 50 רובעל ווייטער קיינעם נישט.

בעדענקט אייך גוט וואָס איהר זאָגט, האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק צו ש. ע. איבערנעהמענדיג אַליין די אויפאָרשונג. איהר געהט איבער פון אַ בעשולדיגטען צו אַ בעשולדיגער. איהר בעשולדיגט די זשאַנדאַרמען, אַז זיי האָבען גענומען כאַבאַר און עס נישט איבערגעגעבען דער העכערער מאַכט.

ש. ע. האָט שוין חרטה געהאַט אויפ׳ן גאַנצען עסק. ער האָט זיך אָבער ווייטער געהאַלטען אין די בעפעהלען פון רב און געזאָגט:

— אויב איהר ווילט זיך איבערצייגען, ה׳ נאַטשאַלניק, צי דאָס וואָס איך זאָג איז אמת, טאָ פרובט אַדורכצופיהרען אַ פערזענליכע רעוויזיע ביי די זשאַנדאַרמען און איהר וועט זיכער געפונען ביי יעדען איינציגען פון זיי דאָס געלד, וועגען וועל־כען איך רעד.

דער נאַטשאַלניק האָט געהייסען, אַז די זשאַנדאַרמען אַליין זאָלען אַרויסלעגען אַלץ, וואָס זיי האָבען ביי זיך אין די קעשענעס. צווישען די זשאַנדאַרמען איז געוואָרען אַ צורודערניש, זיי האָבען שוין געזעהן, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלען, זיי האַ־בען אָבער נישט געהאַט קיין עצה און אָנגעהויבען אַרויסצו־שלעפען אַלץ פון די טאַשען. ס׳פערשטעהט זיך, אַז קיינער פון זיי האָט נאָך נישט בעוויזען אויסצוגעבען קיין גרעסערע סומען פון די 500 רובעל מיט וועלכע זיי האָבען זיך צוטיילט ביינאַכט. איינער נאָכ׳ן אַנדערען האָבען זיי אַרויסגעלעגט קופקעלעך געלד און געשוויגען.

— פון וואַנען האָסטו דאָס געלד, האָט געפרעגט דער נאַטשאַלניק דעם ערשטען זשאַנדאַרם.

— איך האָב עס בעקומען נעכטען פון דער היים, האָט געענטפערט דער זשאַנדאַרם.

— ווי אַזוי האָסטו עס געקומען, מיט דער פאָסט?



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

— יאָ, מיט דער פּאָסט.

— נו, וועלען מיר נאָכפרעגען אויף דער פּאָסט. נו, און דו, פון וואַנען האָסטו דאָס געלד?

— בעקומען מיט אַ געלעגנהייט פון מיינע עלטערן, האָט אַרויסגעשטאַמפּלט דער צווייטער זשאַנדאַרם.

— מיט וואָס בעשעפטיגט זיך דיין פאָטער?

— אַ פּאַראָבעק, איז געווען דער ענטפער.

— שטעהען דאָך די פּאַראָבקעס אין רוסלאַנד נישט אַזוי שלעכט, אַז זיי קענען שיקען זייערע זוהן צו 50 רובעל!

און אַזוי האָט איינער נאָכ׳ן אַנדערען גאָזאָגט אַנ׳אַנדערען נאַרישען אויסרייד, פון וואַנען ער האָט גענומען דאָס געלד. פאַר׳ן נאַטשאַלניק איז שוין קלאָהר געוואָרען, אַז די זשאַנדאַרמען בעהאַלטען עפּיס פאַר איהם. ער האָט דעריבער געפיהרט ווייטער די אויספאָרשונג- כדי צו דערגעהן דעם אמת. דער נאַטשאַלניק האָט ווייטער געזאָגט:

— אייערע אַלע תּירוצים געפעהלען מיר נישט, איך בין גרייט צו גלויבען דעם יוד, אַז איהר האָט אַלע גענומען כאַבאַר און דאָס בעהאַלטען פאַר זיך.

— ס׳איז נישט אמת האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איינער פון די זשאַנדאַרמען. דער יוד זאָגט ליגען, ער האָט אונז קיין כאַבאַר נישט געגעבען. דאָס געלד האָבען מיר אַרויסגענומען פון שופלאָד און צווישען זיך פונאַנדערגעטיילט.

דער נאַטשאַלניק האָט נישט מעהר געדאַרפט, און האָט ווייטער געזאָגט:

— דאָס איבריגע וועל איך זאָגען, די פּראָקלאַמאַציעס האָט איהר אַליין אונטערגעוואָרפן, ווייל איך זעה, דאָס זיי זענען איינגעוויקעלט אין אַ פּאַפּיר, וועלכעס געהער צו אונזער קאַנצעלאַריע און דער רעוואָלווער געהער אַודאי אויך צו אייך. איהר האָט אָפּגעטון אַ מיאוס שטיקעל, פאַר וועלכען איהר וועט מוזען זיין פערענטוואָרטליך.

די זשאַנדאַרמען האָבען אַראָפּגעלאָזען די קעפּ און גאָרנישט געענטפערט. דער יוד האָט תּיכף צוריקבעקומען זיין געלד און איז אָפּגעלאָזען געוואָרען. פון דעם גאַנצען ענין איז אָבער גאָרנישט געוואָרען, ווייל דער זשאַנדאַרמסקי נאַטשאַלניק האָט זיך נישט אַליין געוואָלט אָנשפּייען אין פּנים אַריין. דער סקאַנדאַל וואָלט געווען צו גרויס, נאָך מעהר, אַז נישט איין

פּאָליטישער אַרעסטאַנט וואָלט נאָך אַזאַ מעשה געפּרובט נאָכאַ-
מאָל צו דערוועקען זיין פּראָצעס. דאָס איז דאָך נישט געוועזען
דער איינציגער פאַל ביי דער רוסישער זשאַנדאַרמעריע. דער
ענין איז פערטושט געוואָרען און ביסלעכווייז פערגעסען געוואָ-
רען. אין אַ געוויסער צייט שפּעטער האָט זיך דער נאַטשאַלניק
געטראָפען מיט ר׳ אליהו חיים מייזעל און האָט איהם געזאָגט:

איך בין געווען ענטציקט פון אייער איינפאַל, בעת דער
דעמאָלסדיגער געשיכטע. זאָגט מיר אָבער, פאַרוואָס האָט איהר
געהייסען זאָגען, אַז איין זשאַנדאַרם האָט נישט גענומען קיין
כאַבאַר?

— איך האָב אייך געוואָלט איבערלאָזען די אילוזיע, האָט
דער רב געענטפערט, אַז צווישען די זשאַנדאַרמען איז כאָטש
פערהאַן איין געוויסענהאַפטער. ליידער האָט דאָס אויך נישט
געהאָלפען, נישטאָ צווישען די רוסישע זשאַנדאַרמען קיין געווי-
סענהאַפטע מענשען..

דער נאַטשאַלניק האָט זיך געפיהלט בעלעדיגט פון׳ם רב׳ס
ענטפער. ער האָט זיך אָבער אָפּגעווישט דאָס מויל און איז אַוועק.

---

אין די יאָהרען 1904 און 1905 איז די אונצופרידענהייט צווי-
שען די גרויסע מאַסען פון דער רוסישער בעפעלקערונג געווען זעהר
שטאַרק. די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט אַרומגענומען, וואָס אַמאָל
ברייטערע שיכטען. דאָס גאַנצע גרויסע רוסלאַנד איז געווען ווי אַ
פולווער-קעסעל, וועלכע האָט געדראָהט יעדע מינוט אויפגעריסען
צו ווערען און פערניכטען די צאַרישע הויפען מיט זייערע מיט-
העלפער. די פערביטערונג איז שוין געוואַקסען אַזוי שטאַרק, אַז
אפילו די גרעסטע און שטרענגסטע סאַטראַפען האָבען זיך שוין
נישט געקענט מיט דער וואַקסענדער בעוועגונג קיין עצה געבען.
אין קייזערליכען הויף איז צווישען די מיניסטאָרען געוואָרען
טומעלדיג. מ׳האָט אָנגעהויבען מורא צו האָבען פאַר די ממשלה.
מ׳האָט אָנגעהויבען צו זוכען מיטלען, ווי אַזוי אָפּצווענדען דעם
צאָרן פון פאָלק, ווי אַזוי אָפּצורייסען דאָס פאָלק פון די רעוואָ-
לוציאָנערע פאַרטייען דורך צוּוואַרפען די צובונטעוועטע אַביינדעל,

און דעמאָלס איז ענטשטאַנען דער געדאַנק וועגן דעם מאַניפעסט פון 17-טען אָקטאָבער.

דער פּלאַן פון 17-טען אָקטאָבער איז געווען גוט צוגעטראַכט. מ׳האָט געוויזען אַ שיין פון בירגערליכע פרייהייטען, אָבער אין דער אמת׳ען איז עס געווען אויסגערעכענט אַריינצוברענגען אַ צורודערונג אין די רעוואָלוציאָנערע רייהען. ס׳איז געווען אויסגערעכענט מיט איין האַנד צו געבען און מיט דער צווייטער צוריקצונעהמען און נאָך לאָזען מעהר הערשען דעם צאַר.

דער אַקט פון מאַניפעסט האָט געדאַרפט לויט דער פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג אַדורכגעלייענט ווערען פאַר׳ן פאָלק אויף אַלע עפענטליכע ערטער, קירכעס און שוהלען.

פון דעם דאָזיגען מאַניפעסט זענען די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען לגמרי נישט געווען בעגייסטערט. דער מאַניפעסט האָט פערבלענדעט די אויגען פון די נישט-בעוואוסטזיניגע מאַסען און די רייהען פון די פּאַרטייען זענען שיטערער געוואָרען. דעריבער האָבען די פּאַרטייען מיט אַלע מיטלען געפּרובט גרינגצושעצען דעם מאַניפעסט, און אָנפיהרען אַ שטאַרקע אַגיטאַציע געגען דער פּאָפּולאַריטעט פון דאָזיגען מאַניפעסט.

דער בעפעהל פון צאַר צו פערעפענטליכען דעם מאַניפעסט פון 17-טען אָקטאָבער איז אויך אָנגעקומען קיין לאָדז. דער לאָדזער רב האָט געמאַכט די הכנות צו פערעפענטליכען דעם מאַניפעסט אין דער גרויסער אַלטשטעדטישער שוהל. צו דעם צוועק האָט דער רב גערופען צו זיך זיין טרייען מענש ר׳ ליבוש ליפּסקי און איהם געהייסען צוגרייטען די שוהל, עפענען זי שבת מיט אַ שעה פריהער ווי שטענדיג, און איהם געזאָגט, אַז צום לייענען וועט דער רב אַראָפּקומען אין שוהל און נאָכ׳ן אַדורכלייענען דעם מאַניפעסט וועט ער האַלטען אַ ענטשפּרעכענדע דרשה

ליפּסקי האָט געטון, אַזוי ווי דער רב האָט געהייסען און איז אוועק שבת פאַרטאָג עפענען די אַלטשטעדטישע שוהל און צוגרייטען אַלץ צו די פייערונג. דאָ האָט איהם אָבער דער דעמאָלסדיגער פערוואַלטער פון שוהל, ה׳ גליקלין, ערקלעהרט, אַז די גבאים פון דער שוהל האָבען איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל היינט נישט עפענען די שוהל פריהער און נישט מאַכען קיין שום הכנות צום אַדורכלייענען דעם מאַניפעסט. דאָס האָט גע·

זאָלט זיין אַ נקמה געגען רב צוליב דעם, וואָס דער רב האָט זיך נישט פריהער פערשטענדיגט וועגען אַלעם מיט די גבאים פון דער שוהל. ה׳ ליפסקי האָט נישט געהאַט קיין עצה און האָט געוואַרט ביז מ׳וועט עפענען די שוהל.

דערווייל איז אין שוהל געקומען דער יודישער שריפט שטעלער זאַקס, וועלכער האָט דעמאַלס געוואוינט אין לאָדז. זאַקס האָט געזאָלט אַדורכלייענען דעם מאַניפעסט פאַר׳ן פערזאַמעלטען עולם.

אין עטליכע מינוט אַרום איז אַנגעקומען דער רב, וועלכער האָט געטראַכט, אַז מ׳האַלט שוין ביים לייענען און האָט געוואָלט האַלטען זיין דרשה.

דער רב האָט אָבער געטראָפען ביים אָנהויב דאַוונען, און דעריבער געפרעגט ליפסקי׳ן, פאַרוואָס ער האָט נישט געהייסען היינט פריהער אָנהויבען צום דאַוונען, אַזוי ווי דער רב האָט געהייסען.

ה׳ ליפסקי האָט דערצעהלט, וועגען דער פעראָרדנונג פון די גבאים, דער רב האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, ער האָט שוין נישט גענומען קיין עליה אין שוהל און האָט געוואַרט אויפ׳ן ענדיגען פון לייענען, כדי צו האַלטען זיין דרשה.

ד״ר זאַקס איז אַרויף אויפ׳ן בעלעמער איבערגעלייענט דעם מאַניפעסט און דערנאָך האָט דער רב אָנגעהויבען צוצוגעהן צום בעלעמער.

אין שוהל איז געוועזען פיל פאָליציי, וועלכע האָט געדאַרפט היטען די אָרדנונג און בכלל געוואָלט בייוואוינען די פייערליכקייטען.

פלוצלונג האָבען זיך אין שוהל אַריינגעריסען אַ גרויסע צאָהל ס.-דעקישע קריסטליכע אָרבייטער.

– נידער מיט׳ן צאַר! נידער מיט ניקאָלאַי׳ען! האָבען די אַרבייטער אָנגעהויבען צו שרייען, און באַלד איז איינער פון די אָנפיהרער פון דער גרופע אַרויף אויפ׳ן בעלעמער און געוואָלט האַלטען אַ רעדע פאַר׳ן עולם וועגען דער פערפיהרערישער בעדייטונג פון מאַניפעסט און גערופען דעם עולם דעם דורכגעלייענטען מאַניפעסט אויסצולאַכען און אויסצופייפען.

צווישען עולם איז געוואָרען אַ שרעקליכער פאַניק, דער רב, וועלכער איז שוין געשטאַנען נעבען בעלעמער האָט מיט אַלע כוחות געפרובט דעם עולם צו בערוהיגען אָבער דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבען.

די פּאָליציי וואָס האָט זיך געפונען אין שוהל האָט זיך געכאַפּט צום געוועהר, זיי האָבען אָנגעשטעלט זייער קורצע מויזער-ביקסען אין דער זייט וואו ס'האָט זיך געפונען די גרופּע אַרבייטער, די אַרבייטער האָבען זיך אָבער שנעל אָריענטירט און זיך צושיט איבער דער גאַנצער שוהל זיי האָבען זיך גערעכענט דערמיט, וואָס די פּאָליציי וועט אפשר זיך אָפּשטעלען פון שיסען נישט וועלענדיג בעשעדיגען קיין אומשולדיגע מענשען.

דער גרויסער פערזאַמעלטער עולם, זעהענדיג אָבער, אַז פּאָליציי מיינט ערנסט צו בענוצען געוועהר, האָט אָנגעהויבען צו שטורמען די טירען און פענסטער. ס'איז ענטשטאַנען אַן אומבעשרייבליכער פּאַניק. מ'האָט אויסגעהאַקט שויבען און אַרויסגעשפרונגען פון די פענסטער, מענשען שטופּענדיג זיך צו דער טיר, זענען געפאַלען און מ'האָט אויף זיי געטרעטען, ביים אַרויסגאַנג האָבען פיל מענער געחלשט און מ'האָט צו זיי געמוזט אַרויסרופען מעדיצינישע הילף.

פלוצלונג איז געפאַלען דער ערשטער שאָס. דאָס האָט אַ פּאָליציאַנט געשאָסען אין דער לופטען, אָדער ווי ער האָט שפּעטער ערקלעהרט האָט זיין רעוואָלווער אַליין פון זיך אויסגעשאָסען, דאָ האָט מען דעם עולם שוין בכלל נישט געקענט איינהאַלטען, דאָס וואָס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט אין דער ווייבער-שוהל איז שווער איבערצוגעבען די געוואַלדען, געשרייען און געוויינען זענען געוועען אַזוי שטאַרק, אַז מ'האָט נישט געהערט קיין איין וואָרט ווען איין מענש האָט גערעדט צום צווייטען.

פון אַלע זייטען האָבען פרויען ספּאַזמירט און גערופען נאָך הילף. אין דער שוהל האָבען אויך נישט געפעהלט קיין גרעסערע און קלענערע קינדער, וועלכע די עלטערען האָבען מיטגענומען צו דער פייערונג אויף די האַרצרייסענדע געשרייען פון די דאָזיגע קינדער האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט, וועלענדיג זיך נאָר וואָס גיכער אַרויסבעקומען פון דער שוהל. וועגען בערוהיגען דעם גרויסען עולם אין איצטיגען צושטאַנד האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד.

דער רב איז געשטאַנען אַ בלאַסער און געציטערט פאַר אויפרעגונג, און אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ וויינענדיג קינד, וועלכעס האָט פערלוירען דעם פאָטער אין דעם גרויסען געדראַנג, די צווייטע האַנד האָט ער די גאַנצע צייט געהאַלטען אויפגעהויבען אין דער הויך, וועלענדיג אַלץ בערוהיגען דעם עולם.

ר׳ אליהו חיים האָט אין דעם אויגענבליק — מיט זיין מאַיעסטעטישע פיגור מיט די ברייט-געעפענטע אויגען אָנגעפילט מיט טרעהרען, מיט דעם אָפענעם מויל, אין וועלכען עס האָבען זיך אַרויסגעריסען בערוהיגונגס-ווערטער אויסגעזעהען ווי אַ נביא, וואָס איז אַראָפגעגעבידערט פון הימעל צו בעשירמען די עדה יודען פון אַ גרויסען אומגליק.

מיט גרויס מיה האָט זיך דעם רב דאָך איינגעגעבען איינציגווייז צו בערוהיגען דעם אויפגערעגטען עולם און קומען צום וואָרט.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז די ערשטע וואָס זענען געוועזען ביי דער טיהר. צום ענטלויפען זענען געוועזען די, וועלכע האָבען זיך געפיהלט שולדיג אין דער אַרויסגערופענער פּאַניק. די פּאָליציי האָט שוין אַפילו נישט געהאַט וועמען צו אַרעסטירען.

דער „אָקאָלאָטאָטשני נאַדזיראַטעל״ האָט דאָך בעפוילען דעם עולם זיך פונאַנדערצוגעהן און פערלאָזען די שוהל.

דער עולם איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען און דער פּאָליציי קאָמיסאַריאַט האָט בעפוילען ביז׳ן אַדורכפיהרען די אויספאָרשונג, די שוהל פערזיגלען. די שוהל איז תיכף פערזיגעלט געוואָרען.

ר׳ אליהו חיים האָט באַלד צוזאַמענגערופען די גבאים פון שוהל צו זיך אין שטוב און זיי געזאָגט:

— די גאַנצע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם, וואָס איז היינט פאָרגעקומען אין שוהל פאַלט אויף אייך.

די גבאים האָבען זיך איבערגעקוקט און נישט געקענט פערשטעהן די ווערטער פון רב.

— איהר דאַרפט זיך גאָרנישט וואונדערען, האָט ווייטער גערעדט דער רב, אַזוי איז עס, איך האָב פאָרגעפיהלט, געוועזען כמעט ווי זיכער, אַז די סאָציאַליסטען וועלען אַזוי גוט ווי אומעטום פרובען שטערען צו פערעפענטליכען דעם מאַניפעסט. מיר האָבען אָבער געמוזט לויט דער פעראָרדנונג פייערען די פערעפענטליכונג פון דעם דאָזיגען מאַניפעסט. איך האָב אָבער אויך פערשטאַנען, האָט געזאָגט דער רב, אַז די סאָציאַליסטען ווייסען גאַנץ גוט, אַז דער מאַניפעסט וועט פערעפענטליכט ווערען נאָכ׳ן לייענען אין דער געוועהנליכער צייט און צו דער צייט וועלען זיי קומען אַהער. דעריבער האָב איך היינט געשיקט ר׳ ליבוש ליפסקי אַהער, אַז מ׳זאָל אָנהויבען דאַווענען מיט אַ שעה

פריהער, כּדי ווען די סאָציאַליסטען וועלען קומען זאָלען זיי שוין טרעפען נאָך אַלעמען. איהר האָט אָבער געוואָלט מיר אָפּטוּן עפּיס אויף להכעיס און נישט דערלויבט די שוּהל צוּ עפענען פריהער ווי שטענדיג.

איצט פערשטעהט איהר דאָך שוין אַוודאי, אַז דאָס וואָס איך האָב אין אָנהויב געזאָגט, דאָס אויף אייך פאַלט די פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר די היינטיגע געשעהענישען און פאַר'ן פער'חתמ'ענען די שוּהל איז אמת.

מיט דעם האָט זיך דער ענין נישט געענדיגט.

אין דער פּאָליציי האָט מען געהאַלטען, אַז דאָס האָבען יוּדען ספּעציעל אָרגאַניזירט נישט דערלאָזען אַדורכצולייענען דעם מאַניפעסט און אַגיטירען פאַר איהם און אין דער דאָזיגער ריכטונג איז געגאַנגען די אויספאָרשונג.

ר' אליהו חיים האָט געהאַט זעהר פיל אַרבייט, ס'האָט איהם געקאָסט פיל מיה און אָנשטרענגונג נישט צוּ דערלאָזען צוּ דעם דאָזיגען חשד, אַ חוּץ דעם איז דאָך די שוּהל די גאַנצע צייט פוּן דער אויספאָרשונג געווען פערמאַכט. ערשט נאָך אַ האַלב יאָהר איז דעם רב געלונגען די שוּהל צוּריק צוּ עפענען.

די גבאים פוּן דער אַלטשטעטישער שוּהל זענען בעשטאַנען פוּן: ר' שמואל זיינוועל סענדער, יוסף גוּטערמאַן, אברהם יצחק קעמפנער און אברהם בערגער פוּן וואָלבאָרסקאַ גאַס. דאָס אויפיהרען זיך פוּן די דאָזיגע גבאים אין דעם דערמאָהנטען טאָג פוּן אַדורכלייענען דעם מאַניפעסט, האָט נישט געטאָרט בלייבען אוּנבעשטראָפט. דער רב האָט זיי אָבער נישט געוואָלט געבען קיין שום פסק אויף אייגענע אחריות נאָר האָט די דערמאָהנטע גבאים גערוּפען צוּ אַ דין · תּורה.

דאָס בית - דין איז בעשטאַנען פוּן לאָדזער ראַבינאַט. ראש בית-דין איז געווען דער איצטיגער באַלוּטער רב פרידע. ר' אליהו חיים האָט זיך אַליין צוּ דער דין-תּורה נישט געשטעלט, נאָר האָט געשיקט אויסצודריקען זיינע טענות זיין אייניקעל ר' שמואל ישראל. די דין-תּורה האָט געדויערט אַ לענגערע צייט און סוף־כל־סוף האָט זי זיך געענדיגט זעהר אוּנגינסטיג פאַר די גבאים. דאָס בית - דין האָט אַרויסגעטראָגען אַ פסק, לויט וועלכען די גבאים האָבען נעדאַרפט אַריינגעלעגט ווערען אין חרם.

דער פסק האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם אין שטאָט. דאָס איז געווען דאָס געשפּרעך פוּן טאָג, הגם דער דאָזיגער

פּסק איז געווען זעהר אַ שטרענגער האָבען דאָך אַלע אָנערקענט, אַז די גבאים האָבען דאָס זיך פּערדינט, צוליב זייער קליינליכע אַמביציע, האָבען זיי געברענגט דערצו וואָס ס׳האָט געקענט קומען צו אַ ג־ויס אומגליק אין אַ מקום קדוש און אַ חוץ דעם איז די שוהל געוועזען געשלאָסען איבער אַ האַלב יאָהר.

דער דאָזיגער פּסק האָט פערשטעהט זיך נישט געשמעקט די גבאים, אַ חרם איז געווען נישט קיין קליינינקייט, עס האָט געדראָהט זיי אויסגעשלאָסען צו ווערען פון דער יודישער קהלה און קיינער זאָל מיט זיי קיין מגע ומשע נישט האָבען.

דער ערשטער וועלכער איז געקומען צום רב איז געוועזען דער געוועזענער גבאי ר׳ שמואל זיינוועל סענדער, דער רב האָט איהם באַלד אויפגענומען און איהם אַריינגענומען צו זיך אין צימער.

רבי, האָט ר׳ סענדער אָנגעהויבען, נעהמט מיך אַרויס פון דעם גרויסען אומגליק וואָס מיך האָט געטראָפען. איך האָב נישט געמיינט קיין שלעכטס. איך האָב דעמאָלט נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. מ׳האָט מיך צוגערעדט, אַז איך זאָל מסכים זיין צום בעשלוס, נישט צו עפענען די שוהל, איצט איז אויף מיין קאָפּ געקומען אַזאַ אומגליק. דאָס ערגסטע, וואָס מ׳קאָן זיך ביי יודען נאָר פאָרשטעלען. איך בין גרייט אויסצוקומען יעדע שטראָף וואָס איהר, רבי, וועט אויף מיר אַרויפלעגען, אָבי נעהמט מיך אַרויס פון דעם אומגליק, העלפט מיר, רבי, איך האָב אַ פרוי מיט קינדער.

דער רב האָט גענומען סענדער׳ן פאַר׳ן אָרים און איהם נעזאָגט :

— איך האָב אַליין נישט געוואָלט אַרויפלעגען קיין שום שטראָף אויף די גבאים פון דער שוהל. אַ מענש קען זיך שטענדיג טועה זיין, איך האָב געטראַכט, אפשר האָב איך געהאַט אַ טעות, אפשר איז מיין דעמאָלסדיגע פעראָרדנונג געווען אַ פאַלשע און אייערע אַ ריכטיגע. דעריבער האָב איך דעם ענין איבערגעגעבען צו אַ בית-דין. פון דעמאָלסט אָן האָב איך קיין שום איינפלוס נישט געהאַט אויפ׳ן גאַנג פון דער דין-תורה, איך אַליין האָב זיך אפילו צו דער דין-תורה נישט צוגעשטעלט, כדי חלילה נישט מיט מיין פערזאָן עמיצען צו בעאיינפלוסען, איצט ווען איהר זענט געקומען צו מיר זאָג איך אייך, אַז איך בין אייך

מוחל במחלה גמורה. איך וועל רעדן מיט בית־דין, כדי ער זאָל אָפּשאַפֿן דעם פּסק געגען אייך, אַזוי איז טאַקי געווען, נאָך דעם ווי דער רב האָט מוחל געווען דעם גבאי שמואל זיינוועל סענדער האָט מען פֿון איהם אַראָפּגענומען דעם חרם.

גאַנץ אַנדערש האָבן זיך אויפֿגעפֿיהרט צוויי אַנדערע פֿון די דאָזיגע גבאים אברהם יצחק קעמפּנער און יוסף גוטערמאַן. זיי זענען געקומען צום רב זיך זידלען. דער רב פֿערשטעהט זיך האָט זיי נישט אויפֿגענומען און האָט גאָרנישט געוואָלט רעדן מיט זיי. זיי זענען דעריבער אַרומגעגאַנגען איבער דער אַלטשטאָט און אַגיטירט געגען רב און זיך אויסגעלאַכט פֿון פּסק־דין. אַלע האָבן אָבער געגעבן רעכט דעם רב און זיך דערווייטערט פֿון די 2 אַגיטאַטאָרען. נאָך אַ קורצער צייט איז געשטאָרבן קעמפּ־נער און באַלד נאָך איהם גוטערמאַן, שפּעטער איז פֿון זיי אויך דער חרם אַראָפּגענומען געוואָרען. ר׳ שמואל זיינוועל טענצער לעבט נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג און איז אַן׳אָנגעזעהענער בעל־בית אויף אַלט־שטאָדט. פֿון דעמאָלט אָן האָט ר׳ אליהו חיים גע־האַט די אויפֿזיכט איבער דער אַלט־שטעטישער שוהל און האָט נישט דערלאָזען צו קיין שום קריגערייען און מחלוקת. די אָרדע־נונג אין שוהל איז פֿון דעמאָלט אָן געוואָרען אַ מוסטערהאַפֿטע.

---

אין יאָהר 1905 האָט מען קיין לאַדז אַהערגעשיקט מיליטער פֿון בעסעראַביען און מ׳האָט דאָס מיליטער פֿונאַנדערגעשיקט אין די פֿאַבריקען. לויט די גרויס פֿון די פֿאַבריקען האָט מען דאָרט איינגעקוואַרטירט אַ געוויסע צאָהל זעלנער. דאָס איז געווען פֿאַר פּסח.

ווען דער רב האָט ווי יעדעס יאָהר אָנגעפֿיהרט מיט דער גרויסער פּסח־אַקציע האָט מען בעפֿוילען זיך געניי צו דערוויסען, אויב צווישען מיליטער, וועלכעס איז געשיקט געוואָרען קיין לאָדז און איז איינקוואַרטירט געוואָרען אין די פֿאַבריקען געפֿונען זיך נישט קיין יודען.

די צייטען זענען געווען זעהר אונרוהיגע אין קיינער האָט נישט געוואָלט אַריינגעהמען צו זיך אויף יום־טוב קיין זעלנער.

ווען מ׳איז געקומען און געמאָלדען דעם רב, אַז אין פֿאַבריק אויף זאַזשעווסקאַ-גאַס זענען איינקוואַרטירט 10 יודישע זעלנער, איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי איינצואָרדנען אַ ספּעציעלע פּסח-קוך פֿאַר די זעלנער, וואו זיי זאָלען קענען עסען גאַנץ יום-טוב. ווען מ׳האָט געמאָלדען דעם רב וועגן די דערמאָנטע זעלנער איז שוין די פּסח-אַקציע געווען אינגאַנצען אַדורכגעפֿיהרט, ס׳איז געווען צוויי טעג פֿאַר יום-טוב. דער רב האָט גערופֿען צו זיך ר׳ ליבוש ליפּסקי און איהם בעפֿוילען אונבעדינגט שוין איינגעאָרדנען אַ קוך פֿאַר די יודישע זעלנער, וועגן וועלכע מ׳האָט געמאָלדען אין דער לעצטער מינוט, דערביי האָט דער רב אָנגעגעבען דאָס לעצטע געלד, וועלכעס ער האָט פֿאַרמאָגט אין שטוב און האָט בעפֿוילען איינצואָרדנען פֿאַר די זעלנער אַ פּסח בּיד רחבה.

דאָס איינאָרדנען איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, קיינער פֿון די בעלי-הבתים פֿון גייערס ראיאָן, האָט נישט געוואָלט ביי זיך די דאָזיגע קוך איינאָרדנען. די זעלנער ווידער האָבען אין שטאָדט אריין נישט געטאָרט געהן.

לאַנג צו טראַכטען איז נישט געווען קיין צייט, ס׳איז שוין געווען ערב יום-טוב און ה׳ ליפּסקי האָט די דאָזיגע קוך פֿאַר זעלנער איינגעאָרדענט ביי זיין אייגענער שוועסטער אויף זשגאָווסקי גאַס.

ליפּסקי׳ן האָט אָבער נישט געסטייעט קיין געלד אַלץ איינצוקויפֿען, מ׳האָט געדאַרפֿט קויפֿען ניי געפֿעס און אַ חוץ דעם פּראָדוקטען אויף גאַנץ יום-טוב, אַ חוץ דעם האָט דער רב אָנגעזאָגט, אַז עס זאָל גאָרנישט פֿעהלען ביי די זעלנערס טיש. ר׳ לייבוש ליפּסקי איז דעריבער ערב יו״ט נאָכמיטאָג אַוועק צום רב נאָך דעם רעשט געלד, וואָס ער האָט געברויכט.

דער רב איז שוין געווען אַ יום-טוב׳דיגער. שוין געקומען פֿון מקוה. ער האָט אויסגעהערט ליפּסקי׳ן און האָט איהם געזאָגט:

— אויב עס פֿעהלט דיר געלד, מוזט דו דיר געהן שאַפֿען, איך האָב אַ גראָשען אין שטוב נישט מעהר. די זעלנער מוזען האָבען אַלץ, ווי איך האָב געהייסען, געהן שנעל און שאַף דיר ערגיץ געלד.

— אָבער, רבי, וואו קען איך מיר איצט שאַפֿען געלד, ס׳איז דאָך שפּעט, איך האָב נישט וואו צו נעהמען, האָט ליפּסקי זיך געבעטען ביים רב.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0079-0156 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

נו וואָס זאָל איך דיר טון, אַז איך האָב נישט, די זעלנער פאָרען איבער דעם נישט ליידען, אַז דו ווערסט נאָר וועלען, וועסטו שוין בעקומען ערגיץ געלד.

ווען ליפסקי מיט׳ן רב זענען אַזוי געשטאַנען און גערעדט, זענען אַריינגעקומען דריי יודישע ווייבער און דערצעהלט דעם רב מיט טרעהרען אין די אויגען, אַז דער פאַבריקאַנט, ביי וועלכען זיי אַרבייטען, האָט זיי צוגעזאָגט צו געבען געלד פאַר פסח, ער האָט זיי אָבער אָפּגעשלעפּט ביז ערב יום-טוב נאָכמיטאָג און האָט זיי קיין געלד נישט געגעבען, די ווייבערס האָבען ווייטער דערצעהלט, אַז זיי האָבען נאָך גאָרנישט אויף פסח און געבעטען ביי דעם רב הילף.

דער רב האָט אַ ווײַלע געטראַכט, צוגעגאַנגען צום שאַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט 2 צעהן רובל׳דיגע פּאַפּירלעך און געבעטען ליפסקי׳ן, אַז ער זאָל אַרויסגעהן אויסבייטען דאָס פּאַפּירען געלד אויף קלענערס, ליפסקי האָט אַזוי געטון און דער רב האָט איינגעטיילט יעדען איינציגען פון די ווייבערס צו 6 רובל און האָט זיי אַהיימגעשיקט אָנגרייטען אויף פסח.

ווען די יודען זענען אַרויס האָט ליפסקי געזאָגט צום רב:

– רבי, זייט מיר מוחל, וואָס איך פרעג אייך, ווען איך האָב אייך גערעדט נאָך עפּיס געלד, כדי צו קענען פסח מאַכען פאַר אַ גרעסערע צאָהל זעלנער, האָט איהר מיר געענטפערט, אַז איהר, רבי, האָט קיין גראָשען געלד אין שטוב און איצט, ווען עס זענען צו אייך געקימען אונבעקאַנטע מענשען און פאַר אייך געמאַכט אַ קרומע מינע, האָט זיך גלייך ביי אייך געפונען געלד פאַר זיי.

– וואָס ווילסטו, אַז זיי זאָלען נישט האָבען אויף יום-טוב?

– דאָס געלד, וואָס איך האָב זיי געגעבען איז טאַקי נישט מיין, דאָס האָט ביי מיר ב. וואַקס איינגעלעגט אַלס אַ שליש צוליב ן סכסוך, וואָס ער האָט מיט אַ סוחר, די אָרימע יודען און דער יום-טוב פסח זענען אָבער פריהער און איך האָב זיי געמוזט געבען, מילא מ׳ועט שוין מוזען צוריקגעבען, פאַר דיר האָב איך אָבער קיין געלד, דו מוזט געהן און דיר אַליין שאַפען.

ליפסקי האָט גאַרנישט מעהר געזאָגט, ער איז אַוועק אין דער לאָדזער יודישער קהלה און צו עטליכע גבירים און צוזאַמענגעשטעלט די נויטיגע סומע, ער האָט געמאַכט פאַר די זעל-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

נער פסח, אַזוי ווי דער רב האָט געהייסען, צו איין מאַהלצייט איז טאָקע דער רב אַראָפּגעקומען אויף גייערס מאַרק, כדי זיך אַליין צו איבערצייגען, צי אַלץ איז ערלעדיגט געוואָרען אַזוי ווי דער רב האָט געהייסען.

ווען ליפּסקי האָט דערנאָך וואַקס'ן דערצעהלט די געשיכטע האָט ער געשיקט צום רב 18 רובל, אַז דער רב זאָל האָבען צוצולעגען צו די 50 רובל, וועלכע ב. וואַקס, האָט איינגעלעגט ביים רב.

---

# אפּגעראַטעוועט יודיש געלד פון שאַנטאַזשיסטען.

די שטאָדט קאַליש איז געלעגען האַרט נעבען דער דייטש-רוסישער גרעניץ צוליב דער סיבה האָט די שטאָדט זיך נישט געהאַט צו בעקלאָגען אויף פרנסה. אַלע איהרע איינוואוינער האָבען זיך זעהר גוט מפרנס געווען מיט דעם אַזוי-גערופענעם גרעניץ-האַנדעל. ס'איז אַריבערגעשוואַרצט געוואָרען מאַסען סחורות פון דייטשלאַנד און פון קאַליש זענען די סחורות אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרען איבער גאַנץ רוסלאַנד.

איינמאָל איז פון קאַליש קיין לאָדז געפאָהרען מיט אַ טראַנספּאָרט געשוואַרצטע סחורה אַ קאַלישער יוד, די סחורה איז נישט געוועזען דעם יוד'ס אייגענטום, נאָר פאַר'ן איבערפיהרען די סחורה האָט דער יוד געדאַרפט בעקומען אַ געוויסע בעלוינונג, דער יוד איז אָנגעקומען קיין לאָדז, אַראָפּגענומען די וואַליזען, זיך אויפגעזעצט אויף אַ דראָזשקע און געהייסען זיך אַוועקפיהרען צו אַ היגען סוחר, וועלכער האָט די סהורה שוין געהאַט געקויפט.

די דעמאָלסדיגע לאָדזער דראָזשקאַזשעס זענען אין דער דאָזיגער הינזיכט אָבער געווען גרויסע שאַנטאַזשיסטען, ווי באַלד זיי האָבען נאָר דערשמעקט, אַז ס'איז געקומען עמיץ מיט טרפה'נער סחורה, האָבען זיי זיך געהייסען געבען לא יחרץ-געלד, אויב מ'האָט זיי נישט געוואָלט געבען דאָס וואָס זיי האָבען געוואָלט האָבען זיי געדראָהט מיט מסר'ן דער פּאָליציי. נישט איין סוחר איז דורך די דאָזיגע דראָזשקאַזשעס אומגליקליך געוואָרען.

אַזוי איז אויך געווען דאָסמאָל: דער יודישער דראָזש־קאַזש האָט דערשמעקט, אַז דער יוד פיהרט געשוואַרצטע סחורה און דאָס אויך אַ גרעסערען טראַנספּאָרט, האָט זיך אין מיטען פאָהרען אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איהר ווייסט וואָס, ר׳ יוד, מיר פאָהרען איצט אין אוי־טשאַסטאָק. איך ווייס גענוי, אַז איהר פיהרט דאָ געשוואַרצטע סחורה אויס קאַליש.

דער יוד האָט געמיינט, אַז דער דראָזשקאַזש מאַכט חוזק פון איהם, האָט מבטל געמאַכט זיינע רייד און געהייסען ווייטער פאָהרען.

— אַז מ׳וועט שמירען וועט מען ווייטער פאָהרען, האָט דער דראָזשקאַזש שוין קלאָהר ערקלערט, איך פערלאַנג פון דעם טראַנספּאָרט וואָס איהר פיהרט דאַ מיט זיך 100 רובל, אויב נישט ערקלעהר איך, אַז מיר פאָהרען אין קאָמיסאַריאַט.

דער יוד האָט געזעהען, אַז דאָס איז נישט מעהר קיין שפּאַס, האָט אָנגעהויבען בעטען דעם דראָזשקאַזש רחמים, אַז ער זאָל איהם אָפּלאָזען, ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפען, דער דראָזשקאַזש איז געבליבען ביי ס׳זייניגע.

— די סחורה איז נישט מיין, האָט זיך מיט כל השבועות געשווארירען דער יוד, איך בין נאָר אַ שומר איבער איהר, ווי קען איך אייך געבען אַזאַ גרויסע סומע געלד, ווער וועט מיר גלויבען, אַז איך האָב עס געגעבען, נישט נאָר וואָס איך וועל מוזען דאָס געלד בעצאָהלען, נאָר איך וועל אויך מיין פרנסה פערלירען, מ׳וועט דאָס אויסטייטשען, אַז איך מאַך אַ אָנשטעל, כדי צו גזל׳ען 100 רובעל. צווייטענס, האָט דער יוד ווייטער געזאָגט, האָב איך נאָר עטליכע רובל ביי זיך, פונוואַנען זאָל איך נעהמען פאַר אייך 100 רובעל?

— וואָס געהען מיך אָן אייערע רייד, האָט זיך צובייזערט דער דראָזשקאַזש, איך בין אויך נישט קיין אייגענטימער, די דראָזשקע געהער אויך צו אַנ׳אַנדערען. איך בין נאָר אַ בלויזער אָנטרייבער ביי יענעם, ווער האָט אויף מיר רחמנות? אויך קיינער נישט, זאָג איך צום לעצטען מאָל, אַז מיר פאָהרען אין דער פאָליציי, און אויב איהר האָט נישט אַזויפיל געלד ביי זיך, וואָס איך מוז אייך גלויבען, טאָ זייט־זשע פעטער אַזוי גוט און צאָהלט מיר אויס מיט סחורה, איך וועל שוין ווייסען וואוהין די סחורה אָפּצוזעצען.

הקיצור המעשה, ס׳האָט נישט געהאָלפֿען קיין שום געוויין און געבעט, קיין שום האַנדעל און דינגעניש, דער יוד האָט נעבעך געמוזט אַראָפּנעהמען אַ געוויסען סכום סחורה און אַוועק־געבען דעם שאַנטאַזשיסט. דעמאָלט ערשט איז דער דראָזשקאַזש אַוועקגעפֿאָהרען אויף דעם אָנגעוויזענעם אַדרעס.

דער פֿערביטערטער יוד איז נאָך געווען אויף אַזויפֿיל ביים בעוואוסטזיין, אַז ער האָט זיך נאָטירט אין זכּרון דעם נומער פֿון דער דראָזשקע.

דער יוד איז געווען אַ פֿערצווייפֿעלטער, אין פּאָליציי האָט ער נישט געקאָנט מעלדען, מ׳האָט נאָך געקענט ערגער אָפּשניי־דען. ביי דעם יוד און ביים סוחר, צו וועלכען דער יוד איז געקומען איז געבליבען, אַז דער איינציגער אויסוועג איז: זיך צו ווענדען וועגען אַנ׳עצה צום לאָדזער רב.

דער רב האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה און האָט געהייסען דעם קאַלישער יוד בלייבען אין לאָדז עטליכע טעג, ביז דער רב וועט עפּיס קענען אויפֿטון אין דעם ענין

כּמעט אַלע לאָדזער דראָזשקעס זענען אין די דאַמאָלסדי־גע צייטען געשטאַנען אויף דער ניי־שטאָט, ווען ווער עס איז האָט געדאַרפֿט אַ דראָזשקע, האָט ער געמוזט פֿון דאָרט דינגען. ר׳ אליהו חיים איז אין פֿערשידענע אָנגעלעגענהייטען געפֿאָהרען מיט דראָזשקעס און ווען דער שמש פֿון רב האָט זיך נאָר בע־וויזען אויף דער ניי־שטאָט איז געוואָרען אַ געפּרייס צווישען די דאָראָזשקאַזשעס, יעדער איינער האָט געוואָלט פֿאָהרען מיט׳ן רב ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט צום געשעפֿט נישט דער־לעגען. דער רב האָט שטענדיג יעדען דראָזשקאַזש גאַנץ אָרענ־טליך בעפֿרידיגט.

אויף צומאָרגענס נאָך דער דאָזיגער געשיכטע מיטאָג־צייט האָט דער רב געשיקט זיין שמש אויף דער ניי־שטאָט, אַז ער זאָל איהם ברענגען אַ דראָזשקע אָבער אונבעדינגט נאָר דעם און דעם נומער. דער שמש האָט פֿערשטאַנען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אַ בעשטימטען ענין און איז אַוועק אויפֿזוכען די דראָזשקע. געקומען אויף דער ניי־שטאָט, איז ווי שטענדיג געוואָרען אַ גע־רייס צווישען די דראָזשקאַזשעס, יעדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער.

דער שמש האָט אָבער געזוכט דעם נומער, וועלכען דער

רב האָט איהם אױפגעגעבען, נאָך עטליכע מינוט זוכען האָט ער די דראָזשקע געפונען און האָט געהייסען דעם דראָזשקארזש קומען מיטאָג-צייט צום רב אױף זאוואדזקא-גאס, ווייל דער רב דארף גלייך נאָכמיטאָג אװעקפאָהרען.

ס׳פערשטעהט זיך, אז דער דראזשקאזש איז געקומען פינקטליך. אין דער אָפגעשטימטער צייט איז ער געשטאנען פאר׳ן טױער וואו דער רב האָט געוואױנט. ווען מ׳האָט דעם רב איבערגעגעבען, אז די דראָזשקע ווארט שױן, האָט ער געהייסען דורכ׳ן שמש אריינרופען דעם דראָזשקאזש.

— ווייסטו וואָס האָט געזאָגט דער רב דעם יונג, ווען ער איז אריינגעקומען צום רב, איך האָב נאָך דאָ צו טון עטליכע מינוט, געה דערווייל אריין אין קיך וועסטו בעקומען עפיס עסען, ביז דו וועסט אָפעסען וועל איך פערטיג ווערען און מיר וועלען פאָהרען.

דער דראָזשקאזש איז אַריין אין קיך און האָט זיך אװעקגעזעצט עסען א מיטאָג. אין דער צייט האָט דער רב געהייסען אריינפיהרען דאָס פערד מיט דער דראָזשקע, וועלכע איז געשטאַנען פאר׳ן טױער אין א שטאל פון צווייטען הױף, דאָס שטאל פערשליסען און צו זיך ברענגען די שליסלען.

ס׳איז געווען א פראָסטיגער טאָג, דער דראזשקאזש האָט אָפגעגעסען א ווארים מיטאָג און איז א זאטער און צופרידענער אַרױס פאַר׳ן טױער צו זיין דראָזשקע. ווי ער׳אַמױנט איז ער אָבער געבליבען ווען פאַר׳ן טױער איז קיין זכר נישט געווען, נישט פון קיין פערד און נישט פון קיין דראָזשקע. דער יונג איז געוואָרען אַ פערציטערטער, געזוכט. זיך נאָכגעפרעגט ביי שכנים. קיינער האָט אָבער גאָרנישט געקענט ענטפערן, ער איז אַליין אַרומגעלאָפען אין עטליכע גאַסען און פערשטעהט זיך נישט געפונען.

— דאָס מיטאָג איז מיר אױסגעפאַלען „באָקיעם“, האָט דער יונג זיך געהאַקט אין קאָפ אַריין, וואָס וועל איך איצט טון, וואָס פאַר אַן׳עצה גיט מען זיך.

ער איז אַריינגעגאַנגען צום רב אין שטוב בלאַס ווי דער קאַלך און געציטערט ווי אַ פיש.

— רבי, וואָס פאַר-אַ גרױס אומגליק האָט מיך געטראָפען, די דראָזשקע איז דאָך נישט מיין אייגענס. וואָלט דאָס כאָטש געהערט צו מיר, וואָלט געווען אַ האַלבע צרה, אָבער דער בעל-הבית, וועלכער איז בעקאַנט אַלס אַ שלעכטער מענש, ווען דאָך

מיך דער׳הרג׳ענען, ער וועט נאָך איבערגעבען דער פּאָליציי, אַז איך האָב די דראָזשקע מיט דעם פערד פערקויפט. ווי האָבען דאָס מענשען קיין רחמנות נישט, האָט דער יונג, ווייטער געיאָמערט און מאַכען אַזוי אומגליקליך אַ צווייטען.

וואָס יאָמערסטו אַזוי, האָט געזאָגט דער רב, שטרענג אָנקוקענדיג דעם יונג, עס וועט דיר גאָרנישט זיין, דו האָסט דאָך אַנ׳עצה. נעהם די 100 רובל, וועלכע דו האָסט נעכטען אויסשאַנטאַזשירט ביי אַנ׳אָרימען יוד און קויף אָפּ אַ פערד מיט אַ דראָזשקע. די דאָזיגע איינציגע עצה האָב איך פאַר דיר.

דער יונג איז געוואָרען ווי מ׳זאָגט טויט און רויט, ס׳האָבען זיך געביטען די פאַרבען אין פנים און האָט נישט געקענט אַ וואָרט אויסרעדען, ער האָט שוין פערשטאַנען, אַז ער איז דאָ, זעהר שווער אַריינגעפאַלען און דאָס פערענטפערן זיך וועט האָבען אַ קנאַפּע פעולה.

דער רב האָט נישט געלאָזען דעם שאַנטאַזשיסט קומען צו זיך און האָט ווייטער געזאָגט:

— דו שגץ, האָסט אַ סך רחמנות געהאַט אויף דעם יוד, ווען ער האָט פאַר דיר געוויינט, אַז די סחורה איז נישט זיינע און אַז ער איז נאָר אַ שומר איבער איהר. האָסט אַ סך רחמנות געהאַט ווען ער האָט דיר געזאָגט, אַז ער קען נישט נאָר זיין פרנסה פערלירען נאָר אויך זיין עהרליכען נאָמען, ווייל מ׳וועט איהם חושד זיין, אַז ער האָט אַ טייל סחורה אַראָפּגענומען פאַר זיך? מיט וואָס פאַר אַ רעכט פערלאַנגסטו איצט רחמנות פאַר זיך, ווער וועט דאָס וועלען דיר איצט העלפען?

— רבי, האָט געשטאַמעלט דער יונג, איך האָב די סחורה וואָס דער יוד האָט מיר געגעבען נאָך נישט בעריהרט, זי ליגט נאָך גאַנצערהייד ביי מיר אינדערהיים, איך בין גרייט די סחורה אָפּצוגעבען, אַבי איך זאָל צוריקבעקומען די פערלוירענגעגאַנגענע דראָזשקע מיט׳ן פערד.

— מאַך נאָר נישט אָפּהענגיג איינס פון אַנדערן, האָט דער רב שטרענג געזאָגט, קודם־כל געה גיך און ברענג די סחורה און דאַן וועלען מיר שמועס׳ן וועגען דער דראָזשקע.

דער יונג האָט נישט געוואַגט מעהר צו ענטפערן, ער איז אַוועק און נאָך אַ האַלבער שעה איז ער צוריקגעקומען און געברענגט די צוגענומענע סחורה. דער רב האָט אַריינגערופען דעם

קאַלישער יוד, וועלכער האָט זיך געפינען אין אַ צווייטען צימער און געהייסען נאָכקאָנטראָלירען, אויב עס פעהלט גאָרנישט פון דער סחורה, ס'האָט טאַקי גאָרנישט געפעהלט און דער יוד איז אַ גליקליכער אַוועק.

דער דראָזשקאַזש האָט צוריקבעקומען זיין דראָזשקע מיט'ן פערדעל און פון דער צייט אָן האָבען די דראָזשקאַזשעס אויפגעהערט צו שאַנטאַזשירען די אָנגעקומענע סוחרים און אַ לאַנגע צייט איז געווען דערפון מנוחה. די דראָזשקאַזשעס האָבען מאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט אַזוי מורא געהאַט, נאָר פאַר די אויפטוען פון לאָדזער רב.

7

מיט יאָהרען צוריק האָט דעם האָטעל אויף זאַוואַדסקאַ געהאַט אַ היגער יוד. אין דאַזיגען האָטעל זענען איינגעשטאַנען אַמייסטען יודישע סוחרים פון דער פוילישער פראָווינץ. איינמאָל איז אין דערמאָהנטען האָטעל געקומען אַ יודישער סוחר פון לאָמזשע. ער האָט אין פערלויף פון 2 טעג ערלעדיגט זיינע געשעפטען און באַלד אינדערפריה האָט ער אָפּגעגעבען די שליסלען פון זיין צימער דעם אייגענטימער פון האָטעל און איז אַוועק צו דער באַהן.

פערצייטענס איז געווען איינגעפיהרט אין די יודישע האָטעלען, אַז ווען אַ גאַסט איז אַוועקגעפאָהרען, אָדער אַרויסגעגאַנגען אין גאַס האָט ער די שליסלען פון צימער איבערגעגעבען אייגענהענדיג דעם אייגענטימער פון האָטעל. דער אייגענטימער איז צוערשט אַרויף אין צימער, נאָכקאָנטראָלירט צו דער גאַסט האָט נישט עפּיס איבערגעלאָזען און דערנאָך האָט ער ערשט איבערגעגעבען די שליסלען דעם משרת, וועלכער האָט זיך גענומען צום רוימען, אַזוי האָט אויך געטון ביים אַוועקפאָהרען דער לאָמזשער סוחר.

ווען דער יוד איז געקומען צום באַהן און געוואָלט קויפען

אַ בילעט האָט ער בעמערקט, אַז עס פעהלט איהם דער טייסטער מיט געלד און אַ גרויסע צאָהל וועקסלען. ער האָט זיך אָבער נישט שטאַרק דערשראָקען, ווייל ער האָט זיך גאַנץ גענוי דערמאָהנט, אַז ער האָט דעם טייסטער און אויך זיין גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט איבערגעלאָזען אונטער'ן קישען פון האָטעל-בעט, וואו ער האָט איהם אַריינגעלעגט פאַר דעם שלאָפען לעגען. אַזוי ווי דער לאָמזשער סוחר האָט די שליסלען איבערגעגעבען דירעקט דעם אייגענטימער, איז ער וועגען דעם ענין געוועזען אינגאַנצען רוהיג.

דער סוחר איז צוריק אַוועק אין האָטעל, איז אַריין אין קאַנטאָר, אין וועלכען ס'איז געזעסען דער אייגענטימער און מיט אַ שמייכעל זיך אָפּגערופען:

— דאָס ערשטע מאָל אין לעבען טרעפט זיך מיר אַזאַ מעשה איך זאָל פערגעסען דעם טייסטער און דעם זייגער אונטער'ן קישען.

דער אייגענטימער האָט זיך געמאַכט אין גאַנצען תם'עוואַטע, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך און האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס זענט איהר עפּיס צוריקגעקומען? איהר האָט נאָך עפּיס דאָ צו ערלעדיגען?

— איך זאָג דאָך אייך האָט געענטפערט דער סוחר. איך האָב ביי מיר אין האָטעל צימער פערגעסען אונטער'ן קישען דעם טייסטער מיט געלד און וועקסלען און מיין גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט.

אַזוי גאָר, האָט געמאַכט אַ פערוואונדערטע מינע דער האָטעל אייגענטימער? איך האָב אייך גאָרנישט פערשטאַנען, זייט איהר האָט מיר איבערגעגעבען די שליסלען בין איך נאָך אינ-גאַנצען נישט געוועזען אין האָטעל, קומט אַרויף וועלען מיר זעהען.

דער בעזיצער איז צוזאַמען מיט'ן לאָמזשער סוחר אַרויף אין האָטעל-צימער, ווי איבעראַשט איז דער סוחר אָבער געוואָרען, אַז אונטער'ן קישען איז גאָרנישט געלעגען, ער האָט אָנגעהויבען אַרומצוזוכען איבער'ן גאַנצען צימער, אָבער אומזיסט: ער האָט גאָרנישט געפונען. דער סוחר האָט זיך אָבער אָריענטירט, אַז נישט אַלץ געפינט זיך אין צימער אין דערזעלבער לאַגע, ווי ער אַליין האָט דאָס איבערגעלאָזען, דאָס האָט איהם איבערצייגט, אַז

עמיצער איז אין צימער געווען און ס'איז איהם איינגעפאַלען דער געדאַנק, אַז דער האָטעל-אייגענטימער האָט אַ געוויסען שייכות צו די אַוועקגעקומענע זאַכען, דער סוחר האָט זיך שוין אויף אַנ'אמת דערשראָקען און געזאָגט:

— איך ווייס דאָך אָבער גאַנץ גענוי, אַז איך האָב דעם טייסטער און דעם זייגער פאַר'ן שלאָפען געהען אַוועקגעלעגט אָט דאָ אונטער'ן קישען און האָב די זאַכען היינט אין דער פריה צוליב איילעניש פערגעסען אַפּוירצונעהמען.

— אָבער וואָס פאַלט אייך איין, האָט מיט אַ מינע פון אַ בעליידיגטע זיך אָנגערופען דער אייגענטימער ביי מיר אין האָטעל איז נאָך קיין שום זאַך נישט פערלוירען געגאַנגען, נאָך מעהר, אַז איך האָב די שליסלען קיינעם פון האַנד אַרויס נישט געגעבען און איך אַליין בין אויך נאָך דאָ נישט געוועזען, געוויס האָט מען דאָס אייך נאָך נעכטען אַרויס'געגנב'עט, אָדער אפשר גאָר היינט ביי דער באַהן, ביי דער באַהן קומט אָפט פאָר אַזעלכע גניבות.

דער לאָמזשער סוחר, וועלכער איז קיין נאַר נישט געוועזען האָט שוין פערשטאַנען, אַז ער וועט מיט'ן האָטעל-אייגענטימער גאָרנישט מאַכען, אַז אויב יענער זאָל טאַקי האָבען צוגענומען די זאַכען וועט ער זיך דאָך נישט מודה זיין, ער האָט דעריבער גאָר נישט אַרויסגעוויזען, אַז ער איז איהם חושד אין צונעהמען דעם טייסטער מיט דעם זייגער און געזאָגט:

— ס'איז זעהר מעגליך, הגם איך האָב גאָר נישט געפיהלט און קיינעם נעבען מיר נישט געזעהען. פערפאַלען, דאָס לעבען וועל איך מיר נישט נעהמען, מן הסתם בעשערט געוועזען אַנ'אומגליק איך וועל נאָך צוריק נעהען צו דער באַהן, אפשר וועל איך זיך עפּיס דערוויסען. דער סוחר איז אַרויס און דער האָטעל-אייגענטימער האָט זיך געטראַכט:

ס'האָט זיך גוט איינגעגעבען, ער איז מיך גאָרנישט חושד. מ'קען די זאַכען גאַנץ רוהיג האַלטען אין דער היים. דער סוחר ווידער האָט זיך געטראַכט:

מ'דאַרף אָנהויבען עפּיס צו טון, ס'איז ביי איהם געווען זיכער, אַז דער אייגענטימער האָט די זאַכען צוגענומען, אָבער ווי אַזוי דערגעהט מען עס, ביי פּאָליציי וועט מען גאָרנישט קענען מאַכען, דער סוחר האָט קיין שום בעווייזען נישט געהאַט. דער סוחר, וועלכער איז געווען אַ לאָמזשער, האָט זיך דערמאָהנט אין לאָד-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0084-0165 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

זער רב, וועלכער איז אויך געווען אַ מאָל רב אין לאָמושע און איז אַוועק צו איהם פרעגען אַן־עצה.

דאָס איז דאָס איינציגע וואָס איך קען טון, האָט ער זיך באַטראַכט, אויב דער לאָדזער רב וועט נישט געפינען קיין מיטעל ווי אַזוי צו דערגעהן דעם סוד איז עס שוין אַ פערפאַלענע זאַך, דאַן וועל איך נאָך האָבען דאָס לעצטע מיטעל זיך צו ווענדען צו דער פאָליציי.

דער רב האָט אויסגעהערט די געשיכטע און האָט זיך פערטראַכט. דער האָטעל-אייגענטימער פון זאַוואַדסקא 7 האָט געהאַט זעהר אַ שלעכטען שם אין דער שטאָט און טאַקי אין דערזעלבער צייט האָט דערזעלבער האָטעל-אייגענטימער געהאַט אַ דין־תּורה ביים רב, בעת וועלכער דער דאָזיגער מענש האָט זיך אויסגעשמעלט אין אַ זעהר טונקעל ליכט. ביים רב איז דעריבער געווען אַ שטאַרקער חשד, אַז דער בעזיצער אַליין איז דער גנב פון דעם טייסטער און דעם זייגער. דער רב האָט געהייסען, אַז דער לאָמזשער סוחר זאָל בלייבען אין לאָדז נאָך עטליכע טעג, ביז דער רב וועט עפּיס טון אין דעם ענין. נאָך אין דעמזעלבען טאָג האָט דער רב געשיקט נאָך דעם האָטעל-אייגענטימער. יענער האָט געמיינט, אַז דער רב שיקט נאָך איהם אין די ענינים פון דער דין־תּורה וואָס ער האָט ביי איהם געהאַט. ער איז דעריבער באַלד אַוועק צום רב.

און ווירקליך האָט דער רב אָנגעהויבען צו רעדען מיט דעם בעל־דבר וועגען זיין דין־תּורה, יענער האָט זיך געהיצט און פערטיידיגט, אַז ער איז דער גאַנצער גערעכטער, אַז נאָר ער דאַרף די דין־תּורה געווינען.

דער אייגענטימער פון האָטעל ה׳ פ. האָט געהאַט אַ געוואוינהייט צו שמעקען טאַבאַק און ער האָט שטענדיג געהאַלטע אין האַנד אַ זילבערנער טאַבאַק-פּושקעלע, דער רב האָט געבעטען ביי פ. אַ שמעק-טאַבאַק. פ. האָט אַוועקגעגעבען דעם רב דאָס פּושקעלע און דער רב האָט גענומען איין מאָל אַ שמעק טאַבאַק און נאָכאַמאָל און זיך געשפּילט מיט׳ן זילבערנעם טאַבאַק־פּושקעלע אין האַנד, פּלוצלינג איז דער רב אַרויסגעגאַנגען אין צווייטען צימער מיט׳ן פּושקעלע אין האַנד און האָט געבעטען דעם ה׳ פ. אַביסעל צו־צוּוואַרטען. דער ה׳ פ. האָט גאָרנישט חושד געווען און גע-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0084-0166 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

וואָרט צי דער רב וועט אַריינקומען. ער האָט דערווייל געטראַכט וואָס פאַר אַ נייע תּירוצים צוצוגרייטן פאַר זיין געגנער אין דער דין-תּורה וואָס ער האָט געהאַט.

דער רב האָט דערווייל אין צווייטן צימער צוגערופן דעם שמש און אים געזאָגט:

— גייט תּיכף אויף דערזעלבער גאַס נומער 7 (דער רב האָט דעמאָלט געוואוינט אויף זאַוואַדזקאַ גאַס) צו דער פרוי פון אייגנטימער פון דאָרטיקן האָטעל און זאָג איר, אַז איר מאַן, וועלכער זיצט איצט ביים לאַנדזער רב האָט געהייסן, אַז זי זאָל אים שיקן דעם טייסטער מיט געלד און וועקסל און דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, וואָס ער האָט איר היינט געגעבן צו באַהאַלטן, אַלס סימן, אַז דו זאָגסט אמת, זאָלסטו איר ווייזן דאָס דאָזיגע זילבערנע טאַבאַק-פושקעלע וואָס איך גיב דיר דאָ. דו זאָלסט זאָגן, אַז דאָס איז אַ וואָרט-צייכן פון איר מאַן, אַז זי דאַרף די אָנגערופענע זאַכן אַרויסגעבן. נאָר זעה האָט דער רב צוגעגעבן, אַז די גאַנצע שליחות זאָל נישט דויערן לענגער ווי 5 מינוט, אויב נישט וועלן מיר דאָ זעהר פיל פערשפילען.

דער שמש איז שנעל אַוועק אויפ'ן אָנגעוויזענעם אַדרעס און דער רב האָט זיך דערווייל מיט עפּיס פערנומען, אָפּוואַרטענדיג מיט אומגעדולד ביז דער שליח וועט צוריקקומען.

דער שמש, וועלכער האָט אַליין נישט געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ איז אַריין צו דער פרוי און האָט איהר געזאָגט, אַז ה' פ. וועלכער געפינט זיך איצט ביים לאַנדזער רב אין ענינים פון עפּיס אַ דין-תּורה, האָט געהייסן, אַז זי זאָל איהם דורך דעם שמש פון רב שיקן דעם טייסטער מיט געלד און וועקסלען און דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט וואָס ה' פ. האָט איהר היינט געגעבן צו באַהאַלטען.

די פרוי האָט אַפילו געוואוסט, אַז איהר מאַן איז אַוועק צום רב, פונדעסטוועגן איז זי דערפון געווען איבערראַשט, זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון יאָ געבען אָדער נישט געבען.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

דער שמש האָט בעמערקט איהר פערלעגענהייט. ער האָט געמיינט אַז דאָס איז צוליב דעם ווייל די פרוי וויל איהם נישט גלויבען און האָט געזאָגט:

— אויב איהר גלויבט מיר נישט, האָב איך פאַר אייך אַ סימן. אייער מאַן האָט מיטגעשיקט זיין זילבערנע טאבאַק-פישקעלע אַלס וואָרט-צייכן אַז עס איז אַזוי ווי איך האָב אייך געזאָגט.

ביי דער פרוי איז שוין איצט קיין שום ספק נישט געווען, אַז טאַקע איהר מאַן האָט געשיקט נאָך די זאַכען, הגם זי האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבען קיין רעכענשאַפט צו וואָס ער האָט דאָס געטון. די פרוי איז אַוועק אין אַ צווייטען חדר אַריינגעברענגט די געפאָדערטע זאַכען און זיי אַוועקגעגעבען דעם שמש. דער גאַנצער ענין האָט נאָר געדויערט עטליכע מינוט און דער שמש, אָפּהיטענדיג דעם בעפעהל פון רב איז שנעל צוריק אַהיימגעלאָפען צום רב.

דער רב איז שוין געשטאַנען ביים פענסטער און אויסגעקוקט דעם שליח, דער שמש האָט איבערגעגעבען דעם רב דעם טייסטער און דעם זייגער און אויך דאָס זילבערנע טאַבאַק-פושקעלע. דעם טייסטער און דעם זייגער האָט דע" רב פערשלאָסען ביי זיך אין שראַנק און איז מיט'ן טאַבאַק - פושקעלע אין האַנד צוריק אריין אין צימער, וואו עס איז רוהיג געזעסען דער ה' פ., דער רב האָט נאָך מיט דעם האָטעל-בעזיצער גערעדט עטליכע מינוטען און דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז אויב ער וועט איהם ווייטער דאַרפען צו דער דין-תורה וועט ער ווידער נאָך איהם שיקען.

דער ה' פ. איז אַוועק און דער רב, האָט אָפּנעהמענדיג אַלע גענויע סמנים ביי דעם לאָמזשער סוחר, אַוועקגעגעבען די זאַכען דעם רעכטליכען אייגענטימער, דער לאָמזשער סוחר איז געווען אויסער זיך פון דעם אויפטו, האָט געגעבען אַ היבשע מטבע אויף צדקה-צוועק און איז אַהיימגעפאָהרען.

פ. איז אַהיימגעקומען האָט ער זיך ערשט דערוואוסט, ווי מיאוס ער איז נעבעך אַריינגעפאַלען, דאָס האָט איהם זעהר פערדראָסען, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין עצה און האָט געמאַכט אַ שווייג.

פ. דער אײַגנטימער פֿון האָטעל איז אָבער געווען אַ גרויסער „המן“ און האָט אַזוי שנעל די מעשה נישט פֿערגעסן, ער האָט אַלץ געטראַכט ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין אָן לאָדזער רב פֿאַר דעם שרעקליכען דורכפֿאַל, וואָס ער האָט געהאַט. ער האָט געזוכט עפּיס אַ שפּיצעל, דורך וועלכען ער זאָל קענען דעם רב קאָמפּראָמיטירען. ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט ביז ער האָט עפּיס געפֿונען. ער האָט זיך צוגעזוכט נאָך אַזאַ פּערשוין, ווי ער אַליין און זיי האָבען צוגעטראַכט אַזאַ פּלאַן. גלייכצייטיג מיט'ן אָנטון דעם רב אַ שפּיצעל האָט דער כיטרער פּ. געוואָלט קאָמפּראָמיטירען זיינס אַ קאָנקורענט אַ יודישען האָטעל-בעזיצער. ווייל מ'מוז צוגעבען, אַז נאָך דער געשיכטע מיט'ן געלד און מיט'ן גאָלדענעם זייגער האָבען די געשעפֿטען פֿון פּ. אָנגעהויבען צו געהן באַרג אַראָפּ.

דער פֿריינד פֿון ה' פּ. האָט געדונגען אַ צימער אינ'ם האָטעל פֿון ה' ל. זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אַ מעזריטשער סוחר און פֿערנומען דאָס צימער אין האָטעל 2 טעג. אויפ'ן דריטען טאָג אין דערפֿריה האָט ער זיך געזעגענט מיט'ן בעל-הבית און עס האָט געהייסען, אַז ער פֿאָהרט אַוועק. אין עטליכע מינוט אַרום אָבער קומט ער צולויפֿען נישט טויט און נישט-לעבעדיג, האָט קוים אָפּגעעטעמט און זאָגט, אַז ער האָט אין האָטעל-צימער געלאָזען אַ פּאָרטפֿעל מיט אַ גרעסערע סומע געלד. ה' ל. האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, ווייל ער איז שוין געוועזען אין צימער, האָט אַלץ גענוי נאָכגעקוקט און גאָרנישט בעמערקט, יעדנפֿאַלס זאָל ער צוזאַמען מיט'ן גאַסט אַרויף אין צימער, אַלץ איבערגעוואָרפֿען, נאָכגעזוכט, נישט געפֿונען קיין שפּור פֿון אַ פּאָרטפֿעל און געלד. דער גאַסט האָט זיך אויף אַנ'אמת'ן אָנגעהויבען צו פֿייזערן.

— וואָס הייסט ס'איז נישט דאָ, איך געדענק גאַנץ גענוי, אַז איך האָב דעם פּאָרטפֿעל געהאַלטען היינט אין האַנד, נאָר נאָכהער האָב איך איהם איבערגעלאָזען אויפ'ן טיש. ה' ל. וועלכער האָט נישט חושד געוועזען, אַז מ'מאַכט אויף איהם אַ בלבול האָט אָנגעהויבען צו בערוהיגען דעם „סוחר“ און געזאָגט:

— איהר זענט צו שטאַרק אויפגערעגט, בערוהיגט זיך, זוכט נאָר נאָך, אפשר האָט איהר דעם פּאָרטפֿעל ערגעץ-וואו אין אַ קעשענע, אָדער אפשר האָט איהר איהם פֿערלוירען אויפן וועג...

דער סוחר האָט דעם האָטעל-אייגענטימער נישט געלאָזט פערענדיגען און אָנגעהויבען שרייען.

— מ׳האָט מיך בע׳גנב׳עט, מ׳האָט מיר צוגענומען מיין לעצטען גראָשען, איך וועל שוין ווייזען, אַז איך וועל מיין געלד צוריקבעקומען.

מיט די דאָזיגע ווערטער איז דער גאַסט אַרויסגעלאָפען פון האָטעל און איז אַריינגעלאָפען אין שטוב פון לאָדזער רב מיט דעם זעלבען פּומון.

— רבי, מ׳האָט מיך בע׳גנב׳עט, בע׳גזלט, אומגליקליך געמאַכט, העלפט מיר רבי. איך דאַרף מפרנס זיין אַ פרוי מיט קינדער.

מ׳האָט דעם יוד בערוהיגט און דער רב האָט געהייסען זיך דערצעהלען געלאַסען, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען.

דער גאַסט האָט דערצעהלט מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי אַזוי די מעשה האָט פּאַסירט און האָט צוגעגעבען, אַז נישט קיין אַנדער נאָר דער אייגענטימער פון האָטעל האָט דאָס געטון.

דער רב האָט זיך דערמאָהנט אָן דער מעשה פ. אָבער דאָ איז אַזאַ פאַל געוועזען כמעט ווי אויסגעשלאָסען, ווייל ל. האָט געהאַט אַ שם פון אַנ׳אָרענטליכען מענשען, און דעם רב איז גלייך איינגעפאַלען דער פערדאַכט, אַז אפשר איז דאָ אַ פרוב פון שאַנטאַזש און האָט טאַקע געוואָלט דעם ענין אויספאָרשען, דעד רב האָט דעם יוד בערוהיגט, איהם געזאָגט, אַז דאָס געלד איז נאָך נישט פערלוירען, אַז ער וועט נאָך עפּיס טון אין דעם ענין, געהייסען דערווייל דאָ פערבלייבען און קומען צו איהם אויף צומאָרגענס.

דער האָטעל-אייגענטימער ה . האָט געפיהלט, אַז דאָ קען אַרויסקומען אַ מיאוּסער ענין, אז דער גאַסט קען נאָך מאַכען אַ בלבול אויף איהם אין דער פּאָליציי און נאָך אַ שעה טראַכטען וואָס ס׳איז דאָ צו טון, האָט ער בעשלאָסען צו געהן צום לאָדזער רב נאָך אַנ׳עצה. ווען ער איז אַהינגעקומען האָט דער רב אַקוראַט געוואָלט שיקען נאָך איהם. דער רב האָט זיך מיט׳ן האָטעל-אייגענטימער פערמאַכט אין אַ צימער דאָרט פערברענגט מיט איהם אַ לענגערע צייט און דער בעל-הבית איז אַוועק. באַלד דערויף האָט דער רב געשיקט נאָכ׳ן מעזריטשער סוחר.

איך האָב דיר געזאָגט, האָט באַלד ביים אַריינקומען פוּ סוחר, אויסגערופען דער רב, אַז ס׳איז נאָך נישט פערלוירען

נאָך וואָס זאָל זיך אַ מענש באַלד מאַכען בחנמ׳דיג עגמת-נפש. אַט וואָס איז אַרויסגעגאַנגען דער ה׳ ל. און דעם פּאָרטפעל זיינעם איבערגעלאָזען.

אַנשטאָט זיך צו פרעהען איז דאָס פּנים פון מעזריטשער סוחר געוואָרען בלאַס ווי קאַלך, ער האָט זיך נישט גערעכט, אַז דער ענין וועט אָננעהמען אַזאַ ווענדונג. ווי אַזוי האָט מען גע-קענט געפינען אַ פּאָרטפעל, וועלכען ער האָט כלל נישט פערלוירען.

אָבער, האָט דער רב צוגעגעבען, דו מוזט מיר זאָגען סמנים וואָס דאָרט איז געלעגען און ווי ער האָט אויסגעזעהן א. א. וו.

דער סוחר האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען איין וואָרט האָט זיך נישט געבונדען מיט׳ן צווייטען, צום סוף האָט ער פאַר׳ן רב דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, אַז דער האָטעל-אייגענטימער פון זאַוואַדזקא 7 פ. האָט איהם געגעבען 20 רובעל, אַז ער זאָל אָפּ שפּילען די דאָזיגע קאָמעדיע. דער רב האָט אָבער ערקלערט, אַז ער איז נישט מוחל נישט איהם און נישט דעם אויסוואורף פאַר זייער נידערטרעכטיגען פּלאַן.

---

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0087-0171 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

UB Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

## צווייטער טייל.

# ר׳ אליהו חיים דער מכניס אורח.

ר׳ אליהו חיים מייזעל האָט נישט נאָר געזעהען אַלע אורחים צו בעזאָרגען מיט עסען אויף יעדען שבת און יום-טוב, נאָר איז אַליין געוועזען אַ גרויסער מכניס אורח. תמיד זענען ביי זיין טיש געזעסען. עטליכע אורחים, פאַר וועלכע עס איז געוועזען אָנגעגרייט עסען און טרונקען מכל טוב. ר׳ אליהו חיים איז פריהער נישט אַהיימגעגאַנגען און ביז ער איז געוועזען איבערצייגט, אַז אַלע אורחים זענען פולשטענדיג בעזאָרגט. אַזוי איז ביי די פרעמדע אָרימע-לייט, וועלכע זענען געקומען קיין לאָדז געוועזען זיכער, אַז שבת און יום-טוב וועט זיי נישט פעהלען צו עסען. קיין אָרימע-לייט האָט קיינמאָל נישט געפעהלט און ס׳איז נישט געוועזען אַזאַ לייכטע זאַך זיי צו פערטיילען צווישען די בעלי-בתים פון שטאָדט אויף אַזאַ אופן, אַז קיינעם פון די אורחים זאָל קיין עולה נישט געשעהען.

איינמאָל ווען דער רב איז אַרויסגעגאַנגען פון שוהל, און דער רב איז שטענדיג אַרויסגעגאַנגען כמעט דער לעצטער, האָט ער בעמערקט ביי דער טיר שטעהן עטליכע אורחים, וועלכע זעהט אויס האָבען נישט געהאַט וואו צו עסען שבת. די אורחים האָבען גאָרנישט געזאָגט, אָבער דער רב האָט גוט פערשטאַנען זייער לאַגע. דער רב האָט זיך שטאַרק פערוואונדערט, ווייל אַזאַ זאַך, אַז עס זאָל בלייבען עטליכע אורחים, נישט האָבענדיג וואו צו עסען האָט פאַסירט גאַנץ זעלטען, ס׳איז שוין געוועזען גענוג שפעט און ס׳איז נישט געוועזען קיין צייט איצט די אורחים אָנהויבען פונאַנדערצוטיילען צווישען די בעלי-בתים אין שטאָט

דער רב האָט זיך גאָרנישט לאַנג מישב געוועזען און מיטגעבעטען די אורחים צו זיך אַהיים. די שטענדיגע אורחים פון רב האָבען שוין געוואַרט אויפ׳ן צוריקקומען פון רב. אַריינקומענדיג אין שטוב האָט דער רב בעמערקט, אַז די רבי׳צען איז אין אַ פערלעגענהייט. און ווירקליך האָט די רבי׳צין געטראַכט וועגען דעם ווי אַזוי זי וועט זאַט מאַכען קיין עין הרע אַזוי פיל יודען. און דעם רב האָט זי גוט געקענט, די רביצין האָט געוואוסט, אַז דער רב פערלאַנגט דורכאויס דאָס די אורחים זאָלען ווי אַמבעסטען בעהאַנדעלט ווערען, אַז זיי זאָלען זיך פיהלען ווי ביי זיך אינדערהיים און, אַז ס׳זאָל זיי פון קיין זאַך נישט פעהלען. די רבצין

האָט זיך אָבער נישט געריכט אויף אַזאַ גרויסע צאָהל אורחים און איז דעריבער געווען אין ספק צי אַלע וועלען קענען פולשטענדיג זאַט ווערן, אַזוי ווי דער רב האָט שטענדיג אָנגעזאָגט עפּיס זאָגען דעם רב אָדער מאַכען איהם פּאָרוואורפען האָט די רביצין אודאי נישט געוואָלט און זי האָט זיך אָנגעהויבען צו בע-מיהען וועגען צוזאַמענשאַפען זיך, וואָס נאָר זי האָט געקענט. זי האָט ארויסגעשיקט וועמען נאָך חלות וועמען נאָך אַנדערע זאַכען אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען, מ'האָט אַזוי פיל נישט גע-קענט צוזאַמענשאַפען, דער שמש, וועלכער האָט געזעהען דאָס גרויסע פערלעגענהייט פון דער רביצין האָט זיך געווענדעט צו ר' אליהו חיים:

— רבי, אפשר זאָל איך עטליכע פון די אורחים בעזאָרגען צו בעלי-בתים.

— וואָס? האָט דער רב איהם איבערגעריסען די רייד, דו תאָסט די חוצפה מיר פאָרצולעגען, אַז איך זאָל אַרויסוואַרפען די געסט, וועלכע זענען געקומען צו מיר אין שטוב.

— אָבער רבי, האָט דער משמש ווייטער גערעדט, די רביצין איז אין אַ גרויס פערלעגענהייט, זי האָט זיך נישט געריכט, אַז איהר וועט מיט זיך מיטברענגען קיין עין-הרע אַזוי פיל אורחים און האָט פאַר זיי נישט צוגעגרייט.

— נו, איז וואָס, פאַר די מצוה פון הכנסת אורחים אין פאַר אָנזעטיגען מענשען, וויל די רביצין אפילו קיין זאָרג נישט האָ-בען? האָט דער רב ווייטער געפרעגט, נישקשה, זי וועט זיך שוין אַנ'עצה געבען און מיר אַלע וועלען אָוועקגעהן זאַט פון טיש.

דער שמש האָט געזעהן, אַז ער וועט דעם רב מיט גאָר-נישט איבערצייגען, אַז ס'איז בחנם'דיגע רעד. ער האָט דעריבער געוואָרט וואָס וועט דאָ זיין דער סוף.

דערווייל איז אַרייגעקומען די רביצין מיט אַ פערזאָרגטער מינע, נאָר נאָך איידער זי האָט אָנגעהויבען עפּיס צו רעדען, האָט דער רב זיך אָנגערופען מיט אַ שמייכעל:

— דו ווייסט דאָך, רביצין, אַז דאָס בעסטע מאכל ביי מיר איז ברויט מיט האָניג און שוואַרצע קאַווע. טאָ מאַך מיר טאַקי היינט דעם עונג שבת און גיב מיר דעם דאָזיגען מאכל.

דער רב האָט דערנאָך, שוין נישט אין קיין שפאַס, נאָר גאַנץ ערנסט אָנגעזאָגט, אַז פאַר איהם, זיינע מקורבים און היי-מישע, וועלכע האָבען שטענדיג געגעסען ביים רב זאָל מען דער-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0089-0175 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

לענגען ברויט מיט האָניג און שוואַרצע קאַווע, און די אורחים זאָלען בעקומען בשר ודגים און אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין אין שבת. אַזוי איז געווען.

דער רב איז דאַסמאָל ביים טיש געוועזען פרעהליכער און מיט מעהר מוט ווי שטענדיג. ער האָט געשמועסט מיט די אורחים און געזאָגט תורה-ווערטלעך. די היימישע מענשען פון רב זענען אויך געוועזען זעהר צופרידען און פון דער דאָזיגער סעודה האָבען זיי שפעטער לאַנגע יאָהרען געדענקט. נאָך דער שבת-סעודה האָט דער רב זיך אָנגערופען צו דער רבי׳צין:

— זעהסט, רביצין, אַז אפילו אַ בעל-הבית׳טע מוז מען אויך קענען זיין. מ׳דאַרף אויך וויסען ווי איינצואָרדנען און אַזוי צו פערטיילען די מאָהלצייטען, אַז אַלע זאָלען זיין זאַט...

די רביצין איז דערפון געווען שטאַרק געריהרט און זיך פאַר גרויס פרייד הויך צווויינט.

---

## מיט דער הילף פון א פוילישען גלח אפגערא-טעוועט פון שמד.

אין אַ דאָרף, נישט ווייט פון לאָדז האָט געוואוינט אַ יודישער שוויגער, אַ יוד אַ פּראָסטער אָבער אַן׳אָרענטליכער. ער האָט זיך נישט געהאַט צו קלאָגען אויף פרנסה און מיט קריסטליכע שכנים האָט ער אויך נישט ווי אַמערגסטען געלעבט, אַזוי אַז דער שווייגער וואָלט געווען צופרידען מיט זיין גורל ווען נישט איין זאַך, וואָס האָט איהם און זיין ווייב נישט געלאָזט רוהען, דאָס איז געוועזען די ערציהונג פון די קינדער, כל-זמן די קינדער זענען נאָך געוועזען קליין, האָט דער שווייגער נישט געקלערט דערפון, אָבער ווען זיי זענען אונטערגעוואַקסען איז די פראַגע וואָס אַ מאָל געוואָרען האַרבער.

דער שווייגער האָט געהאַט צוויי יונגלעך און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיי, אַליין האָט ער נישט געקענט, אַראָפּברענגען אַ מלמד, אָדער א לעהרער נאָר פאר זיינע צוויי קינדער איז עס געווען איבער זיין יכולת. צוליב דערזעלבער סיבה האָט ער זיי אויך נישט געקענט שיקען אין שטאָדט אַריין.

אַזוי זענען טאַקי די צוויי בנים געוואַקסען און נישט געוואוסט ווי אַנ׳אות זעהט אויס און וואָס איז אזוינס יודישקייט. א חוץ א מאָל אין א יום טוב ווען דער שווייגער האָט די קינדער



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
UB DFG

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0089-0176 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מיסנעגנומען אין שטאָט אַריין האָבען זיי קיינמאָל קיין שוהל פאר די אויגען נישט אָנגעזעהן. און ווען דער שוויגער מיט דער פרוי זענען געוועזען צוזאַמען איז די איינציגע פראַגע ביי זיי געווע־זען: וואָס וועט זיין דער תכלית פון די קינדער?

דער תכלית האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזען וואַרטען. דער עלטערער זוהן, יצחק, וועלכער איז שוין אַלט געווען 18 יאָהר, אַ הויכער, אַ געזונדטער יונג, האָט זיך גע'חבר'ט מיט אַלע שקצים און שיקסעס פון דאָרף, איבעריגענס האָט ער דאָך קיין אַנדערע חברים נישט געהאַט. פרעמד פון יודישקייט האָט זיך יצחק נישט אָפגעגעבען קיין דין וחשבון וועגען דעם, אַז ער קען מיט זיין גוט־ברודערשאַפט צו די דאָרפס־גוים צו וויט פערקריכען אַזוי איז געוועזען. יצחק, וועלכען מ'האָט גערופען איין דאָרף איגנאַש, האָט זיך פערליבט אין אַ טאָכטער פון אַ רייכען פויער און בעשלאָסען מיט איהר חתונה צו האָבען. ביי זיין גאַנץ פראָסטקייט האָט ער גאָרנישט געטראַכט און וועגען דעם מיטגע־טיילט דעם פאָטער פון זיין כלה. דער פויער איז נישט געוועזען נעגען דעם שידוך, נאָר מיט איין בעדינג, פערשטעהט זיך, אַז איגנאַש מוז זיך שמד'ן.

ווי פרעמד יצחק האָט נישט געזאָלט זיין פון יודישקייט, האָט ער ביי דעם וואָרט שמד זיך אַביסעל פערטראַכט און זיך נישט געקענט בעשליסען, ער איז אַרומגעגאַנגען אַ פערטראַכטער און פערזאָרגטער אין פערלויף פון עטליכע וואָכען, די עלטערן האָבען בעמערקט, אַז זייער זוהן האָט זיך פיל פערענדערט, נאָר אַלע פרובען צו דערגעהן די סיבה דערפון האָבען נישט געבראַכט צו שיין שום רעזולטאַטען, יצחק איז געווען שטום ווי אַ פיש און וועגען קיין שום זאַך נישט געוואָלט פערצעהלען, ביז ער האָט זיך ענטשלאָסען, ער איז אַוועק צו זיין צוקונפטיגען שווער און איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער האָט בעשלאָסען זיך צו שמד'ן, כדי צו קענען חתונה האָבען מיט זיין טאָכטער.

די דאָזיגע ידיעה האָט זיך באַלד פערשפרייט צווישען אַלע פויערים פון די אַרומיגע דערפער און איז אויך דערגאַנגען צו דעם שווייגער מיט זיין פרוי.

— דאָס איז דער תכלית, האָט דער שווייגער אויסגעשריען, דערהערענדיג די טרויעריגע בשורה. דאָס איז די ערציהונג, וואָס איך האָב געגעבען מיינע קינדער, דאָס איז דאָס יודישקייט, וואָס איך האָב איינגעפלאַנצט אין מיינע קינדער. פיין אויפפיהרען זין

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

נעהמט שוין אין מיר נקמה. איך וועל זיין דער איינציגער שולדיגער, אויב מיין אייגען בלוט און פלייש וועט זיך אָפּקעהרען פון יודישען גלויבען און זיך חלילה שמד'ן.

די שווייגערין האָט גאָרנישט דערויף געענטפערט, וואָס קען אַ יודענע פון דאָרף דערויף ענטפערן, זי איז געזעסען פערקלעמט פון צער און וועהטאָג, מיט רחמנות געקוקט אויפ'ן מאַן און מיט שרעק געטראַכט וועגען איהר יונגערן זוהן, וועלכער זאָל נאָר נישט נאָכגעהן די דרכים פון דעם שוין פערלוירענעם עלטסטען זוהן.

ס'האָט נישט געהאָלפען קיין וויינען און בעטען פון דער מאַמען און קיין אומבארחמנותדיגע קלעפּ פון טאַטען, איגנאַש האָט פון גאָרנישט געוואָלט מעהר הערען. ער האָט בעשלאָסען זיך צו שמד'ן און חתונה האָבען מיט דעם רייכען פויערס טאָכטער און פון דעם וועט איהם שוין קיינער נישט קענען אָפּוועדען.

— איך פרעג קיינעם קיין שאלות נישט, האָט דער ווידערשפּעניגטער זוהן געזאָגט, איך טו ווי איך וויל און גענוג. אויב מ'וועט מיך פייניגען וועל איך מעהר אַ היים נישט קומען און מיט דעם וועט זיך די גשיכטע ענדיגען.

דער שווייגער האָט דערזעהן, אַז ער מוז אָננעהמען אַנ'דער טאַקטיק, ווייל ער וועט ווירקליך ענטלויפען פון דערהיים, וועט ער שוין מעהר איבערהויפּט קיין ווירקונג אויף איהם נישט האָבען, אויב אָבער ער וועט בלייבען אינדערהיים אפשר... אפשר וועט נאָך אַנדערש ווערען, האָט דער שווייגער געפּרובט זיך אַליין אָפּצונאַרען. אַזוי זענען פערגאַנגען נאָך צוויי וואָכען, ביז איינמאָל האָט דער שווייגער געטראָפען אין גאַס דעם דאָרפישען גלח, וועלכער האָט אָפּגעשטעלט דעם יוד:

— נו, מאָרדקאַ, האָט דער גלח געזאָגט, דיין זוהן איז היינט געוועזען ביי מיר און אויסגעדריקט זיין גרייטקייט זיך אָפּצושמד'ן און איבערגעהן צום קאַטוילישען גלויבען. ער האָט מיך געבעטען איך זאָל מאַכען אַלע פאָרמאַליטעטען און צוגרייטען אַלץ צו דער שמד-צערעמאָניע, גלייכצייטיג וועט ער נעהמען שלוב מיט אונזער סטאַניסלאַווס טאָכטער. און דו מאָרדקאַ, ווי פערקוקסטו זיך אויף דעם דאָזיגען ענין? האָט דער גלח געפרעגט.

דער גלח פון דאָרף איז געווען זעהר אַנ'אָנשטענדיגער מענש און נישט געוועזען קיין יודען-פיינד, ער האָט די דערמיינטע ווערטער אַרויסגעזאָגט גאַנץ אויפריכטיג און ערליך, ווע-

לעגדיג טאַקי וויסצן, וואָס פאַר אַ שטעלונג עס האָט דער יודישער שווייגער צו דעם געפלאַנטען שריט פון זיין זוהן.

דעם שווייגער איז דאָס בלוט געקומען אין פנים אַריין, ער האָט דערפיהלט, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין רעטונג פאַר זיין זוהן און האָט געזאָגט צום גלח:

— ווי קען איך מיך פערקוקען אויף אַזאַ שרעקליכען טריט פון מיין זוהן, אַזוי ווי אַ יודישער פאָטער, ביי וועמען עס ווערט לעבעדיגערהייד אַרויסגעריסען אַ קינד, ווי וועל איך ווייטער לעבען אויף דער וועלט, אין חרפה און בושה מיט געוויסענסביסען, וואָס איך האָב נישט געקענט אָפּהיטען מיין זוהן פון אַזאַ טאַט.

— איך פערשטעה דיך גאַנץ גוט, מאָרדקאַ, האָט טרויעריג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ דער גלח, אָבער וואָס קען מען מאַכען, איגנאַשי וויל, איז פערפאַלען, וועט מען מוזען זיין פערלאַנג נאָכקומען, נאָך דערצו, אַז סטאַניסלאַוו וויל איהם אָהעקגעבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, האָט איגנאַש בעקומען מעהר קוראַזש און האָט פעסט בעשלאָסען זיך צו שמד'ן.

— וואָס זאָל איך איצט טון, וואָס זאָל איך טון? האָט דער שווייגער זיך געריסען די האָהר פון קאָפּ. איך קען דאָך נישט רוהיג צוקוקען ווי מיין בלוט און פלייש געהט צום שמד. איך מוז דאָך האָבען אַ ריין געוויסען דערמיט, וואָס איך וועל האָבען אָנגענומען אַלע מיטלען געגענצווווירקען דעם שריט פון מיין זוהן.

און ווי אַ צרה, פערשטעהט זיך, האָט מען זיך געווענדעט צום לאָדזער רב, ווער שמועסט נאָך אַזאַ שרעקליך אומגליק. דער יוד האָט געלאָזט שטעהען זיין גאַנצע פרנסה און איז אַוועק צום לאָדזער רב, דער שווייגער האָט איבערגעגעבען דעם רב, די געשיכטע מיט אַלע גענויעסטע פרטים און מיט בעטענדיגע אויגען געוואַרט אויפ'ן ענטפער פון רב, צי עס וועט זיך נאָך לאָזען אָפּווענדען דאָס געוויטער וואָס רערנעהנטערט זיך איבער זיין שטוב.

— אַזאַ שייגעץ, אַזאַ שייגעץ, האָט דער רב גערעדט אַזוי ווי צו זיך, שפּרייזענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער.

— פּלוצלונג האָט זיך דער רב אָפּגעשטעלט און האָט געזאָגט צום שווייגער.

— וואָס דו זאָגסט, אַז דער דאָרפס-גלח איז אַן אָרענטליכער מענש? אויב אַזוי דאַרף ער דאָך נישט דערלאָזען צו אַזאַ געמיינהייט פון אַ סמאַרקעוואַטען יונגעל.

דער רב האָט זיך אָװעקגעזעצט און אײגענהענדיג אָנגעשריבען אַ לאַנגען בריף צום גלח, װעלכען ער האָט געגעבען דעם שװײגער, אז ער זאָל תיכף איבערגעבען דעם גלח פון דאָרף. אין׳ם בריף האָט דער לאָדזער רב אויפגעקלערט דעם פסיכאָלאָגישען הינטערגרונד פון דעם שריט, װעלכען עס װיל בעגעהען דער מינדיעהריגער איגנאַש. דער רב האָט אינם בריף פאָרגעשטעלט די ערציהונגס-ספערע, אין װעלכער עס זענען ערצױגען געװאָרען די קינדער פון דאָרפס-שװײגער. דער רב האָט װײטער אָנגעװיזען אויף דער אומװיסענהײט פון דעם שװײגערס זוהן, אַז ער װיל זיך שמד׳ען נישט צוליב איבערצײגונג, אָדער אפילו ליבע צו דעם רײכען פויערס טאָכטער, נאָר פשוט צוליב דעם, װײל ער װײסט נישט פון קײן אונטערשיד צװישען אײן גלױבען און דעם אַנדערן, אויס פשוט׳ער גראָביונגערישקײט. דער רב האָט װײטער אָנגעװיזען אויף דעם גרױסען צער פון די יודישע עלטערען, בײ װעלכע נישט נאָר עס װערט לעבעדיגערהײט בעגראָבען אַ קינד, נאָר די אײביגע שאַנד, װעלכע זײ װעלען מוזען מיט זיך טראָגען. דער רב האָט אַלזאָ געבעטען דעם גלח זיר גוט צו פערטראַכטען, אײדער ער װעט אַדורכפיהרען די שמד-צערעמאָניע. נאָר אויב, האָט דער רב נעענדיגט זײן בריף, דער גלח אָנערקענט נישט די מאָטיװען, װאָס זענען געברענגט געװאָרען אינ׳ם בריף, בעט דער רב. אַז דער גלח זאָל זעהען װירקען אויף דעם יונגען אָפטריניגען, דאָס ער זאָל זיך פאַר׳ן שמד גאָך זעהען מיט׳ן לאָדזער רב.

דער שװײגער האָט געכאַפּט דעם בריף און איז אַװעק צום גלח, דער לעצטער האָט אויפמערקזאַם דורכגעלײענט דעם בריף און האָט זיך ערנסט פערטראַכט. ער האָט אינערליך אָנערקענט אַלע אויסגערעכענטע מאָטיװען פאַר פולשטענדיג ריכטיגע. ער האָט אַלײן אַנאַליזירט אַלע אײנצעלהײטען פון דער שמד-געשיכטע, װעלכע איז דאָך געװעזען אַ סענסאַציע אין רוהיגען דאָרפישען לעבען. דער גלח האָט אויך פערשטאַנען, אַז נאָר ער אַלײן איז מסוגל דעם ענין ערלעדיגען אין הספּם מיט זײן אײגענעם געװיסען אין פערשטאַנד.

אויף צומאָרגענס איז איגנאַש געקומען צום גלח זיך דערװיסען, װי װײט עס האַלטען שוין די דורכגעפיהרטע פאָרמאַליטעטען. דער גלח האָט צוגערופען צו זיך איגנאַש׳ן און האָט איהם געזאָגט:

— איגנאַש, די מוזט צופאָהרען אין דער האָזיגער אָנגעלע-

גענהייט אויף עטליכע שעה קיין לאָדז און דאָס תיכף. איך וועל דיר מיטגעבען מיינס אַ מענש, וועלכער וועט דיך אַהינפיהרען ס׳איז גלייך איינגעשפּאַנט געוואָרען אַ פערד און דעם גלח׳ס מענש איז געפאָהרען מיט איגנאַש׳ן קיין לאָדז.

די פוהר האָט זיך פערשטעהט זיך אָפּגעשטעלט פאַר׳ן טויער וואו ס׳האָט געוואוינט דער לאָדזער רב. איגנאַש, וועלכער האָט אַפילו נישט געוואַגט צו פרעגען וואוהין מ׳פיהרט איהם איז דרייסט אריין אין דער טיר, וועלכע מ׳האָט איהם אָנגעוויזען, ווי ערשטוינט איז ער אָבער געוואָרען, ווען באַלד אין ערשטען צימער האָט ער דערזעהן זיצען אַ רב מיט ווייסע לאַנגער באָרד און דורכדרינגענדע אויגען (דאָס איז געווען ר׳ אליהו חיים).

איגנאַש האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, געמיינט, אַז ער חלומט, אַז ער בעקומט שוין די שטראָף פאַר וועלען זיך שמד׳ן.

דער רב האָט זיך תיכף אָריענטירט ווער די געסט זענען, ער האָט אַריינגענומען איגנאַש׳ן אין אַ דערבייאיג צימער און דאָרט מיט איהם פערברענגט אַ לאַנגע צייט. וואָס דער רב האָט גערעדט מיט איגנאַש׳ן ווייס קיינער עד-היום נישט, אָבער נאָך אַ האַלבע שעה צייט האָט זיך פון צימער דערהערט אַ הויך כליפען און היסטעריש וויינען פון איגנאַש׳ן. איגנאַש איז אַרויס פון רב׳ס צימער אַ פערווייינטער און זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. ער האָט געהייסען דעם גלח׳ס שליח אַהיימפאָהרען און איבערגעבען דעם גלח, אַז ער, איגנאַש וועט מעהר אין דאָרף נישט קומען. בעזונדערס האָט ער געבעטען דעם שליח צו זאָגען זיין פאָטער, אַז ער זאָל תיכף קומען קיין לאָדז מיט זיין יונגערען זוהן.

דער שליח איז אַוועקגעפאָהרען און נאָך אין דעמזעלבען טאָג שפעט ביינאַכט איז דער שווייגער צוזאַמען מיט זיין יונגערען זוהן געקומען קיין לאָדז אין רב׳ס שטוב. יצחק איז געפאַלען אויפ׳ן האַלז פון פאָטער און געבעטען איהם מוחל צו זיין פאַר דעם עגמת-נפש, וואָס ער האָט אָנגעטון די עלטער׳ן און ערקלערט, אַז ער האָט זיך איצט פולשטענדיג אָפּגעזאָגט פון געדאַנק זיך צו שמד׳ן.

צומאָרגענס האָט דער רב ערקלעהרט דעם שווייגער, אַז די 2 זוהן זיינע בלייבען ביי איהם אין לאָדז. זיי וועלען אָפּגעגעבען ווערען צו בעל-מלאכות און אין די פרייע שעה׳ן וועט

מיט זיי געלערנט ווערען יודישקייט און אויך וועלטליכע וויסענשאַפט. אַזוי איז געוועזען, די צוויי זוהן פון שוויגער זענען געוועזען אין לאָדז, זיך געלערנט און געוואָרען גאַנץ שעהנע בעלי-בתים. יצחק וואוינט איצט אויף פּאָמאָרסקאַ-גאַס. דער שוויגער אַליין האָט זיך דערנאָך איבערגעצויגען פון דאָרף קיין לאָדז.

---

## ר׳ אליהו חיים האט נישט געקענט העלפען א יוד אין זיין נויט.

ר׳ אליהו חיים מייזעל זצ״ל איז בטבע געווען זעהר אַ גוטער מענש, נאָר פונדעסטוועגען איז אויך אַמאָל פאָרגעקומען אַ מעשה, וואָס ביים בעסטען ווילען זיינעם, האָט ער נישט געקענט העלפען. כ׳וויל דאָס טאַקי דערצעהלען אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט עטליכע דרייסיג יאָהר צוריק, און דאָס דערצעהלט אַ עד-ראיה, וואס איז געווען דערביי.

* * *

דער רב איז געזעסען אין בית-דין שטוב, עטליכע אינטערעסאַנטען זענען געווען דאָרט, מ׳האָט גערעדט וועגען פערשידענע ענינים, אינדעם האָט זיך פלוצלינג געעפענט די טיהר און עס פראַלט אַריין אין איין אימפעט אַ הויכער יוד, אַ אויפגערעגטער, זיין פנים איז געוועזען פלאַם-פייער, און נישט מיט זיין קול האָט ער אויסגעשריגען: „רבי, ראַטעוועט מיך, כ׳בין אומגליקליך!״ — —

אלע וואָס זענען געווען ביים רב אין שטוב האָבען זיך שטאַרק דערשראָקען דערזעהענדיג דעם דאָזיגען פערשוין, אַ יוד שוין קרוב ארבעים, וואָס זיין אויסזעהן איז געווען אַ פראָסטער. דער רב האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ פרעגענדען בליק, נאָר דער יוד האָט נישט אויפגעהערט צו כליפּען, און אַז דער עולם האָט איהם געפרעגט, וואָס פאַר אַ אומגליק ס׳האָט פּאַסירט, האָט ער ערשט אויפסניי אָנגעהויבען שרייען און וויינען:

— רבי׳שי קרוין, ראַטעוועט מיך פון מיין גרויס אומגליק, כ׳האָב מיך גע׳גט מיט מיין ווייב, וואָס כ׳האָב געוואוינט מיט איהר קרוב צוואַנציג יאָהר, און איצט בין איך געבליבען מיט זעקס קינדערלעך, כ׳בין א בטל-מלאכה און קען מיר אַליין קיין

עצה נישט געבען, כ׳בין אַ פֿערלוירענער מענש, וואָס טוט מען, גוודלד, וואָס טוט מען ?! —

— האָט מען צוריק חתונה מיט איהר, — איז געווען דעם רב׳ס קורצע תשובה. —

— „דאָס איז דאָך טאַקי דאָס גאַנצע אומגליק מיינס — האָט דער יוד געטענה׳ט — וואָס כ׳קען נישט צוריק חתונה האָבען מיט מיין ווייב, וועלכע כ׳האָב די באמת ליב געהאַט. נאָר וועגען מלשינות׳ער און פּליאַטקעס וואָס בייזע צינגער פֿון „גוטע שכנים״ האָבען אָנגערעדט, איז געקומען די צרה, ס׳איז מיך באַפאַלען אַ משוגעת זי צו גט׳ן, און איצט אַז דער כעס איז מיר פֿערגאַנגען, בין איך אַהינגעגאַנגען צו אַ מורה־הוראה וועגען צוריק חתונה האָבען מיט איהר, זאָגט ער מיר, אַז מ׳טאָר נישט, ווייל כ׳בין אַ כהן! — אוי, גוואַלד, הייליגער רבי, גיט אַ עצה און העלפט אַרויס אַ אומגליקליכען מענש פֿון אַ גרויסער נויט!״ —

— „כ׳קען דיר ליידער גאָרנישט העלפען — האָט דער רב קאַלטבלוטיג געענטפערט, — דו ביזט אַ כהן, און טאָרסט נישט חתונה האָבען מיט אַ גרושה!״—

— אָבער, הייליגער רבי, האָט דער יוד אויפסניי אָנגעהויבען וויינען און בעטען בקול רם, מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זענט ביכולת מיר צו העלפען, איהר זענט דאָך עפּיס אונזער טאַטע, און פֿאַר אַ יודען זענט איהר אייך ממש מוסר נפש, טאָ בעווייזט מיר אויך אייער גוטסקייט און געפינט עפּיס אַרויס אַ היתר פֿאַר מיר, אַז איך זאָל קענען צוריקנעהמען מיין ווייב, זי זאָל צוריק זיין אַ מאַמע צו איהרע קינדערלעך!

— „כ׳האָב נישט קיין עצה פֿאַר דיר, — האָט דער רב ווייטער איהם געענטפערט, — מ׳טאָר נישט און מ׳קען נישט איבערמאַכען און משנה זיין, וואָס ס׳שטעהט בפירוש געשריבען אין דער תורה!—

דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך דער יוד אַנידערגעוואָרפען אַזוי גרויס, ווי ר׳איז געווען אויף דער פּאָדלאָגע און גענומען בעטען רחמים און שרייען, אַז דער רב זאָל איהם העלפען, ער האָט גאָרנישט געקענט משיג זיין און פֿערשטעהן מיט זיין פּויערישען שכל, אַז דער רב איז נישט אימשטאַנד איהם צו העלפען.

ר׳ אליהו חיים מייזעל דערזעהענדיג מיט וועמען ער האָט

צו טון, און אַז מיט גוטען וועט ער מיט אַזאַ מנוּשם׳דיגען יוּד, וואָס לויט זיין השגה קען דער רב פּסק׳ענען אַ שאלה אַזוי ווי ער וויל, ניט פערטיג ווערען, האָט ער דעריבער מיט אַ שטרענגען בליק און מיט אַ כח אַ געשריי געטהון: שטעה אויף, שייגעץ, און געה אַרויס פון מיין שטוּב! —

דער יוּד האָט געפאָלגט, זיך אויפגעהויבען, ווי ס׳ווייזט אויס האָט ער זיך פון רב׳ס ווערטער, וואָס זענען גערעדט געוואָרען מיט אַ שטרענגען קול און מיט אַן׳אַנדערן טאָן, ניט ווי זיין טבע איז געווען, אַ ביסעל אויסגעניכטערט, ער האָט נאָך אפילו פּרוּבירט בעטען שטילערהייט דעם רב צום לעצטען מאָל, אַז ר׳זאָל איהם העלפען, נאָר הערענדיג פון רב׳ס מויל, אַז ס׳איז אַלעס בחנם, האָט ער אַ זאָג געטהון:

— „ווייסט איהר וואָס, הייליגער רבי, כ׳בין בעריים צו נעהמען אויף זיך די גרעסטע שטראָף, באַדאי ניט צו דוכ׳נען אַ גאַנצען פעליגען יאָהר, אבי צוריק חתונה צו האָבען מיט מיין ווייב! — —

דער רב האָט איהם שוין דערויף גאָרניט מעהר געענטפערט קיין איינציגעס וואָרט. די נאאיווע רייד, און דער עונש וואָס דער פּראָסטער יוּד האָט געוואָלט נעהמען אויף זיך, האָבען דערוועקט אַ געלעכטער ביי די מענשען, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין שטוּב. דער רב אָבער איז אַריין אין דעם דערבייאיגען צימער. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער, פערטראַכטענדיג אין זיינע רעיונות האָט ער אַרויסגעקוּקט אין גאַס. ער איז ערשט דאַן צוריק אַריין אין בית-דין-שטוּב, ווען דער יוּד איז פון דאָרט שוין אַרויס...

דער שמש האָט שפּעטער דערצעהלט, אַז ר׳האָט בעמערקט ווי דער רב האָט זיך געווישט די אויגען... ער האָט נעביך, דאָס מאָל ניט געקענט אַרויסהעלפען אַ יוּד אין זיין נויט. —

---

## אָנגעלערנט א קמץ.

אין אַ קליין שטעדטעל נעבען לאָדז האָט געוואוינט אַ רייכער יוּד אָבער דערביי אַ שרעקליכער קמצן. דאָס איז געווען פון דעם טיפּ ליכוויאַזשעס, וועלכע האָבען ניט געפעהלט אין די קליינע שטעדטלעך, דער וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען צו אַזאַ מין פערשוין דעם האָט קיין צרות ניט געפעהלט. אַ חוץ

דעם וואָס ער האָט גענומען גאַנץ גראָבע פּראָצענטער, האָט מען נאָך ביי איהם געמוזט פּערזעצען פערשידענע ווערט-זאַכען, וועלכע זענען דרייפאַך איבערגעשטיגען די געבאָרגטע סומע. קיין צרות ביי יודען האָט אָבער קיינמאָל נישט געפעהלט, שטענדיג האָבען זיך געפונען אַ זעלכע, וואָס האָבען געמוזט אָנקומען צו דעם „בעל-טובה“ נאָך אַ הלואה, פּערזעצען ביי איהם דאָס לעצטע ביסעל ציהרונג און זיך ערלויבען אָפּצושינדען די הויט. אַזוי אַרום האָט זיך ביי דעם קמצן אָנגעזאַמעלט אַ גאַנצער לאַגער פון פערשידענע ציהרונג, ווייל נישט יעדער איז אומשטאַנד געוועזן אויסצוקויפען זיינע משכנות צו דער בעשטימטער צייט און דעמאָלס האָט דער „לאָמבאַרדניק“ שוין צוגעשטעלט אַזאַ רעכנונג, אַז די פּראָצענטער האָבען איבערגעשטיגען דעם ווערט פון די פערזעצטע זאַכען.

דער גביר האָט געהאַט אַ זוהן זעהר אַנ'אָרענטליכען יונגענמאַן, וועלכער האָט געשטרעבט זיך לערנען און וויסען, דער פאָטער האָט אָבער פּאַראַליזירט אַלע בעמיהונגען און פּלענער פון זוהן, נישט וועלענדיג איהם געבען אויף אויסצוהאַלטען זיך. דער זוהן האָט נישט געהאַט קיין עצה און האָט ווי ווייט מעגליך זיך אַליין געלערנט און ערצויגען, אויסקוקענדיג דעם מאָמענט ווען ער וועט שוין ווערען זעלבסשטענדיג. ווען דער זוהן איז אַלט געוואָרען 22 יאָהר האָט דער פאָטער איהם געלאָזט רעדען אַ שידוך, כדי צו נעהמען אַ נדן און פּטור צו ווערען פון אַ בחנם-דינגען פרעסער. דער זוהן, אין אַ קליין שטעדטעל האָט נישט געהאַט געהאַט מוט זיך אַקעגענצושטעלען דעם ווילען פון פאָטער. ס'איז אויסגעקליבען געוואָרען אַ שידוך און ס'איז בעשטימט געוואָרען דער טאָג פון דער חתונה.

מ'קען זיך פאָרשטעלען, אַז דער פאָטער האָט געוואָלט אָפּפּערטיגען מיט גאָרנישט, אַבי איהם אַרויסצושטופּען פון שטוב. דעם קמצן איז אפילו אַ שאָד געוועזן צו קויפען פאַר'ן זוהן אַ קידושין פינגעריל און האָט איהם געגעבען איינס פון די פינגערלעך, וועלכע זענען ביי איהם געלעגען אַלס משכון, און וועלכע דער בעל-חוב האָט נישט אויסגעלייזט.

דער זוהן האָט נישט געוואוסט פון וואַנען דאָס פינגעריל שטאַמט, די חתונה איז פאָרגעקומען און דער יונגערמאַן האָט מקדש געוועזן זיין כלה מיט דעם רייפעל, וועלכעס ער האָט בעקומען פון זיין פאָטער.

ס'איז אַוועק אַ לענגערע צייט, דער יונגערמאַן האָט זעהר גוט געלעבּט מיט זיין פרוי, ס'איז איהם גוט בּעגאַנגען און איז געוואָרען איינגאַנצען אוּנאָפּהענגיג פון זיין פאָטער.

מאַכט זיך אַ מעשה. דער וועלכער האָט געהאַט פער'משכון'ט ביי דעם ליכוויאַזש זיין ציהרונג און וועמענס פינגעריל דער לעצטער האָט געגעבּען זיין זוהן מקדש צו זיין זיין כלה, האָט בּעקומען אַ ביסעל געלד פון אַמעריקאַ און איז דערמיט אַוועק צו דעם לאָמבּאַרדניק אָפּנעהמען די זאַכען. דער קמצן האָט אַרויסגעשלעפּט פון קאַסטען אַלע זאַכען, אָבּער ביים דורכקאָנטראָלירען זיי האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס'פעהלט אַ קידושין-פינגעריל. דער לאָמבּאַרדניק האָט גע'טענה'ט, אַז דאָס פינגעריל איז פערלוירען געגאַנגען, צום סוף האָט ער שוין אפילו געוואָלט בּעצאָהלען דערפאַר, אָבּער דער בּאַרגער האָט גע'טענה'ט, אַז ער וויל גאָרנישט וויסען, וויל פאַר קיין שום געלד אין דער וועלט וויל ער נישט פערקויפען זיין פרוי'ס קידושין-פינגעריל.

ביי דעם, וועלכער האָט פער'משכון'ט איז געפאַלען דער חשד, אַז דער קמצן האָט אַוועקגעגעבּען זיין זוהן דאָס פינגעריל מקדש צו זיין, זיין פרוי, מיט וועלכע ער האָט נישט לאַנג צוריק חתונה געהאַט. דער יוד האָט נישט לאַנג געטראַכט און איז אַוועק צום רב פון שטעדטעל און איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. דער רב האָט געלאָזט שיקען נאָך דעם זוהן פון ליכוויאַזש און האָט איהם געבּעטען מיטצוּבּרענגען דאָס קידושין פינגעריל פון זיין פרוי, דער יונגערמאַן האָט נישט געוואוסט פון קיין שום זאַך און איז גלייך געקומען, ס'האָט זיך טאַקי אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס פינגעריל איז דאָס זעלבּע, וועגען וועלכען ס'האָט זיך גערעדט, דער רב האָט דעמאָלס גע'פּסק'נט, אַז דער יונגערמאַן מוז נאָכאַמאָל געבּען קידושין זיין פרוי. וויל מ'טאָר נישט מקדש זיין מיט נישט קיין אייגענער זאַך. דאָס איז געוועזען זעהר אַ האַרבּער פּסק, דער יונגערמאַן האָט שוין געהאַט מיט זיין פרוי אַ קינד און איצט פראַווען נאָכאַמאָל אַ חתונה איז געוועזען נישט קיין אַנגענעהמער ענין. דער יונגערמאַן האָט געוואָלט פערמיידען דעם דאָזיגען ענין און איז אַוועק צום לאָדזער רב פרעגען אַן'עצה, ווייל דער ענין איז געווען זעהר אַ שווערער, מ'טאָר ווירקליך נישט מקדש זיין מיט אַ פרעמד רינגעל.

דער לאָדזער רב האָט געשיקט נאָך דעם „לאָמבּאַרדניק" און איהם ערקלערט, אַז דאָס פינגעריל וואָס פעהלט איהם אָפּצו-

געבען דעם, ווער ס׳האָט עס ביי איהם פערזעצט קאָסט 500 רובל און ער מוז עס בעצאָהלען אויב נישט וועט ער שלעכטער אָפּשניידען. דער קמצן איז שיער נישט משוגע געוואָרען פאַר שרעק. אַ קלייניגקייט פינפהונדערט רובל, און פאַרוואָס, ווייל ער האָט זיך געוואָלט איינברענגען אַ פינגעריל. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, ער האָט געוויינט און בעצאָהלט. דער בעזיצער פון פינגעריל האָט בעקומען 200 רובל און האָט ערקלערט, אַז דאָס פינגעריל איז נישט מעהר ווערט. און די איבעריגע 300 רובל זענען פערברויכט געוואָרען אויף צדקה־צוועקען.

---

## ר׳ אליהו חיים און דאָקטאָר ט.

אין די 90־טער יאָהרען ווען אין לאָדז זענען נאָך נישט געוועזען קיין פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, אָדער זיי האָבען זיך ערשט געהאַלטען אין גרינדען, איז די גאַנצע לאַסט פון דער פילאַנטראָפּישער, געזעלשאַפטליכער און הילפסטעטיגקייט געפאַלען אויף די פּלייצעס פון לאָדזער רב, ר׳ אליהו חיים האָט זיך דאָך נישט אָפּגעזאָגט פון קיין שום אַרבייט, אויב זי האָט נאָר געקענט ברענגען נוצען דער אָרימער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז.

אַ מוסטערהאַפטע אָרגאַניזאַציע האָט דער לאָדזער רב געהאָט איינגעפיהרט ביים ערטיילען מעדיצינישע הילף די אָרימע מענשען, וועלכע האָבען נישט געהאַט פאַר קיין דאָקטאָר צו בעצאָהלען און פאַר קיין מעדיצין אויסצוקויפען, דער רב האָט געהאַט אַזאַ מין אָפּמאַך מיט כמעט אַלע לאָדזער דאָקטוירים, אַז אויב זיי וועלען בעקומען אַ צעטעל פון לאָדזער רב וועלען זיי ערטיילען אומזיסטע מעדיצינישע הילף. דעמזעלבען אָפּמאַך האָט דער לאָדזער רב געהאַט מיט עטליכע היגע יודישע אַפּטייקען.

אין דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע האָבען דעם לאָדזער רב געהאָלפען דער פערשטאָרבענער לאָדזער דאָקטאָר־דעפּוטאַט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע באָמאַש און דער קריסטליכער דאָקטאָר יאנשער. קיין שום דאָקטאָר האָט זיך פון די דאָזיגע בחנם׳דיגע וויזיטען נישט אָפּגעזאָגט.

איז אָבער געווען אַ היגער יודישער דאָקטאָר אַ געוויסער ט., וועלכער האָט בשום אופן נישט געוואַלט אַננעהמען אַדער

געהען צו אַ קראַנקען לויט אַ צעטעל פון רב. דערביי האָט ער נאָך די קראַנקע און גלייכצייטיג דעם רב שטאַרק בעליידיגט.

די אומגליקליך-קראַנקע זענען צוריקגעקומען צום רב און איהם דערצעהלט וועגען דער האַנדלונג פון דאָקטאָר ט. דער רב האָט אָבער אַ לאַנגע צייט, נישט קוקענדיג וואָס ט האָט נישט געוואָלט אָננעהמען קיין קראַנקע, איהם ווייטער געשיקט צעטלען, ביז ר׳ אליהו חיים האָט אַמאָל בעקומען אַ קאַטעגאָרישען בריף פון ד״ר ט. אַז מען זאָל איהם מעהר נישט שיקען קיין קראַנקע, ווייל ער וועט זיי פשוט אַרויסוואַרפען.

דער רב האָט דעמאָלט אַדורכגערעדט מיט דאָקטאָר יאַנשער, אַז ער זאָל ווירקען אויף ד״ר ט. דאָס ער זאָל ענדערען זיין בעציהונג צו דעם דאָזיגען ענין. דעם רב איז געגאַנגען דערין וואָס ט. האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטען דאָקטאָר און די קראַנקע האָבען זיך צו איהם פשוט געריסען. אָבער אויך די אינטערווענץ פון ד״ר יאנשער האָט נישט געהאַט קיין ערפאָלג. דער יודישער דאָקטאָר ט. האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָננעהמען קיין אָרימע קראַנקע אָהן געלד.

ס׳איז געוועזען פערפאַלען, דער רב האָט געמוזט קאַפּיטולירען, אָבער נישט אויף לאַנג. אין אַ קורצע צייט האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט, אַז ד״ר ט. זאָל אַליין קומען צום רב און זיך בעטען אָנצונעהמען אָרימע קראַנקע:

אין אַ קורצע צייט שפּעטער איז קראַנק געוואָרען אַ טאָכטער פון ד״ר ט. פערשטעהט זיך, אַז די ערשטע צייטען האָט ד״ר ט. זיין טאָכטער אַליין געהיילט, אָבער איהר איז וואָס אַמאָל ערגער געוואָרען און ד״ר ט. האָט געפונען פאַר נויטיג צוזאַמענצורופען אַ קאָנסיליום. דער ערשטער, וואָס איז איהם געקומען אויף די געדאַנקען צוצונוצען צום קאָנסיליום איז געוועזען דאָקטאָר יאנשער, ווייל דער לעצטער איז געוועזען דער בעריהמטסטער און בעסטער דאָקטאָר אין לאָדז.

ד״ר ט. האָט געשיקט צו יאנשער׳ן אַ צעטעלע און איהם געבעטען אויף אַ געוויסער שעה צו קומען צו אַ קאָנסיליום צו זיין שווער-קראַנקער טאָכטער.

ד״ר יאנשער, יועלכער איז אויך געוועזען שטאַרק בעליידיגט פון ד״ר ט. צוליב דעם, וואָס זיין אַמאָליגע אינטערווענץ

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0095-0188 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

בײ אידם האָט קיין ערטאָלג נישט געהאַט האָט צוריקגעשיקט דעם
ד״ר ס. אַ בריוועל בזה הלשון:

— איך זאָג מיך חלילה נישט אָפּ צו געבען הילף אייער
טאָכטער, איך פערזיכער אייך, אַז איך וועל טון אַלץ וואָס איז
אין מיינע מעגליכקייטען איהר צו העלפען און צו לינדערן איהרע
לײדען. צום בעדויערן מוז איך אייך אָבער מודיע זיין, אַז איך
קען נישט פריהער קומען ביז איהר וועט מיר נישט שיקען אַ צע-
טעל פון לאָדזער רב, אַז איך קען אַהינגעהן, ווייל איך בין אַ
גאַנצען טאָג היינט בעשעפטיגט מיט זיינע צעטלען.

ד״ר ט.׳ן איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען, דערהאַל-
טענדיג דאָס בריוועל. ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה גע-
בען. ער האָט ערשט איצט פערשטאַנען, וואָס ער האָט געטון
אַרויסטרייבענדיג פון זיין הויז אָרימע קראַנקע און האָט באַלד
בעשלאָסען אוועקצוגעהן צום רב און ביי איהם בעטען ענט-
שולדיגונג.

דער רב איז שוין געווען אינפאָרמירט וועגען וואָס עס
האַנדעלט זיך און דעריבער האָט איהם נישט איבערראַשט דער
בעזוך פון ד״ר ט.

ד״ר ט. האָט קיין איינציג וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדען
נאָר איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ פאַר׳ן רב.

דער רב האָט אויך קיין איבריגע רייד נישט גערעדט, נאָר
האָט גלייך אַהינגעשיקט דעם שמש צו דאָקטאָר יאנשער, אז דער
רב בעט איהם, דאָס ער זאָל זיין אין דער בעשטימטער שעה ביי
ד״ר ט. און צו דעם אָנוועזענדען ד״ר האָט דער רב געזאָגט:

— מיר פאַלט גאָר נישט איין פון אייך נקמה צו נעהמען,
דעמאָלט ווען איהר זענט אין אַ צרה. אָבער זייט וויסען, אַז אין
דער וועלט ווערט גאָרנישט פערלוירען. די נאַטור אַליין נעהמט
נקמה פאַר יעדער עולה וואָס ווערט בעגאַנגען. איך ווינש אייך
אַ גוטע בעסערונג פאַר אייער טאָכטער.

די טאָכטער פון ד״ר ט. איז טאַקי געזונד געוואָרען און
ד״ר ט. האָט שוין מעהר נישט געטריבען פון זיין הויז קיין אָרי-
מע קראַנקע מיט צעטלען פון רב. להיפוך, ער האָט זיי זעהר
גוט בעהאַנדעלט און געגעבען מאַטעריעלע שטיצע.

נאָך דער דאָזיגער געשיכטע מיט דר. ט. האָט דער רב זיך
איבערצייגט. אַז די מעדיצינישע הילף פאַר דער יודישער בע-

פעלקערונג דאָרך איינגעאָרדענט ווערען אויף אַ געזעלשאַפטליכען אופן, כדי נישט צו זיין אָנגעוויזען אויף קיין איינציגען פערזאָן, דער רב האָט זיך טאַקי באַלד גענומען מיט זיין גאַנצער ענערגיע צו דער דאָזיגער אַרבייט. ער האָט צוגעקליבען צו זיך עטליכע ענערגישע כלל-טוער, און מיט זיי געגרינדעט דעם ערשטען הילפס-פעראיין אונטערן נאָמען „לינת-הצדק״. נאָכדעם זענען געגרינדעט געוואָרען דער „לינת-החולים״ און נאָך אַ גאַנצע רייה אַנדערע הילפס-אינסטיטוציעס. דער רב האָט זיך ספּעציעל נישט אנגאזשירט און קיין איינע פון די אַלע אינסטיטוציעס, נאָר איז געשטאַנען איבער זיי אלע און מיט זיין אויטאָריטעט און ענערגישע האַנד מיט זיי אַלע אָנגעפיהרט. און טאַקי איז אין דער דעמאָלסדיגער צייט די אומזיסטע מעדיצינישע הילף פאַר דער אָרימער יודישער בעפעלקערונג געווען אָרגאַנידירט ווי אַמבעסטען.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אַ טייל דאָקטוירים אין לאָדז האָבען אָנגעהויבען צו מורמלען צוליב דעם, וואָס ס׳ווערען אין לאָדז אָרגאַניזירט, וואָס אַמאָל מעהר מעדיצינישע הילפס-אינסטיטוציעס און אַזוי אַרום פערקלענערט זיך זייער פּראַקטיק. זיי האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען אַן אַגיטאַציע צווישען זייערע קאָלעגען-דאָקטוירים, אַז זיי זאָלען נישט אָננעהמען קיין פּאָסטענס אין די דערמאָהנטע אינסטיטוציעס, דראָהענדיג מיט אַ קאָלעגיאַלען בּאָיקאָט א. א. וו.

די דאָזיגע אַגיטאַציע וואָלט געקאָנט זעהר פיל שאָדען ברענגען דער עצם-זאַך, און מ׳האָט זי געמוזט פּאַראַליזירען. קיין בעסערע דאָקטוירים האָבען נישט געוואָלט אָננעהמען קיין פּאָסטענס אין די הילפס-אינסטיטוציעס און די דאָזיגע אַנשטאַלטען האָבען זיך געמוזט בעגנוגענען מיט ווייניגער-אַנערקענטע דאָקטוירים. דער רב האָט אָבער בעשלאָסען איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו מאַכען אַ סוף צו דער דאָזיגער געשיכטע ווען אפילו עס זאָל קומען צו אַ געזעלשאַפטליכען סקאַנדאַל. ס׳פערשטעהט זיך דאָך, אז די אגיטאַציע פון די דאָקטוירים איז געגאַנגען בשתיקה, אין דער עפענטליכקייט איז זי נישט געקומען.

דער רב האָט גערופען צו זיך איינעם פון די אנגעזעהענסטע דאָקטוירים, וועלכע האָבען אָנגעפיהרט די קאַמפּאַניע געגען די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, כדי זיך מיט איהם גענוי אַדורכצושמועסען. דער דאָקטאָר איז אָבער נישט געקומען, הפנים ער

האָט זיך אָנגעשטויסען ווענען וואָס עס האַנדעלט זיך. דער רב האָט אָבער זיך נישט איבערגעשראָקען פון דעם און האָט נאָך אַמאָל געשריבען אַ בריף צו דעם דערמאָהנטען דאָקטאָר אָבער שוין מיט דער דראָהונג, אַז דער גאַנצער ענין וועט אין די נאָהענטסטע טעג מפורסם ווערען.

דער רב איז נישט געווען פון די יודען, וועלכער זאָל נישט אַדורכפיהרען צפיס אַנ׳ענין, וואָס ער האָט אונטערגענומען.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַר דער דאָזיגער דראָהונג שוין דערשראָקען און געקומען צום רב דער שמועס האָט זיך געפיהרט זעהר אַ לאַנגע צייט. דער דאָקטאָר האָט אָנגעוויזען, אַז דייט עס זענען ענטשטאַנען די פילאַנטראָפישע אינסטיטוציעס, וועלכע פאַר-נעהמען זיך מיט ערטיילען מעדיצינישע הילף איז די פראַקטיק פון די לאָדזער דאָקטוירים דערגאַנגען ביז אַ מינימום. דער דאָקטאָר האָט אָנגעוויזען, אַז אפילו די רייכערע יודען בענוצען זיך אויך מיט דער מעדיצינישער הילף און מיט דער אונטערשטיצונג.

דער רב האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די „גערעכטע" טענות פון דאָקטאָר און דערנאָך צו איהם געזאָגט:

— ה׳ דאָקטאָר! ווייסט איהר פאַרוואָס, כדי זיך צו לערנען מעדיצין, מוז מען האָבען אַ געוויסען בילדונגס-צענז. ווייסט איהר פאַרוואָס אַזאַ צענז דאַרף נישט האָבען קיין טישלער, שוסטער אָדער אַנדערע בעלי-מלאכות? ווייל סוף-כל-סוף איז דאָך דער דאָקטאָר פאַקטיש אַזאַ בעל-מלאכה ווי אַנ׳אנדערער. יעדער מוז קענען זיין פאַך ווי אַמבעסטען. פונדעסטוועגען זענען די דאָזיגע מלאכות נישט גלייך, ווייל אַ בעל-מלאכה אָפערירט מיט טויטע זאַכען און די דאָקטוירים מיט לעבעדיגע נפשות. אַ דאָקטאָר איז נישט קיין מענש פאַר זיך, נאָר פאַר דער געזעלשאַפט. ער דאַרף און מוז זיין אַ קנעכט פון מענשליכע ליידען און יסורים, פון מענשליכע לעבענס.

איך בעפעהל אייך, האָט דער רב ווייטער געזאָגט, תיכף אָפצושטעלען די קאָמפּאַניע געגען די דאָזיגע אינסטיטוציעס.

דער דאָקטאָר האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט געפרובט כאָטש פועל׳ן ביים רב, אַז ס׳זאָל בעשטימט ווערען אַ געוויסער פרייז-קורזאַנט פאַר די דאָקטוירים, וואָס אַרבייטען אין די אינסטיטוציעס. עס זאָל איינגעשטעלט ווערען אַ קאָנ-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0097-0191 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

טראָל, אַז קיין רייכערע מענשען זאָלען זיך נישט קענען בענו-
צען מיט די אינסטיטוציעס.

דער רב האָט אָבער ערקלעהרט, אַז ער וויל נישט הערען
פֿון קיין שום בעדינגונגען, ביז די אַגיטאַציע וועט נישט אויפהערען.

מ׳איז איבעריג צוצוגעבען, אַז פֿון דעם טאָג אָן האָבען
אויפגעהערט די העצעס געגען די אינסטיטוציעס און די בעציהונג
פֿון די דאָקטוירים צו זיי זענען געוואָרען לייטישע.

---

## דער „נקמה - נעהמער“.

אין לאָדז האָט געוואוינט אַ גאַלאַנטעריע-סוחר נ. ער האָט
געהאָט אַ גרויס געשעפט און מ׳האָט איהם געהאַלטען פֿאַר אַ
גרויסען גביר. ער איז אָבער געווען זעהר אַ שטרענגער און
האַרטער מענש, צו זיינע אָנגעשטעלטע און אפילו צו זיין הויז-
געזונד.

אָבער ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „ווער ס׳האָט די מאה, האָט
די דעה“, איז נ. טאַקי געווען אַן אָנגעזעהענער בעל-הבית און
מ׳האָט איהם אָפּגעגעבען כבוד אַלס גביר.

איינמאָל בעקומט ה׳ נ. אַן אויפפאָדערונג פֿון דער באַנק
צו צאָהלען אַ וועקסעל. אַ לאָדזער סוחר האָט קיינמאָל נישט גע-
פעהלט צו צאָהלען קיין וועקסעל און ה׳ נ. האָט גאָרנישט חושד
געווען און געשיקט צאָהלען דעם וועקסעל, ווען דער אָנגע-
שטעלטער איז אַהיימגעקומען מיט דעם וועקסעל האָט ה׳ נ. זיך
נעכאַפּט, אַז דאָס איז נישט זיין וועקסעל און, אַז די אונטער-
שריפט איז געפעלשט. נ. האָט נאָכגעקוקט אין די ביכער און
ס׳האָט זיך ווירקליך אַרויסגעשטעלט, אַז אַזאַ וועקסעל פיגורירט
לגמרי נישט אין די ביכער. נ. האָט שוין פערשטאַנען, אַז עמיץ
פעלשט זיינע וועקסלען און האָט נאָכגעטראַכט, וואָס ער האָט צו
טון. און ווען אויף מאָרגע האָט נ. ווידער בעקומען אַן אויפפאָ-
דערונג צו צאַהלען אַ וועקסעל, וועלכער איז נישט געווען פער-
שריבען אין די ביכער, האָט נ. איבערגעגעבען דעם גאַנצען ענין
אין אויספאָרשונגס-אַמט.

בינו לבינו זענען אָנגעקומען, וואָס אַמאָל נייע געפעלשטע
וועקסלען. זייער סומע האָט שוין דערגרייכט אין די טויזענדער
רובעלס. דער אויספאָרשונגס-אַמט, פאָרשענדיג לויט די זשיראָס
אויף די וועקסלען איז נאָר דערגאַנגען, אַז צו וואַרשעווער גאַ-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

לאַנטעריע־סוחרים איז געקומען אַ יונגערמאַן, זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס דער רייכער לאָדזער גאַלאַנטעריע־סוחר נ. געקויפֿט סחורה און אויסגעשטעלט וועקסלען. אַלע בעמיהונגען אויפֿצוזוכען דעם שולדיגען האָט זיך נישט איינגעגעבען. נ. האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט אויפֿטון, ביז ס׳איז איהם איינגעפֿאַלען אַ געדאַנק, זיך צו ווענדען צום לאָדזער רב נאָך אַ־עצה. אַזוי האָט ער אויך געטון.

געקומען צום רב און דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע האט דער רב געצויגען מיט דער פּלייצע.

— וואָס קען איך וויסען, האָט דער רב געזאָגט, אויב די פּאָליציי קען דעם פֿעלשער נישט אָפּזוכען, ווי אַזוי וועל איך דאָס קענען טון?

פּלוצלינג האָט זיך אָבער דער רב אָפּגעשטעלט, זיך אַ ביסעל פֿערטראַכט און געזאָגט:

— געהט אַהין אויף דער און דער גאַס, אין דעם און דעם נומער אין לאָדז און זעהט אָבער דאָרט וואוינט נישט דער פֿעלשער פֿון די וועקסלען?

— נ. איז געוואָרען איבעראַשט. וואָס זאָל דאָס בעדייטען? פֿון וואַנען פֿאַלט עפּיס דעראויף דער רב אָנצוגעבען אַן־אַדרעס.

— און ווי הייסט ער? האָט נ. געפֿרעגט. ווי אַזוי זאָל איך איהם געפֿינען?

— זאָל מיט אייך מיטגעהן איינער פֿון די וואַרשעווער סוחרים, ביי וועלכע דער פֿעלשער האָט גענומען סחורה און זאָל ער איהם פּרובען צו דערקענען. איך זאָג אייך נישט געבוי, אַז דאָרט וועט איהר דעם פֿעלשער געפֿינען, אָבער אַלס איז מעגליך. אויף איין זאַך וויל איך אייך אָבער אויפֿמערקזאַם מאַכען, אַז אויב איהר וועט דאָרט ווירקליך געפֿינען דעם שולדיגען זאָלט איהר נישט אָנגעהמען קיין שום שריט געגען דעמזעלבען פּערזאָן, נאָר זאָלט וועגען דעם מיר מיטטיילען.

נ. איז אַוועק־געפֿאָהרען קיין וואַרשאַ, מיט זיך מיטגענומען קיין לאָדז איינעם פֿון די וואַרשעווער גאַלאַנטעריע־סוחרים, וואָס האָבען געהאַט זיינע געפֿעלשטע וועקסלען און ביידע זענען אַוועק אויפֿ׳ן אַדרעס, וועלכען עס האָט אָנגעוויזען דער רב.

ביידע לייט זענען געקומען אהין, אנגעהויבען נאָכזוכען און נאָכפֿאָרשען, אָבער גאָרנישט געפֿונען. דאָס איינציגע, וואָס נ. האָט זיך דערוואוסט איז געווען דאָס, אַז אין דעמזעלבען

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0098-0193 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

וואוינט זיינס אַ געוועזענער אָנגעשטעלטער. נ. איז אַרויף צו יענעם אין וואוינונג, טראַכטענדיג אפשר וועט ער זיך דאָרט עפּיס דערוויסען. ווי ערשטוינט איז נ. אָבער געווען, ווען אַריינקומענדיג אין דער וואוינונג האָט דער וואַרשאָווער סוחר איהם איינגערוימט אין אויער, אַז דאָס איז דער בעל-דבר, וואָס האָט געקויפט אויף זיין נאָמען די סחורה אין וואַרשאָ.

נ. האָט געדענקט דעם בעפעהל פון רב האָט גאָרנישט געענטפערט, איז אַוועק צום רב און דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. דער רב האָט געשיקט נאָך דעם אָנגעשטעלטען און מ׳ווייסט נישט, וואָס ער האָט געמאַכט מיט איהם. איינס איז בעוואוסט, אַז דער אָנגעשטעלטער האָט בעצאָהלט די פולע סומע וויפיל ס׳האָבען בעטראָפען די געפעלשטע ווערקסלען. די שאלה איז אָבער געווען, פון וואַנען האָט דער רב געוואוסט, ווער ס׳איז דאָס דער מחבר פון די געפעלשטע וועקסלען. אויף פיל אָנפראַגעס וועגען דעם דאָזיגען ענין האָט דער רב געזאַגט:

מיט עטליכע וואָכען צוריק איז ביי מיר געווען דער זעלבער יונגערמאַן און זיך פאַר מיר בעקלאָגט, אַז זיין שעף, דער גאַלאַנטעריע-סוחר נ. בעהאַנדעלט איהם זעהר שלעכט. ער האָט זיך אפילו ערלויבט איהם צו שלאָגען און פאַר גאָרנישט געקינדיגט פון פּאָסטען. ער האָט ביי מיר געבעטען אַן עצה, אָבער איך האָב איהם געענטפערט, אַז אין דער היניזיכט קען איך איהם גאָרנישט העלפען. דער יונגערמאַן איז דאַמאָלס אויף מיר שטאַרק אין כעס געוואָרען און ערקלעהרט, אַז אויב איך קען איהם גאָרנישט העלפען, וועט ער זיך אליין אַן עצה געבען און וועט אויף אַן אַנדער אופן נקמה נעהמען אן זיין שעף ה׳ נ.

— ווען איך האָב דערהערט פון דעמזעלבען נ. די געשיכטע מיט די געפעלשטע וועקסלען האָב איך מיך דערמאָהנט אָן דער געשיכטע מיט זיין אָנגעשטעלטען און האָב מיר געטראַכט: אפשר איז דאָס דערזעלבער, ס׳האָט זיך טאַקי אַרויסגעשטעלט, אַז ס׳איז אַזוי געווען, ווי איך האָב פאָראויסגעזעהען.

וואָס שייך דעם „נקמה-נעהמער" איז ער אין אַ קורצער צייט אַרום אָפּגעפאָהרען קיין אמעריקא.

# אַ מעשה מיט אַ „פלאָט".

פאַר דער מלחמה איז אויסער דער מלוכה-לאָטעריע געווען אויך לאָטעריען, אַזוי-גערופענע: גערער, אַלעקסאַנדרער, לובלינער, פילצער און אַנדערע. אין שפּילען אויף די דאָזיגע אַלע לאָטעריעס איז געווען אַגאַנזשירט אַ זעהר גרויסער צאָהל פון דער בעפעלקערונג. אויסער דער מלוכה-לאָטעריע זענען די איבעריגע געווען ספּעציפיש יודישע. ס'איז נאָך געווען איינגעפיהרט צו פערקויפען „פלאָטען", דאָס הייסט זיבען צעטלען פון דעמזעלבען נומער פון 7 פערשידענע לאָטעריען. אויב ס'האָט גליקליכער ווייז געוואונען דערזעלבער נומער האָט דער גליקליכער בעזיצער געוואונען פיל-פאַכיג.

האָט איינער אַ לאָדזער יוד וו. בעקומען אַ „פלאָט" ביי אַ קאָלעקטאָר ס. ער האָט איהם בעצאָהלט דאָס גאַנצע געלד און אָפגעוואַרט אויף די ציהונגס-טעג, אולי ירחם, מ'קען דאָך גאָרנישט וויסען — עמיצער מוז דאָך געווינען, האָט זיך וו. געוויצעלט. ס'זענען אָנגעקומען די ציהונגס-טעג, אין ערשטען טאָג פון דער ציהונג איז צו דעם „פלאָט-בעזיצער" וו. געקומען דער קאָלעקטאָר און איהם ערקלערט, אַז ער האָט שוין געזעהן די טאַבעלע פון דעם היינטיגען ציהונגס-טאָג און אויפ'ן נומער פון וו. איז אַרויס דאָס קרן.

וו. האָט גאָרנישט חושד געווען, האָט אַרויסגענומען דעם „פלאָט", איבערגעגעבען דאָס דעם קאָלעקטאָר און גענומען פון איהם אַ „פלאָט" פון אַן אַנדער נומער. אויף מאָרגענס, ווען וו. האָט אַריינגעקוקט אין דער צייטונג האָט ער מיט גרויס איבעראַשונג און שרעק בעמערקט, אַז זיין „פלאָט", וואָס ער האָט נעכטען אין אָווענד צוריקגעגעבען דעם קאָלעקטאָר האָט נישט געוואונען קיין „קרן", נאָר אַ היפּשע סומע געלד. אינגאַנצען האָט עס אויסגעמאַכט אַ קימן-לן פון 40 טויזענד רובל. וו. איז גלייך אַוועקגעלאָפען צום קאָלעקטאָר מיט איהם אַ געשריי:

— גזלן, רוצח, וואָס האָט איהר געטון, איהר האָט שוין נעכטען געוואוסט, אַז מיין נומער האָט געוואונען אַ גרויסע סומע געלד, זייט איהר געקומען און מיר איחם אויסגענאַרט?

דער קאָלעקטאָר האָט אָבער צו זיך נישט געלאָזט רעדען, ער האָט זיך נאָך נעפונען בעליידיגט פון די פאָרוואורפען פון וו. און געענטפערט:

— איהר האָט די חוצפּה צו זאָגען, אַז אייער נאָמען האָט געוואונען אַ גרויסע סומע געלד. דער נומער אויף וועלכען איהר ווייזט אָן האָט דאָך גאָרנישט געהערט צו אייך. דעם נומער האָט דאָך גאָר מיין שוואָגער. ווי פּאַלט איהר אויס צו קומען צו מיר מיט אַ צלכע אָנפאַלען.

אייער נומער האָט ווירקליך געוואונען דעם קרן און איך האָב אייך געגעבען דערפאַר אַנ'אַנדערען נומער.

ס'איז געווען זעהר שלעכט, וו. הגם ער האָט גוט געדענקט אַז טאַקי זיין נומער און נישט קיין אַנדערער האָט געוואונען דאָס גרויסע געווינס, אָבער וו. האָט דאָס נישט געקענט בעווייזען, דער צעטעל איז איהם אויף אַ נידערטרעכטיגען אופן אויסגענאַרט געוואָרען, אַ חוץ דעם האָט נאָך דער קאָלעקטאָר געברענגט סמנים מיט וואָרטצייכענס, אַזוי אַז ס'איז כמעט אונמעגליך געוועזען איהם עפּיס צו טון דערפאַר.

וו. איז שיער נישט משוגע געוואָרען פאַר עגמת נפש, וואָס האָט ער געהאַט צו טון? צו פּאָליציי האָט נישט געהאַט קיין זין זיך צו ווענדען. עטליכע לאָטעריען זענען געווען נישט-לעגאַל און וו. אַליין האָט זיך נאָך געקענט אַריינבאָדען און נישט קיין אָנגענעהמע אויספאָרשונגען און זוכענישען. וואָס האָבען לאָדזער יודען אין דער דעמאָלסדיגע צייט געטון, ווען זיי האָבען געהאַט עפּיס אַ צרה? געגאַנגען צום לאָדזער רב.

געקומען צום רב, האָט וו. מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט וועגען דעם שרעקליכען שאַנטאַזש, וואָס דער קאָלעקטאָר איז איבער איהם בעגאַנגען, און אַז ער האָט צו איהם קיין שום עצה ניש.

דער רב האָט פֿערשטאַנען, אַז דאָס איז זעהר אַ שווערער ענין, נאָר כדי צו בערוהיגען וו. האָט ער געשיקט נאָכ'ן קאָלעקטאָר, וועלכער איז תיכף געקומען.

דער קאָלעקטאָר האָט ווידער איבער'געחזרט זיינע טענות, אַז דער נומער פון גרויסען געווינס איז גאָר פערקויפט געוואָרען זיין אייגענעם שוואָגער און אַז ער וו. האָט ווירקליך נישט מעהר געווינען ווי דעם „קרן“, וו. ווידער האָט געשוואוירען מיט אַלע שבועות, אַז ער געדענקט גענוי און האָט אַפילו פערשריבען דעם נומער פון זיין „פּלאַס“ און אַז טאַקי דעם נומער האָט געוואונען דעם גרויסען געווינס.

דער רב איז געזעסן, אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים און זיך נישט אָנגערופען מיט קיין איינציג וואָרט;

פלוצלינג האָט דער רב געזאָגט צום קאָלעקטאָר:

— זייט אַזוי גוט און גיט מיר אַ שטיקעל גלייך פּאַפּיר, איך וועל אייך געבען אַ בריוועל אין אַן אָרט, וואו איהר וועט ענטגילטיג ערלעדיגען דעם ענין, כדי ס'זאָלען נישט זיין קיין מחלוקת.

דער קאָלעקטאָר האָט אַרויסגענומען זיין נאָטיק-ביכעל און פון דאָרט געוואָלט אַרויסרייסען אַ שטיקעל פּאַפּיר. דער רב האָט אָבער צוגענומען ביים קאָלעקטאָר דאָס גאַנצע ביכעלע און עס אָנגעהויבען אַדורכצובלעטערן, דאָרט זענען געווען פערשריבען דעם קאָלעקטאָרס קליענטען און די נומערן, וועלכע זיי האָבען גענומען. אויף איינעם פון די בלעטלעך האָט דער רב אויך בעמערקט דעם נאָמען פון וו. און דאָרט איז געווען געשריבען, אַז וו. האָט גענומען אַ „פלאָט" אויפ'ן נומער טאַקי אויף וועלכען ס'איז נעפאַלען דאָס גרויסע געווינס. וו. איז אַזוי־אַרום געווען גערעכט.

דער רב האָט אַריינגערופען דעם קאָלעקטאָר אין אַ צווייטען צימער, איהם געוויזען דאָס ביכעלע און בעפוילען תיכף צו ערלעדיגען דעם ענין.

דער קאָלעקטאָר האָט זיך אויף אַזאַ מפּלה נישט גערעכט, ער האָט געזעהען, אַז ער איז אַריינגעפאַלען און האָט אָפען ערקלערט, דאָס ער פערלאָזט זיך פולשטענדיג אויפ'ן פּסק פון רב.

אויפ'ן דאָזיגען פּסק האָט מען נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטען. דער רב האָט געהייסען צו זיך ברענגען דעם צעטעל. נאָך אַ הסכם פון אַלע, איז אַ געוויסע סומע פונ'ם געלד געגעבען געוואָרען אויף צדקה צוועקען. דער קאָלעקטאָר האָט בעקומען זיינע פּראָצענטער און דאָס איבעריגע האָט בעקומען דער רעכטליכער בעזיצער פון דער „פלאָט" ה' וו.

---

ס'האָט אויסגעבראָכען דער רוסיש-יאַפּאַנישער קריג, די שטימונג ביי דער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד איז אין די ערשטע צייטען פון קריג נישט געווען קיין געדריקטע: די צאַרישע גענעראַלען האָבען אינגאַנצען באַגאַטעליזירט די יאַפּאַנער, זיי האָבען פערשפּרייט ווערטלעך צווישען די סאָלדאַטען און אויך צווישען די מאַסען, אַז די יאַפּאַנער שיסען מיט אַרבעס און אַז

די רוסישע אַרמעע ווערט גאָרנישט דאַרפֿען מלחמה האַלטען מיט די יאַפּאַנטשיקעס, מ'וועט אַהין קומען אויפֿ'ן פֿראָנט און מ'וועט די יאַפּאַנער צודעקען מיט די היטלעך פֿון דער רוסישער אַרמעע. די בעפֿעלקערונג איז אויך נישט געווען אַזוי בעאונרוהיגט, ווייל דער קאַמפּס-פּלאַץ האָט זיך געפֿונען אויפֿ'ן ווייטען מזרח און די בעפֿעלקערונג האָט נישט מיטגעמאַכט אַלע אכזריות'ן און גרויזאַמקייטען פֿון אַ מלחמה. בעת'ן קריג האָט זיך אויך אַביסעל פֿערלייכטערט דער ווירטשאַפֿטליכער קריזיס, וועלכער האָט דעמאָלט געהערשט אין רוסלאַנד.

האָט מען טאַקי איבעראַל געוואַרט ביז די רוסישע גענעראַלען וועלען מיטיילען פֿון פֿראָנט, דאָס זיי האָבען פֿערדעקט די יאַפּאַנער מיט די רוסישע היטלעך, האָבען פֿערנומען זייער לאַנד און רוסלאַנד איז געוואָרען נאָך שטאַרקער און מעכטיגער, אָבער אַנשטאָט דעם האָבען די אָפֿיציעלע בעריכטען פֿון מלחמה-פּלאַץ אָנגעהויבען אָנצוקומען אַלס מעהר פֿערשטעלט און פֿערמאַסקירט. ס'האָט זיך פֿון זיי שוין אַרויסגעפּיהלט, אַז אויפֿ'ן מלחמה-פֿראָנט איז נישט אַלץ אַזוי אין אָרדנונג, ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די יאַפּאַנישע „אַרביס" שיסען און טרעפֿען בעסער ווי די רוסישע האַרמאַטען-קוילען, אַז נישט נאָר די רוסישע היטלעך האָבען נישט געהאָלפֿען, נאָר אפֿילו די רוסישע פֿעסטונגען.

אין די ערשטע צייטען פֿון קריג, ווען אין די רוסישע רעגירונגס-קרייזען איז מען געווען זיכער מיט אַ שנעלען נצחון, זענען נאָר מאָבּיליזירט געוואָרען אַ קלענער טייל רעזערוויסטען. די זעלנער זענען אַרויסגעפֿאָהרען אויפֿ'ן פֿראָנט אין אַ געהויבענער שטימונג, זייענדיג זיכער, אַז אויך זייער גורל ווערט אויספֿאַלען אהיימצוקומען אין אַ קורצער צייט אַלס זיגער. אָבער ווען די מפּלות פֿון דער רוסישער אַרמעע זענען געוואָרען אַלס שווערער, איז די אַרמעע-אָנפֿיהרונג געוועזען געצוואונגען צו מאָבּיליזירען די רעזערוויסטען פֿון כמעט גאַנץ רוסלאַנד. אָבער די דאָזיגע מאָבּיליזאַציע איז שוין פֿאָרגעקומען בּיי גאַנץ אַנדערע אומשטענדען ווי די ערשטע.

די ידיעות און בריף, וועלכע זענען טראָץ דער שווערער צענזור אָנגעקומען פֿון פֿראָנט, האָבען אינגאַנצען געביטען די שטימונג בּיי דער בעפֿעלקערונג. די מפּלות פֿון די רוסען זענען אין די רוסישע צענטראַל-גובערניעס געשילדערט געוואָרען צהנפֿאַך שרעקליכער, ווי זיי זענען געווען אין דער ווירקליכקייט.

די רעזערוויסטען, וועלכע זענען איצט גערופען געוואָרען אין די
פולקען, האָבען זיך דעריבער נישט אַזוי שטאַרק געאיילט און
יעדער האָט זיך אויסבעהאַלטען, ווי נאָר ער האָט געקענט.

דער בעפעהל פון מאָביליזאַציע איז אין דער צייט און ביי
דער שטימונג, וואָס מיר שילדערן איצט, אָנגעקומען אין אַזוי-גערופע-
נעם „פריווּיסלינסקי קראַי״ (געוועזענעם קאָנגרעס-פוילען). דאָ,
איז די לאַגע אויך געווען אַ ביסעל אַנדערש. די בעפעלקערונג,
וועלכע איז בעשטאנען פון פאָליאַקען און יודען זענען, פער-
שטעהט זיך נישט געווען אַזעלכע שטאַרקע רוסישע פאַטריאָטען.
צופיל צרות האָבען די צוויי פעלקער זיך אָנגעליטען ביי דער
צאַרישער הערשאַפט, און דעריבער האָט דער בעפעהל פון מאָ-
ביליזאַציע נישט נאָר נישט אַרויסגערופען קיין ענטוזיאַזם, נאַר
גראָד פערקעהרט, יעדער האָט געפרובט זיך אַרויסצודרעהען פון
איהר, ווי נאָר ער האָט געקענט. די רעזערוויסטען האָבען זיך אַ
לאָז-געטון צו דער גרעניץ, וועלענדיג זיך אַריבערשוואַרצען, אַנ-
דערע האָבען געמאַכט פערשידענע קאָמבינאַציעס, אַנדערע ווי-
דער האָבען זיך גלאַט אויסבעהאַלטען און נאָר אַ גאַנץ קליינער
טייל האָט זיך צוגעשטעלט אין די פולקען.

אין דער רוסישער אַרמעע-לייטונג האָט מען דאָס שטאַרק
געפיהלט און ס'זענען פאַרבערייט געוואָרען שאַרפע געגען-מיטלען.
ס'זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרען געהיימע צירקולאַרען אויף
די גרעניצען צו אַרעסטירען אַלע פאָליאַקען און יודען — מענער
וועלכע פאָהרען אַריבער די גרעניץ, אפילו מיט אויסלענדישע
פעסער, אַ חוץ דעם זענען מיטאַמאָל אַדורכגעפיהרט געוואָרען
אומעטום שטאַרקע אָבלאַוועס, וועלכע האָבען פערשטעהט זיך גע-
געבען רעזולטאַטען, עס זענען פערהאַלטען געוואָרען מאַסען דע-
זערטירען, וועלכע האָבען ערוואַרט זעהר האַרבע שטראָפען. ביי
דער מאַכט איז בעשלאָסען געוואָרען די ערשטע דעזערטירען צו
בעשטראָפען מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון געזעץ, כדי אָפ-
צושרעקען אַנדערע, און ווירקליך האָט מען שוין געהערט וועגען
די ערשטע טויט-אורטיילען אויף דעזערטירען.

די דאָזיגע ידיעה האָט אַרויסגערופען אַ שרעקליכען פאַניק
צווישען די טויזענדער פאַמיליעס, וועמענס משפחה - מיטגלידער
עס זענען געזעסען אַרעסטירט אַלס בעשולדיגטע אין דעזערציע.

די יודען אין קאָנגרעס פוילען האָבען זיך נאָך געקענט
אויסקויפען מיט געלד, וועלכעס ס'האָבען נישט פיינד געהאַט די

רוסען, אפילו גענעראַלען, פּראָקוראָרען און ריכטער. וואָס האָבען אָבער געזאָלט טון די אָרימערע?

זייער גאַנצע האָפנונג איז געוועזען דער לאָדוער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל. און די וואוינונג פון רב איז טאַקי פול געווען מיט מענשען, געוויינען און יללות, יעדער האָט געפאָדערט, יעדער האָט פערלאַנגט, געבעטען, אַז דער רב זאָל עפּעס טון פאַר זייערע אַרעסטירטע פאַמיליע-מיטגלידער. ס׳האָבען זיך אָפּגעשפּילט האַרצרייסענדע סצענעס. די אַלע אַרעסטירטע זענען נישט געווען קיין יונגעלייט, דאָס איז אַלץ געווען רעזערוויסטען פון עלטערע יאָהרגענג, וועלכע האָבען געלאָזט אינדערהיים פרויען מיט פיצעלעך קינדער.

עפּעס האָט נעמוזט אין דער הינזיכט געטון ווערען.

מיט׳ן אינטערווענירען אין איינצעלנע פאַלען וואָלט מען נישט דערגרייכט דעם ציל, די צרה איז געווען אַן׳אַלגעמיינע און מ׳האָט געדאַרפט אַן׳אַלגעמיינע רפואה. ר׳ אליהו חיים האָט דעריבער בעשלאָסען צוזאַמענצורופען אַ פערטרויליכע בעראַטונג פון אָנגעזעהענע יודישע אין פּוילישע כלל-טוער פון קאָנגרעס-פּוילען, כדי צו געפינען [illegible]

די בעראַטונג [illegible] אונטער [illegible] פאָרגעקומען ביים אַנטייל פון אַ גרויסער צאָהל בעדייטענדע פערזענליכקייטען און דאָרט איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אַ שתדלנות פון נאָר קאָנגרעס-פּוילען וואָלט נישט געווען ערפאָלגרייך. עס דאַרף קומען אַן׳איינהייטליכע אַקציע אין דער הינזיכט פון גאַנץ רוסלאַנד.

דעם לאָדוער רב און נאָך עטליכע בירגער איז איבערגעגעבען געוואָרען דאָס אָרגאַניזירען פון אַ קאָנפערענץ פון גאַנץ רוסלאַנד, וועלכע האָט זיך געדאַרפט בעראַטען וועגען דער וויכטיגער אַנגעלעגענהייט. דאָס איז נישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך, ערשטענס האָט די קאָנפערענץ געדאַרפט פאָרקומען אין די נאָהענטסטע טעג נאָכ׳ן בעשלוס, ווייל מיט יעדער שעה, וואָס דער ענין וואָלט פערשלעפּט געוואָרען האָט געדראָהט מיט דערשיסען צעהנדליגער מענשען, והשגית האָט מען געדאַרפט זעהר פאָרזיכטיג זיין ביים צוקלייבען די מענשען, וואָס זאָל אַנטיילנעהמען אין דער געפּלאַנטער קאָנפערענץ.

ר׳ אליהו חיים האָט געלאָזט אַן אַ זייט אַלע לויפענדע ענינים און מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך גענומען צו דער גרויסער אַרבייט. אין 2 טעג אַרום זענען שוין געווען פונאַנדער-

געשיקט דעפעשען צו די אַלע פערזאָנען, וועלכע זענען אָנגעצייכענט געוואָרען צו דער קאָנפערענץ, אין די דעפעשען איז שוין אויך אָנגעגעבען געוואָרען דאָס אָרט און דער טערמין פון דער קאָנפערענץ, דאַגעגען איז דאָרט נישט אָנגעגעבען געוואָרען דער טאָג-אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ.

צוליב דעם, וואָס די דעפעשען זענען געווען אונטערגעשריבען פון איינפלוסרייכע פערזאָנען פון קאָנגרעס-פוילען, איז די קאָנפערענץ אין בעשטימטען טערמין זיך צוזאַמענגעקומען. ס׳זענען אָנוועזענד געווען איינפלוסרייכע יודישע און נישט-יודישע שתדלנים און כלל-טוער פון גאַנץ רוסלאַנד.

די קאָנפערענץ האָט געעפענט אַ פוילישער פריץ און האָט איבערגעגעבען דאָס וואָרט ר׳ אליהו חיים צו ערקלעהרען דעם ציל פון דער קאָנפערענץ. דער רב האָט אָנגעהויבען צו שילדערן פאר די פערזאמעלטע די גאַנצע לאַגע, אָנהויבענדיג פון אָנהויב פון קריגס-אויסברוך, פון דער דעמאָלסדיגער פסיכאָלאָגיע און די שטימונג פון די מאַסען, איבערגעהענדיג צו די אונגעריכטע נצחונות פון די יאַפּאַנער און צוזאַמען דערמיט די פּאַניק און די געררעקטע שטימונג ביי דער בעפעלקערונג, ער האָט ווייטער אָנגעוויזען, אַז די מאַסען זענען נאָך נישט געווען בעוואוסטזיניג צו פערשטעהן זיך אויף דער לאַגע און צו קענען בעשליסען ווי אַזוי זיי האָבען צו טון.

— ביי די מאַסען האָט דער רב ווייטער געזאָגט, דעצידירט קודם-כל די מורא פאַר דעם אייגענעם לעבען און פאַר דער צוקונפט פון פרוי און קינדער און דעריבער איז גאָר נישט קיין וואונדער, וואָס טויזענדער און אפשר צעהנדליגער-טויזענדער האָבען זיך נישט אָפּגעגעבען קיין דין וחשבון פון דעם, וואָס זיי טון און האָבען געפּרובט זוכען אַ קורצע צייט זיך אויסבעהאַלטען פון געהען אויפ׳ן פראָנט. דאָס געזעץ איז טאַקע געזעץ, אָבער מיר זענען מענשען מיט פערשטאַנד און געפיהל, מיר דאַרפען אַריינדרינגען אין די סבות, וועלכע האָבען געברענגט די דאָזיגע מענשען צו דעם טאַט. מיר טאָרען נישט אַלס בירגער פון לאַנד זיך גלייכגילטיג, צוקוקען צו דעם, ווי טויזענדער מענשען ווערען דערשאָסען נישט צוליב קיין העלדישקייט אָדער עפּיס אַנדערש. נאָר צוליב פשוט ער נאַרישקייט. אונזער חוב איז, האָט דער רב געענדיגט, אַז די איצטיגע קאָנפערענץ

זאָל בעשליסען איינשטימיג אונטערצונעהמען אַ געמיינזאַמע אַקציע צו אַמנעסטירען די אַרעסטירטע.

ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגע דיסקוסיע, עס האָבען זיך געהערט שטימען וועגען דעם, אַז ס'פּאַסט נישט זיך איינצושטעלען פאַר דעזערטירען, און אַז מ'וואָלט נאָר געדאַרפט, אויב ס'איז דאָ מעגליכקייטען, צו אינטערווענירען אין איינצעלנע פאַלען, און נישט אַרויסטרעטען מיט קיין אָרגאַניזירטער אַקציע.

דער רב האָט ווייטער גענומען אַ וואָרט און געזאָגט:

קודם־כל דאַרף אונזער געוויסען זיין ריין, אויב דאָס איז אַזוי, וועלען מיר קענען איבערצייגען די מאַסגעבענדע פאַקטאָרען, אַז מיר טרעטען אַרויס נישט פאַר פערטיידיגען דעזערציע. נאָר פאַר בעקעמפען אונגערעכטיגקייט און פאַר ראַטעווען טויזענדער מענשליכע לעבענס און פאַר דעם האָבען מיר זיך גאָרנישט וואָס צו שעהמען.

נאָך דער שלוס־רעדע פון רב האָבען אַלע איינשטימיג בעשלאָסען צו שיקען תיכף פון דער קאָנפערענץ אַ דעלעגאַציע קיין פעטערבורג אין קריגס־מיניסטעריום, כדי זיך משתדל זיין וועגען אַן'אַמנעסטיע פאַר די, וועלכע האָבע זיך ביז צו דעם אויגענבליק זיך נישט צוגעשטעלט צו דער מאָביליזאַציע.

ס'פערשטעהט זיך, אַז צו דער דעלעגאַציע האָט אויך געהערט דער לאָדזער רב. די דעלעגאַציע איז אַוועקגעפאָהרען קיין פעטערבורג און אָנגעהויבען אין דעם ענין אינטערווענירען. און דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, נישט אַזוי לייכט איז געווען אין מלחמה־צייט צו קומען צום קריגס־מיניסטעריום מיט אַזעלכע פּראָפּאָזיציעס, אָבער די אייזערנע ענערגיע און ווילען פון דער דעלעגאַציע האָט אַלץ גובר געווען, נאָך עטליכע בעזוכען ביים קריגס־מיניסטער און אין אַנדערע אויטאָריטעטע מקומות איז געלונגען דאָס אויסצופועל'ן, שוין אויפ'ן צווייטען טאָג איז אַרויס די אַמנעסטיע פאַר די דעזערטירען און אַלע זענען בעפרייט געוואָרען.

די ברכות פון טויזענדער יודישע און נישט־יודישע פאַמיליעס זענען געהאָנגען אויף די ליפען פאַר דעם מענש מיט דעם אונענדליכען רחמנות־געפיהל, ווי ס'איז געווען ר' אליהו חיים מייזעל.

# ר׳ אליהו-חיים מײזעל און די אונלעגאַלע דרוקערײ פון יוזעף פּילסודסקי.

ווי בעוואוסט, האָט זיך אויף ווסכאָדניע 19 געפינען, די אונלעגאַלע דרוקערײ פון פּ. פּ. ס.׳אישען צענטראַל-אָרגאַן „ראָבאָטניק״. די דאָזיגע דרוקערײ איז געווען אין דער וואוינונג פון יוזעף פּילסודסקי, וועלכער איז גלײכצײטיג געווען דער רעדאַקטאָר, זעצער און דרוקער פון דער צײטונג.

נאָכ׳ן ענטשטעהן פון אונאָפּהענגיגען פּוילען, איז בײם טויער פון דעם דאָזיגען הויז אויפגעהאָנגען-געוואָרען אַ מאַרמאָר-טאָוועל מיט׳ן אויפשריפט: „דאָ האָט געוואוינט און געוואָרען אָרעסטירט אין רעדאַקציע פון „ראָבאָטניק״ דער מלוכה שעף מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי״.

די דערמאָנטע אונלעגאַלע דרוקערײ איז בעת די צאַרישע צײטען געווען געוואַלדיג קאָנספּירירט און קײן ילוד-אישה האָט פון איהר נישט געוואוסט, אויסער פּילסודסקי׳ס פרוי און עטליכע חברים פון צ. ק. פון פּ. פּ. ס. די דרוק-מאַשין און די שריפט זענען געווען פּערפעקט און האָבען אויסגעזעהן ווי שענק, טישען און קאָמאָדעס. האָט טאַקע די דרוקערײ עקזיסטירט עטליכע יאָהר און פון דאָרט זענען פערשפּרײט-געוואָרען איבער׳ן גאַנצען לאַנד וואָך-אויס, וואָך-אײן צענדליגער טויזענדער עקזעמפּלאַרען פול מיט גיפט און האַס געגען דעם צאַריזם און זײנע משרתים.

אײן מענש איז אָבער נאָך געווען, וועלכער האָט געוואוסט וועגען דער עקזיסטענץ פון דער אונלעגאַלער דרוקערײ. און דער דאָזיגער מענש איז נישט געווען פון פּילסודסקי׳ס הויז-געזינד און אויך נישט פון פּ. פּ. ס.׳אישען צ. ק. — דער דאָזיגער מענש איז געווען אַן׳עלטערער יוד מיט׳ן נאָמען בעריש ע., וועלכער האָט געוואוינט בשכנות, אַ טיר נעבען אַ טיר מיט פּילסודסקי׳ן.

און דער דאָזיגער יוד לעבט נאָך ביז׳ן הײנטיגען טאָג, ער וואוינט אָבער שוין נישט אין יענעם הויז. ה׳ בעריש ע. גיט אונז טאַקע איבער פון זײן אײגען מויל אָט די סענסאַציאָנעלע געשיכטע.

ה׳ ע. האָט חדשים-לאַנג געהאַט די מעגליכקײט צו אָבסערווירען, ווי פון יענער וואוינונג, וואָס האָט זיך געפינען נעבען איהם, ווערען אַרויסגעטראָגען פערשידענע פעקלעך. ער האָט בעמערקט, ווי דער מאַן מיט׳ן קורץ-געשוירענעם בערדעל, (פּילסו-

דסקי האָט ביז׳ן יאָהר 1914 געטראָגען אַ פּערדעל) וועלכער וואוינט אין דער דירה, געהט זעלטען אַרויס פון שטוב און ווען ער געהט יאָ אַרויס, פערהאַלט ער זיך אַזוי, אַז מ׳זאָל איהם וואָס ווייניגער בעמערקען. ענדליך האָט ה׳ ע. אין די אָווענד-שעה׳ן דייטליך געהערט, ווי עס קלאַפּט טיק-טאַק אַ דרוק-מאַשינדעל.

מחמת ה׳ ע. איז אַמאָל געווען אַ בוכבינדער און זיך אויך געקענט אויפ׳ן דרוקער-פאַך, האָט ער גאַנץ לייכט דערקענט אין דעם פערדעכטיגען קלאַפּען פון... דער דרוק-מאַשין, און דאָס האָט איהם שוין אויך געפיהרט אויפ׳ן חשד, אַז אין די פּעקלעך, וואָס מ׳טראָגט אַראָפּ, געפינט זיך נישט קיין כשר׳ע סחורה.

אָבער ה׳ ע. האָט זיך נישט קיין סך אַריינגעטראַכט אין דעם ענין און ס׳וואָלט איהם זיכער נישט מעהר אינטערעסירט, ווען נישט אַ צופאַל.

צו ה׳ ע. איז צו יענער צייט געקומען אַ ברודערן-זוהן פון טשענסטאָכאָוו, אַ יונגער בחור פון אַ יאָהר 22, און געבעטען, אַז ער דער פעטער, זאָל איהם ביי זיך האַלטען אַ קורצע צייט, ווייל ער דאַרף זיך קורירען ביי אַ דאָקטאָר. פאַקטיש האָט דער יונגער בחור דאַן געהערט צום „בונד“ און ער איז ענטלאָפען פון טשענסטאָכאָוו, ווייל ס׳האָט איהם געדראָהט אַ געפאַהר צו ווערען אַרעסטירט.

דער טשענסטאָכאָווער בחור האָט אַלזאָ געוואָלט זיך אויפהאַלטען אַ שטיקעל צייט אין לאָדז, וואו ער איז נאָך נישט געווען בעקאַנט.

דער יונגער רעוואָלוציאָנער האָט זיך אָבער אין לאָדז נישט געקענט אָפּהאַלטען פון צונויפקומען זיך מיט זיינע פאַרטיי-חברים און — ער האָט דעריבער צו זיך דאָס הייסט צום פעטער, „פערשלעפּט“ די אויפמערקזאַמקייט פון „אָכראַנע“-אַגענטען. אָפטמאָל פלעגען זיך עטליכע פּאָליציי-שפּיצלעס ממש גאַנצע טעג דרעהען פאַר׳ן טויער פון וואָסקאָדניע 19. דאָס האָבען זיי בלויז אָפּסערווירט דעם יונגען בחור פון טשענסטאָכאָוו. דאַנעגען פון דער גוט פערקאָנספּירירטער אונלעגאַלער דרוקעריי פון יוזעף פּילסודסקי, פון וועלכער ס׳האָבען זיך טאָג-טעגליך אַרויסגעשיט טויזענדער צייטונגען געגען דעם צאַריזם, — וועגען דעם האָבען די צאַרישע אַגענטען גאָרנישט געוואוסט.

און איינמאָל אין אַ ווינטער-נאַכט זענען עטליכע זשאַנדאַרמען אַריין אין דער וואוינונג פון ה׳ בעריש ע., געמאַכט אַ

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0103-0204 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

שטרענגע רעוויזיע, וועלכע האָט געדויערט עטליכע שעה און צום סוף אַרעסטירט דעם טשענסטאָכאָווער בחור. דערביי האָבן די זשאַנדאַרמען ערקלערט דעם ה׳ בעריש ע., אַז אויב ער וועט נישט ביז מאָרגען צושטעלן אין דער פּאָליציי די אומלעגאַלע ליטעראַטור, וואָס געפינט זיך ביי איהם ערגיץ בעגראָבען, וועלען זיי איהם אויך אַרעסטירען און פערשיקען אויף סיביר.

אין יענער טראַגישער ווינטער-נאַכט האָט ה׳ בעריש ע. איבערגעלעבט אַ שווערען נסיון. ער איז נעמליך געווען טיף איבערצייגט, אַז דאָס ליידט ער פאַר פרעמדע זינד; אַז זיין ברודערן-זוהן פון טשענסטאָכאָוו איז גאָט-די-נשמה-שולדיג; אַז די זשאַנדאַרמען האָבן געוויס געהאַט אַ חשד אויף דעם הויז צוליב דעם פערדעכטיגען שכן, נאָר זיי ווייסען נאָך נישט גענוי וואו, און זיי האָבען געטראָפען צו איהם.

אַזוי האָט ה׳ בעריש ע. געטראַכט און ער האָט שיער-נישט געוואָלט ערקלערען די זשאַנדאַרמען אַזוי-און-אַזוי.

נאָר ער איז ביישטאַנען דעם נסיון. אינדערפריה האָט אָבער ה׳ בעריש ע. בעשלאָסען מעהר נישט דריקען אין זיך דעם סוד און — ער איז אַוועק צום לאָדזער רב, ר׳ אליהו-חיים מייזעל.

ה׳ בעריש ע. האָט אָנגעהויבען אויסצוגיסען פאַר׳ן רב זיין ביטער האַרץ.

— איך האָב אַריינגעבראַכט מיין ברודער-זוהן, כדי צו האָבען השגחה איבער איהם, כדי איהם אויסצוקורירען פון זיין קראַנקהייט. צום סוף איז ער גאָר אַריינגעפאַלען אין טורמע, וואָס פאַר אַ פערענטפערונג וועל איך האָבען פאַר מיין ברודער און פאַר מיר אַליין.

— וואָס איז אייך געשעהן, האָט דער רב געפרעגט דעם פערטרויערטען יוד?

בעריש האָט פון אָנהויב אָן דערצעהלט דעם רב די גאַנצע געשיכטע און האָט צוגעגעבען:

— אַ חוץ דער ערשטער רעוויזיע, וואָס מ׳האָט ביי מיר אַדורכגעפיהרט נעכטען בייטאָג, זענען די היינטיגע נאַכט נעקומען זשאַנדאַרמען, אויפגעריסען די פּאָדלאָגעס, געזוכט אין יעדען ווינקעלע און מיך די גאַנצע צייט פון דער רעוויזיע געדראָהט, מיט סיביר, קאַטאָרגע, אַז איך זאָל אויסזאָגען, צי-וואָס מיין ברודערן-זוהן



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

איז אַהערגע··ימצן קיין לאָדז און וואו ער האָט בעהאַלטען די אומלעגאַלע ליטעראַטור.

— און אפשר איז ער טאַקי נישט קיין גאַנץ כשר׳ער, האָט געפרעגט דעם רב —

— איך קען דערויף שווערען, זאָגט בעריש ע. ער איז אַזאַ רוהיגער און אַ שטילער, ער קען קיין צוויי נישט צעהלען.

— פאַרוואָס האָט מען זיך אָבער גראָד צוגעטשעפעט צו איהם. איך קען דאָס גאָרנישט פערשטעהן.

— איך פערשטעה דאָס גאַנץ גוט. איך האָב ביז איצט געשוויגען, אָבער ווען דער ענין איז שוין מיך בלויז נוגע, וועל איך נישט קענען שווייגען, איך האָב אָבער דאָס נישט געטון, ביז איך האָב נישט אייער הסכמה וועגען דעם.

אין דעם הויף וואו איך וואוין, האָט בעריש ע. אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אויף ווסכאָדניאַ 19, אַקעגען איבער מיין וואוינונג, וואוינט אַנ׳אײנבעקאַנטער קריסט, וואָס ס׳איז זיין בעשעפטיגונג ווייס איך נישט, איך ווייס נאָר, אַז אין זיין וואוינונג אַרבייט אַ דרוק־מאַשין, איך הער די מאַשין נענוי קלאַפען דורך דער טיר, איך האָב מיך מיט דעם ענין פעראינטערעסירט און און אָנגעהויבען צו זעהן דאָרט אַזעלכע זאַכען, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט בעמערקט, אַזוי האָב איך געזעהן ווי פון דאָרט געהן אַרויס פרויען מיט אָנגעשטאָפטע קויבערלעך און אפילו זעק מיט עפיס געדרוקטע זאַכען איך איך האָב בעמערקט, ווי אַלץ ווערט געהאַלטען בסוד, ווען דאָס וואָלטען געווען כשרע זאַכען, וואָלט מען דאָך דאָס נישט געדאַרפט בעהאַלטען. איך בין דעריבער, רבי, איבערצייגט, אַז דאָרט ווערען געדרוקט אומלעגאַלע זאַכען. די געהיים־אַגענטען האָבען זיכער בעמערקט, ווי מ׳טראָגט פון דעם הויז אַרויס נישט קיין כשרע ליטעראַטור, זיי ווייסען אָבער נישט פון וואו און זיי האָבען זיך אָנגעכאַפט אָן מיין וואוינונג, בכן דאָרט געפינט זיך אַ יונגערמאַן, וועלכער איז געקומען ערשט פון דער פרעמד, און נישט נאָר מיין ברודער־זוהן אַליין איז צום אומגליק אַריינגעפאַלען, נאָר אַ ליאַדע מינוט וועט מען מיך אויך אַרעסטירען, און פאַרוואָס? פאַר זינד, וועלכע נישט איך און נישט מיין ברודערן־זוהן איז בעגאַנגען. איך פרעג דעריבער ביי אייך, רבי! וואָס האָב איך צו טון? צי זאָל איך

גלייכגילטיג צוקוקען צו מיין אומגליק, אָדער זאָל איך דאָס מיספאַרשטענדניש אויפקלערען פאַר דער פּאָליציי?

— נאָר נישט איילען זיך, האָט דער רב רוהיג געזאָגט, ס'איז דיר נאָך גאָרנישט געשעהן און דו דאַרפסט נישט זיין אַזוי פערטרויערט, דעם יונגערמאַן וועט אויך גאָרנישט געשעהן ווען ער וועט אַביסעל זיצען. ס'שאַדט נישט, אויב ער איז נישט שולדיג, וועט מען זיך בעמיהען איהם צו בעפרייען, דערווייל דאַרף מען אַלץ רוהיג מאַכען.

— קודם-כל, האָט דער רב ווייטער געזאָגט שוין מיט אַ שטרענגערען טאָן, ווייסטו פון קיין שום זאַך נישט צו זאָגען, דו האָסט ביי דיר אין הויז גאָרנישט געהערט, און גאָרנישט געזעהן, דו ווייסט גאָרנישט וואָס דאָרט האָט זיך געטון, אָדער טוט זיך נאָך איצט...

— אָבער, רבי, האָט געיאָמערט דער יוד, צי איז עס יושרדיג אַזוי, אַז אַ יונג לעבען זאָל רואינירט ווערען צוליב פרעמדע חטאים?

— איך זאָג נאָכאַמאָל, האָט ביין געזאָגט דער רב, אַז אויסער דיר און מיר זאָל קיינער נישט וויסען פון דעם, מיש זיך נישט אין נישט-דיינע עסקים, זעה, אַז דו זאָלסט נישט אַריינפאַלען אין קיין אומגליק און קיין אַנדערער זאָל דיך נישט אָנגעהן, דו האָסט זעהר גוט געטון, וואָס דו ביסט אַהערגעקומען, אַלזאָ, נישט מיין עצה, נאָר מיין בעפעהל איז שווייגען.

דער יוד האָט שוין גאָרנישט געענטפערט, צוגעזאָגט צו האָרכען דעם בעפעהל, און דער רב האָט ווייטער געזאָגט:

דאָס איבעריגע פערלאָז דיך אויף מיר, דיין פּערזאָן פערזיכער איך, אַז ס'וועט גאָרנישט געשעהן, וואָס שייך דיין ברודערזוהן וועלען מיר געפּוּי זיך דערוויסען, פאַרוואָס ער איז אַוועקגעפאָהרען פון טשענסטאָכאָוו. און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז ער איז טאַקי איינגאַנצען אונשולדיג, און אַז די זשאַנדאַרמעריע האָט געהאַט אַ טעות, וועט דיין חוב זיין צו וויסען צו געבען דיינע שכנים, אַז זיי ווערען געזוכט.

דער רב האָט תיכף אַוועקגעשיקט אַ בריף קיין טשענסטאָכאָוו צום פאָטער פון אַרעסטירטען און האָט איהם אָנגעפרעגט אויף נאמנות, פאַרוואָס זיין זוהן איז אַוועקגעפאָהרען פון נישט

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0105-0207 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

סטאָכאָיו. אין עטליכע טעג אַרום איז געקומען אַנ׳ענטפער, אַז דער אַרעסטירטער איז אַוועק פון טשענסטאָכאָוו, ווייל ער ווערט געזוכט דורך דער פּאָליציי פאַר אָנגעהערען צום „בונד“.

דער רב האָט דעריבער בעפוילען אין דעם ענין גאָרנישט מעהר צו טון און מאַכען אַ שווייג פון דער גאַנצען געשיכטע מיט דער געהיימער דרוקעריי אויף ווסכאָדניאַ 19.

---

# א חתונה אהן א כלה.

אין דער הויפט-שטאָדט פון טורקעסטאַנער אָבלאַסט, אין טאַשקענט, האָט געוואוינט אַ יודישער בלעכער. ער האָט געהאַט דאָרט וואוינרעכט צוליב זכות-אבות. דאָס איז געווען אַ טאַטע פון 7 קינדער, אַ בעל-מלאכה און קוים אַדורכגעקומען מיט פרנסה פאַר דער פרוי און קינדער. פאַר דעם האָט דער יודישער בלעכער אָבער אויפגעטון זעהר גרויסע זאַכען. דהיינו: אַלע יודישע סאָלדאַטען, וועלכע זענען געקומען אין מיליטער-דינסט קיין טאַשקענט האָבען געהאַט אין דעם יודישען בלעכער׳ס הויז אַנ׳אָרט ווי אַריינצוקומען, זיך צוזאַמענצוקומען אין אַ יודישער סביבה אין שבת, אָדער יום-טוב, אויפ׳ן אַדרעס פונ׳ם בלעכער זענען אויך געשיקט געוואָרען אַלע פאַקעטען, בריף, אָדער געלד-זענדונגען פאַר אַלע יודישע סאָלדאַטען, וואָס האָבען זיך געפונען אין טאַשקענט.

דער בלעכער מיט זיין פרוי און קינדער האָבען אַלץ עולעדיגט פאַר די יודישע זעלנער בלב ונפש. וועלכער יודישער זעלנער ס׳איז געקומען קיין טאַשקענט האָט שוין געוואוסט קודם כל צו קומען צום יודישען בלעכער. דאָרט האָט ער שוין בעקומען די נויטיגע אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיך צו פיהרען אין פולק, ער האָט אויך אין יעדער פרייער צייט בעקענט קומען צום יודישען בלעכער אין פערברענגען דאָרט די צייט.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0105-0208 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

אין יאָהר 1903 בעת'ן פּאָבאָר אין לאָדז זענען צוגענומען געוואָרען צו מיליטער-דינסט צוויי שוועסטער-קינדער; איינער פון וואָלבאָרסקאַ 24 און דער צווייטער פון דער יודישער גאַס. צופעליג זענען זיי ביידע געשיקט געוואָרען אין איין פולק קיין טאַשקענט. די ביידע קוזינעס האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען דעם גאַנצען וועג. אין טאַשקענט האָבען זיי זיך שוין דערוויסט פון די עלטערע סאָלדאַטען וועגען דעם יודישען בלעכער און מ'האָט זיי געראַטען דאָרט אהין צו געהן. די 2 לאָדזער יונגעלייט זענען טאַקי אַוועק צום בלעכער, זיך בעקענט מיט דער גאַנצער פאַמיליע, פערבראַכט דאָרט די פרייע צייט און אויך אַהיימגעשריבען, אַז אַלע בריף אָדער אַנדערע זאַכען זאָל מען פון לאָדז שיקען אויפן אַדרעס פון דעם יודישען בלעכער אין טאַשקענט.

אַזוי איז געווען די גאַנצע צייט ווען די לאָדזער יונגעלייט האָבען געדינט אין טאַשקענט. זיי זענען אַריינגעקומען צום בלעכער יעדען אָווענד, ווי נאָר זיי זענען בעפרייט געוואָרען פון פולק. זיי האָבען אויך געגעסען דאָרט פיל שבתים און יום-טובים.

די עלטסטע צוויי קינדער פון טאַשקענטער בלעכער זענען געווען 2 דערוואַקסענע מיידלעך; איינע אַ 23 יעהריגע סאָניע און די צווייטע אַ 21-יעהריגע פייגע. וואָס אָפטער די לאָדזער יונגעלייט זענען אַריינגעקומען צום יודישען בלעכער, וואָס נעהענטער זענען די יונגעלייט געוואָרען צו די טעכטער. מיט דער צייט איז בעוואוסט געוואָרען צווישען אַלע יודישע זעלנער, וועלכע האָבען נעדינט אין טאַשקענט, אַז די 2 לאָדזער קוזינעס שמעון און חיים ק. וועלען תנאים שרייבען מיט'ן בלעכער'ס צוויי טעכטער סאָניע און פייגע. די 2 יודישע זעלנער האָבען אויך נישט געמאַכט קיין סוד דערפון און פון דעם האָט זיך אויך איינגיכען דערוואוסט דער בלעכער.

דער אַלטער יוד האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט דער ידיעה עס האָט איהם געפרעהט דאָס האַרץ, וואָס ער וועט פאַר זיינע קינדער האָבען מענער נישט פרעמד אין יודישקייט.

שוין לאַנג האָט איהם וועה-געטון דאָס האַרץ פון דעם געדאַנק אַליין, אַז אין אַזאַ וויסט אָרט, ווי דער גורל האָט איהם



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

פערוואָרפען וועט ער קיין תכלית פאַר זיינע קינדער נישט האָבען, דערצו איז ער אויך נישט קיין גביר, ער זאָל זיך קענען „קויפען" חתנים, און דאָ מיטאַמאָל מאַכט זיך איהם אַ געלעגענהייט זיינע 2 טעכטער מיט איינמאָל חתונה צו מאַכען.

מ'האָט דעריבער נישט געמאַכט קיין לאַנגע הכנות און דער בלעכער, האָט איינגעאָרדענט אַ סעודה'לע אויף וועלכער ס'איז געמאַכט געוואָרען אַ וואָרט צווישען ביידע פאָר־פעלקער, מ'וואָלט אויך נישט אָפגעשלעפּט אפילו מיט די חתונות, דהאָבען זיי אָבער נישט געקענט פאַרקימען צוליב ריין פאָרמעלע טעמים. מ'האָט נישט געקענט אויסאַרבייטען די געהעריגע פאַפּירען צוליב דעם, ווייל דאָס געזעץ האָט געזאָגט, אַז יעדער זעלנער מוז צוריק צוגעשטעלט ווערען צו דעם מיליטער־נאַטשאַלניק („וואָאינסקי נאַטשאַלניק"), וועלכער האָט דעם געגעבענעם זעלנער ארויסגעשיקט קיין טאַשקענט. דעריבער איז נישט געווען קיין אַנדער עצה ווי אָפּצוואַרטען, ווען עס וועט זיך ענדיגען דאָס מיליטער־דינסט פון די צוויי לאָדזער יונגעלייט און דעמאָלט ערשט איינאָרדנען די חתונות.

דאָ האָבען זיך אָבער ביי דעם בלעכער און זיין פרוי אריינגעגנב'עט ספקות וועגען דעם צי ס'איז צוועקמעסיג צו לאָזען די צוויי חתנים אַליין פאָהרען קיין לאָדז.

צו פיל האָט מען זיך שוין אָנגעהערט פון די מעשיות, וואָס זעלנער האָבען בעת זייער מיליטער־דינסט תנאים געשריבען מיט מיידלעך אין די שטעט, אין וועלכע זיי האָבען געדינט, געגעסען און געהאַט ביי זיי מכל־טוב און ווען נאָר זיי זענען אַהיימגעפאָהרען האָבען זיי פערגעסען אין זייערע כלות און מ'האָט פון זיי מעהר נישט געהערט.

די עלטערען פון די מיידלעך האָבען דעריבער בעשלאָסען, אַז ווען די חתנים וועלען אהיימפאַהרען נאָכ'ן ענדיגען דאָס מיליטער־דינסט, קיין לאָדז, זאָלען די כלות מיטפאָהרען. מיט זיי וועט אויך מיטפאָהרען די מוטער צו די כלות און אין לאָדז זאָלען פאָרקומען די חתונות, אַזוי איז פערבליבען און דער עולם האָט זיך געגרייט אין וועג אריין.

אין אַ שעהנעם טאָג זענען געקומען קיין לאָדז די צוויי אויסגעדינטע זעלנער אין זייערע זעלנערישע בגדים מיט די רויטע הויזען, די צוויי כלה־מיידלעך סאָניע און פייגע, די מוטער פון די מיידלעך אַ סיבירער יודישע פרוי מיט צוויי קלענערע קינדער פון 5 און 14 יאָהר. די קלענערע קינדער האָט דער יודישער בלעכער געוואָלט לאָזען אין לאָדז צו ערציהען. דער בלעכער אַליין איז געבליבען אין טאַשקענט מיט די איבעריגע דריי קינדער.

די דאָזיגע עקספעדיציע איז פערפאָרען צו איינעם פון די חתנים אויף וואָלבאָרסקאַ 24. דאָרט האָט געוואוינט די מוטער פון חתן שמעון ק. אַ אַלמנה צוזאַמען מיט איהר אַ פערהייראַטע טאָכטער. די טאַשקענטער געסט האָבען זיך אויסגערוהט פון וועג און מ'האָט אַ שמועס געטון וועגען עצם ענין. דאָ האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז דער חתן פון דעם עלטערען מיידעל סאָניע האָט תיכף חרטה בעקומען פון שידוך און האָט ערקלערט, אַז זיינע עלטערען ערלויבען איהם נישט חתונה צו האָבען מיט „סיבירניקעס". קיין שום שמועסען האָבען נישט געהאָלפען, ער איז געבליבען האַרט ביי זיין בעשלוס און האָט איבערגעריסען אַלע זיינע בעציהונגען מיט זיין כלה און מחותנת, וועלכע האָבען איהם אַזוי פיל טובות געטון, בעת זיין שווערער מיליטער־דינסט אין טאַשקענט.

די פרוי פון דעם בלעכער האָט שוין געזעהן מיט וואָס דאָ שמעקט, זי האָט געהאַט אַ גרונד מורא צו האָבען, אַז דאָס זעלבע זאָל נישט געשעהען מיט דעם חתן פון איהר יונגערער טאָכטער. די בעהאַנדלונג וואָס זי מיט איהרע קינדער האָבען געהאַט אין דער שטוב פון איהר מחותנת האָט איהר געגעבען אַ גרונד צו דער דאָזיגער מורא, אַ חוץ דעם איז דאָס פערשעמטע מעדעל פאַר קרענקעניש און עגמת־נפש קראַנק געוואָרען, דאָס ביסעל געלד וואָס די פרוי האָט מיט זיך מיטגענומען פון טאַשקענט האָט אַנגעהויבען אויסצוגעהן. וואָס זאָל זי טון?

קיין אַנדערע עצה האָט זי נישט געהאַט, ווי זיך צו ווענדען צום לאָדזער רב. די פאַמיליע פון בלעכער האָט געקענט דעם רב פון די ערצעהלונגען פון די יודישע זעלנער, וועלכע זענען צו זיי אַריינגעקומען און אַ חוץ דעם פון די בריף, וועלכע דער יודישער בלעכער אין טאַשקענט האָט בעקומען פון לאָדזער רב

ימים דער ביטע צו בעזאָרגען די יודישע זעלנער, וועלכע געפינען זיך אין טאַשקענט.

די פרוי איז דעריבער אַוועק צום רב צו בעטען ביי איהם הילף. דער רב דערוויסענדיג זיך ווער די פרוי איז, האָט זי באַלד אויפגענומען, האָט אויסגעהערט וועגען וואָס ס'האַנדעלט זיך און צוגעזאָגט דער פרוי מיט אַלע מעגליכקייטען איהר צו העלפען.

— איהר מוזט בעקומען הילף, האָט דער רב געזאָגט צו דער פרוי, ווייל איך האָב פיל געהערט פון דעם ווי איהר אַליין האָט בעהאַנדעלט די יודישע זעלנער וואָס דער גורל האָט זיי פערוואָרפען קיין טאַשקענט. איך וועל טון אַלץ וואָס איז מעגליך. קודם כל, האָט דער רב געזאָגט, מוזט איהר מיט אייערע קינדער זיך אונבעדינגט אַרויסקלייבען פון דער וואוינונג פון אייער יונגערען חתן און זיך דינגען דערווייל אין לאָדז אַן׳אַנדערע וואוינונג מיט אַ פרימיטיווער איינאָרדנונג. איך פערשטעה דאָך, אַז איהר האָט נישט קיין געלד דערצו, וועל איך אייך דערווייל אויסבאָרגען.

דער רב האָט טאַקי שוין אויפ׳ן אָרט אַוועקגעשיקט דעם שמש, ער זאָל געפונען אַ דירה און צו דער פרוי האָט דער רב געזאָגט:

איהר וועט אייך אַריבערקלייבען אין אַן׳אַנדער וואוינונג, זיך אַביסעל איינאָרדנען און דאָס איבעריגע וועל איך מיך בעמיהען צו ערלעדיגען.

אַזוי איז טאַקי געווען, דער שמש האָט נאָך דעמזעלבען טאָג געדונגען אַ וואוינונג נאָהענט צום „גאָשטשיני דוואָר“ און די טאַשקענטער פאַמיליע האָט זיך אַרויסגעצויגען פון דער אמת ענגער וואוינונג אויף וואָלבאָרסקאַ 24. דער דאָזיגער שריט האָט שוין פערבעסערט די בעציהונגען צווישען די צוויי מחותנות און זיי האָבען אָנגעהויבען גוט צו לעבען.

דערווייל האָט דער רב געשיקט נאָך די עלטערען פון דעם חתן, וועלכער האָט געוואָלט אָפּלאָזען דעם שידוך. די עלטערען זענען געקומען און אָפענהערציג ערקלעהרט, אַז זיי זענען דערין גאָרנישט שולדיג. זייער זוהן איז קיינמאָל נישט געווען קיין לייט און זיי האָבען זיך אַליין געוואונדערט, ווי אַזוי ער איז אַ חתן געוואָרען מיט אַן׳אָרים מיידעל פון סיביר. זיי האָבען ווייטער דערצעהלט, אַז ער ערקלעהרט איצט אָפען, אַז אַזוי לאַנג ווי ער האָט געקענט אויסנוצען דעם טאַשקענטער בלעכער, האָט ער דאָס

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0107-0212 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

געטון. איצט דאַרף ער איהם נישט האָבען און ער וויל קיינעם נישט קענען. דער רב האָט שוין געזעהען מיט וועמען ער האָט צו טון. ר׳ אליהו חיים האָט אַפילו נישט געפּרובט צו ווירקען אויף דעם נפש, אַז ער זאָל ענדערען דעם בעשלוס. און דער רב האָט ערקלעהרט דער סיבּירער פרוי:

— זייט צופרידען, אַז ס׳איז אַזוי געשעהען. נישט איהר און נישט אייער טאָכטער וואָלטען קיין שום נחת נישט דערלעבט ביי דעם אויסוואורף. ס׳איז גלייכער, אַז איהר האָט זיך פריהער דערפון דערוואוסט, איידער שפּעטער.

די עלטערע פרוי האָט דאָס פערשטאַנען און דאָס גענומען פאַר ליב, אָבער דאָס פּשוט׳ע סיבּירער יודישע מיידעל האָט דאָס בשום אופן נישט געקענט בעגרייפען און מיט יעדען טאָג געוואָרען אַלץ מעהר פער׳מרה־שחורה׳ט.

דער רב האָט געשיקט נאָך דעם חתן פון דער יונגערער טאָכטער שמעון ק., וועלכער איז געוועזען אין לאָדז אַ שניידער מיט איהם זיך אַדורכגערעדט מכּוח דער חתונה מיט דעם סיבּירער מיידעל פייגע.

דער יונגערמאַן איז גראָד געוועזען אַן׳ערענטליכער מענש און האָט געזאָגט דעם רב.

— רבּי, איך ווייס, אַז מיין קוזין האָט זעהר גראָב געהאַנ־דעלט געגען די מענשען, וועלכע האָבען פאַר אונז אין דער פרעמד אַזוי פיל גוטס געטון, איך זאָג אייך צו, אַז ביי מיר וועט דאָס נישט געשעהען, איך וועל אַפילו נישט קוקען אויף מיין מאַמע, וועלכע פרובט מיך אויך אָפּצורעדען פון דעם שידוך, ווי נאָר איך וועל אַביסעל צו זיך קומען און מיר אָנשפּאָרען אַביסעל געלד פון מיין אַרבייט, וועל איך מיט מיין כּלה חתונה האָבען. איהר פערשטעהט דאָך, רבּי, האָט ער ווייטער געזאָגט, קיין געלד האָט מיין כּלה נישט, איך מוז דעריבּער אַרבייטען, כּדי צו האָבען אַביסעל געלד זיך איינצואָרדנען.

אויף דעם האָט דער רב געענטפערט:

— איך פערשטעה אייך אויסגעצייכענט, האָט געזאָגט דער רב, אין נדן וועט נישט זיין קיין מניעה, מאָרגען וועט ער גע־סילוקט ווערען. און איצט וועלען מיר אָפּשמועסען זמן חתונה.

אַזוי איז געוועזען. אויף צו־מאָרגענס האָט דער רב פון זיין אייגען געלד גע׳סילוקט אַ היבּשע סומע נדן און די חתונה איז אָפּגעשמועסט געוואָרען אויף עטליכע וואָכען אַרום, די חתונה האָט



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main UB DFG

בעזאָלט פֿאַרקומען אין בערלינער זאַל, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפֿונען אויף שרעדניאַ גאַס נומער 37.

די עלטערע טאָכטער פֿון דער טאַשקענטער פֿרוי — סאָניע איז אָבער פֿון חרפּה. וואָס זי האָט געהאַט אין לאָדז פֿון איהר חתן, וואָס אַ מאָל געוואָרען מצהר פֿער׳מרה־שחורה׳ט און קראַנק. מ׳האָט איהר נישט געטאָרט זאָגען, אַז די יונגערע שוועסטער וועט חתונה האָבען, ווייל דאָס וואָלט זי נאָך מעהר אויפגערעגט. די אַלטע טאַשקענטער יודישע פֿרוי איז כמעט ווי נישט אָפּגע־טרעטען פֿון רב׳ס וואוינונג און זי האָט גע׳טענה׳ט, אַז נאָר פֿון דאַנען קען קומען איהר ישועה, דער רב האָט בעפֿוילען, אַז די עלטערע טאָכטער מוז אַ היימפֿאָהרען קיין טאַשקענט נאָך פֿאַר דער חתונה פֿון דער יונגערער.

די אַלטע פֿרוי האָט דערצו נישט געוואָלט דערלאָזען, זי האָט געזאָגט, אַז איהר טאָכטער וועט זיך דאָס לעבען נעהמען אויפ׳ן וועג. דאָך איז נישט געווען קיין אַנדער עצה און סאָניען האָט מען אַרויפגעזעצט אויף דער באַהן און איינע אַליין אַוועק־געשיקט אין אַזאַ ווייטען וועג — קיין טאַשקענט. נאָך עטליכע טעג איז פֿון דעם בלעכער אָנגעקומען אַ דעפּעשע, אַז סאָניע איז געזונד אָנגעקומען אַ היים. דאָרט האָט זי איינציגווייז אָנגעהויבען צו פֿערגעסען וועגען די געשעהענישען און אין אַ קורצער צייט איז זי אינגאַנצען געזונד געוואָרען.

אין לאָדז האָט מען דערווייל זיך אָנגעהויבען צוצוגרייטען צו דער חתונה. זעלבסטפֿערשטענדליך האָט אויף אַלע הוצאות געגעבען דער רב, ער האָט זיך אויך בעמיהט, אַז צווישען די געסט אויף דער חתונה זאָלען זיין היגע אָנגעזעהענע בעלי־בתים, כדי עס זאָל גע־פּראַוועט ווערען אַ חתונה ווי ס׳געהער צו זיין, איז אָבער נישט בעשערט געווען, אַז אַלץ זאָל געהן ווי ס׳געהער צו זיין און עס מאַכט זיך פֿאָלגענדע שטערונג.

אויף גאָשטשינער דוואָר, וואו ס׳האָט דעמאָלט געוואוינט די טאַשקענטער פֿרוי מיט איהרע קינדער, האָט פּלוצלונג אין מי־טען דער נאַכט אויסגעבראָכען אַ שרפה. די איינוואוינער פֿון די אַרומיגע הייזער צווישען זיי אויך די טאַשקענטער פֿאַמיליע זע־נען אויפגעוועקט געוואָרען פֿון שלאָף דורך די שרעקליכע געשרייען, וואָס האָבען זיך געטראָגען פֿון דעם אָרט, וואו די שרפה האָט זיך מיט אַ געוואַלדיגער שנעליגקייט פֿערשפּרייט.

אין ברענענדיגען הויז האָבען זיך נאָך געפונען דערוואַקסענע מענשען און אויך קליינע קינדער און ס'איז געווען אַ סכּנה, אַז זיי זאָלען פערברענט ווערען. די אָנגעקומענע פייערלעשער האָבען זיך ענערגיש גענומען צו דער רעטונגס-אַרבייט, אָבער וועגען אָפּראַטעווען דעם ברענענדען האָלצערנעם בנין האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רעד. די פּאָדלאָגע און ווענד פון דעם בנין האָבען געפּלאַצט און יעדע ווייל האָט זיך פון ברענענדיגען הויז געהערט הויכע שטויסען פון די איינגעפאַלענע טיילען פון הויז.

אונזער גוטהערציג פשוט יודישע טאַשקענטער מעדעל פייגע האָט געטון אַזוי ווי איז געוואוינט געווען אין דערהיים, ווי נאָר זי איז צוגעקומען צום אָרט, וואו ס'האָט געברענט, האָט זי פערקאַטשעט די אַרבעל און אָנגעהויבען העלפען מיט וואָס נאָר זי האָט געקענט, זי איז אַריין אין הויז, וועלכעס איז געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט 2 יונגלעך, וועלכע זענען שוין געווען האַלב דערשטיקט פון דעם שרעקליכען רויך. ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז אין'ם הויז זענען שוין מעהר קיין לעבעדיגע נפשות נישט פאַרהאַן, איז זי אויך נישט געבליבען אָהן אַרבייט, זי האָט געטון אַלעס מעגליכע צוצוהעלפען, זי האָט געהאָלפען פון די שכנים אַוועקטראָגען זייערע זאַכען, כּדי זיי זאָלען נישט צו'גנב'עט ווערען און נאָכדעם האָט זי אַ גאַנצע נאַכט געשלעפּט עמערס וואַסער פון די נאָהענטסטע ברונעמס צום אָרט, וואו די שרפה איז ערשט פערלאָשען געוואָרען אַ זייגער 8 אין דערפריה און ערשט דעמאָלט איז פייגע אַ היימגעגאַנגען זיך אויסרוהען פון דער אמת-אָנגעשטרענגטע און אָפּפערווילינער אַרבייט. ביי דעם טאַשקענטער יודישען מעדעל איז דאָס אַלץ געווען אזוי פשוט, ווי אַנדערש קען גאָרנישט זיין. זי האָט זיך נאָרגעוואונדערט, וואָס עפּיס אַזוי ווייניג מענשען העלפען-צו די פייערלעשער אין זייער אַרבייט.

אין דער גאַנצער געגענד האָט מען באַלד אָנגעהויבען צו רעדען וועגען דער העלדישקייט און אָפּפערוויליגקייט, וועלכע עס האָט אַרויסגעוויזען דאָס רוסישע מעדעל ביים לעשען די שרעקליכע שרפה. אין די ערשטע צייטען נאָך דעם פייער, איז דער נאָמען פון דעם מעדעל גישט אַראָבגעגאַנגען פון די ליפּען, פון די אַרומיגע איינוואוינער. פייגען אָבער און איהר מוטער

איז דאָס נחת און די פרייד געשטערט געוואָרען, ווייל פייגע האָט זיך פון דער שווערער ארבייט אין דער קאַלטער נאַכט פערקיהלט און איז ערנסט קראַנק געוואָרען.

די אַלטע טאַשקענטער פרוי צוזאַמען מיט דעם חתן זענען קודם-כל אַוועק צום לאָדזער רב. דער רב האָט שוין געהאַט געהערט פון די הצלחישקייטען, וועלכע עס האָט בעוויזען דאָס טאַשקענטער מיידעל, ביים לעשען די שריפה אויפ'ן „גאָשטשיני דוואָר“ האָט צוגעזאָגט צו טון אַלץ וואָס ער וועט קענען, כדי דאָס מיידעל זאָל געזונד ווערען.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט די צייט אויף ווען די חתונה איז בעשטימט געוואָרען און פייגע'ן איז געוואָרען וואָס אַמאָל ערגער און ערגער.

דער רב האָט בעשטעלט אַ נענוגענדע צאָהל דאָקטוירים, וועלכע זאָלען בעהאַנדלען די קראַנקע, יעדען טאָג זענען דאָרט געווען די דאָקטוירים באַמאַש, דאַנכין און קאָן, דער רב האָט אָבער אויך געהייסען מאַכען אַלע פאָרבערייטונגען צו דער חתונה.

צוויי טאָג פאַר דער חתונה האָבען די דאָקטוירים ערקלעהרט, אַז פייגע איז קראַנק אויף אַ טיפוס און וועגען דעם, אַז זי זאָל קענען אַרויסגעהען אין גאַס קען גאָר קיין רייד נישט זיין.

די טאַשקענטער פרוי האָט געהאַלטען אין איין ווייגען אויף דעם גרויסען אומגליק וואָס זי האָט געטראָפען, דער רב האָט זי בערוהיגט און האָט ווייטער געהייסען אָנגרייטען צו דער חתונה מכל-טוב, ער האָט געזאָגט דעם שמש, אַז ער זאָל זעהען, דאָס אין בערלינער-זאַל וואו די חתונה האָט געזאָלט פאָרקומען זאָל גאָרנישט פעהלען, דער שמש האָט אויך געדאַרפט אַכטונג געבען, אַז ס'זאָל זיין געגוג געסט פון די אָנגעזעהענסטע לאָדזער בעלי-בתיכם.

דער חתן איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צומישטער, ער האָט נישט פערשטאַנען וואָס דאָס אַלץ זאָל בעדייטען, פון איין זייט ווערען געמאַכט אַלע הכנות צו דער חתונה מיט זיין כלה און פון דער אַנדערער זייט איז זיין כלה ערנסט קראַנק און עס ווערט איהר אַלץ ערגער.

ס'איז אָנגעקומען דער חתונה-טאָג און דער רב האָט געהייסען פונאַנדערשיקען איינלאַדונגס-קאַרטען צו דער חתונה פון שמעון ק. פון לאָדז מיט פייגע ה. פון טאַשקענט, וועלכע קומט

פאָר אין בערלינער זאַל. דעם חתן האָט דער רב געהייסען אין טאָג פון דער חתונה פאַרנאַכט אין די בגדי-חתן צוזאַמען מיט זיין נאָהענטסטער פאַמיליע קומען צו זיך. אַזוי איז געווען, פון רב׳ס וואוינונג זענען די עטליכע מענשען אָפּגעפאָהרען אין דער וואוינונג פון דער כלה. דער רב האָט געהייסען אָנטון די כלה אין די חופה-מלבושים, און נעבען בעט איז פאָרגעקומען די חופּה צווישען שמעונ׳ען און פייגע, דאַן איז די כלה צוריקגעלעגט געוואָרען אין בעט אריין און דער רב מיט׳ן חתן זענען אַוועקגעפאָהרען אין בערלינער זאַל אויף דער חתונה-סעודה, דאָרט זענען שוין געווען פערזאַמעלט אַ היבש ביסעל געסט, וועלכע האָבען פון גאָרנישט געוואוסט און געוואַרט אויף דער כלה און אויף דעם חתן.

אין בערלינער זאל איז פאָרגעקומען די חתונת מיט אַלע פּיטשעווקעס. די מוזיק האָט געשפּילט, דער עולם האָט געטאַנצט, דערנאָך האָט מען דערלאנגט דאָס חתונה-מאָהלצייט און דער עולם האָט זיך געווײלט און געזונגען ביז׳ן ווייסען טאָג אריין, די גאנצע נאכט איז אויך אויף דער חתונה אָנוועזענד געווען דער לאָדזער רב.

פייגע׳ן איז אבער אנשטאָט בעסער צו ווערען געוואָרען אַלץ ערגער. דאָ האָט דער רב נישט גערוהט, גאנצע טעג האָט ער זיך נאָר אויסגעפרעגט אויפ׳ן געזונד-צושטאנד איהרען און אלץ אריינגעשיקט דאָקטוירים און געגעבען געלד פון זיין אייגענער טאַש, אז ס׳זאָל נישט פעהלען קיין פלעגע און אלץ וואָס מ׳דארף ביי א קראנקען, ערשט נאָך 2 וואָכען איז געקומען דער קריזיס און פייגע האָט אָנגעהויבען איינציגווייז געזונד צו ווערען און קומען צו זיך. אין עטליכע וואָכען ארום איז זי אינגאנצען געזונד געוואָרען און מ׳האָט זיך אנגעהויבען קלייבען אהיים.

דער יונגערמאן האָט לויט דער רעקאָמענדאציע פון רב געקויפט פאר׳ן גאַנצען נדן סחורות ביי מ. א. ווינער און איז אוועק מיט זיין פרוי און שוויגער קיין טאשקענט, דאָרט איז ער געוואָרען צוערשט א מיליטער-שניידער און דערנאָך א סוחר. אין צוויי יאהר שפּעטער האָט שוין שמעון ק. געהאט אַ היבש פערמעגען, ער האָט זיך שפּעטער געפיהרט גראד ווי דער טאשקענטער יודישער בעלעבער און מיט אלע מעגליכקייטען געהאָלפען מיט עצות און אפילו מאַטעריעל די יודישע זעלנער, וועלכע האָ-

פען געדינט אין טאשקענט. זיין הויז איז געווען אָפען פאר די דאָזיגע זעלנער און זיי זענען אהין טאַקי גערן געקומען און פארברענגט אלע צוזאמען אין א יודישער סביבה.

די יודישע זעלנער פון לאָדז, וועלכע זענען געשיקט געוואָרען קיין טאשקענט האָבען שטענדיג מיטבעקומען בריף פון לאָדזער רב צו שמעון ק. און דעמאָלט האָט שוין דעם דאָזיגען זעלנער גאָרנישט געפעהלט, אויס דאנקבארקייט צום רב האָט שמעון ק. דעם רב׳ס רעקאָמענדירטע אויסגעהאלטען מיט כל-טוב.

---

## ר׳ אליהו חיים און די לאָדזער אסימילאַטאָרען.

אין די ניינציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט און אין אָנהויב פון היינטיגען יאָהרהונדערט האָט עקזיסטירט אין גאַנץ רוסלאַנד און בעזונדערס אין קאָנגרעס-פוילען אַ בעוואוסטזיניגע אַסימילאַטאָרישע בעוועגונג.

די אַסימילאַטאָרען האָבען געגרינדעט פערשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס און אַזויערום געוואָלט, זייענדיג בעלי-טובות, איבערציהען אויף זייער זייט די יודישע בעפעלקערונג. די אַסימילאַטאָרען האָבען אויך געהאַט פערכאַפּט דעם גרעסטען טייל קהלות פון די גרעסטע שטעדט. זיי האָבען דאָס געפיהרט די יודישע קהלות לויט זייער איינזעהען און געשמאַק.

אויך אין לאָדז איז געווען דאָס זעלבע, אָבער מיט דעם אונטערשיד, וואָס די אַסימילאַטאָרען האָבען דאָ געהאַט אַ געפעהרליכען שונא אין דער פערזאָן פון דעם גרויסען אויטאָריטעט ר׳ אליהו חיים מייזעל. דער קאַמף צווישען די לאָדזער אַסימילאַטאָרען און דעם לאָדזער רב, הגם ער איז געווען אַ שטילער, איז ער דאָך געווען אַ פערביטערטער. די אַסימילאַטאָרען האָבען נישט געהאַט די חוצפה אָפען אַרויסצוטרעטען געגען דעם לאָדזער רב, ווייל צו פיל פאָפולער איז דער רב געווען ביי דער יודישער בעפעלקערונג, פון דער אַנדער זייט האָבען די אַסימילאַטאָרען נישט געוואָלט קאַפּיטולירען און ווייטער געפיהרט זייער אַרביים. זיי האָבען געהאַט דעם גרויסען פלוס מיט דעם, וואָס זיי זענען געווען די גבירים און די געלד-געבער און ביי יעדען מזל ווי דער לאָדזער רב האָט געדאַרפט אָנקומען צו זיי נאָך געלד אויף פערשידענע צדקה-צוועקען האָבען זיי פערלאַנגט געגען קאָנצעסיעס אין פערשידענע ענינים.

ר׳ אליהו חיים איז אָבער נישט געווען פון די מענטשן, וועלכע מ׳האָט געקענט באַאיינפלוסן אָדער צווינגען צו געהן געגען זיין ווילען, און נישט איינמאָל האָט זיך דער רב אָפּגעזאָגט פון פאַרשידענע גרויסע סומען אויף וואוילטעטיגע צוועקן און זיך זיי געשאַפען אויף אַנ׳אַנדערען אופן און נישט נאָכגעגעבען די פערלאַנגען פון די אַסימילאַטאָרען. בעזונדערס איז דער לאָדזער רב געווען זעהר שטרענג און נישט נאָכגיביג ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אויסמיידען אַ יודישען דין, דאָ האָט קיין שום זאַך נישט געהאָלפען און עס האָט געמוזט בלייבען אַזוי, ווי דער רב האָט געוואָלט.

אין יענע צייטען האָבען די לאָדזער אַסימילאַטאָרען אָנגעפיהרט אַ ברייטע אַקציע, וועלכע איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אין אַ פערביטערטען קאַמף, וועגען ערלויבען צו בעגראָבען „פּאָלאַקען פון משה-רבינו׳ס גלויבען" אין טרומנעס. זיי האָבען מאָטיווירט, אַז דאָס בעגראָבען לויט׳ן יודישען דין אין תכריכים און אָהן טרומנעס איז נישט עסטעטיש און מאַכט אַ שלעכטען איינדרוק אויף די בעגלייטער פון מת. פערשטעהט זיך, אַז די אַסימילאַטאָרען האָבען זיך דאָ אויך בענוצט מיט סאַניטאַרע מאָטיווען, זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז ס׳איז נישט היגיעניש מטהר צו זיין יעדען מת אויפ׳ן בית-עולם און מ׳דאַרף דעריבער ברענגען די מתים צוגעמאַכט אין די טרומנעס.

אויף דעם געביט האָבען די אַסימילאַטאָרען געטראַכט אָנצופיהרען דעם הויפט-קאַמף מיט׳ן לאָדזער רב, מיינענדיג אַז זייערע מאָטיווען וועלען בכּוח זיין צו איבערצייגען דעם רוב פון דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג און זי איבערציהען אויף זייער זייט.

אויף אַלע ווענדונגען צום לאָדזער רב, אַז ער זאָל ערלויבען מקבר צו זיין אין סרומנעס, האָט דער רב אַפילו נישט געוואָלט ענטפערען. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געוואָלט אַריינלאָזען אין דיסקוסיעס און חקירות וועגען דעם דערמאָהנטען ענין. דער איינציגער מאָטיוו פון רב איז געווען, אַז דאָס איז געגען יודישען דין און דעריבער זענען אַלע דיסקוסיעס איבריג.

איינמאָל איז אין לאָדז געשטאָרבען אַ פרוי פון אַנ׳אָנגעזעהענעם היגען גביר, אַנ׳אָנפיהרער פון די אַסימילאַטאָרען. דער מאַן פון דער פערשטאָרבענער האָט דעריבער בעשלאָסען נישט צו פרעגען ביי קיינעם און זיין פרוי מקבר צו זיין אין אַ טרומ-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0111-0219 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

נע. אַזוי האָט ער געטון. ער האָט בעשטעלט אַ טרומנע פאַר זיין פרוי, אַריינגעלעגט דעם מת אין דער היים און אַזוי איהם אַוועקגעפיהרט אויפ'ן בית־עולם. ס'איז געווען זעהר אַ גרויסע לויה. די גאַנצע „בעסערע" געזעלשאַפט איז זיך צוזאַמענגעקומען אויפ'ן בית־עולם. דער קאַנטאָר מיט'ן כאָר האָבען געזונגען די ענטשפּרעכענדע תּפילות און מ'איז צוגעטרעטען צו דער קבורה.

די מענשען פון בית־עולם האָבען דערווייל צווישען געגעבען דעם לאָדזער רב, וואָס ס'קומט פאַר אויפ'ן בית־עולם, אַז די אַסימילאַטאָרען האָבען בעשלאָסען, טראָץ דעם ווילען פון רב, מקבר צו זיין אין אַ טרומנע. דער רב איז תּיכף אַראָפּגעקומען צו פאָהרען אויפ'ן בית־עולם. די אַסימילאַטאָרען זענען שטאַרק איבעראַשט געוואָרען, דערזעהענדיג פּלוצלינג ר' אליהו חיים מייזעל. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דאָס שפּיצעל צו שטעלען דעם רב פאַר אַ געשעהענעם פאַקט וועט זיך זיי שוין נישט איינגעבען.

דער רב איז צוגעגאַנגען צום מאַן פון דער פערשטאָרבענער און געזאָגט:

— איך הייס, אַז מ'זאָל זיך נעהמען צו דער טהרה, אויב נישט וועט מען נישט בעגראָבען. דאָס הייסט, אַז איך וועל מיט געוואַלד נישט לאָזען מקבר צו זיין אַ מת. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז איהר וועט זיך מיין ווילען און מיין געגענוואַרט נישט אַקעגענשטעלען. דערלאָזט דעריבער נישט צו קיין בזיון המת. אויב איהר האָט אַכטונג צו אייער פערשטאָרבענער פרוי און הייסט טון איהם רעכט לויט'ן יודישען דין.

ס'איז געוואָרען שטיל און קיינער האָט זיך נישט אָנגערופען מיט קיין איין וואָרט. קיינער האָט זיך נישט אַקעגענגעשטעלט ווען די קברנים האָבען גענומען דעם מת און אַריינגעפיהרט אין טהרה־הויז. מ'האָט אויפגענעהמט תּכריכים און מקבר געווען די פערשטאָרבענע פרוי.

צומאָרגענס איז צום לאָדזער רב געקומען אַ דעלעגאַציע פון די לאָדזער אַסימילאַטאָרען, כדי צו ערלעדיגען דעם ענין. זיי האָבען דורכאויס פערלאַנגט, אַז דער רב זאָל זיי ערלויבען צו בעגראָבען זייערע מתים אין טרומנעס, אויב נישט האָבען זיי געדראָהט צו בויקאָטירען יעדע יודישע אַרבייט אין דער שטאָדט.

— שקצים, האָט דער רב אויסגעשריגען, איהר מיינט, אַז אייער געלד איז אויף אייביג, איך פרעג נאָך אייך נישט, אַרויס

Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

פון מיין שטוב און שטעלט מיר קיין שום בעדינגונגען נישט,
איך וויל מיט אייך נישט רעדען.

די דעלעגאַציע, וואָס איז בעשטאַנען פון עטליכע לאָדזער גבירים, איז אַ פערשעהמטע אַוועק פון׳ם רב, זיי האָבען געזעהען, אַז זייער קאַמף איז אַ נוצלאָזער און האָבען איהם אָפּגעשטעלט.

דער דאָזיגער דורכפאַל האָט אַריינגעברענגט אַ צורודערונג אין די רייהען פון די אַסימילאַטאָרען. ס׳זענען געווען צוויי לאַגערן, איינער, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז מ׳דאַרף נישט פיהרען קיין קאַמף מיט׳ן רב און אַ צווייטער, וועלכער איז געווען דערפאַר, דאָס דער קאַמף מוז געפיהרט ווערען ביז׳ן סוף. אין דעם אַסימילאַטאָרישען לאַגער האָט נישט געקענט קומען צו קיין הסכם און דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּאָלטען אַ גרופּע אונטערן אויסרייד, אַז זיי זענען פריידענקער. אין אמת׳ן זענען זיי דאָס נישט געווען, נאָר די האָבען זיך אַזאַ נאָמען געגעבען, כדי צו האָבען מאָטיווען ווייטער צו פיהרען דעם קאַמף מיט׳ן לאָדזער רב.

די ערשטע צייטען איז זייער אַרבייט געגאַנגען זעהר שטיל. זיי זענען געווען טעטיג אינערליך און זיך אָרגאַניזירט, דאַגעגען האָט מען אויף אויסען פון זיי גאַנץ ווייניג געהערט, ביז איינמאָל איז געשעהן אַ פאַל, ווי דער קאַמף איז אַרויס אין גאס און מיט איהם איז געווען פול די גאַנצע שטאָט.

אין לאָדז געשטאָרבען איינער פון די „פריידענקער". אַ געוויסער דאָקטאָר ק. אַן אייניקעם פון אַ היגען גרויסען גביר, אָבער אויך אַן אַסימילאַטאָר. פאַרן טויט האָט דר. ק. איבערגעלאָזען אַ צוואה, אַז מ׳זאָל איהם בעגראָבען לויט׳ן קריסטליכען צערעמאָניאַל, אַזוי אָבער ווי דר. ק. איז נישט געווען ג׳שמד׳ט האָט מען איהם דאָך געמוזט בעגראָבען אויפ׳ן יודישען בית עולם. ווי נאָר דר. ק. איז אָפּגעשטאָרבען איז זיך די ידיעה וועגען זיין „קלוגע" צוואה פונאַנדערגעגאַנגען אין דער גאַנצער שטאָט און מ׳האָט זי אָנגעהויבען פערשידענאַרטיג צו קאָמענטירען. אַ טייל האָבען געזאָגט, אַז דר. ק. איז יאָ גע׳שמדט, נאָר האָט דאָס נישט אויסגעזאָגט און געאַרבייט צווישען יודען און גענומען אַ טעטיגען אָנטייל ביי די אַסימילאַטאָרען, אַנדערע האָבען ווידער געהאַלטען, אַז דר. ק. איז גע׳שמד׳ט, אָבער עס זענען נישט אַדורכגעפיהרט געוואָרען די נויטיגע פאָרמאליטעטען און דעריבער וועט זיין שווער איהם צו בעגראָבען אויפ׳ן קריסטליכען בית-עולם לויט׳ן קריסטליכען צערעמאָניאַל.

מ׳האָט דעריבער געוואַרט, וואָס וועט זיין דער סוף די פריינד פון דר. ק. האָבן דערווייל צוגעגרייט אַלץ, כדי אויסצופיהרען די צואה פון פערשטאָרבענעם, דאָס הייסט איהם מקבר צו זיין לויט׳ן קריסטליכען צערעמאָניאַל. אין גאַלאַ-קליידונג און אין אַ טרומנע.

דער לאָדזער רב האָט זיך דערוואוסט דערפון און האָט פערשטאַנען, אַז ער וועט מוזען געגען זיין ווילען אַדורכפיהרען אַן׳אײנגענעהמען קאַמף, מיט די אַזוי-גערופענע פריידענקערס, וועלכע ווילען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַדורכברעכען די וואַנד, וועלכע עס האָט אויפגעשטעלט צווישען זיי און דער יודישער בעפעלקערונג דער לאָדזער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל.

דער רב האָט אַ טאָג פאַר דער קבורה אַהינגעשיקט צו די פריינד פון דר. ק. מיט אַ התראה, אַז זיי זאָלען זיך נישט דערוועגען צו מאַכען קיין נאַרישקייט און פרובען בעגראָבען דעם דר. ק. אויפ׳ן יודישען בית-עולם לויט אַ קריסטליכען צערעמאָניאַל.

— דאָס וועט זיך אייך ביי מיין לעבען נישט איינגעבען, האָט דער רב זיי געלאָזט זאָגען, איהר וועט נאָר אַריינטראָגען בחנמ׳דיג בייז בלוט און מחלוקת, וועלכע וועלען גאָרנישט זיין קיין כבוד פאַר׳ן מת. איך וועל מיך מיט אייך אין קיין שום חקירות אָדער דיסקוסיעס נישט אַריינלאָזען, נאָר איך זאָג אייך קאַטעגאָריש, אַז איך וועל דערצו נישט דערלאָזען.

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דר. ק. איז נישט געווען גע׳שמד׳ט, נאָר ער איז געווען אַ פערביסענער אַסימילאַטאָר און איז אין זיין פערביסענקייט דערגאַנגען ביז צו אַנטיסעמיטיזם, ער איז געווען אַ מענש אין די מיטעלע יאָהרען און פאַר׳ן טויט האָט ער נאָך געוואָלט אויספיהרען אַ נצחון און איבערגעלאָזען זיינע קרובים און פריינד די דערמאָנטע צואה.

ווען צו די קרובים איז אָנגעקומען די וואָרנונג פון רב, האָבען זיי אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טון. זיי האָבען פערשטאַנען, אַז אויב דער לאָדזער רב רעדט אין אַזאַ קאַטעגאָרישען טאָן וועט שוין גאָרנישט העלפען. אויסער בענוצען געוואַלד, צו אַזאַ שריט געגען רב האָבען זיי זיך אָבער נישט געקענט ענטשליסען. פון דער אַנדערער זייט איז די דאָזיגע אַריסטאָקראַטען פשוט געגאַנגען אין לעבען פינקטליך אויסצופיהרען די צואה פון פערשטאָרבענעם.

עס האָט זיך דעריבער אָנגעהויבן אַ סדרה אונטערהאַנדלונגען מיט׳ן לאָדזער רב. איין דעלעגאַציע איז אַרויס פֿון רב׳ס וואוינונג און די אַנדערע איז אַריין. דער רב האָט אויף קיין ש ם מאָטיווירונגען נישט געענטפֿערט מיט קיין לאַנגע רעדעס, נאָר מיט עטליכע ווערטער.

— איך וועל נישט ערלויבן!

די „פֿריידענקער״ זענען שוין אַפֿילו איינגעגאַנגען דערויף, אַז דער רב זאָל זיי ערלויבן נאָר דאָס איינציגע מאָל אויסצופֿיהרען די צואה פֿון זייער פֿריינד און מעהר וועלען זיי נישט קומען מיט אַזעלכע פֿאַרשלאַגען. דער רב איז אָבער געבליבען ביי ס׳זייניגע.

— איך וועל נישט ערלויבן!

צוליב די דאָזיגע אונטערהאַנדלונגען מיט׳ן רב האָט זיך די לויה פֿון דר. ק. פֿערשלעפּט אויף נאָך אַ טאָג אָבער דער רב האָט אַלץ נישט ערלויבט אַדורכצופֿיהרען די קריסטליכע צערעמאָניע אויפ׳ן יודישען בית-עולם.

ס׳איז שוין געוועזן אַ פֿערפֿאַלענע זאַך און די משפּחה פֿון דר. ק. האָבען אָנגעהויבען צו קלערען אַן אַנדער מיטעל ווי אַזוי אויסצופֿיהרען די צואה פֿון טויטען. זיי האָבען טאַקי איינגעאָרדענט אַלץ לויט דער קריסטליכער צערעמאָניע און האָבען בעשלאָסען דעם דר. מקבר צו זיין נישט אויפ׳ן יודישען בית-עולם. אַזוי ווי אויפ׳ן קריסטליכען בית-עולם האָבען זיי דאָס אויך נישט געקענט טון, ווייל דר. ק. איז נישט געוועזן גע׳שמד׳ט איז בעשלאָסען געוואָרען דעם מת מקבר צו זיין אין פֿאָלוואַרק פֿון שוועהר פֿון דר. ק., וועלכער האָט זיך געפֿונען הינטער אַנדזשעיעוו.

די ערלויבניש פֿון דער פּאָליציי האָט די רייכע פֿאַמיליע פֿון דר. ק. בעקומען פֿאַר געלד און די לויה איז טאַקי פֿון לאָדז פֿאַרגעקומען קיין אַנדזשעיעוו, וואו דר. ק. איז בעגראָבען געוואָרען לויט׳ן קריסטליכען צערעמאָניאַל אין דעם פֿאָלוואַרק פֿון זיין שוועהר.

# אַ שליחות אין מיטען סדר.

אין דעם דאָזיגען שווערען קאַמף מיט די אַסימילאַטאָרען האָט פערשטעהט זיך געזיגט דער לאָדזער רב. די אַסימילאַטאָרען האָבען נאָך זייער מפלה נישט געפרובט מעהר זיך צו פערמעסטען די כוחות און האָבען אָפּגעלאָזען דעם גאַנצען ענין. דער סכסוך האָט אָבער נישט געשטערט דעם רב, אַז ער זאָל שטענדיג דערמאָנען די גבירים וועגען זייער פליכט בנוגע דער אָרימער יודישער בעפעלקערונג ביי אונז אין שטאָט. ביי יעדע נייע צדקה-איינריכטונג, אָדער נויטווענדיגקייט אין געלד האָט דער רב פשוט געצוואונגען די גבירים צו געבען אַזוי פיל, וויפיל מ'האָט געדאַרפט. נישט לאַנג נאָך דעם דאָזיגען סכסוך האָט טאַקי דער רב באַלד געפאָדערט פון איינעם פון די אַסימילאַטאָרישע אָנפיהרער אַ פערהעלטענישמעסיג גרעסערע סומע געלד, וועלכע דער רב האָט אויף זיין אייגענע אחריות זיך געבאָרגט און מ'האָט זי געדאַרפט צו [illegible]

דאָס איז געווען, פאַר דער ערשטער סדר-נאַכט. דער רב, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט שוין געהאַט בעזאָרגט אַלע אינסטיטוציעס און אויך ווי יעדעס יאָהר איינגעאָרדענט די פסח-קוך, דאָס בעזאָרגען די יודישע אָרימע-לייט פאַר פסח האָט דער רב געהאַלטען פאַר איינע פון זיינע הייליגסטע פליכטען און האָט דאָס שטענדיג געטהון מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיגקייט און ליבע. קיין זאַך איז נישט געווען צו טייער און אַלץ איז איינגעאָרדענט געוואָרען אויפ'ן בעסטען אופן. אמת, דער רב האָט געהאַט פיל טרייע מיטאַרבייטער, אָבער די הויפט-אַרבייט און זאָרג איז דאָך געלעגען אויפ'ן רב און דעריבער, אַז ס'איז געקומען ערב פסח איז דער רב שוין געווען גענוג אָנגעשטרענגט און מיד.

אין דער סדר-נאַכט, וועגען וועלכער מיר דערצעהלען איז דער רב געקומען פון זיין פסח-קוך, אין וועלכער ער האָט בייגעוואוינט דעם סדר און אַליין אַכטונג געגעבען אויף דער פערטיילונג פון די מאכלים. ס'איז שוין געווען גענוג שפעט. דעם רב'ס בני-בית און די אורחים האָבען געוואַרט ביז'ן רב'ס צוריקקומען און אַלע האָבען זיך אַוועקגעזעצט אָפּריכטען דעם סדר. יוען דער עולם איז שוין געזעסען ביים סדר און געשמאַק געזאָגט די הגדה האָט מען פלוצלינג אָנגעקלאַפּט אין טיר. איידער מ'האָט נאָך געפרעגט ווער דאָרט קלאַפּט האָט זיך פון יענער זייט טיר געהערט אַ יודישע שטים.

— יאָ, דאָס איז אַ יודישער זעלנער, איך בין געקומען אין נאָמען פון מיינע חברים, וועלכע געפינען זיך אין דער קאַזאַרמע.

דער רב האָט געהייסען תיכף עפענען די טיר און אַריילאָזען דעם זעלנער. און ווירקליך איז אַריין געקומען אַ יודישער זעלנער אַ פּערסאָפּעטער, אַ דערשוויצטער און קוים געכאַפּט דעם אָטעם.

— איך האָב מיך אַרויסגענאַרט פון דער קאַזאַרמע האָט דער זעלנער אָנגעהויבען צו דערצעהלען, כדי אַהערצוקומען צום רב און איבערגעבען, אַז מ'האָט די יודישע זעלנער נישט אָפּגעלאָזען אויף פּסח און אונז קומט אויס צו עסען חמץ. מיר האָבען באַשלאָסען נישט צו עסען, ביז מיר וועלען וועגען דעם מודיע זיין דעם לאָדזער רב...

— פאַרוואָס האָט איהר מיר וועגען דעם נישט פריהער צו וויסען געגעבען, האָט אויסגעשריען דער רב.

— מיר האָבען דאָך נישט געוואוסט, האָט דער זעלנער זיך פּערענטפערט, אַז אין היינטיגען יאָהר וועט זיין אַנדערש ווי שטענדיג. יעדעס יאָהר זענען מיר באַפרייט געוואָרען און מיר זענען באַזאָרגט געוואָרען מיט עסען אויף גאַנץ יום-טוב. מיר האָבען געטראַכט, אַז אויך היי-יאָהר וועט זיין דאָסזעלבע, מיר האָבען געוואַרט ביז היינט שפּעט אין אָוונד, אָבער קיין שום באַפעהל וועגען באַפרייען אונז אויף יום-טוב איז נישט געקומען. אין אָוונד האָט מען אונז פון דער קאַזאַרמע שוין נישט אַרויסגעלאָזען און מיר האָבען נישט געהאַט קיין מעגליכקייט מיטצוטיילען וועגען דעם דעם רב, ערשט איצט איז מיר געלונגען זיך אַדורכצודרעהען דורך דער וואַך און אַהערצוקומען.

— וויפיל יודישע זעלנער זענט איהר אין דער קאַזאַרמע, האָט געפרעגט דער רב.

— אַכט און צוואַנציג האָט געענטפערט דער זעלנער.

דער רב האָט שוין מעהר גאָרנישט געפרעגט, געהייסען דעם זעלנער פערבלייבען אויפ'ן אָרט. ס'האָט אָפּגעזאָגט די הגדה ביז צום שלחן-ערוך און דער רב האָט קייגעם גאָרנישט געזאָגט אויסגעטון דעם קיטעל און איז אַוועק פון שטוב און געהייסען אויף זיך וואַרטען ביז ער וועט צוריקקומען.

ס'איז אַוועק אַ שעה, נאָך איינע און אַ דריטע און דער רב איז נאָך נישט געווען. מ'האָט נישט געוואוסט, וואו דער רב איז געגאַנגען און דעריבער האָבען איהם קיינער נישט געקענט זו-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0114-0225 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

כען. פליטים זענען אָנגעקומען אין רב׳ס וואוינונג 28 יודישע זעלנער און האָבען דערצעהלט, אַז אָט וואָס האָט מען זיי בע־פרייט פון דער קאַזארמע און מ׳האָט זיי געהייסען געהען צום לאָדזער רב. דער רב איז אָבער נאָך אַלץ נישט געווען. דאָס בני־בית איז שוין געוואָרען אונרוהיג, נאָר אין עטליכע מינוט אַרום איז געקומען דער רב און האָט געזאָגט, אַז די 28 יודישע זעלנער זאָלען געהען אין אַ יודישען רעסטאָראַן, וועלכען דער רב האָט אָנגעגעבען און דאָרט וועלען זיי בעקומען צו עסען דורך גאַנץ פסח. די זעלנער זענען אַוועק און דער רב האָט דערצעהלט, אַז ער האָט גלייך אינטערווענירט מ׳זאָל בעפרייען די יודישע זעלנער, הגם ער, דער רב, האָט נאָך פאַר פסח וועגען דעם עטליכע מאָל אינטערווענירט האָט מען אין פולק כלומר׳שט איננאַנצען דערפון פערגעסען. איצט האָט מען די זעלנער בעפרייט. אָבער דאָס איז נאָך געווען ווייניג, דער רב האָט נאָך געמוזט פערזאָרגען די 28 יודען מיט עסען. ער איז דעריבער גלייך אַוועק אין אַ רעסטאָ־ראַן און אַליין אַלץ בעזאָרגט, אַפילו געוואַרט ביז מ׳וועט אינ׳ם רעסטאָראַן צוגרייטען די ערשטע מאָהלצייט. דעמאָלט האָט זיך ערשט דער רב אַוועקגעזעצט רוהיג צום טיש און ווייטער פרעה־ליך פערענדיגט דעם סדר.

דער חשבון, וואָס דער רעסטאָראַטאָר האָט צוגעשטעלט שפעטער דעם רב פאַר די קאָסט פון די 28 יודישע זעלנער אי־בער גאַנץ יום־טוב האָט בעטראָפען אַ גאַנץ היבשע סומע.

דער רב האָט דעם דאָזיגען חשבון צוגעשיקט צו איינעם פון די היגע גבירים־אַסימילאַטאָרען, וועלכע האָבען ערשט נישט לאַנג געפיהרט אַזאַ פערביטערטען קאַמף מיט׳ן רב, יענער האָט זיך גאָרנישט וויסענדיג געמאַכט און דעם רעכענונג רעגולירט.

---

איינע פון די בעליבסטע אינסטיטוציעס פון לאָדזער רב, איז געווען די תלמוד־תורה, וועלכע דער רב האָט געגרינדעט באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין לאָדז און וועלכע טראָגט היינט דעם נאָמען פון ר׳ אליהו חיים.

דורך דער גאַנצער צייט ווען דער רב האָט געלעבט, האָט די תלמוד תורה נישט געוואוסט פון קיין פינאַנציעלע קריזיסען. דער רב האָט אַלץ בעזאָרגט און אַפילו זיינע נאָהענטסטע מיטאַר־



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0114-0226 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

בייטער אין דער ת״ת האָבען נישט געוואוסט פון וואַנען דער רב שאַפט זיך די מיטלען צו בעפרידיגען די בעדערפנישען פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע. און דער רב האָט אויף דעם געביט געהאַט געטרייע מיטאַרבייטער, ווי ר׳ יחיאל יצחק בערמאַן, וועלכער שטעהט נאָך עד-היום בראש צון דער ת״ת און נאָך אַנדערע.

אַ גרויסע צאָהל קינדער האָבען זיך געפינען דירעקט אונטער דער השגחה פון רב. זיי האָבען נישט געהאַט קיין עלטערען און זייער בעשיצער איז געווען דער לאָדזער רב. ר׳ אליהו חיים האָט די דאָזיגע קינדער בעזאָרגט מיט וואוינונג, עסען, קליידונג און ערציהונג. ער האָט אויך געזאָרגט פאַר זייערע ווייטערדיגע לעבענס-עקזיסטענץ און זיך בעשעפטיגט מיט זייער צוקונפט.

אין דער תלמוד-תורה האָט זיך צווישען די דאָזיגע קינדער געפינען אַ יונגעל, אַ זעהר פעהיגער. קיינער האָט נישט בעקענט זיין אָפּשטאַמונג, ווייל ער איז געווען פון די געפונענע קינדער, וועלכע זענען ערצויגען געוואָרען אויפ׳ן חשבון פון דער לאָדזער יודישער קהלה. דאָס קינד איז געווען זעהר פעהיג און האָט אַלעמען איבערראַשט מיט זיינע פאַרמשריטען אין לערנען און אין אַלעם צו וואָס דאָס יונגעל האָט זיך נאָר גענומען. ר׳ אליהו חיים האָט דאָס קינד שוין נישט אַרויסגעלאָזען פון אויג. ער האָט זיך בעמיהט, אַז דעם קינד זאָל גאָרנישט פעהלען, כדי עס זאָל האָבען די מעגליכקייט זיך פריי צו ענטוויקלען. דאָס קינד האָט פלייסיג געלערנט און פאַר איהם איז די ראַהמען פון דער ת״ת שוין געוואָרען צו ענג. דער רב האָט גענומען דאָס יונגעל און עס אַוועקגעשיקט אין דער לובלינער ישיבה ווייטער צו לערנען, אָבער אויך דאָרט האָט דער בחור באַלד בעקומען אַ נאָמען פון אַן עילוי און איז בעקאַנט געוואָרען אין דער גאַנצער געגענד.

ווי בעקאַנט זענען גבירישע חסידים, ווען זיי האָבען געהאַט אַ שידוך צו טון מיט אַ טאָכטער זענען זיי אַוועק אין אַ ישיבה, זיך אויסגעזוכט אַ גוטען בחור, געגעבען איהם עטליכע יאָהר קעסט און דערנאָך איהם צוגענוצט צום געשעפט.

אַזוי איז דאָס מאָל אויך געווען. אין ישיבה איז געקומען אַ אָנגעזעהענער גביר זיך אויסזוכען אַ חתן פאַר זיין טאָכטער. דעם ערשטען בחור, וועלכען מ׳האָט איהם רעקאָמענדירט איז געווען אונזער לאָדזער תלמוד-תורה-יונגעל. דער בחור איז דעם גביר אויך געפעלען געוואָרען און ער האָט אויסגעדריקט זיין הסכמה מיט איהם אַ שידוך צו טון. די איינציגע מניעה, און דאָס



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main
DFG

זעהר אַ גרויסע, איז געווען, וואָס דער בחור האָט קיין עלטערען נישט געהאַט. וואָלט ער געוואוסט, אַז די עלטערען זענען געשטאָרבען און דער בחור איז אַ קליינקינדיגער יתום, וואָלט דאָס נישט געווען קיין שטערונג, האָט דער מחותן זיך דערוואוסט, אַז דער בחור איז פון די געפונענע קינדער און דעריבער האָט ער זיך נישט געוואָלט „איינשמוצן" דעם יחוס.

דער בחור איז אָבער שטאַרק געפעלען געוואָרען צוליב זיין אָרענטליכקייט און עילוי׳שקייט.

דער ראש הישיבה, וועלכער האָט געוואוסט, אַז דער דערמאָהנטער בחור געפינט זיך אין דער ישיבה אונטער דער השגחה פון לאָדזער רב, האָט גלייך אַוועקגעשיקט אַ בריף צום רב, אין וועלכען ער האָט איבערגעגעבען דעם גאַנצען ענין.

דער רב האָט אַוועקגעשריבען אַ בריף צום מחותן און האָט איהם ערקלערט, אַז אמת די עלטערען פון בחור, וועלכען דער גביר וויל נעהמען פאַר אַ נ׳איידעם, זענען נישט באַקאַנט, אָבער איצט איז דער טאַטע פון דעם בחור דער לאָדזער רב אליהו חיים מייזעל. דער רב פרעגט דעריבער אָן צי דער יחוס געפעלט דעם מחותן און ער בעט אַ נ׳ענטפער. אין אַ וואָך שפעטער איז געקומען אַנ׳ענטפער, אַז דער גביר בעשטעהט אויפ׳ן שידוך. ס׳איז באַלד געווען תנאים און אין עטליכע חדשים אויך אַ חתונה. דער רב איז געווען אויף דער חתונה און האָט אליין מסדר-קידושין געווען.

דער יונגערמאַן איז דערנאָך געזעסען יומם ולילה און האָט געלערנט. נאָך אַ קורצער צייט האָט ער זיך גענומען צום שווערס געשעפטען, און פונקט אַזוי ווי זיינע פעהיגקייטען זענען געווען ביים לערנען, אַזוי האָבען זיי זיך אויך אַרויסגעוויזען אויפ׳ן געביט פון האַנדעל. דער יונגערמאַן האָט זיך גלייך אָריענטירט אין די גרויסע געשעפטען פון זיין שווער און זיי געפיהרט בעסער, ווי דער בעל-הבית אליין. די געשעפטען זענען טאַקי זעהר גוט אַוועק און דער יונגערמאַן איז געוואָרען אַ גרויסער גביר. ער האָט אָבער קיינמאָל אין זיין לעבען נישט פערגעסען אָן דעם, וואָס דער לאָדזער רב האָט פאַר איהם געטון, שטענדיג געשטאַנען מיט׳ן רב אין פערבינדונג און געשענקט גרויסע סומען אויף צדקה-צוועקען צו דער דיספּאָזיציע פון לאָדזער רב.

דער יונגערמאַן האָט זיך אויך פעראינטערעסירט מיט די קינדער פון רב׳ס תלמוד-תורה, אין וועלכער ער אליין האָט געלערנט און פיל פון זיי ווייטער געלאָזט לערנען אין ישיבות און אויך פערשידענע פאַכען

# דער משומד בלאָך און די גירושים אין רוסלאַנד.

דער לאָדזער רב האָט זיך נישט בעגנוגענט מיט דער אינערליכער אַרבייט אין לאָדז. זיין פערנעהם איז געווען פיל גרעסער און זיין רוהם איז געגאַנגען פיל ווייטער ווי אין די גרעניצען פון דער שטאָט. דער רב האָט זיך וואַרים אָנגערופען אויף יעדע אַלגעמיינע צרה, וואָס האָט געטראָפען דער יודישער בעפעלקערונג אין רוסלאַנד, בעת דער צאַרישער הערשאַפט.

אין יאָהר 1894 האָבען זיך שטאַרק פערגרעסערט די גזירות וועגען גירושים פון די יודען, וועלכע האָבען נישט געהאַט קיין וואוינרעכט אין רוסלאַנד. עס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען איין פעראָרדנונג נאָך דער אַנדערער וועגען אַרויסטרייבען די יודען פון רוסלאַנד אָהן שום ריקזיכט.

וואָס פאַר אַ גרויס אומגליק אַזאַ גירוש איז געווען פאַר די, וועלכע האָבען געדאַרפט אַרויסגעטריבען ווערען קען מען זיך בולט פאָרשטעלען: איבערלאָזען דאָס אויסגעאַרבייט האָב און גוטס און מיט ווייב און קינד פלוצלינג פערלאָזען אַנ'אָרט ווי מ'וואוינט שוין צעהנדליגער יאָהרען און אַוועק ערגיץ אין אַנדער אָרט און כאָטש נעהמען די טאָרבע אין האַנד און געהען בעטלען.

ווען די ערשטע פעראָרדנונגען וועגען די גירושים האָט זיך בעוויזען האָט שוין דער לאָדזער רב אָנגעהויבען צו זיין טעטיג אין דער הינזיכט פון אויפהאַלטען די פעראָרדנונג.

ער האָט זיך באַלד געשטעלט אין פערבינדונג מיט אָנגעזעהענע כלל-טוער אין רוסלאַנד, כדי צו געפינען אַנ'עצה די גזירות אָפּצושאַפען.

אין רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען שטאַרק בעריהמט דער אייגענטימער פון אַ גאַנצער נעץ אייזענבאַהנען אין רוסלאַנד, דער גע'שמדטער יוד בלאָך. בלאָך האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אין דער רעגירונג. הגם, בלאָך איז געווען גע'שמד'ט האָט ער זיך מיט אַלע מעגליכקייטען בעמיהט בשתיקה צו זיין נאָהענט צו יודען און ביי יעדער געלעגענהייט אויך געווען גרייט צו טאָן יודען אַ טובה. נישט איינמאָל האָט זיך בלאָך געהאַט געווענדעט צום לאָדזער רב מיט דער פראַגע, צי ער קען נישט מיט עפּעס דינען. בלאָך האָט געשריבען, אַז איהם איז בעוואוסט די גרויסקייט פון רב מייזעל, ער ווייס אַז דער לאָדזער רב איז איינער

פון די גרעסטע יודען אין רוסלאַנד און איז דעריבער גרייט אויסצופיהרען יעדען פערלאַנג פון רב.

ווען די גירושים אין יענער צייט האָבען זיך אַלץ מעהר פערשטאַרקט און ס'איז מאָמענטאַל, טראָץ דער אינטערווענץ פון די יודישע כלל-טוער נישט געווען קיין עצה זיי אָפּצושטעלען, האָט דער לאָדזער רב אויף זיין אייגענער אַחריות בעשלאָסען אויסצונוצען די גרייטקייט פון בלאָכ'ן צו טון עפּיס אַ טובה די יודען און דער רב האָט זיך געווענדעט צו בלאָכ'ן וועגען אַ בעגעגעניש. בלאָך האָט די דאָזיגע בעגעגעניש בעשטימט באַלד אויף צומאָרגענס.

בעת דער בעגעגעניש האָט דער רב זיך געווענדעט צו בלאָכ'ן.

— איך בין געצוואונגען איצט אויסצונוצען און אויסצופּרובען אייער גרייטקייט מיט עפּיס צו דינען דער יודישער בעפעלקערונג. איך פערלאַנג, אַז איהר זאָלט ווירקען, דאָס ס'זאָלען תיכף אָפּגעשטעלט ווערען די גזירות וועגען אַרויסטרייבען די יודען, וועלכע האָבען נישט קיין וואוינרעכט, פון די צענטראַל-גובערניעס אין רוסלאַנד.

— איהר זענט גערעכט רב, האָט בלאָך געזאָגט איך בין שטענדיג גרייט צו טון עפּיס פאַר יודען, און ספּעציעל פאַר אייך, צי איז אָבער נישט דאָס, וואָס איהר פערלאַנגט פון מיר געהערטער רב, אַ ביסעל צו פיל אויפ'ן ערשטען מאָל? איהר מוזט וויסען, אַז די פראַגע איז זעהר אַנ'ערנסטע, אַז פון דער אַנדערער זייט פון די אַנטיסעמיטען, ווירקען אויך איינפלוסרייכע קרייזען, כדי די פעראָרדנונג זאָל דוקא פּינקטליך און ענערגיש אויסגעפיהרט ווערען. כדי זיך אַקעגענצושטעלען דער דאָזיגער קליקע וועט מוזען אָנגעפיהרט ווערען אַ העפטיגער קאַמף. איך זאָג מיך נישט אָפּ אָנצונעהמען שריט אין דעם דאָזיגען ענין, אָבער איך קען אייך דאָס מאָל נישט פערזיכערען אינ'ם ערפאָלג פון מיין אַרבייט.

— צו קליינינקייטען וואָלט איך אייך נישט געדאַרפט, האָט דער רב געזאָגט, עס האַנדעלט זיך וועגען די עקזיסטענצען פון טויזענדער יודישע משפחות. אייערע איינפלוסען אין פעטערבורג זענען גרויס, און וועגען דעם ווערט פון אונזערע פעראָרדנונגס-אַרויסגעבער דאַרף איך אייך דאָך נישט דערצעהלען. ס'איז אויך אייך מוטל דעם דאָזיגען ענין צו ערלעדיגען.

בלאָכ׳ן איז שוין דאַמאָל געגאַנגען אין אַמביציע און נאָך דער בעגעגעניש פון רב האָט ער אָנגעהויבען אין פעטערבורג עפּיס צו טון. ס׳איז נישט אַדורך קיין וואָך צייט, ווי די גובערנאַטאָרען פון די פערשידענע גובערניעס האָבען בעקומען צירקולאַרען נישט אַזוי שטאַרק צו נעהמען אין אַכט די פעראָרדנונגען וועגען די גירושים. די אינטערווענצען פון בלאָכ׳ן האָבען געהאַט אַ פעולה. אַן אָפּשריפט פון אַזאַ צירקולאַר האָט בלאָך צוגעשיקט דעם לאָדזער רב אַלס בעוויז, אַז ער האָט די שליחות אויסגעפיהרט לויט׳ן פערלאַנג פון רב.

וויפיל דאָס האָט בלאָכ׳ן אָפּגעקאָסט מעגען זיך 50 לאָדזער יודען ווינשען צו פערמאָגען.

## אָפּגעראַטעוועט יודען פון א בלבול.

מיט לאַנגע יאָהרען צוריק האָט אויף דער אַלטשטאָט עקזיסטירט אַן׳אינסטיטוציע אונטער׳ן נאָמען „לינת אורחים”. אין דער דאָזיגער אינסטיטוציע האָבען געקענט איבערנעכטיגען אונבעמיטעלטע פרעמדע יודען, וועלכע האָבען זיך געפונען אין לאָדז. די, וועלכע האָבען דאָרט גענעכטיגט האָבען בעקומען אַ ריין געלעגער און האָבען נאָך בעקומען זוועגדברויטעל און פריהשטיקען.

אין איין זאַל פון דעם דאָזיגען „לינת אורחים” האָבען אין דער נאַכט, וועגען וועלכער מיר וועלען דאָ דערצעהלען, גענעכטיגט 7 יודען. פאַר׳ן שלאָפען געהען האָבען זיך די יודען דערצעהלט פערשידענע מעשיות, זיך געווינשען אַ גוטע נאַכט און איינגעשלאָפען. אין מיטען נאַכט כאַפּט זיך אויף איינער פון די יודען מיט אַ גרויס געוואַלד, אַז דער שכן, וואָס איז געשלאָפען געבען איהם איז געשטאָרבען. מ׳האָט אָנגעצונדען אַ לאָמפּ און ווירקליך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויף איינעם פון די בעטען ליגט אַ יוד פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג אַ טויטער.

מ׳האָט אָנגעהויבען נאָכצופרעגען וועגען די סיבות פון דעם פלוצלינגען טויט. דער אויפזעהער פון „לינת אורחים” האָט דערצעהלט, אַז דער געשטאָרבענער האָט דאָרט גענעכטיגט אין פערלויף פון דער לעצטער וואָך און האָט זיך בעקלאָגט, אַז ער ליידט אויף האַרצען. ס׳איז אַלזאָ וואַהרשיינליך, אַז דער יוד האָט בעקומען אין מיטען נאַכט אַ האַרץ-שלאַג און איז געשטאָרבען.

פון דערווייטענס איז אָבער געזעסן איינער פון די איבערנעכטיגער אַ הויכער יוד מיט אַ שפּיציג בערד׳על, זיך צוגעהערט צו דעם שמועס, וואָס איז געפיהרט געוואָרן און האָט זיך אָנגערופען מיט זיין באַסאָווער שטים:

— און איך זאָג, אַז דער יוד איז נישט געשטאָרבען פון זיין שום האַרץ־שלאַג אָדער אַנדער קראַנקהייט!

— נאָר פון וואָס דען? — האָבען אַלע נייגיריג געפרעגט.

— פון וואָס? — האָט דער הויכער אונבעקאַנטער יוד אַלעמען נאָכגעקרומט — מ׳האָט איהם פער׳סמ׳ט!

אַלע וואָס האָבען זיך געפונען אינ׳ם צימער זענען געבליבען שטעהן, ווי אַ דינער וואָלט אַריינגעשלאָגען.

— וואָס קוקט איהר מיך אַלע אָן ווי די קעלבער, — האָט ווייטער גערעדט דער הויכער יוד — יאָ, מ׳האָט איהם פער׳סמ׳ט און נישט נאָר בלויז דאָס, נאָר מ׳האָט איהם נאָך דערנאָך בערויבט, ווייל ווי מיר איז בעוואוסט, האָט דער פערשטאָרבענער יוד ביי זיך געהאַט אַ גרעסערע סומע געלד!

— אָבער ווער האָט דאָס געטון? — האָט דער אויפזעהער פון „לינת אורחים” מיט אונגעדולד געפרעגט, וואָס ציהט איהר פון אונז די נשמה אַרויס.

— איך ווייס עס גאַנץ גענוי. דאָס איז נישט איינער נאָר אַ גאַנצע גרופּע, און זיי געפינען זיך דאָ צווישען אונז!

די אָנוועזענדע האָבען זיך איבערגעקוקט איינער מיט׳ן אַנדערען, זיך געטראַכט, אַז ער איז אַ משוגענער, אָדער וואָס.

— כ׳בין נישט משוגע—האָט דער יוד נישט געלאָזט קיינעם קומען צום וואָרט — איך האָב אַליין געזעהען, ווי מ׳האָט ביינאַכט אַריינגעשיט אין טעפּיל וואַסער וואָס דער פערשטאָרבענער האָט זיך אָנידערגעשטעלט נעבען זיין בעט עפּיס אַ סם, דער יוד האָט דאָס אויסגעטרונקען און איז אָהן אַ קרעכץ אַפילו געשטאָרבען. די מערדער זענען שפּעטער צוגעגאַנגען און פון אונטער זיין קישען אַרויסגעצויגען זיין גאַנץ געלד און צוריקגעגאַנגען אויף זייערע געלעגערס. זיי האָבען מיר אויך געוואָלט מאַכען די זעלבע התונה, אָבער איך האָב מיך אַ ריהר געטון אויפ׳ן געלעגער און זיי האָבען פערשטאַנען, אַז איך שלאָף נישט. דאָך האָבען זיי מיר אַרויסגעצויגען פון קעשענע 20 רובעל, מיין לעצט ביסעל געלד, מיט וועלכען איך האַנדעל.

— אָבער ווייזט אָן אויף דעם מערדער צום טייוועל — האָט

אויסגעשריגען דער אויפזעהער — מיר מוזען דאָך עפּיס טון דערצו.

— איך וועל אייך דאָס נישט זאָגען, אויסער, אַז זיי וועלען זיך אַליין מודה זיין. איך וועל ערשט זאָגען אין דער פּאָליצײַ. דעם מת וועט מען פּאַלמעסען און מ'וועט זיך איבערצייגען, אַז איך זאָג דעם אמת.

די אָנוועזענדע זענען געוואָרען אויסער זיך. נאָך מעהר, אַז דער הויכער יוד האָט געדראָהט, דאָס ער וועט נישט וואַרטען ביז עס וועט טאָג ווערען, נאָר ער געהט תּיכּף אין דער פּאָליצײַ. דער אויפזעהער האָט נישט געוואָלט נעהמען אויף זיך אַזאַ ערנסטען ענין, ווי די דאָזיגע געהיימניספולע געשיכטע. דאָס פּאַלמעסען פון אַ יודישען מת א. אַ. וו. די איבריגע אָנוועזענדע האָבען זיך אָנגעהויבען אַרומצוקוקען אין זאַל און זוכען די מערדער. דאָס זענען אָבער אַלץ געווען עלטערע יודען, וועלכע האָבען גאַנץ אָפט גענעכטיגט אין „לינת אורחים", און וועלכע מ'האָט גאַנץ גוט געקענט.

דער אויפזעהער האָט פערשלאָסען די טירען פון „לינת אורחים" איבערגעגעבען די שליסלען זיינס אַ געהילף, איהם אָנגעזאָגט למען השם קיינעם פון דאַנען נישט אַרויסצולאָזען.

דער הויכער יוד האָט זיך געדרעהט הין און צוריק איבער'ן צימער און האָט גערעדט אַזוי ווי צו זיך: פאַר יודען דאַרף ווערט זיין 100 רובעל, אַז מ'זאָל אַ יוד נישט פּאַלמעסען. אויב מ'וועט מיר געבען הונדערט רובעל, וועל איך פון דעם גאַנצען ענין מאַכען אַ שווייג און דער יוד וועט קומען צו קבר ישראל. דער אויפזעהער האָט דערהערט אַזעלכע דיבורים האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס איז עפּיס נישט גלאַטיג, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט דעם געהילף זיינעם קיינעם פון דאַנען נישט אַרויסצולאָזען, און אַליין איז ער אַוועק אין מיטען נאַכט צום לאַדוער רב נאָך אַן עצה. קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין דער אויפזעהער איז געגאַנגען.

ס'איז שוין געווען זעהר שפּעט אין דערנאַכט ווען דער אויפזעהער פון „לינת אורחים" איז געקומען צום רב, אין רב'ס צימער איז אָבער געווען נאָך ליכטיג, ווייל דער רב איז געזעסען און געלערנט.

דער אויפזעהער האָט איבערגעגעבען דעם רב די אויס-

טערלישע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט אין „לינת-אורחים".

— איך וויל אויף מיין אייגענער אחריות גאָרנישט טון, — האָט געזאָגט דער אויפזעהער, — איך בעט בײַ אייך אַן עצה, וואָס ווייטער אונטערצונעהמען.

— איהר האָט זעהר גוט געטון, האָט געזאָגט דער רב, וואָס איהר האָט אַנגעזאָגט קיינעם פון לאָקאַל נישט אַרויסצולאָזען. דער ענין געפעהלט מיר נישט. איך בין חושד, אַז דאָ קומט פאָר אַ פרוב פון אַ שאַנטאַזש מצד דעם פערשוין, וועגען וועלכען איהר דערצעהלט מיר. מ'טאָר איהם אָבער נישט דערלאָזען זיין פּלאַן אויסצופיהרען. אָבער איצט האָט דער רב ווייטער געזאָגט. געהט צוריק אין „לינת-אורחים" און שיקט מיר אַ הער דעם בעל-דבר מיט אַלע איבעריגע יודען, וועלכע האָבען גענעכטיגט אין'ם צימער, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער טראַגישער פאַרפאַל. כדי צו געווינען דעם צוטרוי פון'ם בעל-דבר נעהמט 20 רובל און גיט זיי איהם. זאָגט איהם, אַז דאָס זענען כלומרשט די 20 רובל, וואָס מ'האָט בײַ איהם אַרויסגעצויגען פון טאַש. ווייטער זאָגט איהם, אַז איך רוף איהם אַ הער, כדי די יודען דאָ אויסצוגלייכען. איך וועל מיך שוין בעמיהען דאָ אַלץ אין אָרדנונג צו ברענגען. אייער אויפגאַבע איז אָבער באַלד אינדערפריה צו רופען אַ מנין יודען און ברענגען דעם פערשטאַרבענעם צו קבר ישראל. נאָך דער לויה זאָלט איהר קומען צו מיר.

דער אויפזעהער איז אַוועק, צוזאָגענדיג אַלץ צו ערלעדיגען אַזוי ווי דער רב האָט געהייסען, ווען דער אויפזעהער איז צוריקגעקומען אין „לינת-אורחים" האָט ער דאָרט נאָך אַלץ געטראָפען אַזוי ווי ער האָט דאָס צימער פערלאָזען, די יודען זענען געזעסען טרויעריגע און נישט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר. בײַ קיינעם האָט זיך נישט געקענט לעגען אויפ'ן געדאַנק, אַז זיין נאָהענטסטער חבר זאָל האָבען בעגאַנגען אַ שרעקליכען מאָרד. דער הויכער יוד האָט זיך ווייטער געדרעהט הין און צוריק איבער'ן צימער און געשוויגען.

דער אויפזעהער איז צוגעגאַנגען צום הויכען יוד און מיט איהם עפּיס גערעדט, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו די איבעריגע יודען און מיט זיי זיך דורכגעשמועסט. צום סוף האָט ער זיך אָנגערופען אויפ'ן קול:

— מיר איז געלונגען זיך צו דערוויסען ווער ס'האָט אייערע 20 רובל, וואָס מ'האָט בײַ אייך היינטיגע נאַכט צוגענומען

פון טאָש. וואָס שייך דעם מאָרד פון דעם יודען קען איך גאָרנישט דערגעהן. איך האָב דעריבער דעם איינציגען אויסוועג, אַז איהר זאָלט אַוועק צו לאָדזער רב און דאָרט זאָל דער ענין איינגאַנצען אויפגעלעזט ווערען.

דער היכער יוד האָט צוגענומען די 20 רובל און אַרײַנגעלעגט זיי אין קעשענע און געזאָגט:

— וואָס טויג מיר אַ רב, איך וועל געהן אין דער פּאָליציי און דערצעהלען די געשיכטע.

דער אויפזעהער האָט אָבער דעם יוד געגעבען אָנצוהערען, דאָס ער קען ביי דעם ענין גוט פערדינען און געווינען זיין הסכמה צו געהען צום רב. די איבעריגע יודען האָט דער אויפזעהער אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען אויפ׳ן וועג אַכטונג געבען, אַז דער בעל-דבר זאָל זיך נישט אַרויסגליטשען פון זייערע הענד און זיי זאָלען איהם אונבעדינגט ברענגען צום רב.

דער לאָדזער רב האָט שוין געוואַרט ביים פענסטער אויפ׳ן אָנקומען פון דער עקספּעדיציע, ווען אַלע זענען אַרײַנגעקומען אין צימער האָט דער רב זיך אָנגעהויבען בייזערען אויפ׳ן קול:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חוצפה אין מיטען דער נאַכט צו מאַכען אַוואַנטורעס. אַ יוד איז געשטאָרבען צווישען אייך און איהר רייסט אייך אַרום, אָבער זאָל מען הערען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

דער היכער יוד האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען אַלע „פּרטים" פונ׳ם מאָרד, וועלכע ער האָט פּלומרשט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען.

יעדער איינציגער פון די יודען האָט אָבער געשוואוירען כל-השבועות, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט צו זאָגען. דער רב, פאַר וועלכען ס׳איז לכתחילה געווען קלאָהר, אַז מ׳האָט דאָ צו טון מיט אַ שאַנטאַזש, האָט דאָך די „דין-תורה" געפיהרט ביז ס׳איז שוין געוואָרען גרויסער טאָג.

פלוצלינג האָט זיך געעפענט די טיר און ס׳איז אַרײַנגעקומען דער אויפזעהער, וועלכער האָט געגעבען אַ וואונק צום רב, אַז ס׳איז שוין נאָך דער לויה.

דעמאָלט האָט דער רב געזאָגט, אַז ער פערשטעהט שוין דעם גאַנצען ענין און ער וועט באַלד אַרויסגעבען אַ פּסק. און צום אויפזעהער האָט דער רב הויך געזאָגט.

— אַלזאָ, די לויה איז שוין פאָרגעקומען, ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דער יוד איז געשטאָרבען פון אַ הארץ-

שלאָג. מיין פסק דעריבער איז, אַז מ'זאָל דעם יוד, וועלכער האָט געוואָלט מאַכען אַ שרעקליכען בלבול אויף עטליכע יודען און אַזוי־אַרום געוואָלט פון זיי אויספרעסען געלד, אפפיהרען אין דער פּאָליציי, כדי ער זאָל בעקומען זיין שכר.

דער הויכער יוד איז געוואָרען בלאַס ווי קאַלך און אָנגעהויבען ציטערען ווי אַ בלאַט. אויף אַזאַ מפלה האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל אָנהויבען צו טון.

— אָבער איך האָב דאָך געמאַכט חוזק, האָט ער אָנגעהויבען צו שטאַמלען, איך האָב גאָרנישט געמיינט ערנסט.

דער רב האָט איהם נישט געלאָזט ווייטער רעדען, געהייסען זיך צוריקגעבען די 20 רובל, וואָס דער אויסוואורף האָט צוגענומען און געצוואונגען איהם זיך מודה זיין דורך אַן אונטערשריפט, אַז די גאַנצע מעשה איז לא היה ולא נברא, און אַז ער האָט געוואָלט נאָר אויספרעסען געלד פון די יודען.

— דעם דאָקומענט האָט דער רב געזאָגט וועל איך האַלטען ביי מיר. אויב איהר וועט נאָך פּרובען איין מאָל אין לעבען צו מאַכען עפעס אַ שווינדעל אָדער עפיס עהנליכעס וועט דער דאָקומענט ווי געהעריג אויסגענוצט ווערען, און איצט אַרויס פון מיין שטוב!

---

## קליינע עפּיזאָדען און גלייכווערטלעך פון לאָדזער רב.

יעדעס מאָל, ווען דער לאָדזער רב איז געגאַנגען אין מקוה און זיך מיטגענומען וועש האָט ער זיי קיינמאָל נישט צוריקגעברענגט, ער האָט זי שטענדיג אַוועקגעגעבען אָרימע־לייט.

די רביצין האָט שטענדיג געהאַט טענות צום רב, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, דער רב האָט זיך ווייטער אַזוי געפיהרט און קיינמאָל נישט צוריקגעברענגט די וועש.

* * *

דער רב האָט שטענדיג אַוועקגעגעבען זיין לעצטען גראָשען און זיך אפילו נישט געלאָזט אויף שבת. און דאָס איז נישט געווען קיין זעלטענע ערשיינונג, גאָר ס'האָט זיך געטראָפען גאַנץ אָפט. אייגמאָל איז אין אַ פרייטאָג פריה געקומען צום רב אַ יוד, מיט אַ ביטער האַרץ וועגען אַ קראַנקע פרוי, קליינע עלענדע קינדערלעך, הונגער און נויט. דער רב האָט זיך גאָרנישט אָפּגעשטעלט האָט אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלד, וואָס ער האָט גע-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0119-0236 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

האָט ביי זיך און עס איבערנעמען דעם אָרימאַן, ערשט נאָכדעם האָט זיך דער רב אַרומגעזעהן, אַז ער אַליין האָט נישט אויף שבת און נישט נאָר אויף שבת, נאָר אפילו נישט אויף ליכט. שוין שפּעט פאַרנאַכט האָט זיך דער רב געמוזט באָרגען עטליכע קאָפּיקעס צו קויפען שבת ליכט.

* * *

צום רב איז גאַנץ אָפט אַריינגעקומען כאַפּען אַ שמועס דער לאָדזער אָנגעזעהענער דאָקטאָר קראַטאָווסקי. דאָקטאָר קראַטאָווסקי האָט זעהר גערן געהאַט צו שמועסען מיט׳ן לאָדזער רב וועגן פערשידענע ענינים. איינמאָל זענען געזעסען ביי אַ אינטימען שמועס דער רב, דאָקטאָר קראַטאָווסקי און ר׳ ראובן קאַרפּ. אין מיטען שמועס האָט דער דאָקטאָר קראַטאָווסקי זיך אָנגערופען צום רב:

— רבי איהר זענט דאָך שוין קיין עין הרע אַ יוד אין די יאָהרען און איהר זעהט נאָך זעהר גוט אויס, איהר האָט נישט קיין איין קנייטשעל אויפ׳ן פּנים, פאַר מיר איז עס פּשוט אַ וואונדער.

— איהר זענט דאָך אַ דאָקטאָר, האָט געזאָגט דער רב און איהר וואָלט דאָך דאָס אייגענטליך געדאַרפט צו וויסען.

— ס׳איז נישט פערהאַן אַזאַ געזעץ אין דער מעדיצין, לויט וועלכען מ׳וואָלט געקענט דאָס אויפקלערן.

— אויב אַזוי האָט דער רב געזאָגט, וועל איך אייך אויסזאָגען דעם סוד, פאַרוואָס איך האָב נישט קיין קנייטשען אויפ׳ן פּנים. די מעשה דערפון איז אַזאַ, ווען אַ מענש איז אין דער יוגענד אַ זולל וסובא בעקומט ער אויף זיך אַ סך פלייש, שפּעטער אָבער ווען דער מענש ווערט עלטער און דאָס פלייש פון איהם פאַלט אָפּ בלייבט נאָר די הויט און דעריבער מאַכען זיך קנייטשען. איך בין קיינמאָל אין מיין לעבען, האָט דער רב געענדיגט נישט געווען קיין זולל וסובא און דעריבער האָב איך נישט קיין קנייטשען אויפ׳ן פּנים.

* * *

צום רב איז אַמאָל געקומען אַן אָרימע פרוי מיט אַ שאלה אויף אַ הינדעל. אין ערשטען אויגענבליק האָט שוין דער רב געזעהן, אַז די שאלה איז טריפה. דער רב האָט אָבער אָנגעהויבען צו זוכען אין פערשידענע ספרים, כדי אויסצוזוכען עפּיס אַ מיטעל, ווי אַזוי כשר צו מאַכען די שאלה. טראָץ אַלע בעמיהונ-



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

גען פון רב האָט זיך דאָס איהם נישט איינגעגעבען. דער רב האָט אויסגענומען אַ רובעל פון טאַש, איבערגעגעבען דעם רובעל מיט דער הוהן דער יודענע און געזאָגט: די שאלה איז טריף.

* * *

דער רב איז אַ מאָל געגאַנגען אין גאַס און האָט בעמערקט אַ קליין יונגעלע שטייט געבען אַ טויער און וויינט שטאַרק. דער רב איז צוגעגאַנגען צו דעם וויינענדען קינד און געפרעגט:

— וואָס וויינסטו אַזוי, יונגעלע?

— איך ווייס נישט, וואו מיין מאַמעשי איז, האָט דאָס קינד נאָך שטאַרקער געוויינט.

מ'האָט זיך אָנגעהויבען נאָכפרעגען אומעטום, צי עמ'יז קען נישט דאָס קינד, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט ווער דאָס איז. ס'איז דעריבער געווען קלאָהר, אַז דאָס קינד האָט זיך פערבלאָנדזשעט. דער רב האָט גענומען דאָס קינד פאַר דעם הענטעל און עס אָנגעהויבען אָפצופיהרען צו זיך אַהיים.

אַ היגער אָנגעזעהענער געזעלשאַפטליכער טוער, וועלכער איז געווען צוזאַמען מיט'ן רב און זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אין עפּיס אַ שליחות האָט געזאָגט צום רב:

— גיט עמיצען דאָס קינד און זאָל ער דאָס אָפּפיהרען צו אייך אַהיים. מיר וועלען דערוויילּ געהען וואוהין מיר דאַרפען.

אויף דעם האָט דער רב געזאָגט: אַ נאַר ווייזט מען נישט קיין האַלבע אַרבייט, אָבער אַ נאַר טוט אַ האַלבע אַרבייט. איך מוז מיין מצוה טון אינגאַנצען.

מיט די ווערטער האָט דער רב גענומען דאָס קינד אַהיים־געפיהרט צו זיך אַהיים און איבערגעגעבען אין די זיכערע הענד פון דער רביצין.

די אָנפיהרער פון דער לאָדזער יודישער קהלה זענען דע־מאָלט געווען: י. ק. פּאַזנאַנסקי, הערמאַן קאָנשטאַט, ווילהעלם גינזבורג, מ. זילבערשטיין, ביעלשאָווסקי, מענדעל שלאָסבערג, א. א. ס'פערשטעהט זיך, אַז אין די קהלה האָט דעם טעטיגסטען אַנטייל גענומען דער לאָדזער רב. אין דער דעמאָלסדיגער צייט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען קויפען ערד אויף אַ נייעם בית־החיים, וויילּ אויפ'ן אַלטען בית־החיים אויף וועסאָלאַ גאַס האָט דאָס אָרט שוין געהאַלטען ביים ענדיגען זיך.

די לאָדזער יודישע קהלה איז דעמאָלס נישט געווען אַזוי רייך, דאָס זי זאָל קענען איינקויפען פאַר די מיטלען פון דער

קהלה אַזעלכע גרויסע שטחים לאַנד, ווי ס׳האָט זיך גענויטיגט פאַר אַ יודישען בית-החיים, נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג אין לאָדז, בעת די שטאָט האָט זיך גע-האַלטען אין ענטוויקלען.

דער לאָדזער רב, וועלכער איז אָנוועזענד געווען אויף אַלע זיצונגען וואָס זענען פאָרגעקומען וועגען קויפען לאַנד אויף אַ בית-עולם און וועגען דעם אופן ווי אַזוי דעם בית-עולם איינ-צואָרדנען, האָט זיך ענערגיש אַקעגענגעשטעלט געגען יעדען פרוב פון די דאָזאָרעס צו וועלען יוצא זיין מיט אַ שטיקעל לאַנד און פראָוויזאַריש דעם בית-עולם איינצואָרדנען.

— מיר האָבען נישט קיין מיטלען אַלץ אַזוי צו מאַכען ווי דער רב פערלאַנגט, האָבען די דאָזאָרעס געטענה׳ט.

— אדרבא, גיט מיר אין דיספּאָזיציע דאָס געלד פון די לאָדזער גבירים, האָט דער רב געענטפערט, און איך וועל מאַכען אַלץ נאָך בעסער ווי איך האָב אייך פאָרגעלעגט און ס׳וועט נאָך צפיס רעשט בלייבען.

נאָך לאַנגען נאָכטראַכטעניש איז בעשלאָסען געוואָרען צו קויפען אַ גרויס שטח-לאַנד, וועלכעס האָט זיך געצויגען פון דער בזשעזשינער גאַס ביז צום איצטיגען פאַרק יוליאַנאָוו. די פליכ-טען פאַר די חובות, וואָס די קהלה האָט געמאַכט ביי דעם דאָ-זיגען קויף, האָבען אויף זיך גענומען די גבירישע דאָזאָרעס פון דער קהלה. דאָס גיט יוליאַנאָוו אַליין האָט געהערט צו איינעם פון די גרעסטע גבירים אין דער דעמאָלסטיגער צייט אין לאָדז — באַראָן היינצעל. היינצעל האָט דעמאָלס געהאַט אַ שם פאַר איינעם פון די רעיעלסטע און גרעסטע עשירים אין אונזער שטאָט.

היינצלען האָט נישט געשמעקט, אַז אין שכינות פון זיין גוט און פאַרק וועט זיך געפונען אַ בית-עולם און נאָך דערצו אַ יודישער און ער האָט אַלץ געטון, כדי נישט צו דערלאָזען, דאָס די יודישע קהלה זאָל קומען אין בעזיץ פון די שכנות׳דיגער גע-גענד. היינצעל, וועלכער האָט אַליין געוואָלט אפקויפען דעם דאָזיגען שטח לאַנד, האָט זיך אָבער דערפון זעהר שפעט דער-וויסט אין דער רעיענטאַלער אַקט צווישען דער יודישער קהלה און די אייגענטימער פון דעם לאַנד איז שוין געווען געשלאָסען.

היינצעל האָט אָבער אָנגעהויבען צו געהען מיט אנדערע וועגען, כדי „זיך צו זיכערען די רוהה”, ווי ער האָט זיך אויסגע-

דריקט. באַלד נאָכ'ן קויף איז ער פּערזענליך אַוועק צום לאָדזער רב און איהם געזאָגט:

ה' ראַבינער, איך זאָג אייך אָפען, אַז מיר געהט עס דערין, דאָס דער יודישער בית-עולם זאָל אין דער צוקונפט נישט זיין נעבען מיין פּאַרק און גוט. איך וועל מיך לאָזען קאָסטען פיל געלד, כּדי צו געפינען עפּיס אַנ'עצה ווי אַזוי דעם ענין צו ענדערען.

-- איהר קלעהרט אַזוי שטאַרק פאַר דער צוקונפט, האָט דער רב געזאָגט, קען דען אַ מענש וויסען ווי אַזוי זיין צוקונפט וועט אויסזעהן? איבעריגענס, געהט אונז יודען נישט דוקא אין דעם כּבוד צו האָבען אונזער בית - עולם אין שכינות מיט דעם פּאַרק פון באַראָן היינצעל. ווען איהר ה' באַראָן, וועט מאַכען אַנ'אנגעהמבאַרע פּראָפּאָזיציע, וועלען מיר קומען צו אַ פערשטענ-דיגונג.

באַראָן היינצעל האָט פאָרגעלעגט, אַז ער וועט קויפען פאַר דעם בית-עולם דאָס לאַנד, וואָס ליגט ווייטער אויף בזשע-זשינער גאַס און דערפאר זאָל איהם די יודישע קהלה אָפּטרעטען דאָס געביט נאָהענט צו זיין פּאַרק. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז דער רב געקומען צו אַ פערשטענדיגונג מיט היינצעל'ן. ס'איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז די קהלה האָט דערביי נישט געמאַכט קיין שלעכט געשעפט און דעם רב'ס פערלאַנג, אַז דער נייער יודישער בית-עולם זאָל איינגעאָרדענט ווערען ווי ס'געהער צו זיין, ווי ס'פּאַסט פאַר אַזא גרויסע יודישע קהלה לאָדז, האָט אָנ-געהויבען מקוים צו ווערען.

דער רב האָט גאָרנישט געלאָזט אין דער לאַנגער באַנק. קודם-כּל האָט ער די דאָזאָרעס נישט געלאָזט לעבען, אַז זיי זאָ-לען זיך שלעפען געלד און אַדור-שניידען גאַסען, מאַכען אַלעיען און ברענגען דאָס ווילדע לאַנד אין דער בעסטער אָרדנונג. אַלץ וואָס מיר זעהען היינט אויפ'ן בית-עולם איז דער אויפטו פון לאָדזער רב ר' אליהו חיים. נאָך זיין פּטירה איז דאָרט כּמעט ווי גאָרנישט געמאַכט געוואָרען. להיפוך, ס'איז נאָך פערנאַכלעסיגט געוואָרען די שוהל, וואָס געפינט זיך דאָרט און נאָך אַנדערע זאַכען.

ווענדאָס לאַנד איז שוין געבראַנגט געוואָרען אין אָרדנונג, האָט דער רב די גבירים נאָך אַלץ נישט אָפּגעלאָזען און פון זיי פער-לאַנגט, אַז זיי זאָלען אויסשטעלען אַלע נעבען-געביידעס, וואָס

זענען גויטיג אויפ׳ן בית-עולם. אַזוי האָט דער רב בעוואויגען דעם נדבן הערמאַן קאָנשטאַט, אַז ער זאָל פון זיין אייגענע מיטלען אויסבויען אַ טהרה-הויז. הערמאַן קאָנשטאַט האָט דאָס געטון און אויפגעשטעלט אַ מאָדערן טהרה-הויז. אַנדערע גבירים ווידער האָט דער רב בעוואויגען אויסצובויען אַנדערע בנינים און אַזוי איז לויט דער אַרבייט און איניציאַטיוו פון רב, דער בית-עולם בעקומען דעם אויסזעהן, ווי ער האָט היינט.

די איצטיגע לאָדזער יודישע קהלה האָט אַפילו ביז איצט נישט געפונען פאַר נויטיג צו שטעלען אַ מצבה דעם לאָדזער רב ר׳ אליהו חיים מייזעל אויף זיין אייגענעם בית-עולם.

ווען שובאַלאָוו איז בעשטימט געוואָרען אַלס וואַרשאָווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, האָט ער געמאַכט אַנ׳אינספעקציע-רייזע איבער דער גענעראַל-גובערנאַטאָרסטוואָ. נאַטירליך איז דער ערשטער בעזוך געווען אין דער גרעסטער שטאָט לאָדז חגם אונזער שטאָט איז נישט געווען קיין גובערנסקע שטאָט.

שובאַלאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געקומען פון אויסלאַנד האָט נישט געהאַט קיין אַהנונג וועגען די אַנגעזעהענע און בעריהמטע פערזענליכקייטען אויף דעם געביט פון זיין רעגירען.

אין לאָדז זענען געמאַכט געוואָרען פאַר שובאַלאָוו׳ן גרויסע פאַראַדען, די גאַנצע בעפעלקערונג האָט זיך געגרייט פריינדליך אויפצונעהמען דעם נייעם גענעראַל-גובערנאַטאָר. אויך די יודישע בעפעלקערונג אין דער פערזאָן פון לאָדזער רב, איז איינגעלאַדען געוואָרען אַנטיילצונעהמען אין דער פייערונג. ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז שובאַלאָוו׳ן זאָל בעגעגענען דער לאָדזער רב, דער קאַלישער רב און דער פאָדעמביצער רב ר׳ אברהם׳טשע פערלמוטער.

ר׳ אברהם׳טשע פערלמוטער איז געווען אַ זוהן פון ר׳ לייזערקע חזן, ר׳ לייזערקע איז געווען זעהר בעריהמט אין לאָדז אַלס אויסגעצייכענטער מוזיקער און חזן, איין זוהן פון ר׳ לייזערקע ר׳ שמחה איז געווען חזן אין לאָדז און דער צווייטער ר׳ אברהם׳טע איז געווען רב אין פאָדעמביץ.

אַלזאָ, די דערמאָהנטע דריי רבנים האָבען געזאָלט אין נאָמען פון דער יודישער בעפעלקערונג בעגעגענען דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר שובאַלאָוו.

דער פאַראַד איז פאָרגעקומען אויף דער ניי-שטאָט, וואו

ס׳זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע פאָרשטעהער פון די פערשידענע אינסטיטוציעס, מיליטער - און פאָליציייאישע מאַכט.

די רבנים האָבען בעקומען אויפ׳ן פלאַץ פון דער פייערונג אַ בכבוד׳יג אָרט און אַלע האָבען געוואַרט אויפ׳ן אָנקומען פון גענעראל - גובערנאַטאָר.

ר׳ נאָך עטליכע מינוט וואַרטען איז אָנגעקומען דער גענעראַל-שיבאַלאָוו אין דער בעגלייטונג פון פיעטריקאָווער גובערנאַטאָר, לאָדזער פאָליציי-מייסטער און אַנדערע הויכע פערזענליכקייטען.

דער גענעראַל-גובערנאַטאָר איז אַדורכגעגאַנגען דורך אַלע דעלעגאַציעס, מיט אַלע געשמועסט און געענטפערט אויף די בעגריסונגען. נאָך אַ גאַנצער רייה דעלעגאַציעס איז שובאַלאָוו אויך צוגעקומען צו דער יודישער דעלעגאַציע. ווי נאָר ער איז נאָהענט צוגעגאַנגען צו די רבנים, האָט ר׳ אברהמטשע פערלמוטער אויפגעהויבען זיין האַנד, געבענשט דעם גובערנאַטאָר און איהם בעגריסט אין נאָמען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

שובאַלאָוו האָט זיך בעגריסט מיט ר׳ אברמטשע פערלמוטער, מיט איהם געשמועסט עטליכע מינוט, געדאַנקט פאַר דער בעגריסונג און זיך מיט איהם געזעגענט, דריקענדיג איהם פעסט די האַנד. ר׳ אליהו חיים מיט דעם אַנדערען רב זענען געשטאַנען אין אַ זייט און שיבאַלאָוו, אַזוי ווי ער וואָלט זיי גאָרנישט בעמערקט, און האָט זיך מיט זיי גאָרנישט פעראינטערעסירט.

דעם גובערנאַטאָר און דעם פאָליציי-מייסטער, וועלכע האַבען געקענט ר׳ אליהו חיים׳ן. איז דער ענין געווען זעהר אונאַנגענעהם, וואָס דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט זיך אפילו נישט בעגריסט מיט ר׳ אליהו חיים׳ן, זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דאַ איז פאָרגעקומען עפיס אַ מיספערשטענדניש. זיי האָבען אָבער נישט געקענט קיין דעה זאָגען אין מיטען פון דעם פאראַד. אויך דער יודישער עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום דער ניי שטאָדט, האָט נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס עס האָט נישט בעגריסט ר׳ אליהו חיים, וועלכער איז געווען ראוי דערצו, נאָר ר׳ אברהמטשע פערלמוטער.

עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעשטעלט, אַז ר׳ אברהמטשע פערלמוטער האָט זיך נישט אָריענטירט אין דער לאַגע און ווען דער גענעראַל-גובערנאַטאָר איז אָנגעקומען איז ער צוגעגאַנגען און געבענש שיבאַלאָוו׳ן.

שובאַלאָוו ווידער האָט געמיינט, אַז דער וואָס רעדט מיט

איהם איז דער ראש פון דער דעלעגאַציע און דעריבער האָט ער נאָר מיט איהם גערעדט.

ר׳ אַברהמטשע האָט געהאַט דערפון גרויס עגמת-נפש, ער איז אַוועק צום רב, כדי איהם איבערצובעטען, אָבער ר׳ אליהו חיים האָט געענטפערט:

איך הער עפּיס וועגען אַן׳אינצידענט וואָס איז פאָרגעקומען, אָבער איך אַליין ווייס נישט דערפון, ביי מיר איז דאָס אַלץ געוועזן זעהר נאַטירליך, איך האָב דיר אַלזאָ נישט וואָס מוחל צו זיין.

דער גובערנאַטאָר וועלכער האָט גוט געקענט ר׳ אליהו-חיים׳ען האָט פערשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט שובאַלאָוו׳ן, אין עטליכע טעג אַרום אָנגעקומען אַ בריף פון דעם גענעראַל גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע. אינ׳ם בריף דריקט שובאַלאָוו אויס זיין בעדוירען צוליב דעם וואָס ער האָט זיך נישט בעגריסט מיט אַזאַ גרויסען מענשען׳ ווי ס׳איז דער לאָדזער רב ר׳ אליהו-חיים מייזעל.

אין דער צייט ווען אין רוסלאַנד האָט געהערשט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער האָבען זיך שטאַרק פערשטאַרקט די רדיפות און צרות אויף יודען. מיט יעדען טאָג זענען צוגעקומען נייע פעראָרדנונגען וועגען גזירות אויף יודען, די גירושים פון יודען אויס רוסלאַנד זענען דורכגעפיהרט געוואָרען מיט דער גאַנצער ריקזיכטלאָזיגקייט און פאַר די אַרויסגעטריבענע יודען איז געוועזן נאָר איין אויסוועג — צו נעהמען די טאָרבע אין דער האַנד און עמיגרירען פון רוסלאַנד, אָבער וואוהין?

די יעניגע, וועלכע האָבען געהאַט קרובים אין אַמעריקא, אָדער וועלכע זענען אַליין געוועזן פערמעגליך האָבען געצויגען אין דאָרטיגען לאַנד. אָבער דער גרעסטערער טייל פון די דאָזיגע אונגליקליכע זענען פולשטענדיג רואינירט געוואָרען בעת׳ן גירוש. זיי האָבען פערלוירען זייער האָב און גוטס אין דער מקור פרנסה, וואו האָבען זיך געזאָלט אַהינטון אָט די דאָזיגע עלענדע, וועלכע האָבען נאָך געהאַט פרויען און פיצעלעך קינדער. דאָ האָט געמוזט אונטערגענומען ווערען אַ זעהר אַנ׳ענערגישע הילפס-אַקציע וועלכע זאָל לינדערען די דאָזיגע גזירה.

אין די אַקציע איז טאַקי אונטערגענומען געוואָרען דורך די יודישע כלל-טוער אין רוסלאַנד. די הילפ-אַקציע איז געפיהרט

געוואָרען אין דריי ריכטונגען. קודם-כל האָט מען געדאַרפט אָנ-
ווענדען אינטערווענצען און שתדלנות ביי דער רוסישער רעגי-
רונג אָפּצושטעלען די גירושים, צווייטענס האָט מען געדאַרפט
געבען דרינגענדע הילף פֿאַר די וועלכע זענען געבליבען געגצליך
אָהן מיטלען צום לעבען אין אָהן דאַך איבער'ן קאָפּ. פֿאַר די
וועלכע האַבען זיך געשלעפּט ווי דער אייביגער וואַנדערער פֿון
די רוסישע גובערניעס אַליין נישט וויסענדיג וואוהין, און דריי-
טענס האָט געדאַרפט אונטערגענומען ווערען אַ גרויסע אויסער-
ליכע-אַקציע, וועלכע זאָל ראַדיקאָל לעזען דעם דאָזיגען פּראָבלעם
פֿון וואַנדערונג און געפינען ערשטען וואוהין צו ריכטען די טויי-
זענדער עלענדע יודישע עמיגראַנטען, וועלכע זענען פֿערטריבען
געוואָרען פֿון זייער וואוין-ערטער נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי זענען
יודען. דער לאָדזער רב, וועלכע איז געווען איינער פֿון די בע-
דייטענסטע יודישע עסקנים אין רוסלאַנד האָט זיך באַלד אַריינ-
געוואָרפען אין דער גרויסער הילפס-אַרבייט בעת דעם גירוש.
ער האָט אַנטיילגענומען אין אַלע דריי ריכטונגען פֿון דער הילפס-
אַרבייט, מיר האָבען שוין אין איינעם פֿון די פֿריהערדיגע אַרטיק-
לען אָנגעוויזען אויף די אַקציע אין וועלכער דער לאָדזער רב
האָט אַנטיילגענומען אָפּצושוואַכען די גזירה וועגען גירוש פֿון די
יודען פֿון די צענטראַלע רוסישע גובערניעס און אין וועלכער
עס האָט דעם רב געהאָלפֿען, דער בעקאַנטער מאַגנאַט בלאָך,
דער גירוש איז אמת דעמאָלס אַביסעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען,
אָבער ס'האָבען זיך שוין געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ היפּש ביסעל
פֿערטריבענע, וועלכע מ'האָט געדאַרפט איינאָרדנען, אַמשטאַרקס-
טען האָט די דאָזיגע עמיגראַנטען געצויגען קיין קליין-אַמעריקא
– קיין לאָדז.
לאָדז איז דעמאָלס געווען אין ענטוויקלונגס פּעריאָד און
אין גאַנץ רוסלאַנד האָט מען געשמועסט, אַז אין לאָדז קלויבט
מען געלד אין די גאַסען. מיטאַמאָל איז לאָדז פּשוט פֿערפֿלייצט
געוואָרען דורך די אַרויסגעטריבענע פֿון רוסלאַנד. זיי זענען בע-
קומען אָפּגעריסענע, הונגעריגע, אָהן גראָשען געלד מיט פֿרויען
און קליינע קינדער. דער לאָדזער רב האָט גלייך אָנגעהויבען צו
אָרגאַניזירען די הילפֿס-אַקציע פֿאַר די דאָזיגע עמיגראַנטען.
עס זענען אויף דער שנעל איינגעאָרדענט געוואָרען פּראַ-
ווידזאָרישע וואוינונגען פֿאַר די היימלאָזע, וואו זיי האָבען אויך
בעקומען דערווייל עסען און טרונקען. דער רב האָט אויך אָנגע-

הויבען איינצואָרדנען די היימלאָזע יעדען לויט זיין פעהיגקייט אָדער בערוף. דער רב האָט פערזענליך אריינגעפירט צו יעדען גרעסערען יודישען פאַבריקאַנט און סוחר איינעם פון די היימלאָזע און איבערגעלאָזען זיי דאָרט אַלס אָנגעשטעלטע. גלייכצייטיג איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַ לייה-קאַסע, וועלכע האָט געקויפט פערשידענע האַנדווערקער-וואַרשטאַטען, און די היימלאָזע האָבען זיך אויסגעלערנט מלאכות און געבליבען ביי די וואַרשטאַטען. אַזוי ארום זענען די היימלאָזע איינציגווייז איינגעאָרדענט געוואָרען, אַ דאַנק דער זעלטענער ענערגיע און גרויסער אָפּפערוויליגקייט פון לאָדזער רב.

מ׳האָט אָבער געזעהן, ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען, געפונען אַ מיטעל, כדי ראַדיקאַל צו לעזען די עמיגראַציע-פראַגע. מ׳האָט מיט דער דאָזיגער אומגליקליכער ערשיינונג געדאַרפט פעראינטערעסירען די גרויסע וועלט נדבנים, ווייל צו רעגולירען די עמיגראַציע-פראַגע האָט מען געמוזט האָבען גרויסע געלד-מיטלען.

בעת די דאָזיגע עמיגראַציע-פראַגע איז געוואָרען אַקטועל האָט ניך אָנגעהויבען אַ טעאָרעטישער קאַמף וועגען די מיטלען, ווי אַזוי צו רעגולירען די דאָזיגע פראַגע. די חובבי-ציון בעוועגונג, וועלכע האָט זיך דעמאָלס ענטוויקעלט, האָט זיך אַנטקעגענשטעלט געגען אַנדערע גרופען, וועלכע האָבען געהאַלטען, אַז מ׳דאַרף זעהען צו ריכטען די עמיגראַציע אין די ערטער, וואו ס׳איז לייכטער. מ׳האָט שטאַרק גערעדט וועגען קאָלאָניזירען די היימלאָזע אויפ׳ן לאַנד. מ׳האָט אָבער דיסקוטירט וועגען דעם, וואו מ׳זאָל די דאָזיגע יודען קאָלאָניזירען. דעמאָלס האָט דער לאָדזער רב געשאַפען אַ גרויסען פּלאַן פון קויפען גרויסע שטחים ערד און קאָלאָנירען די יודען דאָ אין קאָנגרעס-פוילען. דער רב האָט געהאַט אויסגעאַרבייט אַ גענויען און אויספיהרליכען פּלאַן, ווי אַזוי צו שאַפען דז געלד-מיטלען און ווי אַזוי אַדורכצופיהרען דעם גאַנצען פּראָיעקט.

אויך ביי אונז האָבען זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבען דעם גאַנצען פּראָיעקט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, אָבער די הויפּט-זאַך איז געווען, וואָס מ׳האָט דעם דאָזיגען פּראָיעקט אָנגעהויבען שטאַרק בעקעמפען. צו דעם קאַמף געגען דעם דאָזיגען פּראָיעקט זענען אויך צונעשטאַנען די דעמאָלסדיגע חובבי-ציון.

דערווייל האָבן זיך אָנגעהויבן פֿונאַנדערשפּרייטן ידיעות וועגן אַ גרויסן אויפֿטו פֿאַר יודישער קאָלאָניזאַציע, וועלכן וועלכן עס האָט אונטערגענומען דער באַקאַנטער יודישער נדבן און עסקן באַראָן הירש.

באַראָן הירש איז געווען פֿון די גרעסטע מנדבים. דער וועה־געשריי פֿון די יודישע פֿערטריבענע און היימלאָזע אויס רוסלאַנד איז אויך דערגאַנגען קיין אויסלאַנד און אויך דאָרט האָבן זיך די יודען אָנגעהויבן צו פֿאַראינטערעסירן מיט די עלענדע. קודם־כּל האָבן די אַנגעזעהענע און איינפֿלוסרייכע יודישע פּערזענליכקייטן אָנגעהויבן צו אינטערווענירן ביי זייערע מלוכות, אַז עס זאָל אויסגעאיבט ווערן אַ דרוק אויף רוסלאַנד, אַז איהר באַרבאַרישע האַנדלונג זאָל אויפֿהערן. דאָס איז אָבער געווען אַ לאַנגער דיפּלאָמאַטישער וועג און די צרה איז אָבער געוואָרן וואָס גרעסער און שטאַרקער און מ׳האָט באַדאַרפֿט געפֿינען אַן׳עצה דערצו. אַ חוץ דעם וואָלט אַן׳אינטערווענץ פֿון אויסלענדישע מלוכות געווען נאָר אַ מאָמענטאַלע הילף און ס׳איז נישט געווען קיין זיכערקייט, אַז דער גירוש וועט זיך אין עטליכע חדשים נישט איבער׳חזר׳ן מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט. די יודישע עסקנים האָבן דעריבער געזוכט צו אָרגאַניזירן אַ גרויסע הילפֿס־אַקציע, וואָס זאָל ראַדיקאַל לעזן דעם עמיגראַציע־פּראָבלעם און צוזאַמען דערמיט זאָלן אויך די יודישע לופֿט־מענשן קאָלאָניזירט ווערן אויף ערד, וואו זיי זאָלן ווערן פּראָדוקטיווע מענשן. אַלס איינער פֿון די יודישע עסקנים, וועלכער האָט זיך דער ערשטער גענומען צו דער דאָזיגער הילפֿס־אַרבייט איז געווען באַראָן הירש. קודם־כּל האָט זיך באַראָן הירש געווענדעט צו די יודישע געזעלשאַפֿטליכע טוער אין רוסלאַנד, צו די וועלכע זענען אַמעהערסטען און אַמבלוטיגסטען פֿאַראינטערעסירט געווען אין דעם דאָזיגן פּראָבלעם. אין דער ערשטער רייהע האָט זיך באַראָן הירש געווענדעט צום לאָדזער רב. צוליב דעם, וואָס ער איז געווען איינער פֿון די בעדייטענסטע עסקנים און צווייטענס, ווייל ס׳איז שוין אומעטום באַקאַנט געווען דער פּלאַן פֿון ר׳ אליהו חיים וועגן קאָלאָניזאַציע. אַ פּלאַן וועגן קאָלאָניזאַציע איז דעם באַראָן הירש געווען אַמנאָהענסטען צום האַרצען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט בעשטימען דאָס אָרט, וואו די קאָלאָניזאַציע זאָל זיך אַמבעסטען איינגעבען. דער פּלאַן פֿון באַראָן הירש איז נישט געהאַלטען געוואָרן בסוד און עס

האָבען גלייך געשאַפען צוויי פּאַרטייען, וועלכע האָבען געפּרובט בעאיינפלוסען דעם באַראָן הירש. איין צד האָט געהאַלטען, אַז ווען באַראָן הירש וויל בעשטימען גרויסע פאָנדען אויף קאָלאָניזאַציע, דאַרף ער די דאָזיגע פאָנדען אַריינלעגען אין ארץ-ישראל וועלכעס איז דאָס איינציגע אָרט, וואו ס'וואַקסט די צוקונפט פון יודישען פאָלק. דער אַנדערער צד האָט ווידער געהאַלטען, אַז אין פּאַלעסטינאַ איז זיך פאָרלויפיג זעהר שווער איינצואָרדנען דער באָדען איז נישט געאייגענט אויף קאָלאָניזאַציע. אויך די פּאָליטישע בעדינגונגען אין דעמאָלדיגען טערקיי, האָט דער דאָזיגער צד גע'טענה'ט, זענען נישט ענטשפּרעכענד פאַר אַ באַלדיגער קאָלאָניזאַציע. די הילף איז אָבער, האָבען זיי ווייטער געזאָגט, אַ נויטווענדיגער און אַ דרינגענדער ענין, דעריבער דאַרף באַראָן הירש זיינע פאָנדען אַריינלעגען אין אַזעלכע ערטער, וועלכע קענען תיכף קאָלאָניזירט ווערען און וואו די פּאָליטישע בעדינגונגען זענען ענטשפּרעכענד.

דער זעלבער ויכוח איז געפיהרט געוואָרען אין דער קאָרעספּאָנדענץ צווישען דעם לאָדזער רב און באַראָן הירש. באַראָן הירש'ס סעקרעטאַר האָט אין יעדען בריף צום לאָדזער רב געשריבען, אַז דער באַראָן שעצט זעהר הויך די מיינונג פון לאָדזער רב און וועט לויט אַלע מעגליכקייטען זעהן די דאָזיגע מיינונגען אויסצונוצען ביים רעאַליזירען זיין קאָלאָניזאַציע - פּלאַן

די מיינונג פון לאָדזער רב איז אָבער געווען, אַז ביידע צדדים זענען גערעכט. ס'איז אמת, האָט דער רב געשריבען צום באַראָן הירש, אַז די צוקונפט פון יודישען פאָלק איז אין ארץ-ישראל, אַז די דאָזיגע צוקונפט קען דאָרט געבויט ווערען, אָבער ס'איז אַ סיסטעמאַטישער און לאַנגער פּראָצעס, וועלכער איז פערבונדען מיט דיפּלאָמאַטיע און פּאָליטיק. דאָס איז נישט קיין פילאַנטראָפּישע אַרבייט. מ'דאַרף אין דער הינזיכט פיל טון, די יודישע גבירים דאַרפען אָנהויבען די דאָזיגע אַרבייט.

פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך אמת, אַז דאָס בעזעצען אין דער איצטיגער צייט יודען אין ארץ-ישראל וועט נישט קענען לעזען די ברענענדע עמיגראַציע-פּראַגען, וועט נישט קענען ראַטעווען די טויזענדער היימלאָזע, וועלכע ס'קומט אויס אונטערצוגעהען. ביידע זאַכען, האָט דער רב געשריבען צום באַראָן דאַרפען געפיהרט ווערען פּאַראַלעל. וואָס שייך דאָס אָרט, וואו

די היימלאָזע זאָלען קאָלאָניזירט ווערען איז דאָס אַ פראַגע פון שטודיום.

דער באַראָן האָט טאַקי זיך גערעכענט מיט דער מיינונג פון רב.

כאַראַקטעריסטיש איז, אז ווען דער באַראָן הירש האָט זיך גענוי בעקענט מיט דעם פּלאַן פון לאָדזער רב וועגען קאָלאָניזירען די היימלאָזע דאָ אין פּוילען, האָט ער צוגעשיקט צו דער דיספּאָזיציע פון רב אַ געוויסע סומע געלד צו דעם צוועק. דער לאָדזער רב האָט אָבער דאָס געלד נישט אויסגענוצט, ווייסענדיג, אַז די שטערונגען אויסצופיהרען דעם פּלאַן אויפ'ן אָרט זענען זעהר גרויסע, דער רב האָט דעריבער געדאַנקט דעם באַראָן פאַר דער נדבה און זי נישט אָנגענומען.

אַזוי-אַרום האָט אינם פאָנד פון באַראָן הירש וועגען קאָלאָניזאַציע גענומען אַ גאָר גרויסען אַנטייל דער לאָדזער רב ר' אליהו חיים.

מיר האָבען שוין אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלעך געשריבען וועגען דעם, ווי אַזוי ס'איז געקומען, אַז דער לאָדזער גביר זאָל קויפען דאָס הויז אויף טאַרגאָווע-גאַס און דאָרט איינאָרדנען אַ יודיש שפּיטאָל. דעם גרעסטען חלק איניציאַטיוו און ענערגיע ביים פערווירקליכען דעם דאָזיגען פּלאַן דאַרף מען דורכאויס צושרייבען דעם לאָדזער רב.

נאָכדעם, ווי דאָס שפּיטאָל איז שוין געווען איינגעאָרדענט האָט מען אָבער געדאַרפט מיטלען דאָס שפּיטאָל אויסצוהאַלטען און צו פיהרען, מ'האָט געדאַרפט האָבען אַ גרעסערע סומע געלד וועלכעס ס'זאָל זיין דער רעזערוו-פאָנד פאַר דעם שפּיטאָל. דער לאָדזער רב האָט מיט אַלע מעגליכקייטען געפּרובט צו בעווייזען גבירות, אַז די סומע זאָל געשאַפען ווערען און אַזוי-אַרום זאָל געזיכערט ווערען די עקזיסטענץ פון דעם איינציגען יודישען שפּיטאָל אין לאָדז. די זאַך איז אָבער נישט געווען קיין לייכטע. די לאָדזער גבירים האָבען נישט געוואָלט געבען קיין געלד אויף אַ שפּיטאָל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון פּאָזנאַנסקי'ן. זיי האָבען גע'טענה'ט, אַז פּאָזנאַנסקי זאָל רעזיגנירען פון דעם נאָמען, און דאָס שפּיטאָל זאָל בעקומען אַן'אַלגעמיין יודישען נאָמען, וועלען זיי דעמאָלט געבען די געניגענדע סומעס דאָס שפּיטאָל אויסצוהאַלטען.

פּאָזנאַנסקי האָט דאָס אָבער געהאַלטען פאַר אַ חוצפּה צו שטעלען אַזעלכע פאַרשלאַגען וועגען אַראָפּנעמען זיין נאָמען פון שפּיטאָל. דאַן האָט דער לאָדזער רב פאָרגעלעגט פּאָזנאַנסקי׳ן, אַז ער אַליין זאָל אַסיגנירען די געהעריגע סומען אויף צו פערזיכערען דאָס שפּיטאָל. פּאָזנאַנסקי און זיינע מקורבים האָבען אָבער אויך דאָס נישט געוואָלט מיט דער טענה, אַז די איבריגע לאָדזער גבירים דאַרפען נישט שטעהן פון דער ווייטענס ביים גרינדען אַ יודישען שפּיטאָל. אַזוי האָט דער ברוגז צווישען פּאָזנאַנסקי׳ן און די איבריגע גבירים געדויערט אַ לאַנגע צייט און די פראַגע וועגען שפּיטאָל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. קיינער פון ביידע צדדים האָבען נישט געוואָלט נאָכגעבען, נישט קוקענדיג אויפ׳ן געפאַהר, אַז דאָס שפּיטאָל זאָל בעדראָהט ווערען אין איהר עקזיסטענץ.

דער לאָדזער רב, וועלכער האָט זיך אַ געוויסע צייט צוגעקוקט צו דעם ברוגז, וועלכער איז אַרויסגערופען געוואָרען צוליב אַמביציע, האָט בעשלאָסען אַ סוף צו מאַכען צו דער דאָזיגער פראַגע. מ׳האָט געדאַרפט דאָ זיין זעהר פאָרזיכטיג, כדי נישט אָנצוריהרען די אַמביציע פון די צדדים. פון דער אַנדערער זייט האָט מען ווידער געדאַרפט זעהען, אַז דאָס שפּיטאָל זאָל אָנהויבען צו פונקציאָנירען און אַז די אָרימע יודישע קראַנקע זאָלען האָבען, וואו זייערע קראַנקע קעפּ אָנצולעגען. דער רב האָט צוזאַמענגערופען עטליכע פון די גבירים, וועלכע זענען געווען געוואָרען אין בעטראַכט ביים פינאַנסירען דאָס שפּיטאָל און זיי געפרעגט צי זיי וועלען געבען געלד אויפ׳ן שפּיטאָל.

— יאָ! — האָט איינער פון די אָנוועזענדע געענטפערט — מיר זענען גרייט צו פינאַנסירען און אויסהאַלטען דאָס גאַנצע שפּיטאָל, בתנאי, אַז דאָס שפּיטאָל וועט נישט טראָגען דעם נאָמען פון די פּאָזנאַנסקי׳ס.

— מיט וואָס מאָטיווירט איהר דאָס, האָט געפרעגט דער רבי, וואָס האָט איהר צו ר׳ ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי. ער האָט דאָך זעהר פיל געטון ביים אויפבויען דאָס שפּיטאָל.

— צו ר׳ ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי האָבען מיר גאָרנישט — האָט געענטפערט איינער פון די אָנוועזענדע — מיר ווייסען, אַז ער טוט זעהר פיל פאַר דער שטאָדט. מיר האָבען אָבער גרויסע בעוואָרענישען צו די. וואָס וועלען קומען נאָך ר׳ ישראל קלמנ׳ען צו זיינע קינדער, וועלכע אינטערעסירען זיך שוין בכלל נישט

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0126-0249 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

מיט קיין שום געזעלשאַפטליכער אַרבייט און בפרט מיט יודישע ענינים. מיר ווילען דעריבער נישט, אַז מיט אונזער געלד זאָ הייסען, אַז די יורשים פון פּאָזנאַנסקי טוען עפּעס פאַר יודען.

דער רב האָט פערשטאַנען, אַז די אַנוועזענדע זענען גע־רעכט, דאָך האָט דער רב געזאָגט:

— דאָס איז דאָך אָבער נישט קיין אויסרייד פאַר אָרימע קראַנקע. זיי, די קראַנקע דאַרפען דאָך נישט וויסען, און ווילען נישט וויסען וועגען דער פּאָליטיק, וואָס דאָ ווערט געפיהרט, די חשבונות, וואָס איהר האָט צווישען זיך ווען מיט דער צייט ערלעדינט ווערען, אָבער דאָס שפּיטאָל מוז אונבעדינגט אויס־געהאַלטען ווערען.

נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע האָט דער רב גע'פועלט ביי די גבירים, אַז אמת, זיי זאָלען קיין לעגאַטען פאַר דעם שפּיטאָל נישט פערשרייבען, נישט בעשטימען קיין גרויסע סומען אויף שטענדיג, אָבער פאָרלויפיג זאָלען זיי דאָס שפּיטאָל אויסהאַלטען. ביי דעם האָבען די גבירים געשטעלט אַ תנאי, אַז צו אויסצוהאַל־טען דאָס שפּיטאָל, זאָל אויך געבען אַ חלק ישראל פּאָזנאַנסקי אַליין.

דער רב האָט דאָס אויך געפועלט ביי פּאָזנאַנסקי און דאָס שפּיטאָל האָט אָנגעהויבען צו פונקציאָנירען. אַזוי איז עס געגאַנ־גען אין אָרדנונג, ביז ר' ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי איז געשטאָר־בען, דעמאָלט האָבען די גבירים אויפגעהערט צו געבען געלד אויפ'ן שפּיטאָל, דער רב האָט דעמאָלט געמוזט זעהען צו שאַפען דאָס נויטיגע געלד פאַר'ן שפּיטאָל. די ערשטע צייטען האַבען נאָך פּאָזנאַנסקי'ס יורשים געגעבען עפּעס געלד פאַר דעם שפּי־טאָל, אָבער שפּעטער האָבען זיי אינגאַנצען אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירען דערמיט.

אַזוי איז טאַקי געקומען, אַז נאָך דער פּטירה פון לאָדזער רב, איז דער פינאַנציעלער קריזיס פון פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל גע־וואָרען אַלץ שטאַרקער און דאָס שפּיטאָל האָט סוף־כל־סוף גע־מוזט איבערגעהן צו דער שטאָדט.

קיין לאָדז איז אין די אַכציגער יאָהרען געקומען פון טיף רוסלאַנד אַנ'עלטערער יוד מיט זיין הויזגעזונד. דער יוד האָט געהאַט אַ ביסעל געלד און האָט זיך איינגעאָרדענט אין לאָדז אויף דער נאָוואָמיעסקאַ גאַס אַ שניט־קראָם.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

דערזעלבער יוד, האָט נישט געהאַט קיין אויסזעהן פון קיין יוד און אפילו נישט געקענט רעכט יודיש רעדען. דאָך האָט דער געקומענער געפרובט מיט אלע מעגליכקייטען זיך צו פיהרען, וואָס מעהר יודיש און וואָס מעהר זיך צו פערנעהמען מיט יודישע ענינים, דאָס איז אַרויסגעקומען גאַנץ קאָמיש, ווייל מ׳האָט שוין ביים רעדען מיט איהם בעמערקט, אַז ער האָט גאָר אַ קנאַפּע ידיעה וועגען יודען און יודישקייט.

דער יוד האָט מיט זיך מיטגעבראַכט נישט קיין אייגענע קינדער, נאָר 3 יונגלעך, אייניקלעך. עטליכע טעג נאָך זיין אָנקומען קיין לאָדז, איז ער צוזאַמען מיט 3 בלאָנדע יונגעלעך, וועלכע האָבען געהאַט דאָס אָנזעהן פון קריסטען אַוועק צום לאָדזער רב.

— רבי, האָט דער יוד געזאָגט אויף זיין צובראָכענעם יודיש, איך בין געקומען צו אייך, אַז איהר זאָלט מיר אַן׳עצה געבען, ווי אַזוי איך זאָל דערציהען מיינע אייניקלעך פאַר גוטע יודען, איך אַליין קען דאָס נישט טון, איך האָב געוואוינט אין טיף רוסלאַנד מיינע גאַנצע יאָהרען, און האָב כמעט קיין יוד נישט אָנגעזעהן, איך אַליין ווייס אפילו נישט גענוי, וואָס דאָס איז אַ יוד, ווער שמועסט נאָך לערנען, אָדער זאָגען וואָס צו לערנען מיט די קינדער.

— און דאָס זענען אייערע קינדער? האָט דער רב געפרעגט.

— ניין, דאָס זענען מיינע אייניקלעך, די קינדער פון מיין זוהן. זייער מאַמע איז מיט אַ יאָהר צוריק געשטאָרבען. באַלד דערנאָך איז אויך געשטאָרבען מיין פרוי. מיך האָט אַרומגעכאַפּט פון דעמאָלט אָן אַ שטאַרק בענקעניש צו יודען און צו יודישער סביבה און הגם איך האָב דאָרט געהאַט אַ גאַנץ גוט געשעפט, האָב איך דאָך בעשלאָסען אַלץ צו ליקווידירען און קומען צווישען יודען. איך האָב אויך גלייכצייטיג מיטגענומען מיינע 3 אייניקלעך, כדי זיי דערציהען אַלס יודען, אַז זיי זאָלען זיין גוטע זוהן פון זייער גלויבען און פאָלק.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָבען ביי דעם יודען זיך געגאָסען טרעהרען פון די אויגען און ער האָט זיך קוים בערוהיגט.

— איך בעט אייך דעריבער רבי — האָט דער יוד ווייטער געזאָגט — האָט השגחה איבער דער ערציהונג פון מיינע אייניקלעך. איך וועל נישט זשאַלעווען קיין געלד. איך וועל בעצאָהלען וויפיל מ׳וועט נאָר דאַרפען. איך פערשטעה, אַז ס׳וועט זיין מיט

זיי אָ שווערע אַרבייט. זיי קענען נישט קיין וואָרט יודיש נאָר רוסיש. מ׳וועט זיי צוערשט דאַרפען אויסלערנען די יודישע שפּראַך און דערנאָך מיט זיי ערשט לערנען יודישקייט. איך וויל, אַז דאָס זאָל דורכאויס געשעהן. גענוג געוויסענסביסען האָב איך געהאַט ביז איצט. גענוג האָב איך מיך געפייניגט, גענוג צוליב דעם טרעהרען פערגאָסען. איצט בין איך דער גליקליכסטער, אַז איך האָב געהאַט די זכיה צו קומען צווישען יודען און קענען דינען גאָט צוזאַמען מיט זיי.

— איך בין געקומען גראָד קיין לאָדז — האָט דער יוד ווייטער געזאָגט — דערפאַר, ווייל איך האָב געהערט וועגען אייער גרויסקייט, רבי, ווייל איך בין געוועזן איבערצייגט, אַז איהר וועט זיך נישט אָפזאָגען צו האָבען די השגחה איבער דער ערציהונג פון מיינע קליינע אייניקלעך און אַפילו ווען ס׳וועט נויטיג זיין, איבער מיר אַליין.

— וואָס איז געוועזן אייער בעשעפטיגונג אין רוסלאַנד און וואָס טוט איהר דאָ אין לאָדז? — האָט דער רב געפרעגט.

— אין רוסלאַנד בין איך געוועזן אַ פּאָריאַטשיק און ס׳איז מיר זעהר גוט געגאַנגען. איך האָב אָנגעזאַמעלט אַ גרויס פערמעגען. אָבער איך האָב אַלץ אַוועקגעוואָרפען. מיר זענען אַפילו פערפאַלען געוואָרען גרעסערע סומעס געלד, וועלכע איך האָב געהאַט פונאַנדערגעליהען די פולקאָווניקעס, אָפיצירען און אַנדערע בעאַמטע. אָבער איך האָב אָבווייטער נישט געקענט אַזוי ליידען, ווי איך האָב געליטען. מיין האַרץ איז מיר שיער נישט צושפּרונגען פאַר וועהטאָג ווען איך האָב מיך דערמאַהנט אָן מיין פאָלק און וועגען מיין אמונה. איך אַליין קען נישט. ביי קיינעם דאָרט האָב איך קיין יודישקייט נישט געזעהען. איך בין אַהערגעקומען קיין לאָדז געדונגען מיר אַ געוועלב און האַנדעל מיט מאַנופאַקטור. איך האָב מיר אָבער געלאָזען אַ גרעסערע סומע אויף צו ערציהען מיינע אייניקלעך און אויף יודישע צדקה-צוועקען. די דאָזיגע סומע רבי, גיב איך איבער צו אייער דיספּאָזיציע.

ביי די דאָזיגע ווערטער זאָט דער יוד אַרויסגענומען אַ פעקעל געלד און דאָס איבערגעגעבען דעם רב. דער רב האָט דאָס דערווייל נישט צוגענומען נאָר האָט ערקלעהרט, אַז ער וועט זיך פערנעהמען מיט דער ערציהונג פון די 3 יונגלעך.

דעם יוד האָבען זיך, פאַר גדולה, טרעהרען געשטעלט אין די אויגען און ער איז צוגעפאַלען צו קישען די הענד פונ׳ם רב.

דער רב האָט געהייסען דעם ייד צוזאַמען מיט די קינדער
קומען אין 2 טעג אַרום אין דער צייט, האָט דער רב ערקלעהרט,
וועט ער געפינען אַ ענטשפּרעכענדען מלמד פאַר די קינדער.

אַזוי איז טאַקי געווען, דער רב האָט אויסגעזוכט אַ פּאַ-
סענדען מלמד פאַר די דריי קינדער, וועלכער זאָל זיי אָנהויבען
צו לערנען פון אלף-בית. דער זיידע פון די קינדער איז פון דע-
מאָלט אָן גאַנץ אָפט אַריינגעקומען צום רב, זיך צוגעקוקט צו די
יודישע מנהגים און טראַדיציעס און ביי זיך אינדערהיים אַלץ
געפּרובט נאָכצומאַכען. ער האָט זיך אויך געדונגען אַ „שטאָדט״
אין שוהל, געקויפט אַ טלית, געקומען יעדען טאָג דאַווענען און
זיך געלאָזט קאָסטען היבש געלד אין דער שוהל.

די גבאים האָבען איהם נישט געגעבען קיין עליה, ווייל
זיי האָבען דעם ייד נישט געוואָלט פערשעהמען. ער האָט נאָך
פריהער געהאַט ערקלעהרט, דאָס ער קען נישט קיין עברה.

אַזוי איז פערגאַנגען אַ לאַנגע צייט. די קינדער האָבען זיך
געלערנט דעם אַלף-בית, דערנאָך דאַוונען, און אַזוי זענען זיי גע-
גאַנגען ווייטער און ווייטער ביז זיי האָבען שוין אָנגעהויבען צו
פערשטעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ ייד און וואָס יודישקייט. דער
לאָדזער רב האָט געהאַט השגחה איבער דער ערציהונג פון די
קינדער, גאַנץ אָפט זיי אַליין אויסגעהערט און אַפילו ווען ס'האָט
זיך געמאַכט אַ ביסעל צייט אַליין מיט די קינדער געלערנט.

די קינדער זענען אונטערגעוואַקסען און מ'האָט געפּראַוועט
בר-מצוות ביי איינעם, נאָכדעם ביי דעם צווייטען און דאַן אויך
ביים דריטען. דער אַלטער זיידע איז פאַר נחת יונגער געוואָרען.
ער האָט נישט געוואוסט, וואו ער זאָל זיך אַהינטון פאַר גליק,
ווען ער האָט דערהערט פון די קינדערס מויל אַ יודיש וואָרט
אָדער ווער שמועסט נאָך עפּיס פון חומש אָדער פון אַנ'אַנדער
ספר איז זיין שמחה געווען גרעניצלאָז. אַזוי זענען אַוועק אַ רייה
יאָהרען. דער אַלטער זיידע האָט אָנגעהויבען שוואַכער צו ווערען.
די דריי אייניגלעך האָבען טיכטיג געאַרבייט אין געשעפט, וועל-
כעס האָט זיך גאַנץ גוט ענטוויקעלט. דער אַלטער אַליין האָט
שוין צוליב זיין עלטער און שוואַכקייט נישט געקענט טעטיג זיין
אין געשעפט. מיט אַמאָל איז דער זיידע גאָר קראַנק געוואָרען
און וואָס אַמאָל אַלץ ערגסטער. זיין שמחה און גליק איז פער-
שוואונדען פון זיין פנים און ער איז אַלץ געוואָרען טרויעריגער
און טרויעריגער. מיט יעדען טאָג וואָס די כוחות האָבען איהם

מעהר פערלאָזען, אַלץ טרויעריגער איז ער געוואָרען, אַלס מעהר האָט דער זיידע געיאָמערט. קיינער האָט ביי איהם נישט געקענט דערגעהן די סיבה פון זיין טרויער און פון זיין יאָמערן.

ווען די דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אַז זיינע טעג זענען געצעהלטע, האָט דער אַלטער אָנגעהויבען צו בעטען צוויי פון זיינע גוטע פריינד, דאָס מ'זאָל איהם אומבעדינגט אַוועקפיהרען אין אַ קליין שטעדטעל, ווייל ער וויל נישט שטאַרבען אין לאָדז, נאָר אין אַ קליין שטעדטעל נעבען לאָדז. אַלע פרובען צו דערגעהן די סיבה פון דעם דאָזיגען פערלאַנג האָבען זיך נישט איינגעגעבען. דער אַלטער האָט נישט געוואָלט געבען קיין שום ערקלעהרונגען און איז געבליבען ביי זיין פערלאַנג.

די גוטע פריינד פון דעם אַלטען האָבען נישט געוואוסט וואָס צו טון און וויסענדיג, אַז דער רב אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט דעם קראַנקען און מיט זיינע צוויי אייניקלעך, זענען זיי אַוועק צום רב, כדי צו פרעגען אַן עצה. דער רב האָט אויך נישט געקענט פערשטעהן וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. דאָך איז שוין געווען פאָראויסצוזעהן, אַז עס איז אַ וויכטיגער ענין. דער רב האָט אויך נישט געוואָלט, אַז דער אַלטער, וועגען וועלכען עס איז געווען בעוואוסט, אַז ער לעבט מיט אַ סוד אין זיך, זאָל דעם סוד מיטנעהמען מיט זיך אין קבר, און איז גלייך אַוועק צום קראַנקען.

ביים אָנהויב פון געשפרעך האָבען דער קראַנקער אויך נישט אַפילו פאַר'ן רב געוואָלט ערקלעהרען די סיבה פון זיין פאָרשלאַג. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער וויל נישט דאָס אין זיין לויה זאָלען אַנטייל נעהמען יודען און די הויפזאַך וויל ער נישט, אַז זיינע אייניקלעך זאָלען זעהן זיין לויה.

דעם לאָדזער רב האָט מען מעהר נישט געדאַרפט גאָרנישט דערצעהלען. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר, דאָך האָט ער די ודוי געוואָלט אַרויסבעקומען פון דעם אַלטען אַליין, כדי זיך קלאָהר צו קענען אָריענטירען, ווי מ'דאַרף זיך נוהג זיין מיט איהם אַליין און דערנאָך מיט די אייניקלעך זיינע, וועלכע זענען געוואָרען זעהר אָרענטליכע יודישע און אידעלע יונגעלייט. דער רב האָט דעריבער נישט אויפגעהערט דעם קראַנקען נאָכצופרעגען פאַרוואָס ער וויל נישט שטאַרבען אין לאָדז.

— עס וועט אייך זיין לייכטער צו שטאַרבען אויב איהר

ווען איך אַראָפּרעדן פֿון האַרצן — האָט דער רב געזאָגט — עס וועט אויך זיין בעסער פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון אייערע אייניקלעך.

מיט קיין זאַך האָט מען דעם אַלטן נישט געקענט איבערצייגן, אָבער די צוקונפֿט פֿון זיינע אייניקלעך איז ביי איהם געווען דאָס טייערסטע און הייליגסטע, וואָס ער האָט אויף דער וועלט געהאַט. דערהערענדיג דעריבער, אַז דער רב רעדט וועגן דער צוקונפֿט פֿון זיינע אייניקלעך, האָט דער אַלטער נישט געקענט מעהר איינהאַלטן דעם סוד, האָט געהייסן אַלעמען אַרויסגעהען און מיט טרערן אין די אויגען דערצעהלט דעם רב פֿאָלגענדע טרויעריגע געשיכטע:

— איך געדענק געוויס — האָט געזאָגט דער אַלטער — אַז איך שטאַם פֿון יודען, אַז איך קום אַרויס פֿון יודישע פֿרומע עלטערן. אין מיין יוגענד האָט מען מיך בגוואַלד גענומען צו די זעלנער, מיך אָפּגעשמד׳ט. איך האָב געדינט 25 יאָהר. איך האָב אַלץ נישט פֿערגעסען, אַז איך בין אַ יוד. נאָר קיין יודיש קייט האַלטען, פֿערשטעהט זיך, האָב איך נישט געקענט. דערנאָך ווען איך בין בעפֿרייט געוואָרען פֿון מיליטער און געמוזט זוכען פֿאַר מיר בעשעפֿטיגונג און אַ לאַנגע צייט נישט געקענט געפֿונען עפּיס פּאַסיגעס, האָב איך אינגאַנצען פֿערגעסען אין מיין יודישער אָפּשטאַמונג. איך האָב שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, וועלכע האָט מיר אַריינגעבראַכט אַ ביסעל נדן און איך האָב אָנגעהויבען האַנדלען און די געשעפֿטען זענען געווען נישט קיין שלעכטע.

עס זענען געקומען די לעצטע מינוטען פֿון דעם קראַנקען. ער האָט שווער געאָטעמט און שנעל גערעדט, אַזוי ווי ער וואָלט געפֿיהלט, אַז ער קען נאָך שטאַרבען, נישט פֿערענדיגען די ודוי. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווייטער דערצעהלט:

— מיט מיין קריסטליכער פֿרוי האָב איך געהאַט אַנ׳אייניגען זוהן. מיר האָט אַפֿילו נישט געקענט איינפֿאַלען צו געבען מיין זוהן, וועלכע ס׳איז יודישע ערציהונג, ווייל ערשטענס האָט איך נישט געהאַט ווער ס׳זאָל עס טון. אין אַ גרויסען שטח אַרום דעם שטעדטעל, וואו איך האָב געוואוינט איז קיין איין יוד נישט געווען, צווייטענס איז מיין פֿרוי געווען אַ פֿרומע פּראַוואָסלאַווני-

רין און פערלאַנגט, אַז אויך דער זוהן זאָל דאָס זיין. איבעריגענס האָב איך אַפּילו דעמאָלט מיט מיין געוויסען נישט געהאַט צו טון. מיין זוהנדעל איז געוואַקסען, ווי אַנ'אמת'ער „פאַניוך”. און וואָס עלטער ער איז געוואָרען, אַלס מעהר האָט ער בעקומען די געוואוינהייטען פון אַ שלעכט ערצויגענעם איוואַן. ער האָט געשיכור'ט ווי נאָר זעלטען מ'קען דאָס ערגיץ זעהען. ער האָט זיך געשלאָגען ביז בלוט מיט אַנדערע חברים און ס'איז כמעט נישט אַדורך קיין זונטאָג עס זאָלען נישט זיין מיט איהם קיין אַוואַנטורעס.

מיין האַרץ האָט מיר געטריפט פאַר וועהטאָג ווען איך האָב מיך צו דעם צוגעקוקט. וואָס אַמאָל שטאַרקער האָט מיך געפּלאָגט מיין געוויסען, ווען איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיין אָפּשטאַמונג און אין מיין אייגענער ערציהונג. וואָס אַמאָל שטאַרקער האָט מיך אָנגעהויבען צו ציהען צו מיין שטאַם.

ס'איז אָבער נישט געוועהן קיין שום עצה. איך האָב געמוזט מיט מיין פּראַוואָסלאַווענעם פּאַס און מיט מיין יודיש האַרץ אַלץ אין זיך האַלטען און מאַכען פרעהליכע מינע.

אין די דאָזיגע שרעקליכע מאָראַלישע ליידען און פיין זענען אַוועק אַ סך יאָהרען. מיין פרומע, גוטע פּראַוואָסלאַווע פרוי איז געשטאָרבען. איך בין דעמאָלט א ביסעל בעפרייט געוואָרען פון דעם געצוואונגענעם נאָכקומען און נאָכמאַכען די פּראַוואָסלאַוונע טראַדיציעס און מנהגים.

מיין זוהן איז מיטגאָרנישט בעסער, נאָר להיפוך צולאָזענער און נאָך מעהר הפקר. איך האָב שוין פערשטאַנען, אַז איך וועל ביי מיין זוהן גאָרנישט קענען ענדערען און אַז דאָס איז אַ פערלוירענע קאַליקע.

ער האָט אָבער געהאַט הצלחה און חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין, אָבער אַנ'איידעלע נשמה. זי האָט געפּרובט אויף איהם צו ווירקען מיט אַלע מיטלען, דאָס ער זאָל בעסער ווערען, אָבער וואו? ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען, ער האָט דאָס ווייבעל טיראַניש געפייניגט. זי האָט געהאַט די קינדער, סאַמע יונגלעך. דאָס זענען די 3 קינדער, וואָס איך האָב צו אייך געברענגט. נאָכדעם איז זי פון גרויס צער, צוליב דעם אויפפיהרען זיך פון איהר מאַן און צוליב דער מורא פאַר דער ערציהונג פון איהרע יונגעלעך, וועלכע זי האָט ליב געהאַט, ווי דאָס לעבען, קראַנק געוואָרען און אין אייניגע חדשים געשטאָרבען.

דער אַלטער האָט זיך געווישט די גרויסע טרערן, וועלכע האָבען זיך געקייקעלט איבער זיינע באַקען און האָט ווייטער דערצעהלט:

דער אַלטער האָט שווער געסאָפּעט און האָט ווייטער דערצעהלט:

— מיינע פּיינען זענען געוואָרען וואָס אַ מאָל גרעסער. מיין געוויסען האָט מיך גישט געלאָזט רוהען און האָט מיר איינגעזאָגט: דו ביזט געבוירען אַ יוד. געגען דיין ווילען ביזטו אַ קריסט, געגען דיין ווילען קוקסטו זיך צו צו אַלעם וואָס קומט פאָר ביי דיר, דיין זוהן האָסטו שוין פערלוירען. איהם וועסטו מעהר נישט אויסבעסערן, זעה-זשע כאָטש צו פערזאָרגען דיינע איינעניקלעך, זעה, אַז זיי זאָלען צוריקקעהרען צו דעם שטאַם, פון וועלכען דו אַליין קומסט אַרויס.

וואָס האָב איך אָבער געקענט טון, איך, אַנ'עלענדער מענש, צווישען בלויז קריסטען, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גואל. מיין האַרץ איז שטענדיג געווען מיט מיין פאָלק. איך האָב דעריבער אָנגענומען אַנ'ענטגילטיגען בעשלוס צו פערלאָזען מיינע געשעפטען, צו נעהמען די קינדער, אַוועקפאָהרען צווישען יודען און בערוהיגען מיין אייגען געוויסען. אַזוי האָב איך געטון. מיין זוהן איז געווען זעהר צופרידען, וואָס איך האָב איהם די קינדער צוגענומען, עלעהיי ער וועט קענען מעהר הולטייען און וועט נישט דאַרפען זאָרגען פאַר זיי. איהם איז אפילו אויף די געדאַנקען נישט געקומען מיט וואָס פאַר-אַ צוועק איך נעהם צו די קינדער. איך בין אַוועק אין די נאָהענטסטע שטאָט. דאָרט האָב איך מיר דערוואוסט וועגען אייך, רבי, טעטיגקייט און וועגען אייער גרויס רחמנות צו אַלע די, וועלכע ווענדען זיך צו אייך נאָך הילף און אָהן שום נאָכטראַכטעניש בין איך געקומען קיין לאָדז. איך האָב מיך טאַקע נישט אָפּגענאַרט. איך האָב דאָ געפונען ביי אייך שוץ און אויפזיכט. איך האָב מיך אונטער אייער פאָטערליכער וואַרימקייט אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו בערוהיגען אָבער...

דעם קראַנקען האָט פערפעהלט אָטעם, ער האָט איבערגעריסען זיין ערצעהלונג און זיך געווישט די טראָפּענס שווייס, וואָס האָבען אַרויסגעשלאָגען אויף זיין שטערן. [illegible] רב האָט אַרויפגעלעגט זיין האַנד אויף דעם קראַנקענס קאָפּ, אָבער נישט איבערגעריסען די טראַגישע ערצעהלונג [illegible] מיט איין וואָרט.

— אָבער וואָס איז די פּעולה פון דעם אַלעם, האָט דער קראַנקער ווייטער גערעדט מיט אַ הייזעריגער שטים, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז ער אַליין זאָל זיין שטים נישט דערהערען. איך בין ווייטער אַ קריסט, דאָס שרעקליכסטע איז דאָך ביי מיר געבליבען און ס׳געהט נישט אָפּצושאַצען דאָס. איצט וועל איך בקרוב שטאַרבען און אַלע וועלען זיך דערוויסען וועגען מיין שרעקליכען סוד, אַלע יודען דאָ האָבען מיר אַרויסגעוויזען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און ליבע און איצט וועט מען מיך בע גראָבען אויפ׳ן פּראַוואָסלאַווענעם בית-עולם, אָבער דאָס איז נאָך נישט דאָס שרעקליכסטע, איך מוז אָפּקומען פאַר מיינע לאַנגע יאָהרען זינד, אָבער וואָס וועט זיין מיט מיינע אייניקלעך, זיי זענען דאָך שוין דערוואַקסענע בחורים, זיי פערשטעהן דאָך שוין אַלץ אויסגעצייכענט.

האָס וועט זיין, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען דאָס זיי זענען קריסטען? צי וועלען זיי נישט פערלאָזען די יודען און דאָס יודישקייט און פערשעלטען מיין אָנדענקען, ווייל איך האָב זיי אָפּגעזאָגט. און אויב אַפילו נישט, אויב אַפילו זיי וועלען בלייבען ווייטער ביי זייער יודישקייט, צי וועלען זיי לעבען ווייטער אַזוי ווי איך און שטאַרבען אַזוי ווי איך? אָדער וועלען זיי ווערען אמת׳ע יודען? דאָס איז דער סוד, פאַרוואָס איך וויל נישט שטאַרבען אין לאָדז, נאָר אין אַ קליין שטעדטעל. איך וויל אז קיינער זאָל נישט וויסען וועגען מיין סוד, אַפילו נישט מיינע אייניקלעך. נאָך מיין טויט, רבי, איז אייער אויפגאַבע זיך צו פערנעהמען מיט׳ן ווייטער׳דיגען גורל פון די דאָזיגע 3 נישט-געוואָרענע יודען.

דער קראַנקער איז שטיל געבליבען. מ׳האָט געזעהען, אַז די דאָזיגע לאַנגע ערצעהלונג האָט איהם זעהר פיל כוחות גע-קאָסט. ער האָט בעגראָבען זיין פנים אין קישען און שטיל גע-שלוכצט. דער רב האָט געהאַלטען זיין האַנד אויפ׳ן קאָפּ פון דעם קראַנקען און צוויי גרויסע טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין די גוטע, מילדע און מיט פול רחמנות אויגען פון ר׳ אליהו חיים.

דעם קראַנקען איז געוואָרען ערגער און ווי די דאָקטוירים האָבען ערקלעהרט דעם רב, האָט מען אַ לאַדע טאָג געדאַרפט ערוואַרטען אַ קאַטאַסטראָפע. די אויפגאַבע פון רב איז געוואָ-רען זעהר אַ שווערע. דער רב האָט טיף אַריינגעדרונגען און

דער נשמה פון דעם אומגליקליכען מענשען און מיט אַלע מעגליכקייטען געפּרובט לינדערען זיינע ליידען. כמעט יעדען טאָג האָט דער רב דעם קראַנקען מבקר-חולה געווען. ווען דער טאָג פון שטאַרבען האָט זיך דערנעהנטערט, האָט דער רב, נישט געבענדיג קיינעם קיין שום ערקלעהרונגען בעפוילען איבערצופיהרען דעם קראַנקען אין אַ קליין שטעדטעל הינטער לאָדז. פאַר די אייניקלעך האָט עס געהייסען, אַז דער קראַנקער מוז האָבען פרישע לופט, דעריבער מוז ער אַוועקפאָהרען.

נאָך עטליכע טעג זיין אין דעם שטעדטעל איז דער קראַנקער געשטאָרבען.

עלענד און איינזאַם, ווי ס'איז געווען דאָס גאַנצע לעבען פון דעם אַלטען, איז ער געשטאָרבען. אויף זיין לויה איז קיין איינציגער מענש נישט געווען. ער איז אָהן שום צערעמאָניעס בעגראָבען געוואָרען אויפ'ן קריסטליכען בית-עולם אין שטעטעל ק.

פון דער גאַנצער געשיכטע האָט דער רב אַפילו זיינע הויזמענשען נישט דערצעהלט. פון דעם האָבען נאָר געוואוסט עטליכע מענשען, וועלכע האָבען געדאַרפט בייהילפיג זיין דעם רב אַדורכצופיהרען די צואה פון דעם בעל-תשובה, זיך בעמיהען, אַז די דריי אייניקלעך פון דעם אַלטען זאָלען ווערען יודען. ווי אַזוי האָט דאָס געזאָלט אַדורכגעפיהרט ווערען? דאָס איז געווען זעהר אַ שווערע אויפגאַבע. ר' אליהו חיים האָט אַליין געזאָגט איינעם פון זיינע נאָהענטע מענשען, אַז דאָס איז איינע פון די שווערסטע אויפגאַבען, וועלכע ער האָט געהאַט אין זיין לעבען אַדורכצופיהרען.

וואָס אמת איז, האָבען די 3 אייניקלעך פון דעם אַלטען געפיהלט ביי זיך, אַז מיט זיי איז נישט אַלץ אין אָרדנונג. די דאָזיגע איבערצייגונג האָט זיך ביי זיי פערשטאַרקט לויט דעם ווי זיי זענען עלטער געוואָרען. זיי האָבען אינסטינקטיוו דערפיהלט, אַז מ'בעהאַלט פאַר זיי אַ גרויסען סוד. צווישען זיך האָבען זיי שוין דערפון גערעדט. זיי האָבען אָבער אַליין מורא געהאַט צו דערגעהן דעם סוד. זיי האָבען דאָס געוואוסט דורך דעם ווייל מ'האָט זיי גאָרנישט דערצעהלט וועגען זייער פאָטער, פערקעהרט: ווען זיי האָבען אָנגעהויבען נאָכצופרעגען דעם זיידען וועגען זייער פאָטער, האָט דער אַלטער דאָס אויסגעמידען און דערפון נישט געוואָלט רעדען. די גאַנצע אויפיהרונג, ענדליך, פון דעם אַלטען, איז פאַר די אייניקלעך געווען נישט פערשטענד-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0131-0259 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ליך. זיי האָבען גאָרנישט נאָכגעפרעגט. די לעצטע צייט האָבען זיי אַלע דריי געפיהרט דאָס געשעפט פון זיידען, וועלכעס האָט זיך זעהר גוט ענטוויקעלט.

נאָכ׳ן טויט פון דעם זיידען איז געקומען די צייט ווען די אייניקלעך זאָלען זיך דערוויסען פון דעם סוד און דאָס אין זעהר טראַגישע אומשטענדען.

דער רב האָט געדאַרפט איינאָרדנען די ערשטע בעגעגעניש מיט די 3 אייניקלעך און זיי אויסזאָגען די צואה פון זיידען. פון די דריי אייניקלעך איז נאָר איינער שוין געוואָרען פוליעהריג און אין עטליכע חדשים אַרום האָט ער געדאַרפט אָפּפאָהרען אין זיין געבורטס-שטעטעל צו מיליטער-דינסט. מ׳האָט דעריבער געדאָרפט דעם גאַנצען ענין ערלעדיגען, נאָך איידער דער יונגער מאַן וועט אָפּפאָהרען אין מיליטער-דינסט, וואו ער וואָלט זיכער זיך דערוואוסט וועגען זיין אָפּשטאַמונג, דאָס וואָלט זיכער געווען זעהר נישט געוואונשען פאַר׳ן ענין.

די בעגעגעניש איז דעריבער איינגעאָרדענט געוואָרען. דער רב האָט געבעטען צו דער דאָזיגער בעגעגעניש 2 פון זיינע אָנגעזעהנסטע מענשען, וועלכע זאָלען זיין עדות פון דעם דאָזיגען געשפרעך. אין אַ געוויסען טאָג איז די בעגעגעניש פאָרגעקומען. ווען אַלע זענען שוין געווען פערזאַמעלט האָט דער רב אָנגעהויבען:

— קינדער, איהר זענט אויפגעצויגען געוואָרען אין לאָדז אונטער מיין אויפזיכט, אונטער מיין השגחה. איך האָב אייער אָפּשטאַמונג און אייער יחוס נישט געקענט. מ׳האָט מיר וועגען דעם נישט דערצעהלט. ווען אייער זיידע איז געקומען קיין לאָדז האָט ער מיך געבעטען צו נעהמען אייך אונטער מיין אויפזיכט און אייך מאַכען פאַר עהרליכע, אַנשטענדיגע מענשען און יודען. איך האָב געטון דאָס, וואָס איז געווען מיין חוב און מיין האַרץ האָט זיך געפרעהט, ווען איך האָב געזעהן, אַז מיין אַרבייט האָט ערפאָלג. איך האָב געזעהן, ווי איהר וואַקסט ענערגישע, עהרליכע און גוטע מענשען. איך האָב געזעהען, ווי איהר פיהרט זיך אַלס גוטע יודען. אָבער ווען אייער זיידע איז קראַנק געוואָרען און האָט געהאַלטען פאַר׳ן שטאַרבען, האָט ער מיר ייִרופען און האָט מיר ענטדעקט אַ סוד, מיט וועלכען ער האָט אַדורכגעלעבט פמעט זיין גאַנץ לעבען.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

פון דער דאָזיגער געשיכטע, וואָס איך וועל אייך איצט דערצעהלען ווייסט קיינער נישט אויסער עטליכע מענשען, עס ווייסט אַפילו נישט מיין משפחה און עס וועט עס אויך קיינער נישט וויסען. איך האַלט אָבער איצט פאַר מיין חוב אייך אויסצוזאָגען אַלץ, וואָס איך האָב מיך דערוויסט. דאָס אַלץ קאָן דעצידירען וועגען אייער קומענדיגען לעבען. אָבער דאָס מוז געשעהן.

די דריי יונגעלייט זענען געזעסען שטיל און בלייך. זיי האָבען געפיהלט, אַז זיי וועט איצט אויסקומען צו הערען עפּיס אַזעלכעס, פאַר וועלכען זיי האָבען די גאַנצע צייט אַזוי מורא געהאַט, וואָס האָט זיי אַזוי געפּייניגט און געלייטערט.

— זייט וויסען האָט דער רב געזאָגט, אַז איהר זייט נישט קיין יודען, איהר זענט געבוירען פון אַ קריסטליכער מאַמע און אַ קריסטליכען טאַטען. אייער זיידע איז געוועזען אַ יוד און איז מיט געוואַלד גע'שמד'ט געוואָרען. ביי אייך אין דער משפחה איז אַלזאָ פערפאַלען געוואָרען איין דור. ערשט דער צווייטער דור איז ביי אויסטערלישע אומשטענדען צוריקגעקעהרט צום יודענטום. אָבער, האָט דער רב ווייטער געזאָגט, דאָס איז נאָר לפנים, אין דער אמת'ען פעהלט נאָך זעהר פיל, אַז איהר זאָלט זיין יודען און אַריינגענומען ווערען אין יודישען קהל.

דער רב האָט דאַן דערצעהלט די יונגעלייט דאָס אַלץ וואָס ער האָט געהערט פון דעם אַלטען פאַר זיין שטאַרבען. די טראַגישע געשיכטע פון דעם אַלטענס לעבען, זיין תשובה אויף דער עלטער און זיין גרענצלאָזען ווילען דאָס זיינע אייניקלעך, דאָס איינציגע וואָס איז איהם געבליבען אין זיין לעבען, זאָלען צוריקקעהרען צו זיין אַלטען שטאַם און זאָלען זאָגען קדיש נאָך איהם.

— די לאַגע איז איצט זעהר אַ שווערע, האָט געזאָגט דער רב. אויף מיר, אלס פיהרער פון דער יודישער קהלה אין לאָדז ליגט דער חוב ווי ווייט מעגליך אויסצופיהרען די צואה פון דעם פערשטאָרבענעם, פון דער אַנדער זייט ווידער האָב איך גישט קיין רעכט, איבריגענס וויל איך נישט צווינגען קיינעם צו טון אַזוי אָדער אַנדערש. דער גאַנצער ענין ליגט איצט אויסשליסליך ביי אייך אין די הענד, טוט אַלזאָ ווי איהר פערשטעהט. מיר דאָ אין לאָדז האָבען געטון פאַר אייך אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגליך געוועזן. בנוגע דעם אַנדענקען פון אייער זיידען וועלען מיר טון אַזוי ווי אונזער יודישער דת בעפעהלט אונז. וואָס שייך אייך אליין האָב איך דערצעהלט אַלץ, וואָס איך ווייס און לאָז איבער

דעם בעשלוס אייך אַליין איך האָף אָבער, אַז איהר וועט מיר וועגען אייער בעשלוס מיטיילען, דערביי פערזיכער איך אייך, אַז אויסער מיר און די צוויי עדות, וועט קיין שום מענש מעהר נישט וויסען וועגען דער גאַנצער געשיכטע.

אין שטוב איז געוואָרען שטיל. ס'האָט קיינער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. די דריי יונגעלייט, הגם זיי האָבען געקענט פערשטעהען שוין פריהער וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, זענען דאָך איבעראַשט געוואָרען פון דער טראַגישער ערצעהלונג פון רב. זיי האָבען איצט אויסגעצייכענט פערשטאַנען זייער לאַגע, זיי האָבען געוואוסט, דאָס זיי האָבען אַ פאָטער אַ שיכור, אַן'אויסוואורף אַ קריסט, וועלכער וועט זיך זיכער נישט אָפזאָגען פון די רעכט אויף זיינע קינדער. פון דער אַנדערער זייט האָבען זיי אַפילו נישט געוואָלט צולאָזען דעם געדאַנק, אַז זיי וועט אויסקומען זיך צו שיידען מיט די ביזאיצטיגע סביבה, געוואוינהייטען, טראַדיציעס און אַפילו אמונה. זיי זענען אַלע דריי געווען גלויבענדע יודען ביז איצט און מיטאַמאָל זאָל דאָס אַלץ איבערגעריסען ווערען? דאָס איז געווען אַ זעהר שווער און טראַגיש פראָבלעם, וועלכעס האָט זיך נישט געלאָזען לעזען אויפ'ן אָרט. די שטילקייט האָט איבערגעריסען דער עלטסטער פון די אייניקלעך.

— אָבער, רבי, איהר וואָס זענט געווען ביזאיצט אונזער לעהרער און וועגווייזער, וואָס האָט אונז פערטרעטען אונזער פאָטער, איהר ווילט אונז איצט איבערלאָזען אַליין, אַז מיר זאָלען אַפילו נישט האָבען מיט וועמען אַן'עצה צו האַלטען. מיר זענען דאָך אונערפאַהרענע מענשען, מיר זענען יונג און אַזאַ שווערע זאַך צו לעזען איז נישט פאַר אונזערע כוחות. גיט אונז, רבי נאָך איצט אַן'עצה, ווי אַזוי מיר דאַרפען האַנדלען און זיך אויפיהרען. מיר וועלען בלינד פאָלגען אַלץ וואָס איהר וועט אונז הייסען.

— ניין, קינדער, האָט דער רב דערויף געענטפערט. אַזוי ווי ביז איצט קען ווייטער נישט זיין. איך האָב איצט קיין שום עצה צו געבען, איהר מוזט אָנשטרענגען אייער פערשטאַנד און אַפילו אייערע פיזישע כוחות צו בעטראַכטען, אַנאַליזירען, דורכשטודירען אייער לאַגע און אָננעהמען אַן'ענטגילטיגען בעשלוס. איהר דאַרפט אייך נישט איילען. מאַכט אַלץ מיט ישוב הדעת און איהר וועט נישט בלאָנדזשען.

די יונגעלייט זענען אַוועק פון רב'ס וואוינונג פערטרויערטע אין אַ הילפלאָזע לאַגע, אַליין נישט וויסענדיג וואָס צו טון.

ערשט נאָך 6 וואָכען צייט זענען צום רב געקומען די דריי יונגעלייט און דער עלטעסטער פון זיי האָט ערקלערט:

— רבי, מיר האָבען אַלע דריי בעשלאָסען צו ווערען אמתע יודען, קיין שום זאַך אין דער וועלט קען אונז נישט דערפון אָפּהאַלטען, מיר וועלען וואַרטען ביז מיר וועלען ווערען פוליצהריג און אַלע נויטיגע פאָרמאַליטעטען אַדורכפיהרען. אין דער צייט בין איך געווען ביי מיין פאָטער אין רוסלאַנד און איהם ערקלערט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. זעהט אויס, אַז מיין פאָטער איז פון די מענשען, וועלכע עס געהט נישט אָן וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, ער האָט אויף דער גאַנצער געשיכטע מיט גאָרנישט רעאַגירט. איצט זענען מיר פריי און וועלען זיין יודען.

אַזוי איז אויך געווען. אַלע דריי האָבען נאָכדעם ווי זיי זענען געוואָרען פוליצהריג אַדורכגעפיהרט די ברית-מילה'ת און אָפיציעל געוואָרען יודען. די פאָרמאַליטעטען זענען אַדורכגעפירט געוואָרען אין גאַליציען, דער עלטסטער פון די דריי יונגעלייט איז בעפרייט געוואָרען פון מיליטער-דינסט און האָט פיל ענערגיע אָפּגעגעבען אַלץ צו ברענגען אין אָרדנונג. אַלע דריי ברידער האָבען ווייטער געוואוינט אין לאָדז.

די דאָזיגע געשיכטע האָט זיך דערמיט נאָך נישט געענדיגט. די דריי נייע יודען האָבען ווייטער געפיהרט זייער געשעפט און זיך אָנגעהויבען צו בערוהיגען פון די שווערע איינדרוקען פון דער לעצטער צייט. ס'זעהט אויס, אַז דאָס איז זיי נישט בעשערט געוועזען: ס'איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך וואָס פאַרא וועג האָט זיך דער פאָטער פון די דריי יונגעלייט זיך דערוואויסט אַז זיינע דריי זוהן וואוינען אין לאָדז און זענען פערמעגליך. דער פאָטער וועלכער איז געווען אַ שיכור און אַ גרויסער אויסברענגער האָט זיך געהאַט אין דעם שטעטעל, וואו ער האָט געוואוינט, זעהר שטאַרק פער'חובט און האָט געדאַרפט צום הויפּען נאָך פיל געלד. ער האָט דעריבער נישט שטאַרק נאָכגעטראַכט זיך צונויפגעזאַמעלט אויף דער הוצאה קיין לאָדז און זיך געגרייט אין וועג אַריין.

דאָס געלד אויף דער הוצאה איז איהם נישט זעהר שווער אָנגעקומען, ווייל ס'האָבען זיך געפונען פיל שאַנטאַזשיסטען, וועלכע האָבען געהאָפט, אַז דער אַלטער וועט ברענגען פון זיינע זיהן „די מיליאָנערען" אַ גרויס פערמעגען און זיי וועלען דערי

בער קענען אָפּלעקען אַ ביינדעל. זיי האָבען דעם לייכטזיניגען פאָטער אויסגעבאָרגט די נויטיגע סומע.

געקומען קיין לאָדז איז דער פאָטער גלייך פערפאָהרען צו זיינע זוהן. אריינקומענדיג אין געשעפט האָט דער פאָטער נישט דערקענט זיינע זוהן, די זוהן האָבען אויך נישט דערקענט זייער פאָטער. אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט אָבער אַלץ אָנגעהויבען קלאהר צו ווערען. די איבעראַשונג און פערלעגענהייט פון די דריי יונגעלייט איז געווען אין לשער. וואָס פאַר אַ מיינונג זיי האָבען נישט געזאָלט האָבען וועגען דעם גאַסט, איז דאָס דאָך געווען זייער פאָטער. זיי האָבען אָבער אויך געוואוסט, אַז זייער פאָטער איז אַ פראַוואָסלאַווגער און לויט זיינע רייד האָבען זיי דערקענט, אַז ער האָט קיין שום אַהנונג נישט וועגען דעם, אַז זיינע קינדער זענען יודען. דער אַלטער האָט אויך געזעהן, אַז דאָ איז נישט אַלץ אין אָרדנונג. אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט, קלערענדיג וועגען דעם, ווי אַזוי אַרויסצובעקומען אַ וואָס גרעסערע סומע געלד פון זיינע קינדער.

די לאַגע איז געווען זעהר אַ שווערע און דער פאָטער מיט די קינדער האָבען זיך נישט געקענט צוזאַמענרעדען. די קינדער האָבען בעשלאָסען זיך תיכף צו ווענדען וועגען אַן׳עצה צו ר׳ אליהו חיים מייזעל, אונטער וועמענס השגחה זיי זענען געוועזען די גאַנצע קינדער-יאָהרען.

– רבי, האָט געזאָגט דער עלטסטער פון די ברידער, אַריינקומענדיג צום רב, מיר מוזען זיך ווידער ווענדען צו אייך וועגען אַן׳עצה, מיר געפינען זיך איצט אין אַ לאַגע כמעט אָהן אַן׳אויסוועג. מיר ווייסען נישט וואָס אָנצוהויבען צו טון.

– אָבער וואָס איז ווידער געשעהען, האָט דער רב פערוואונדערט געפרעגט, איך האָב גערעכענט, אַז אייערע ליידען האָבען זיך שוין געענדיגט.

– איך ווייס נישט וואו מ׳זאָל דאָס אָנרופען, ליידען אָדער נישט, די לאַגע איז אָבער זעהר אַ שווערע, צו אונז איז געקומען אונזער פאָטער פון רוסלאַנד.

– צי ווייס ער שוין, אַז איהר זייט נישט מעהר זיינע קינדער, אַז איהר זייט איצט אמת׳ע יודען, האָט דער רב איבערגעריסען די רייד פון דעם עלטסטען זוהן.

– ניין רבי, לויט זיינע רייד דרינג איך, אַז ער ווייס דאָס נאָך נישט. ער האָט זיך שטאַרק בעקלאָגט אויף דער געדריקטערמאַ-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0133-0264 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

טעריעלער לאַגע. ער האָט אונז געמאַכט שטאַרקע פֿאַרוואָרפֿן, וואָס מיר האָבן פֿערגעסן אָן אונזער פֿאָטער, בעת מיר זענען געוואָרן, ווי ער דריקט זיך אויס, „גרויסע מיליאָנערען". מיר האָבן נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן, מיר האָבן דאָך שוין פּראַקטיש געהאָט פֿערגעסן, אַז מיר האָבן אַ טאַטען און אַז ער לעבט ערגיץ דאָרט ווייט אין רוסלאַנד. וואָס דאַרפֿען מיר איצט טון? ווי אַזוי דאַרפֿען מיר זיך איצט אויפֿיהרען, האָט דער זוהן זיך געבעטען ביי דעם רב אַן עצה.

דער רב האָט זיך שטאַרק פֿערטראַכט. ס'איז ווירקליך געווען אַ שווערע לאַגע, וועלכע האָט אָבער געדאַרפֿט ווי אַמגיכסטען אויפֿגעקלאָהרט ווערען.

— מיר וועלען אַלע נעבען־זאַכען איבערלאָזען אָן אַ זייט, האָט דער רב נאָך אַ ווײַלע טראַכטען געזאָגט: קודם־כל געהט אַהיים און דערצעהלט אייער פֿאָטער וועגען אייער גאַנץ לעבען, זייט איהר זענט צוזאַמען מיט אייער זיידען פֿון איהם אַוועקגעפֿאָהרען. איהר זאָלט פֿון איהם גאָרנישט פֿערהוילען אָדער באַהאַלטען. איהר זאָלט איהם דערצעהלען דעם גאַנצען אמת מיט אַלע איינצעלהייטען, דאָס איז אייער חוב תיכף צו טון, ס'איז אָנבעלאַנגט פֿון דעם איינדרוק, וואָס אייער ערצעהלונג וועט אויף איהם מאַכען, וועלען מיר וויסען וואָס ווייטער צו טון. אייער פֿאָטער זאָלט איהר דערווייל האַלטען ביי זיך גאַנץ בכבוד און באַמיהען זיך, אַז קיין פֿרעמדע מענשען זאָלען זיך נישט דערוויסען ווער אייער טאַטע איז. איך וואָרען אייך, אַז איהר זאָלט מיט אייער פֿאָטער קיין דיסקוסיעס נישט פֿיהרען. נאָכדעם ווי איהר וועט איהם אַלץ דערצעהלען, זאָלט איהר נאָכאַמאָל צו מיר קומען.

דער יונגערמאַן איז אַוועק אַהיים און דער רב האָט זיך ווייטער פֿערטראַכט אויף דעם, ווי די געשיכטע וועט זיך ווייטער ענטוויקלען.

דער עלטסטער פֿון די דריי ברידער איז אַוועק פֿון רב אַהיים, כדי אויסצוקלאָהרען זיין פֿאָטער וועגען אַלץ וואָס איז געשעהן מיט זיינע 3 זיהן ביזאַהער. דער פֿאָטער האָט זיך געפֿיהלט ביי זיינע קינדער ווי ביי זיך זעלבסט און האָט געוואַרט אויף דער גרויסער אַפּוטיקאַ וואָס ער וועט בעקומען אויפ'ן וועג צוריק אַהיים.

ווי שווער עס האָט נישט געזאָלט זיין די אויפֿגאַבע פֿון דעם עלטסטען זוהן האָט ער זי דאָך אָדורכגעפֿיהרט גענוי און



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

פּינקטליך ווי דער רב האָט געהייסען. ער האָט דערצעהלט גענוי אַלץ מיט די קלענסטע פּרטים פֿון דער צייט ווען דער זיידע האָט די 3 קליינע אייניקלעך אַרויסגענומען פֿון זייער פֿאָטערס הויז און מיט זיי אַוועקגעפֿאָהרען קיין לאָדז ביז דער צייט, ווען דער זיידע איז געשטאָרבען און זיי, די דריי אייניקלעך, זענען געוואָרען צוריק יודען.

אויף דעם אַלטען האָט די דאָזיגע ערצעהלונג געמאַכט אַן ערשיטערנדען איינדרוק. ער האָט נישט געוואוסט צי איז ער שיכור, אָדער ער חלומט. ער האָט זיך אָנגעהויבען קלאָהר מאַכען די לאַגע, ער האָט זיך מיט איינמאָל דערמאָנט אָן זיין גאַנצער פֿערגאַנגענהייט און לעבען. פֿאַר איבעראַשונג האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדען. און מיט שפּאַנונג און אויפֿמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו דער ערצעהלונג פֿון זיין זוהן. ווען דער זוהן האָט פֿערענדיגט די לאַנגע און טרויעריגע ערצעהלונג האָט דער פֿאָטער קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

— און וואָס וועט זיין מיט מיר איצט? ווי אַזוי וועל איך אַדורכלעבען מיינע לעצטע פּאָר יאָהר? איהר זענט דאָך מיינע קינדער, מיין בלוט און פֿלייש. גיט מיר אַן׳עצה וואָס זאָל איך טון? איך בין דאָך אַן׳עלענדער מענש, איינער אַליין אויף דער וועלט.

נאָך דער ערצעהלונג פֿון דעם זוהן האָט דער אַלטער זיך אויפֿגעוועקט ווי פֿון אַ שווערען קאָשמאַר, ווי ס׳וואָלט איהם ענטדעקט געוואָרען אַ סוד, וועלכער האָט איהם דאָס גאַנצע לעבען נישט אויפֿגעהערט צו מאַטערען. ער דהאָט זיך ערשט איצט אַרומגעזעהען ווי אַזוי עס האָט אויסגעזעהען זיין ביזאיצטיגעס לעבען און וואָס פֿאַראַ אויסזיכטען ער האָט אויף דער צוקונפֿט. ער האָט זיך פּלוצלינג דערפֿיהלט אַזוי, ווי ער וואָלט זיך געפֿינען צווישען ווילד־פֿרעמדע מענשען, וועלכע געהערען זיך איהם גאָרנישט אָן און צו וועלכע ער איז געקומען בעטען אַ נדבה, דער קלאַפּ, וועלכען דער אַלטער האָט בעקומען פֿון דער ערצעהלונג פֿון זיין זוהן איז געווען צו שווער, אַז ער זאָל איהם קענען אַזוי לייכט אַריבערטראָגען.

די זוהן האָבען אויך נישט געקענט געפֿינען קיין אויסוועג פֿון דער זעהר שווערער לאַגע. זיי האָבען נישט געקענט ברענגען אין קיין הסכם דאָס געפֿיהל פֿון פֿאָטערליבע מיט דעם פֿאַקט, אַז זיי און זייער פֿאָטער געהערען צו צוויי פֿערשידענע לאַגערן.

נאָך אַ לאַנגע פּויזע, בעת וועלכער עס האָט געהערשט אין צימער אַ טויטע שטילקייט, האָט דער עלטסטער זוהן ערקלעהרט:

— מיר זענען גרייט, אייך פאָטער, אויסצוהאַלטען אייער גאַנץ לעבען, אָבער איהר פערשטעהט אַליין, אַז צוזאַמען מיט אונז קענט איהר נישט וואוינען.

— איך וויל נישט, אַז איהר זאָלט מיך אויסהאַלטען, איך דאַרף נישט מעהר אייער געלד. פאַר מיר איז מעהר קיין לעבען נישט פערהאַן.

— איך האָב מיין גאַנץ לעבען פערברענגט ווי אַ הונד, ווי אַ חזיר, איך בין אַליין געקראָכען אין דער בלאָטע און פון דעם אפילו נישט געוווסט, און היינטיגען טאָג האָבען זיך מייגע אויגען געעפּענט און איך זעה מיין לעבען ווי אויף דער האַנד, מיין ציגעפּענט איז אינגאַנצען פערלוירען, איך האָב גאָרנישט מעהר פון איהר צו ערוואַרטען, איך וויל אייך איצט קיין פאָרוואורפען מאַכען צי איהר האָט אָדער שלעכט געטהון ווען איהר האָט אייער פאָטער אינגאַנצען פערגעסען. מיר איז אויך איצט אַלץ איינס. דאָס איינע וואָס איך פערלאַנג פון אייך איז, אַז איהר זאָלט מיר געבען אויף רייזע־קאָסטען אַהיים אין מיין שטעטעל אריין, איך וויל נאָך היינט אַוועקפאָהרען.

די זוהן האָבען געפּרובט דעם אַלטען צו געבען אַ גרעסערע סומע געלד, אַז ער זאָל האָבען פון וואַנען צו לעבען. אָבער דער אַלטער האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעהמען מעהר ווי אויף רייזע־קאָסטען.

נאָך דעמזעלבען טאָג איז דער אַלטער אַוועקגעפאָהרען און אַ לאַנגע צייט איז פון איהם נישט געווען קיין שום ידיעה. ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָבען די זיהן דערהאַלטען אַ ידיעה, אַז זייער פאָטער איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד דורך אַריינוואַרפען זיך אין טייך, וועלכער האָט זיך געפונען אינ׳ם שטעדטעל, וואו ער האָט שטענדיג געוואוינט.

## דער געפונענער אוצר.

דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָה״ען פון דער רבנות פון ר׳ אליהו חיים מייזעל אין לאָדז.

אויף קעלמאַ־גאַס אין באַלוט האָט געוואוינט אַנ׳אָרימער יוד אַ געוויסער לייבעל ג. לייבעל ג. איז געווען אַ טישלער, אָבער

ער האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם וואַרשטאַט, נאָר איז אַרום געגאַנגען מיט אַ קעסטעלע נעגעל, אַ הובעל און אַ זעג איבער די ווילקער הויפען און געבעטען אַ ביסעל אַרבייט. דערצו איז נאָך לייבעל געווען אַ מטופּל מיט קינדער, פערשטעהט זיך דעריבער, אַז די נויט איז געווען פּשוט אַ שרעקליכע. אַזוי זענען אָפּגעגאַנגען לאַנגע יאָהרען ביז איינמאָל...

לייבעל איז געוואָרען גאָר אַנ'אַנדער מענש. ער אַליין האָט זיך אויסגעפּוצט ווי אַ פּאַצעט, זיין ווייב און קינדער האָבען זיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס פון דער נאָדעל אַוועק, און שטוב ביי לייבעל'ען איז פּלוצלונג געוואָרען ששון ושמחה. מ'האָט געגעסען, געטרונקען און געלאָזען זיך וואויל-געהן אויף וואָס די וועלט שטעהט.

די דאָזיגע פּלוצלונגדיגע ענדערונג ביי לייבעל'ען, האָט אַרויסגערופען אַ גרויס פערוואונדערונג נישט נאָר ביי לייבעל ג—ס שכנים נאָר אויך אין גאַנץ באַלוט, ווי איינער דעם אַנדערן האָט גוט געקענט. ווען לייבעל איז אַזוי אַרויסגעגאַנגען אויסגעפּוצט אין האָניג און אין מילך, מיט דעם זייגער און קייט אין די וועסט, מיט דעם שטעקען אין האַנד און פּאַפּיראָס אין מויל, האָט איינער פון די שכנים איהם אין אַ געלעכטער אַ פרעג געטון:

— לייבעל, וואָס ביסטו עפּעס אַזוי מיט איינמאָל בעגליקט געוואָרען, נישט אַנדערש, ווי דו האָסט אַ קלויסטער בע'גנב'עט?

לייבעל האָט קיין סך נישט געקלערט און גלייך געענטפערט, אַזוי ווי ער וואָלט שוין לאַנג געווען געוואַרט אויף דער דאָזיגער פראַגע.

— מיין ווייב האָט בעקומען אַ ירושה פון ענגלאַנד, איהר'ס אַנ'עלטער פעטער איז דאָרט געשטאָרבען און האָט איהר איבערגעלאָזען אַ גרויס פערמעגען.

דאָס איז אָבער געווען אַ תירוץ פאַר דער באָבען, עס האָט זיך קיינעם נישט געלעגט אויפ'ן שכל.

די ווייבער, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעזעצט אויף די טרעפּלעך פאַר די טויערן האָבען פערשידען געפּליאָטקעוועט. מ'האָט דערצעהלט נישט קיין געשטויגענע און געפלויגענע מעשיות וועגען דעם, ווי אַזוי לייבעל איז בעגליקט געוואָרען. דאָס זעלבע האָבען אויך געטון די מענער ביי די וועבשטוהלען און פאַרנאַכט אין בית המדרש, קיינער האָט אָבער גאָרנישט געקענט אויסטראַכטען און אַלע האָבען מקנה געווען לייבלען מיט זיין גרויס גליק.

אין דעמזעלבען הויז, וואו לייבעל האָט געוואוינט אויף קעלמאַ־גאַס האָט אויך געוואוינט אַ קריסט אַ פלומפען־בויער אַ מענש, אַן אײנזאַמער אָהן משפחה. ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געחבר׳ט און נישט צוזאַמענגעטראָפען, הגם ער איז געווען אַן ערשטקלאַסיגער בעל־מלאכה און די בוי־בעוועגונג אין לאָדז איז דעמאָלט געווען גאָר אַ שטאַרקע, האָט ער זיך בשום אופן נישט געוואָלט אַריבערציהען אין שטאָדט אַריין, נאָר האָט געוואוינט אין אַ קליין שטיבעל אין באַלוט. נישט איינמאָל האָט מען שוין דעם קריסטליכען פלומפען־מאַכער פאָרגעלעגט זיך צו ציהען אין שטאָט אַריין און עפענען אַ גרויסע אונטערנעהמונג. דער קריסט האָט אַלע פאַרשלאַגען אָפּגעוואָרפען.

ער האָט געהאַלטען אַ צעהנדליג אַרבייטער און אַליין מיט געאַרבייט ביי יעדע אָנגענומענע פלומפּ. די אַלע וואָס זענען געווען מיט איהם אין געשעפטליכע פערבינדונג האָבען אָבער געוואוסט, אַז דער פלומפען־מאַכער מוז האָבען זעהר פיל געלד, הגם ער האָט געלעבט אין אָרימקייט. קיינער האָט אָבער נישט געקענט פערשטעהען פאַר וועמען דער פלומפען־מאַכער זאַמעלט אַ פערמעגען, בעת ער האָט קיין שום פאַמיליע נישט.

דער פלומפען־מאַכער האָט אין דעם דאָזיגען הויף געוואוינט היבשע עטליכע יאָהר און מיט קיינעם פון די שכנים קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט. נישט קיין גוט מאָרגען, נישט קיין גוט יאָהר, אַרויסגעגאַנגען אין דערפריה צו דער אַרבייט און צוריקגעקעהרט אין אָווענד, האָט מען דעם קריסט מעהר נישט דערזעהען, אַ חוץ אַמאָל זומער־צייט פאַר׳ן טויער כאַפען אַ ביסעל לופט.

איינמאָל גאַנץ בעגינען, ס׳איז געווען אפשר 5 אַ זייגער פאַרטאָג האָט זיך אין דעם הויף אויף קעלמאַ־גאַס, וואו ס׳האָט געוואוינט לייבעל טישלער און אויך דער קריסטליכער פלומפען־מאַכער, דערהערט אַ שרעקליך געשריי פון דעם קריסט. אַלע שכנים זענען אַרויס פון די בעטען, כדי זיך צו דערוויסען די סבה פון די געשרייען. וועלכע זענען געקומען פון דעם קעלער אויפ׳ן הויף. ווען די שכנים זענען אַריין אין קעלער, האָבען זיי אינעווייניג געזעהען שטעהן דעם פלומפען־מאַכער, וועלכער האָט געיאָמערט און זיך געריסען ביי די האָהר. נעבען איהם איז געווען אַן אויפגעגראָבען נישט טיף גריבעל און אויף דר׳ערד איז געשטאַנען

אַ לאַמטערן. דער קריסט האָט זיך געוואָרפען ווי אַ פיש און האָט געשריגען:

וואו איז מיין געלד, מיין שווערע האָראָוואַניע, מיין לאַנג יעהריגע פראַצע?

קיינער האָט פאָרלויפיג נישט געוואוסט וועגען וואָס האַנדעלט זיך, וועגען וואָס פאַר אַ גנבה דער קריסט רעדט. ווען דער פלומפען-מאַכער האָט זיך אַביסעל בערוהיגט, האָט ער ערשט אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט אַלע פרטים וואָס פאַר אַ אומגליק עס האָט איהם געשעהען: אַלע האָבען אויפמערקזאַם אויסגעהערט די גערוועאישע נישט סיסטעמאַטישע און געהיימניספולע געשיכטע.

— איך האָב געהאַט אַ ירושה פון מיינע עלטערן, האָט געיאָמערט דעם פלומפען-מאַכער, איך האָב מיר דאָס בעהאַלטען דאָ אין קעלער אין אַנ'אויסגעגראָבען גריבעל, אַ חוץ דעם האָב איך דאָס יעדע פאָר וואָכען צוגעלעגט דאָס, וואָס איך האָב פאַרדינט מיט מיין שווערער פראַצע. איך האָב מיר גאָרנישט פערגינען אין מיין לעבען, איך האָב כמעט נישט געגעסען און איצט איז געקומען עמיצער און מיך אומגליקליך געמאַכט.

— גיט מיר אַנ'עצה, וואָס זאָל איך אָנהויבען צו טון, האָט דער קריסט געבעטען די אָנוועזענדע מיט טרעהרען אין די אויגען?

אַלע שכנים זענען געוואָרען איבערראַשט פון דער דאָזיגער געהיימנישפולע געשיכטע. זיי האָבען קיין שום טרייסט-וואָרט אפילו נישט געפינען פאַר דעם קריסט. ביסלעכווייז זענען זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע שטובען און אויך דער קריסט איז אַוועק צוזאַמען מיט זיין אומגליק אין זיין איינזאַם צימערל.

צומאָרגענס האָט גאַנץ באַלוט געקאָכט מיט דער אויסטערלישער געשיכטע. אַ גאַנצען טאָג האָט מען נישט גערעדט וועגען עפיס אַנדערש, ווי וועגען דעם פערשוואונדען-געוואָרענעם אוצר. ביסלעכווייז, ווען דער עולם האָט זיך אָפּגעקיהלט פון דער ערשטער איבעראַשונג פון דער דאָזיגער סענסאַציע, האָבען די באַלוטער יודישע בעלי-הבתים אָנגעהויבען זוכען אַ צוזאַמענהאַנג צווישען דעם פערלוירען-געוואָרענעם אוצר און דעם פלוצלונג-רייך-געוואָרענעם לייבעל טישלער.

וואָס מעהר דער עולם האָט זיך דערין אַריינגעטראַכט, אַלץ מעהר איז די דאָזיגע השערה געוואָרען וואַהרשיינליכער, נאָכמעהר, ווייל אי דער פלומפען-מאַכער, אי לייבעל און אי דער

אוצר—אַלע האָבען זיך געפונען אין דעמזעלבען הויז אויף קעלמאַ גאַס. וועגען דעם האָט מען זיך גאָר געשושקעט. קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט דאָס הויך אַרויסרעדען, נישט־ווילענדיג אַריינשטעקען די פינגער אין קיין ענגער טיר.

דער פלוממען־מאַכער איז אַרומגעגאַנגען ווי אָהן אַ קאָפּ. די ערשטע עטליכע טעג איז ער אינגאַנצען צו דער אַרבייט נישט געגאַנגען און זיך נישט אַרויסגעוויזען פון צימער, בלויז יעדען פאַרטאָג, ווען ס'איז נאָך פינסטער געווען האָט מען בעמערקט, ווי ער געהט אַראָפּ אין קעלער און קומט אַרויס פון דאָרט נאָך מעהר טרויעריג און פער'דאגה'ט ווי ער איז שטענדיג געווען.

צווישען די באַלומטער יידען האָט זיך געפונען איינער אַנ' עלטערער מענש, אַ וועבער, משה ס., וועלכער האָט מקנה געווען לייבלען, אַ ביסעל רחמנות געהאַט אויף דעם איינזאַמען קריסט—ביז איינמאָל פאַרנאַכט איז משה אַרויפגעגאַנגען צום פלוממען־בויער אין צימער און האָט איהם דערצעהלט די געשיכטע מיט דעם פלוצלונגדיגען רייך ווערען פון זיין שכן לייבעל טישלער, וועלכעס איז פאָרגעקומען גלייכצייטיג מיט דעם פערשוואונדען ווערען פון דעם געלד אין קעלער.

— פון דאַנען — האָט משה געזאָגט דעם קריסט — בין איך זיך משער, אַז לייבעל האָט אויף וועלכען ס'איז אופן, דיין אוצר געפונען און זיך איהם גענומען.

פאַר דעם קריסט איז די פראַגע געווען קלאָהר און זיכער, אַז נישט „קיין אַנ'אַנדערער, ווי נאָר לייבעל האָט אויסגעפינען דאָס בעהעלטעניש פון זיין געלד און האָט זיך גענומען. אָבער איצט איז אויפגעשוואומען די פראַגע, ווי אַזוי אויסצופאָרשען דעם ענין און דער עיקר, ווי אַזוי אָפּצונעהמען דאָס געלד. ווען משה האָט אונטערגערוקט דעם קריסט דעם געדאַנק זיך צו ווענדען צו דער רוסישער פאָליציי, האָט דער קריסט די דאָזיגע עצה אָהן שום נאָכטראַכטען אָפּגעוואָרפען און געזאָגט:

— מיט די דאָזיגע בעסטיעס וויל איך נישט האָבען צו טון, איך קען זיי, ליידער, צו גוט.

משה האָט אַפילו נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס דער קריסט זאָגט זיך אָפּ פון דער בעסטער עצה צוריקצובעקומען דאָס געלד, אָבער ער האָט געשוויגען און געזוכט אַנ'אַנדער עצה. ביידע צוזאַמען האָבען לאַנג געטראַכט אָבער גאָרנישט געקאָנט אויסקלערען.

— איבעריגענס, האָט דער קריסט געזאָגט, וועל איך נאָך נאָכטראַכטן ביז מאָרגן, אפשר וועל איך געפֿינען עפּיס אַ מיטל. און אייך וואָלט איך געבעטן אַרײַנצוקומען צו מיר מאָרגן אָוונט-צײַט וועל איך אײַך זאָגן וואָס איך האָב באַשלאָסן צו טון. און פֿאַר דער ענטדעקונג וואָס איהר האָט פֿאַר מיר געמאַכט, וועל איך אײַך ווי געהעריג באַלוינען.

צו מאָרגנס אינדערפֿריה איז דער פֿלומפּען-בויער אַוועק אין גאַס, ווי זײַנע אַרבייטער האָבן ערקלעהרט איז ער דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבייט נישט געווען, קיינער האָט נישט געוואוסט וואוהין ער איז געגאַנגען, אָוונט-צײַט איז צום פֿלומפּען-מאַכער געקומען משה ס., כדי זיך צו דערוויסן וואָס ער האָט באַשלאָסן.

דער קריסט איז געווען פֿיל אויפֿגעלעגטער און פֿרעהליכער, מ'האָט געזעהן אין איהם, אַז ער האָט אַ האָפֿנונג זײַן געלד צוריקצובעקומען.

— איהר ווייסט וואָס איך האָב באַשלאָסן, האָט דער קריסט געזאָגט צו משה'ן?

— פֿון וואַנען זאָל איך וויסן האָט געענטפֿערט משה. מן הסתם ווייסט איהר וואָס איהר טוט.

— אַלזאָ, זאָג איך אײַך, אַז איך האָב באַשלאָסן זיך צו ווענדן נאָך אַן עצה צום לאַדזער רב מייזעל וואָס זאָגט איהר דערויף?

— דאָס איז דאָס בעסטע וואָס איהר האָט געקאָנט אויסטראַכטן, איהר וועט זיך צוריק האָבן אײַער געלד, האָט משה געענטפֿערט אין אַ טאָן ווי ער וואָלט געווען איבערצייגט דערין.

און ווירקליך איז דער קריסט אויף צומאָרגנס אַוועק צו ר' אליהו חיים'ן. דער פֿלומפּען-בויער האָט געבעטן דעם רב, אַז ער זאָל איהם אויסהערן אונטער פֿיר אויגן. דער רב האָט דעם קריסט אַרײַנגעבעטן אין אַ צווייטן צימער און איהם געפֿרעגט, וואָס ער פֿערלאַנגט.

— איך, — האָט אָנגעהויבן דער קריסט מיט אַ שטימע, אַז קיינער אין די נעבען-צימערן זאָל נישט הערן — בין פֿון די פֿאָווסטאַנצעס פֿון 1863 יאָהר. איך האָב געוואוינט אין דער געגענד פֿון וולאָצלאַוועק, איך האָב געהערט צו דעם דאָרטיגען ראַיאָן-קאָמיטעט פֿון די „פֿאָווסטאַנצעס" און בין געווען זייער קאַסיר. די ערשטע צייטן איז אונז, אויפֿשטענדיגע גוט געגאַנגען, מיר

האָבען אָרגאַניזירט און בעוואָפענט די יוגענד פון אונזער געגענד און פון די עלטערע האָבען מיר גענומען געלד. מיר האָבען געהאַט א היבשע סומע, אָבער שפּעטער האָבען די פּאָוסטאַנצעס אין גאַנצען לאַנד אָנגעהויבען צו ליידען מפּלות. די צאַרישע קאָזאַצקע אָקופּירען האָבען אויך אונזער קאָמיטעט דערשנאַפּט און האָבען אונז אָנגעהויבען שטאַרק פערפאָלגען. עטליכע פון אונז זענען דורך די תּליינים געכאַפּט און דערשאָסען געוואָרען. עטליכע אונזערע חברים זענען ענטלאָפען קיין אויסלאַנד און איך מיט דער קאַסע פון דער אָפּטיילונג בין ענטלאָפען פון וולאָצלאַוועק און געקומען קיין לאָדז. דאָס געלד, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט, א סומע פון 8 טויזענד רובל, האָב איך געהאַלטען פאַר א הייליגקייט, צו דעם האָט זיך קיינער נישט געטאָרט צוריהרען. איך האָב עס נישט געקענט אַריינלעגען אין קיין באַנק, ווייל איך האָב מיין פאַמיליען-נאָמען נישט געקאָנט דערמאָהנען. די רוסישע פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע זוכען מיך עד היום שטאַרק.

— איך האָב דעריבער, האָט דער קריסט שטאַרק אָנגעזיפצט, די סומע פערגראָבען אין קעלער פון דעם הויז וואו איך וואוין. איך האָב געוואַרט ביז איך וועל דאָס געלד קענען אוועקשיקען קיין אויסלאַנד צו אונזערע חברים. איך האָב יעדעס מאָל צוגעלעגט צו דעם געלד מיין בייטראַג און נאָכגעקוקט צי דאָס געלד איז דאָ. בין מיט עטליכע טעג צוריק איך בין אַראָפּגעקומען אין קעלער און צו מיין גרויס צער האָב איך בעמערקט, אַז דאָס געלד איז נישטאָ, די שכנים האָב איך דערצעהלט, אַז דאָס געלד האָב איך בעקומען בירושה פון מיינע עלטערען, ווייל איהר פערשטעהט דאָך אַליין ה׳ ראַבינער, אז איך האָב נישט געקענט דערצעהלען וועגען דער אָפּשטאַמונג פון דעם געלד.

— אָבער דאָס איז נישט אַלץ ה׳ ראַבינער, איך האָב מיך דערוואוסט, אַז איינער פון מיינע שכנים אַ געוועזענער טישלער איז עפּיס מיט עטליכע וואָכען צוריק פלוצלינג רייך געוואָרען, דער יוד איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן און פּשוט נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצולעבען און איצט געהט זיין הויזגעזונד אויסגעפּוצט און עס פעהלט זיי נישט פון כל-טוב.

— איך זאָג נישט אויף זיכער, אָבער ה׳ ראַבינער, איהר פערשטעהט דאָך אַליין, אַז אַ חשד קען איך האָבען דאָס דער דאָזיגער לייבעל טישלער האָט געפינען דאָס געלד און בענוצט

זיך דערמיט. וואָלט דאָס געווען מיין געלד, וואָלט איך אפשר אַנדערש געהאַנדלט. צו דער פּאָליציי קען איך מיך דאָך נישט ווענדען, איך קען דאָך נישט דערלאָזען צו קיין חקירה ודרישה. איך בין דעריבער געקומען צו אייך וועגען אַן עצה, דאָס האָבען מיך געהייסען טאָן די עטליכע חברים אונזערע וואָס געפינען זיך דאָס אין לאָדז.

מיט דעם האָט דער קריסט פאַרענדיגט זיין ערצעהלונג, דער רב האָט זיך פאַרטראַכט און געפרעגט:

— צי האָט מען נישט דעם דאָזיגען טישלער, וועגען וועלכען איהר האָט דערצעהלט, געפרעגט פון וואַנען ער איז פּלוצלינג אַזוי רייך געוואָרען?

— יאָ, מ'האָט איהם געפרעגט און ער האָט געענטפערט, אַז אין לאָנדאָן איז געשטאָרבען זיין פרויס אַן עלטער פעטער, וועלכער האָט איהם איבערגעלאָזען אַ גרויסע ירושה.

— נו, און האָט איהר שוין געפּיהרט, וועלכע ס'איז אויספאָרשונג, צי דאָס איז אמת.

— ניין, איך האָב גאָרנישט געטאָן, דער טישלער ווייס אפילו נישט, אַז איך האָב אַ פערדאַכט אויף איהם. ה' ראַבינער, דאָס געלד מוז געראַטעוועט ווערען, אַז נישט וועל איך מיט מיין לעבען בעצאָהלען.

דער רב האָט נישט געוואוסט, אויף וויפיל די געשיכטע וואָס דער קריסט האָט דערצעהלט איז אמת, די ערצעהלונג האָט אָבער געהאַט אַלע סמנים פון אמת, ווי עס זאָל נישט זיין, האָט דער רב ביי זיך בעשלאָסען, אויב דער טישלער האָט טאַקי דאָס געלד געפינען מוז ער דאָס צוגעבען.

— גוט, האָט דער רב געזאָגט, איך וועל עפּיס אין דעם ענין טאָן, און איהר זייט אַזוי גוט און קומט אַריין צו מיר מאָרגען אין דער זעלבער צייט וואָס היינט.

דער קריסט איז אַוועק און דער רב האָט תיכף געשיקט נאָך לייבעל טישלער, דער רב האָט אָנגעזאָגט דעם שליח, אַז ער זאָל נישט קומען אָהן לייבלען, ער זאָל נישט יוצא זיין מיט אַן אויסרייד נאָר אונבעדינגט ברענגען לייבלען צום רב.

נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען דעם רב'ס שליח צו בעוועגען לייבעל טישלער, אַז ער זאָל געהן צום רב. ער האָט אפילו נישט געוואָלט דערפון הערען, ערשט נאָך לאַנגע מיה האָט זיך

איינגעגעבען איהם צו געבען צו פערשטעהן, אַז דער רב רופט דאַרף מען געהן.

געקומען צו געהן האָט זיך צו לייבלען אָנגערופען דער רב:

— לייבעל, מ'זאָגט אַז דו ביזט רייך געוואָרען, דעריבער האָסטו שוין פערגעסען די אַלטע צייטען. דערמאָנסט זיך גאָר-נישט ווען דו ביזט געווען אַן אָרימאַן. ביזט אפילו נישט אַריינגעקומען צו מיר און געגעבען עפעס אַ נדבה אויף אונזער אינסטיטוציע אַלס דאַנק, וואָס דער אויבערשטער האָט דיר געהאָלפען.

לייבעל האָט נישט געהאַט קיין ענטפער, אָבער אין זיך איז ער געווען צופרידען, וואָס דאָס געשפרעך האָט גענומען אַזאַ ווענדונג, ער איז געווען איבערצייגט, אַז אימיצער האָט איהם גע'מסרט, דאָס ער האָט זיין פערמעגען בעקומען אויף אַן'אינלעגאַלען אופן און דער רב וועט מיט איהם וועגען דעם רעדען.

— ס'איז דאָך נאָך נישט צו-שפעט, האָט לייבעל געענטפערט מיין נדבה וועט איצט אויך צונויץ קומען די אָרימע-לייט. איך גיב אויף...

— אָבער וואַרט, האָט איהם דער רב איבערגעשלאָגען, מיר וועלען זיך צוערשט אַרומקוקען און בעטראַכטען אויף וואָס פאַר-אַ צוועק דו זאָלסט דיין נדבה געבען, איך מוז מיך גוט בעטראַכטען, איידער איך שאַף מיט יענעמס געלד. בכלל יעדער מענש מוז גוט נאָכקלערען, איידער ער גיט אויס פרעמד געלד.

דאָס געשפרעך איז איבערגעגאַנגען אויף גאַנץ זייטיגע ענינים און האָט געדויערט עטליכע מינוט, דערנאָך האָט זיך דער רב ווייטער געפרעגט:

— איז עפעס געווען אַ גרויסער עושר דיין ווייבס פעטער, וואָס איז געשטאָרבען אין ענגלאַנד?

— אָ, זעהר רייך, מיר אַליין האָט ער איבערגעלאָזט אַ סך געלד.

— נו, און איז עפעס געווען נאָך יורשים?

— יאָ, האָט לייבעל שוין אָנגעהויבען שטאַמלען, יאָ געווען נישט געווען, און אפשר יאָ, נאָר איך קען קיינעם נישט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נפקא-מונה, פון וואַנען דאָס געלד איז געקומען, האָט דער רב געזאָגט, נישט אמת לייבעל. אַבי ס'איז דאָ.

— נו, יאָ האָט לייבעל געענטפערט, אַ גליקליכער. אַז דאָס געשפרעך האָט זיך געענדיגט.

לייבעל האָט זיך געזעגענט מיט'ן רב און האָט צוגעזאָגט דעמיזעלבען אָווענד נאָכאַמאָל צו קומען, כדי צו וויסען אויף וואָס פאַרא צוועק דער רב הייסט איהם געבען די נדבה. נאָך זיין אַוועקגעהען איז דער רב געווען איבערצייגט, אַז לייבעלס פערמעגען איז נישט געקומען אויף קיין כשר'ען אופן.

אין אָווענד ווען לייבעל איז ווידער אַמאָל געקומען צום רב, האָט ר' אליהו חיים שוין נישט גערעדט מיט איהם אין דעם אַלגעמיינעם אויפנאַהמס-צימער נאָר אַריינגענומען אין אַ זייטען-שטוב און צו איהם געזאָגט:

— לייבעל, איך מיין דיין טובה, דו מוזט מיר זאָגען ביי וועמען דו האָסט אָפגענומען דאָס געלד פאַר דער ירושה, מ'האָט דיך מיאוס אָפגענאַרט און דו קענסט דערפאַר טייער בעצאָהלען.

— אָבער וועגען וואָס האַנדעלט זיך, האָט לייבעל שוין געפרעגט אַ דערשראָקענער.

— הער צו, וועל איך דיר גענוי ערקלערען, צו מיר זענען געקומען שוין עטליכע מענשען און האָבען ערקלעהרט, אַז דאָס געלד, מיט וועלכען דו צאָהלסט איז פאַלש, זיי ווילען נישט מעלדען וועגען דעם דער פאָליציי, אָבער דאָס מוז זיך דאָך ענדיגען.

לייבעל איז געבליבען זיצען ווי מ'וואָלט איהם דערלאַנגט מיט אַ האַמער איבער'ן קאָפ. אויף אַזאַ מפלה האָט ער זיך נישט גערעכט. ס'איז איהם קלאָהר געוואָרען, אַז דער קריסט, דער פלומפען-מאַכער איז אַ מאַכער פון פאַלש געלד און ער האָט בעהאַלטען דאָס געלד אין קעלער. לייבעל האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג און אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— רבי, איך וועל אייך דערצעהלען דעם גאַנצען אמת, איך בין גאָרנישט שולדיג. איך האָב מיט קיין פאַלש-געלד גאָרנישט צו טון, דאָס געלד וואָס איך פערמאָג, האָב איך געפונען אין קעלער פון דעם הויז וואו איך וואוין. דאָס געלד האָב איך שפעטער זיך דערוואוסט געהער צו אַ קריסט אַ פלומפען-מאַכער וואָס וואוינט אויך דאָרט.

— אויב דו האָסט זיך דערוואוסט, האָט דער רב געזאָגט, טאָ פאַר וואָס-זשע האָסטו איהם דאָס געלד נישט צוריקגעגעבען. דאָס געלד איז מאַקי נישט קיין פאַלשעס, אָבער ס'איז נישט דיינס און דו מוזט עס צוריק אָפגעבען.

לייבעל האָט גאָרנישט געענטפערט אַרויסגענומען אַ פעקעל מיט געלד און עס אַוועקגעלעגט פאַר'ן רב.

באַלד איז אָנגעקומען, דער קריסט, וועלכער האָט צוריק-

בעקומען זיין געלד, ער האָט אָבער אַ שעהנע נדבה אַוועקגעגעבען לייבלען.

דער קריסט האָט זיך דעמאָלט אַוועקגעצויגען פון לאָדז און מ'האָט נישט געוואוסט וואו ר'איז אַהין געקומען.

---

## מיסיאָנערען-ארבייט אין לאָדז.

אין די יאָהרען 1904—5 ווען עס זענען פאָרגעקומען די רעוואָלוציאָנערע קאַמפען אין רוסלאַנד און אויך אין פוילען, האָבען די מיסיאָנערען געפונען, אַז ס'איז די פאַסיגסטע צייט צו פערשפרייטען זייערע נעצען פאַר דער יודישער יוגענד און אַרויסראַטעווען זייערע נשמות פון טייוועל דורך איבערגעהן צו דער קריסטליכער אמונה.

די צייט איז ווירקליך געווען פאַר זיי אַ פאַסיגע, די יודישע יוגענד איז דעמאָלט געווען זעהר אידעאַליסטיש געשטימט, זי האָט זיך איבערגעוואָרפען פון איין אידעאַל צום צווייטען, ווערענדיג שנעל ענטטוישט, אויך אין לאָדז האָבען זיך אין דער דעמאָלסטדיגער צייט בעוויזען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע מיסיאָנערען און זיך גענומען צו דער אַרבייט. זיי האָבען געפיהרט זייער הייליגע מלאכה אונטער פערשידענע אויסריידען, עטליכע זענען אָנגעגאַנגען פאַר רעוואָלוציאָנערען און געאַרבייט צווישען די נישט-ערפאַהרענע יונגענטליכע סאָציאַליסטען אַנדערע ווידער זענען געווען אַגענטען ווי חסידישע יודען און זייער טעטיגקייט געפיהרט צווישען דער חסידישער יוגענד, אַנדערע ווידער האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט, וואָס פיל פון דער יודישער יוגענד האָט געמוזט ענטלויפען פון רוסלאַנד. די מיסיאָנערען האָבען פערלייכטערט די דאָזיגע מענשען דאָס ענטלויפען פון רוסלאַנד, אָבער מיט'ן בעדינג, אַז זיי האָבען זיך פריהער אָפּגע'שמד'ט.

די מיסיאָנערען האָבען איינגעאָרדענט יעדען שבת אזוי-גערופענע דיסקוסיאָנס-פערזאַמלונגען, צו וועלכע ס'זענען געקומען, מעהר צוליב נייגיריגקייט ווי צוליב דער עצם זאַך, אַ גרויסע צאָהל פון דער יודישער יוגענד און נישט איינער פון זיי איז דורך די דאָזיגע דיסקוסיאָנס-פערזאַמלונג נכשל געוואָרען.

אין לאָדז האָט דעמאָלט געוואוינט אַ חסידישער, גבירישער יונגערמאַן קלמן ד., קלמן איז געווען אַ זוהן פון אַ זעהר אָנגעזעהענער פאַמיליע אין לאָדז. זיין פאָטער אַ יוד אַ נגיד, אַ גביר און אַ בעקאַנטער כלל-טוער.

קלמן האָט זיך געלאָזט פֿערנאַרען דורך איינעם פֿון די מיסיאָנערען, וועלכער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט אַלס אַ חסידישער ייִד און איינמאָל, מכלומרשט צוליב בלויזע נייגיריגקייט זענען זיי ביידע, דער מיסיאָנער און קלמן אַוועק אויף באַוואָרט גאַס צו אַזאַ דיסקוסיאָנס־פֿערזאַמלונג. אויף דער דאָזיגער פֿערזאַמלונג האָט קלמן זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו אַלעם וואָס דאָרט איז גערעט געוואָרען, ער איז פֿון די פֿערשידענע דיסקוסיעס, וועלכע די מיסיאָנערען האָבען ספּעציעל צווישען זיך געפֿיהרט אינגאַנצען צומישט געוואָרען, דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האָט זיך אין זיין האַרץ אַריינגעגנב'עט ספֿיקות וועגען פֿערשידענע פֿראַגען, וועלכע ער האָט ביז דער דעמאָלטדיגער צייט געהאַלטען פֿאַר זעלבסטפֿערשטענדליך און קלאָהר.

קלמן איז געוואָרען טרויעריג און פֿער'מרה־שחורה'ט און זיך נישט געקענט קיין אָרט געפֿונען. וויפֿיל מאָל קלמן האָט ביי זיך נישט באַשלאָסען, אַז ער זאָל מעהר נישט געהען צו די מיסיאָנערען, האָט עס אָבער גאָרנישט געהאָלפֿען ווען ס'איז געקומען די צייט ווען די דיסקוסיאָנס־פֿערזאַמלונג האָט זיך געזאָלט אָנהויבען איז קלמן ווי אַ היפּנאָטיזירטער אַוועק אַהין און אויפֿמערקזאַם זיך צוגעהערט און צוגעקוקט צו אַלעם, וואָס דאָרט טוט זיך. ביסלעכווייז האָט קלמן זיך צוגעוואוינט צו דעם און האָט אויך אָנגעהויבען אָנטיילצונעהמען אין די דיסקוסיעס. די ערשטע צייט איז קלמן, אַגב אַ זעהר פֿעהיגער יונגערמאַן, זעהר שטאַרק אַרויסגעטרעטען געגען די מיסיאָנערען און זייער נייער תּורה. ער האָט זיי אָנגעוויזען, ווי עם־הארציש עס איז צוזאַמענגעשטעלט זייער ברית חדשה און אַנדערע ספֿרים.

די מיסיאָנערען זענען געווען דערפֿון זעהר צופֿרידען, זיי האָבען זיך גאָרנישט געמאַכט דערפֿון, וואָס קלמן טרעט אַרויס געגען זיי. זיי האָבען געוואוסט, אַז סוף כל סוף וועט קלמן ענדערען זיין מיינונג און וועט אַריינפֿאַלען אין זייער נעץ.

זיי האָבען טאַקי נישט געהאַט קיין טעות. קלמנ'ס אַרויסטרעטונגען געגען די מיסיאָנערען זענען געוואָרען וואָס אַמאָל שוואַכער, נאַכהער האָט ער אָנגעהויבען צו באַרעכטיגען עטליכע פּונקטען פֿון זייער „תּורה“ און נאַכהער האָט ער אינגאַנצען קאַפּיטולירט. ער האָט אויפֿגעהערט אַרויסצוטרעטען געגען די מיסיאָנערען. ער האָט אָבער אַפילו נאָך נישט געטראַכט וועגען קיין

שום קאָנסעקווענצען פֿון דעם וואָס ער האָט געטון. וועגן קיין שמד איז איהם נישט איינגעפֿאַלען.

די מיסיאָנערען האָבען אָבער בעסער פֿערשטאַנען זייער אַרבייט און האָבען שוין אָנגעהויבען צו רעדען מיט קלמנ׳ען אָפֿענע דבורים. זיי האָבען איהם אָנגעוויזען, אַז אויב ער, קלמן, איז מסכים מיט די מיסיאָנערען אין אַלע פּרטים בלייבט איהם נישט איבער עפּעס אַנדערש, ווי זיך אָפּצושמד׳ען און אַליין ווערען אַ מיסיאָנער, כדי „אָפּצוראַטעווען" אַנדערע בלאָנדזשענדע נשמות. דערביי האָבען זיי קלמנ׳ען פֿערזיכערט, אַז עס וועט איהם נישט פֿעהלען קיין געלד-מיטלען זיך ווייטער צו לערנען און שטודירען, כדי קלמן זאָל אַרויסוואַקסען אַ גרויסער געלערנטער.

קלמנ׳ען האָט זיין קומענדיגע גרויסע קאַריערע שטאַרק אימפּאָנירט, ער האָט גע׳חלומ׳ט צו ווערען אַ גרויסע בעריהמטהייט, זאָל האָבען אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט, ער האָט אָבער געוואוסט, אַז אין דערהיים ביי זיין פֿאָטער וועט ער דערצו נישט דערלעבען און איז אַלץ מעהר אַרונטערגעפֿאַלען אונטער׳ן איינפֿלוס פֿון די מיסיאָנערען. ביז אין איין שעהנעם טאָג איז קלמן פֿערשוואונדען פֿון לאָדז, און מ׳האָט נישט געוואוסט וואו ער איז אַהין געקומען.

צווישען די בעקאַנטע פֿון קלמנ׳ען איז שוין פֿון לאַנג געווען פֿערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז קלמן חבר׳ט זיך צו פֿיל מיט די מיסיאָנערען און שטילערהייט האָבען זיך קלמנס חברים געשושקעט וועגען דער קאַטאַסטראָפֿע, וואָס קען פּאַסירען.

ווען קלמן איז פֿערשוואונדען געוואָרען פֿון לאָדז, האָבען די חברים פֿערשטאַנען וועגען וואָס ס׳האַנדעלט זיך און וועגען דעם מודיע געווען קלמנ׳ס פֿאָטער. אַלע בעמיהונגען אָבער צו געפֿינען קלמנ׳ען האָבען צו גאָרנישט געברענגט.

די מיסיאָנערען האָבען קלמנ׳ען אָפּגעשיקט קיין ענגלאַנד. זיי האָבען אין איהם געהאַט אַ פֿעטען ביסען. קלמן איז געווען זעהר אַ פֿעהיגער און וואָלט געקענט אין דער צוקונפֿט דער מיסיאָנערישער אַרבייט זעהר פֿיל נוצען ברענגען.

קלמן האָט זיך אָבער מיט׳ן שמד נישט אַזוי שטאַרק געאיילט, ער האָט זיך דערויף אַזוי לייכט נישט געקענט דעצידירען און האָט די שמד-צערעמאָניע אָפּגעשלעפּט פֿון טאָג צו-טאָג.

קלמנ׳ס פֿאָטער האָט אויך נישט געשוויגען, ער האָט בעשלאָסען אָנצוּווענדען אַלע מיטלען, כדי אַרויסצוראַטעווען זיין

זוהן פון די שאַרפע נעגעל פון די נשמה־כאַפּערס. וואָס האָט ער אָבער געקענט טון, ווען ער האָט נישט געוואוסט וואו קלמן געפינט זיך, און ווי געוועהנליך, ווען אַ ייד אין לאָדז איז געווען אין אַ צרה, האָט ער זיך געווענדעט צום לאָדזער רב. אַזוי האָט אויך געטון קלמנ׳ס פאָטער.

דער רב האָט אויסגעהערט די געשיכטע, פערבראָכען מיט די הענד און געמאַכט קלמנס פאָטער שטאַרקע פאָרוואורפען, הלמאי ער האָט נישט אַכטונג געגעבען, דאָס זיין זוהן זאָל נישט געהען וואוהין מ׳דאַרף נישט.

אָבער וואָס ס׳איז געווען, איז פערפאַלען, דער רב האָט נאָכגעטראַכט וואָס צו טון, כדי אָפּצוראַטעווען קלמנ׳ען, אויב דאָס איז נאָך בכלל מעגליך געווען. ר׳ אליהו חיים האָט פערשטאַנען, אַז די געסט פון וואַגען עס מעלדען זיך אַלע מיסיאָנערען איז לאָנדאָן. דעריבער האָט דער רב געהאַלטען פאַר העכסט וואַהרשיינליך, דאָס קלמן געפינט זיך אין לאָנדאָן. דער רב האָט דעריבער אָנגעהויבען צו אַרבייטען אין דער ריכטונג. ר׳ אליהו חיים האָט זיך תיכף געשטעלט אין פערבינדונג מיט׳ן רב הכולל פון ענגלאַנד, איהם געשריבען די גאַנצע געשיכטע און געבעטען, אַז דער רב אין ענגלאַנד זאָל ווי אַמענערגישסטען נאָכזוכען צי צווישען די ענגלישע מיסיאָנערען געפינט זיך נישט קלמן ב. פון לאָדז, און צי איז שוין נישט אַמאָל די מיה אַנ׳אומזיסטע, ווייל קלמן האָט שוין געקענט זיין גע׳שמד׳ט. צום גליק איז עס נישט אַזוי געווען.

דער רב הכולל אין ענגלאַנד האָט, בעקומענדיג דעם בריף פון ר׳ אליהו חיים׳ען, גלייך זיך גענומען אויסצופאָרשען דעם ענין. ענדליך נאָך לאַנגע בעמיהונגען איז איהם געלונגען זיך דערוויסען, אַז קלמן געפינט זיך ווירקליך אין לאָנדאָן. צי ער איז שוין אָפּגע׳שמד צי נישט, האָט דער לאָנדאָנער רב זיך נישט געקענט דערוויסען.

דער רב־הכולל אין ענגלאַנד האָט דעריבער אַוועקגעשיקט אַ בריף צום לאָדזער רב מיט די אַלע אינפאָרמאַציעס, וועלכע ער האָט געהאַט.

דער רב, בעקומענדיג דעם בריף האָט געהייסען, אַז דער פאָטער פון קלמנ׳ען זאָל גלייך אַוועקפאָהרען קיין לאָנדאָן און איהם מיטגעגעבען אַ בריף צו קלמנ׳ען מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„קלמן, איך בעפעהל דיר, אַז דו זאָלסט תיכף אַהיימקומען,

אָנגעטון זאָל ווערן פֿון דיר דער כּישוף און זאָלסט זיך בעזינען וואָס דו טוסט".

מיט דעם דאָזיגן קליינעם בריוועלע און מיט אַ שווער האַרץ, איז קלמנס פֿאָטער אַוועק קיין לאָנדאָן. דאָרט האָט ער זיך געווענדעט צום רב הכּולל און איהם געזאָגט, ווער ער איז. דער רב האָט איהם גלייך אינפֿאָרמירט וואו ער וועט קענען געפֿינען זיין זוהן, און ווי אַזוי ער וועט זיך קענען זעהן מיט איהם. די זעהונג איז אָבער נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען, צו פֿיל האָט מען קלמנ׳ען געהאַלטען אויפ׳ן אויג, מ׳האָט איהם אַפֿילו נישט געגעבען קיין פֿולשטענדיגע פֿרייהייט זיך צו בעוועגען.

קלמנס פֿאָטער האָט אָבער געוואַרט אויף זיין זוהן אין די ערטער, וואו ס׳איז נאָר געווען אַ וואַרשיינליכקייט, אַז ער וועט אַדורכגעהן, ביז ווירקליך נאָך עטליכע טעג האָט דער פֿאָטער דערזעהן קלמנ׳ן אויפ׳ן גאַס.

קלמן איז שוין געווען אינגאַנצען פֿאַרענדערט, אָפּגעגאָלט די וואָנצעס און דאָס בערדעלע, מיט אַ ברייטען קאַפּעליוש אויפ׳ן קאָפּ און אַ בוך אונטערן אָרים. קלמן איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אַזוי ווי ער וואָלט שפּאַצירט און איז געווען שטאַרק פֿאַרטראַכט. פּלוצלינג איז פֿאַר זיינע אויגען אַזוי ווי אַרויסגעוואַקסען זיין אייגענער פֿאָטער.

בּיידע, דער זוהן מיט׳ן פֿאָטער זענען געבליבען שטעהן, אַזוי ווי איינגעגראָבען, נישט קענענדיג אַ וואָרט אַרויסרעדען. קלמן איז אָבער שנעל ניכטער געוואָרען און זיך אָנגערופֿען צום פֿאָטער:

– קום, טאַטע, שנעל אַוועק פֿון דאַנען, דאָ קען מען נאָך אונז דערזעהן און מיר וועלען זיך נישט קענען אַדורכרעדען.

ער האָט אָנגענומען דעם פֿאָטער אונטער׳ן אָרים און איהם שנעל אַוועקגעפֿיהרט אין זייטיגע גאַסען. ערשט ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען עטליכע גאַסען האָט קלמן אָנגעהויבען לאַנגזאַמער צו געהן און האָט געזאָגט צום פֿאָטער:

טאַטע, נאָך וואָס ביזטו אַהערגעקומען?

קלמנס פֿאָטער האָט געדענקט, אַז דער רב האָט איהם אָנגעזאָגט, דאָס ער זאָל מיט זיין זוהן נישט איינ׳טענה׳ן און האָט געזאָגט:

– איך האָב דיר געבראַכט אַ בריוועל.

– פֿון וועמען אַ בריוועל (?)

— פֿון לאָדזער רב — האָט דער פֿאָטער געזאָגט, און דערביי איבערגעגעבן זיין זוהן דאָס בריוועלע, וואָס ר׳ אליהו חיים האָט איהר מיט געגעבן.

איך וויל עס נישט לייקענען, האָט קלמן דערשראָקן אויסגעראָפֿן, מוטשעט מיט מיך נישט, ווייל איך בין שוין אַזוי אויך גענוג געפּייניגט. איך האָב שוין שלום געמאַכט מיט מיין לאַגע און איך וויל שוין אַזוי פֿאַרבלייבען.

דערהערענדיג אַזעלכע ווערטער, האָט קלמנ׳ס פֿאָטער זיך נישט געקענט איינהאַלטען און אָנגעהויבן שטיל צו וויינען.

קלמן האָט דאָך געעפֿענט דאָס בריוועל און דאָס שנעל איבערגעלייענט. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרטראַכט און געזאָגט:

— טאַטע, מיין נישט, אַז איך בין שוין געשמד׳ט. איך האָב מיך נישט געקענט בעשליסען אויף דער צערעמאָניע, הגם איך בין שוין געווען דעצידירט דעם שריט צו מאַכען. טאַטע, איך פֿאָהר אַהיים און וועל דיסקוסירען מיט׳ן לאָדזער רב. איך האַלט, אַז ער וועט מיך נישט קענען מעהר איבערצייגען, און קלמן איז שוין מעהר נישט אַהיימגעגאַנגען נאָר גלייך מיט׳ן פֿאָטער אַוועק צו דער באַהן און אַהיימגעפֿאָהרען.

דאָס אַריינשמוגלען זיך קיין רוסלאַנד האָט נישט אָנגעטראָפֿען אויף קיין גרויסע שוועריגקייטען און דער טאַטע מיט דעם זוהן זענען אָנגעקומען קיין לאָדז און גלייך פֿאַרפֿאָהרען צום לאָדזער רב.

דער רב איז גראָד געווען אין שטוב. ווי נאָר קלמן איז אַריינגעקומען האָט דער רב זיך אויפֿגעשטעלט, איהם אַ לאַנגע ווילע אָנגעקוקט מיט זיין שאַרפֿען בליק און געזאָגט:

— איך האָב מיך אויפֿגעשטעלט פֿאַר אַ יוד אַ בעל־תשובה, פֿאַר אַ יוד, וואָס איז אַוועק אין שלעכטע דרכים און זיך בעזינען און אַ ל יי ן צוריקגעקומען צו אונז, זיצט, האָט דער רב איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל.

דעם רב׳ס ווערטער האָבען קלמנ׳ען געברענט ווי מיט פֿייער. ער האָט אויף זיך געפֿיהלט דעם בליק פֿון רב וואָס האָט איהם געשטעלט פֿאַר אַ פֿאַקט, אַז ער איז שוין אַ בעל־תשובה.

— רבי, האָט איבערגעריסען די שטילקייט דער פֿאָטער, קלמן איז נאָך אַ יוד, ווי ער איז געווען.

— ס׳איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט געווען דערין, נישט אַזוי לייכט איז צו ווערען אויס יוד.

– רבי, האָט שוין אָנגעהויבן קלמן, איך וויל איהר זאָלט מיר פאַרענטפערן זעהר פיל האַרבע קשיות, אויפקלערן מיר די ספקות, וועלכע האָבן זיך אין מיר אַריינגעגנב׳עט.

– שייגעץ, האָט דער רב געזאָגט, רעד נישט מיט מיר וועגן דעם, איך רעד נישט וועגען קיין שום ספקות אין יודישקייט, אַזעלכע זענען נישט פאַרהאַן.

קלמן איז געבליבן אין לאָדז, איינציגווייז האָט ער אָנגעהויבן צו פערגעסן אין דעם גאַנצן געשעהעניש און איז געבליבן אַ יוד ביז׳ן היינטיגען טאָג.

ר׳ אליהו חיים מייזעל האָט נישט נאָר געהאָלפן די מענשן, וועלכע זענען צו איהם געקומען און געבעטן הילף, נאָר האָט אַליין זיך דערוואוסט וועגן די יעניגע, וועלכע ברויכן הילף און זיי געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט.

אין לאָדז האָט געוואוינט אַ יוד אַ למדן, ר׳ ישראל פיעטריקאָווסקי, ער איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן, זיין בעשעפטיגונג איז געווען פערקויפן לאָטעריע צעטלען. אָבער זיין מזל איז שוין געווען אַזאַ, אַז אויף זיין צעטעל האָט גאָך קיינמאָל קיינער נישט געוואונען, אָבער פיעטרקאָווסקי איז געווען פון די מענשען, וועלכע בעקלאָגען זיך קיינמאָל נישט אויף זייער גורל. זיי נעהמען אַלץ פאַר ליב און לעבען אויס און נויט אין דחקות זייערע יאָהרען. ר׳ ישראל איז אויך געווען אַ שמח בחלקו. ער האָט ערלעדיגט זיינע געשעפטען אין שטאָט, נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לערנען און די גאַנצע וועלט איז איהם מעהר נישט אַנגעגאַנגען. ר׳ ישראל האָט אָבער געהאַט נאָך אַ פערמעגען, דהיינו: ער איז געווען בעוואָרפן מיט קינדערלעך איינס קלענער פון דעם צווייטען. ר׳ ישראל האָט זיך אָבער פאַר קיינעם נישט בעקלאָגט און זיך רוהיג געלעבט. מאַכט זיך אָבער אַ מעשה, אַז פון ר׳ ישראל פיעטריקאָווסקי זאָלען אָנהויבען צו רעדען אַלע זיינע בעקאַנטע און אפילו נישט־בעקאַנטע און די געשיכטע איז געווען פאָלגענדע:

ביי ר׳ ישראל ווערט קראַנק אַ קינד, אַ יונגעל פון אַ יאָהר, ר׳ ישראל דערצעהלט נישט קיינעם, ווי זיין שטייגער איז געווען. רופט מיט אַלע מעגליכקייטען אַ דאָקטאָר און אַ צווייטען, קויפט אויס מעדיצינען און טוט אַלץ, וואָס אַ טאַטע דאַרף טון פאַר זיין קראַנק קינד, איז עס אָבער געווען גאָטס שטראָף און דאָס

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0143-0283 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

יונגעלע שטאַרבט, ר׳ ישראל נעהמט אָן די שטראָף און זאָגט: ה׳ נתן, ה׳ לקח און געהט איבער צו זיין געוועהנליכע בעשעפטיגונג. אָבער פלוצלונג איז קראַנק געוואָרען אַ צווייט קינד אַ יונג מצדעלע, קרענקט אָפּ עטליכע וואָכען, ר׳ ישראל האָט ווידער גערופען דאָקטוירים, געקויפט מעדיצינען, געפאָלגט אַלץ וואָס דאָקטוירים האָבען געהייסען, אָבער דאָס קינד האָט זיך אָפּגעפיינינט צוויי וואָכען און אויך אַוועק אויפ׳ן עולם אמת, ר׳ ישראל האָט ווידער נישט געוויינט און נישט געקלאָגט פאַר קיינעם, אָבער ווען דאָסזעלבע האָט זיך דערמזעלבען יאָהר געטראָפען מיט זיינס אַ דריט קינד, אויך אַ מצדעלע, האָבען שוין די שכנים אָנגעהויבען צו רעדען, אַז אין דער משפחה פון ישראל׳ן האָט זיך אַריינגעכאַפט אַ מגפה, די דאָזיגע אונגעוועהנליכע פאַסירונג האָט זיך פערשפרייט אין לאָדז און איז אויך דערגאַנגען צו אליהו חיים מייזעל.

דער רב האָט געשיקט צו ר׳ישראל׳ן ער זאָל תיכף צו איהם קומען, ווען ר׳ ישראל איז אַריינגעקומען האָט דער רב זיך צו איהם אָנגערופען:

— מ׳האָט מיר דערצעהלט, אַז דו ביזט אַ פרומער און עהרליכער יוד, אָבער איך זעה דאָס נישט. אַ פרומער יוד דאַרף אָפּהיטען זיין משפחה און דו האָסט עס נישט געטון!

— פאַרוואָס זייט איהר מיך אין דעם חושד — האָט געפרעגט ר׳ ישראל.

— דערפאַר וואָס דו האָסט נישט געהאַלטען קיין עצה מיט דיינע פריינד, דערפאַר וואָס דו האָסט נישט געפאָדערט קיין הילף ווען דו האָסט געדאַרפט.

ווער קען דען מיר העלפען, אַז נישט דער רבונו של עולם?

— דאָס איז אמת, אָבער דער רבונו של עולם זאָגט: מענש היט זיך וועל איך דיך אויך היטען.

דער רב האָט זיך אָנגעהויבען נאָכצופרעגען וועגען דעם, וואָס הערט זיך ביי איהם אין שטוב וועגען דער סבה פון דער קראַנקהייט פון זיינע קינדער און איבערהויפט וועגען אַלץ וואָ עס טוט זיך ביי איהם אין שטוב.

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פרוי פון ר׳ ישראל׳ן איז געוועזען אַ קראַנקע אויף סוכאָטעס און אויך אַלע קינדער זענען



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

גשוועכן מעהר אָדער וועהניגער אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקהייט.

דער רב האָט נאָך דעם זעלבען טאָג געשיקט צו ר׳ ישראל׳ן איינעם פֿון זיינע נאָהענט-בעקאַנטע דאָקטוירים, וועלכע האָט דערנאָך ערקלעהרט, אַז די קינדער און אויך די פֿרוי מוזען גלייך אַרויספֿאָהרען אויף פֿרישע לופֿט. די דירה, וועלכע ר׳ ישראל האָט געוואוינט איז געווען אַ פֿייכטע און דער דאָקטאָר האָט פֿעראָרדענט, אַז זי זאָל גלייך אויסגעטוישט ווערען, און אַז די פֿרוי מיט די קינדער מוזען האָבען זאָרגפֿעלטיגע פֿלעגע. אויב דאָס אַלץ וועט נישט גלייך געשעהן, האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, דראָהט אַ געפֿאַהר פֿאַר די איבריגע קינדער.

ס׳האָט נישט געדויערט קיין איין טאָג און ר׳ ישראל פּיעטריקאָווסקי׳ס משפּחה האָט זיך שוין געפֿונען אין אַן׳אַנדער דירה. אויף דער צווייטער וואָך איז שוין די פֿרוי מיט די קינדער אַרויסגעפֿאָהרען אין אַ וואַלד הינטער לאָדז, וואו זיי זענען פֿערבליבען אַ גאַנצען זומער און ר׳ ישראל האָט זיי צוגעשיקט יעדע וואָך אַזוי פֿיל געלד, אַז זיי זאָלען זיך אַזוי פֿלעגען, ווי דער דאָקטאָר האָט געהייסען.

ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געטון געוואָרען פֿאַר די אייגענע מיטלען פֿון ר׳ אליהו חיים מייזעל.

די משפּחה פֿון ר׳ ישראל פּיעטריקאָווסקי איז טאַקי געוואָרען געזונדער און די מגפֿה האָט זיך פֿון איהר אָפּגעטון.

דאָס איז נישט געווען קיין איינצעלנער פֿאַל. ר׳ אליהו חיים האָט אפילו אָנגעזאָגט זיינע נאָהענטע מענשען, אַז אויב זיי וועלען וויסען וועגען עמיצען, וואָס איז אין אַ גרויסער נויט און דאַרף הילף, זאָל דערפֿון צו-וויסען געבען דעם רב. דער רב האָט די אַלע מענשען איינגעאָרדענט אויפ׳ן בעסטען אופֿן.

אויף אַלטשטאָט האָט געוואוינט אַ יוד, אַ חסידישער מענש, מען האָט איהם גערופֿען ר׳ אשר סלאָנימער, ווייל ער איז געווען אַ סלאָנימער חסיד. דער דאָזיגער יוד איז צוערשט אַליין געקומען קיין לאָדז, האָט זיך דאָ געשאַפֿען אַ שטיקעל פּרנסה און דערנאָך אַראָפּגעבערענגט אַ הער זיין הויז-געזונד אויס סלאָנים. דער יוד האָט זיך געלעבט מיט זיין בני-בית גאַנץ רוהיג, הגם ער איז קיין נביר קיינמאָל נישט געווען און איז קוים אויסגעקומען מיט די אָרימע פֿאַר גילדען, וואָס ער האָט פֿערדינט. וואָלט דאָך אַלץ גוט געווען, געשעהט אָבער אַן׳אומגליק, וועלכע האָט דעמאָלט אויפֿגערודערט די גאַנצע אַלטשטאָט.

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0144-0285 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

ר׳ אשר סלאָנימער איז אין מיטען דער נאַכט עפּיס נישט געזונד געוואָרען, ער האָט זיך געפיהלט זעהר שלעכט און זיין פרוי האָט געוואָלט שיקען נאָך אַ דאָקטאָר, ר׳ אָשר האָט אָבער גישט ערלויבט און אַלץ גע׳מע ה׳ט, אַז ס׳וועט אַדורכגעהן. אשר איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט עס געעפענט און זיך אַוועקגעזעצט דערױף, כדי צו האָבען מעהר לופט, זעהט אויס, אַז אין דעם אויגענבליק איז איהם נישט גוט געוואָרען, ס׳האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען פאַר די אויגען, ער האָט פערלוירען דאָס גלייכגעוויכט און איידער עמיצער האָט זיך אומגעקוקט איז ר׳ אשר סלאָנימער אַרויסגעפאַלען פון אָפענעם פענסטער, מ׳האָט איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל, וואו ער האָט נאָך געלעבט איבער׳ן טאָג און אין אָוועגד אין גרויסע יסורים געשטאָרבען.

ר׳ אשר האָט דער׳יתום׳ט אַ פרוי מיט קינדערלעך, איינס קלענער פון דעם צווייטען. דער צער איז געווען אין לשער, דערצו איז ר׳ אשר געווען זעהר אָנגעזעהן צווישען די, מיט וועלכע ער האָט פערקעהרט, אין דער לויה פון ר׳ אשר׳ן האָט זיך דעמאָלט בעטייליגט כמעט די גאַנצע שטאָדט, אויך ר׳ אליהו חיים אַליין איז געגאַנגען צו דער לויה פון דעם טראַגיש-אומגעקומענעם.

באַלד נאָך דער לויה האָט שוין ר׳ אליהו חיים געדענקט און געטראַכט וועגען דעם, ווי אַזוי צו פערזאָרגען די אלמנה מיט די קליינע יתומים, דער רב האָט פערשטאַנען, אַז מ׳קאָן נישט געבען קיין נדבות און מאַכען די אלמנה מיט די קינדער פאַר אייביגע שנאָרערס, דער רב האָט דער אלמנה געשיקט אַ קליינע סומע געלד און בעפוילען, אַז זי זאָל זיך איינאָרדענען אַ קאָלאָניאַל געוועלב, דערביי איהר אָנגעוויזען אויף איינעם, וואָס זאָל איהר דערביי בייהילפיג זיין. גלייכצייטיג מיט דעם האָט דער רב גענומען טראַכטען, ווי אַזוי צו בעזאָרגען די פינף קליינע יתומים און אַראָפּנעהמען די לאַסט פון דער אלמנה,

די דריי יונגלעך האָט דער רב גלייך גענומען און זיי אַריינגעגעבען אין יאַראָטשינסקיס תלמוד-תורה, וואו מ׳האָט זיי אויסגעהאַלטען מיט אַלעם, די צוויי מיידלעך זענען געבליבען ביי זייער מוטער. איינער פון די יונגלעך האָט אַרויסגעוויזען זעהר גרויסע פעהיגקייטען און די לעהרער פון דער שולע האָבען איהם פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט, אויב דאָס יונגעל וועט ווייטער פאָרטזעצען זיין בילדונג, ביים ענדיגען די שול האָט דער רב די צוויי עלטערע יונגלעך ווייטער אַריינגעגעבען אין דער



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg
Frankfurt am Main

שלאָסעריי, וועלכע האָט עקזיסטירט ביי דער זעלבער שול, אָבער דעם דריטען, דעם פעהיגען האָט דער רב געלאָזט ווייטער לערנען אי יודישע לימודים און אויך וועלטליכע.

דאָס יונגעל האָט ווירקליך אַרויסגעוויזען געוואַלטיגע פאָרטשריטען. איינציגווייז האָט ער שוין אָנגעהויבען אַליין צו פערדינען און האָט מעהר נישט געברויכט פון דעם רב צו נעהמען. דאָס יונגעל איז עלטער געוואָרען און זיך צונויפגעזאַמעלט אַ ביסעל געלד האָט ער בעשלאָסען אָוועקצופאָהרען ווייטער שטודירען קיין דייטשלאַנד. אַזוי האָט ער געטון. דאָרט איז ער אַריינגעטרעטען אין אַ ראַבינער-סעמינאַר און צוליב זיינע זעלטענע פעהיגקייטען און ווילען צו לערנען האָט ער בעקומען אַ סובסידיע, אַזוי, אַז ער האָט געקאָנט רוהיג פערענדיגען זיין שטודיום.

די צוויי עלטערע ברודער האָבען זיך שפעטער איינגעאָרדענט אַ מעכאַנישען וואַרשטאַט אין ליטע, וואוהין זיי האָבען אַריבערגענומען זייער מוטער און די שוועסטער. פערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלץ איז געווען פאַר די פריוואַטע מיטלען פון רב.

דער יונגסטער איז איצט אַ ראַבינער אין איינער פון די גרעסטע שטעדט אין עלזאַס-לאָטרינגען

מיר האָבען בעקומען אַ בריף פון דעם דאָזיגען ראַבינער, וועלכער שרייבט, אַז דערוויסענדיג זיך וועגען דעם, אַז אין אונזער ציישונג ווערען געדרוקט די זכרונות פון דעם גרויסען מענש, בעט ער אויך צו פערעפענטליכען דאָס, וואָס ר׳ אליהו האָט געטון מיט איהם, זיין מוטער, שוועסטער און ברידער.

---

## אַ שותּף צום לאָטעריע-צעטעל.

קיין אָרימעלייט האָט אין לאָדז קיינמאָל נישט געפעהלט. אַזעלכע וואָס האָבען געדאַרפט געהאָלפען ווערען זענען געווען זעהר פיל אָבער די הילף איז געווען אַ קליינע.

איינער פון די יודען, וועלכער האָט געדאַרפט געהאָלפען ווערען, א יוד אַ גרויסער אָרימאַן איז געווען משה וו. מילא, צו דעם אָרימקייט איז ער שוין געוועזען געוואוינט, איז אָבער געווען אַ גרעסערע צרה, ער האָט געהאַט אַ מיידעל שוין אין די יאָהרען און קיין שום אויסזיכט חתונה צו מאַכען זי האָט משה נישט געהאַט. זיצט ער מיט זיין ווייב טאָג-איין טאָג-אויס און טראַכט וועגען דעם ווי אַזוי געהאָלפען צו ווערען, אָבער עס ווי[illegible]

אַוועק וואָכען און חדשים און קיין עצה קענען זיי ביידע נישט געפינען, ביז איינמאָל רופט זיך אָן דאָס ווייב צו משה׳ן

— ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען משה, נעהם אַ צעטעל אויף דער לאָטעריע, אפשר וועט דער אויבערשטער אונז העלפען, מיר וועלען געווינען און מיר וועלען קענען חתונה מאַכען אונזער טאָכטער.

משה האָט נישט געהאַלטען דערפון: ער איז נישט געווען קיין בטוח אין מענשען; ער האָט זיך אָבער געלאָזט איבעררעדען פון זיין פרוי און געוואָלט קויפען אַ צעטעל, האָט ער אָבער נישט געהאַט מיט וואָס, דער צעטעל האָט געדאַרפט קאָסטען 10 רובעל, האָט משה גענומען עטליכע חפצים פון דערהיים, פערזעצט זיי אין לאָמבאַרד, געקויפט אַ צעטעל און געוואַרט ביז ער וועט געווינען. כדי צו זיין זיכערער מיט׳ן געווינס, איז משה נאָך אַוועק צום לאָדזער רב נאָך אַ ברכה.

ר׳ אליהו חיים האָט אויסגעהערט נאָך וואָס משה איז געקומען, האָט ער איהם געפרעגט:

נו איז דיר נישט קיין שאָד געווען אויסצוגעבען געלד אויף אַ צעטעל?

איך האָב טאַקי נישט געהאַט דערויף האָט משה געזאָגט, אָבער מיין ווייב האָט פערזעצט עטליכע חפצים אין לאָמבאַרד און בעקומען די נויטיגע סומע אויף דעם צעטעל.

בעוויין נאָר דעם צעטעל, האָט דער רב ווייטער געזאָגט.

משה האָט אַרויסגענומען דעם צעטעל און געוויזען דעם רב.

וואָס? האָט דער רב געזאָגט, דעם נומער האָסטו, איך וויל זיין אַ שותף צו דעם צעטעל און דער רב האָט גלייך אַרויסגענומען פון טאַש צעהן רובעל און געגעבען משה׳ן.

משה איז געוואָרען איבערראַשט. ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס דער רב וויל זיין אַ שותף דוקה צו זיין צעטעל, ער האָט אָבער פערשטאַנען, אַז דער צעטעל וועט זיכער געווינען, ס׳איז איהם אַפילו אַ שאָד געווען אָפצוגעבען אַ האַלב געווינס אָבער ער האָט זיך נישט אַקעגענגעשטעלט דעם רב און מספים געווען.

אָבער דער צעטעל קאָסט 10 רובעל אינגאַנצען און איהר, רבי, אַלס שותף דאַרפט מיר נאָר געבען 5 רובל און נישט קיין גאַנצע 10 רובעל.

ניין, פאַר דעם זכות, וואָס דו האָסט בעקומען דעם דאָזי-

Bild-Nr.: JG1168-0-01-0145-0288 Stadt- und Universitätsbibliothek Frankfurt/Main

גען נומער דאַרף איך בעצאָהלען דאָפּעלט, און איצט געה אַהיים לייז אויס דיינע חפצים פון לאָמבאַרד און מיר שפּילען דעם צעטעל שותפות.

משה איז אַוועק אַ גליקליכער. ביי איהם איז מעהר נישט געווען קיין ספק, אַז ער וועט געווינען. ער האָט דערצעהלט זיין פרוי וועגען זיין גליק, האָט אויסגעלייזט די חפצים פון לאָמבאַרד און געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דער ציהונג, ס'איז אָנגעקומען די צייט פון דער ציהונג, משה האָט יעדען טאָג אַדורכגעקוקט גענוי די טאַבעלען, ביז'ן לעצטען טאָג האָט ער זיך נישט מיאש געווען, ער האָט געוואוסט, אַז אויב דער לאָדזער רב ר' אליהו חיים מייזעל איז אַ שותף צו איהם וועט ער זיכער געווינען.

ס'איז אָבער אַוועק דער לעצטער טאָג פון דער ציהונג און משה האָט נישט געוואונען. אַנ'ענטוישטער איז ער אַוועק צום רב און מודיע געווען זיין שותף, אַז דער נומער האָט נישט געוואונען.

נו, מ'האָט זיך געקענט משער זיין, אַז ער וועט נישט געווינען, איך בין געוואָרען צו דיר אַ שותף, כדי דיר מעגליך צו מאַכען אויסצוקויפען דיינע זאַכען, וואָס דו האָסט פערזעצט אין לאָמבאַרד, נאָכאַמאָל מאַך נישט אַזעלכע נאַרישקייטען און פערזעץ נישט קיין שטוב-חפצים אויף צו קויפען אַ נאַרישען שפּיל-צעטעל. משה האָט זיך פערשעהמט און איז אַוועק אַנ'איבערצייגטער, אַז דער רב האָט רעכט.

דער רב האָט דערנאָך געהאָלפען משה'ן תחונה צו מאַכען זיין טאָכטער.

---

## א משל מיט א נמשל.

ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי, דער גרויסער יודישער גביר אין לאָדז האָט זיך זעהר שטאַרק פערנומען מיט כלל-ענינים. ער האָט אָבער גאַנץ אָפט פערגעסען וועגען פערשידענע צוזאָגען, וואָס ער האָט געגעבען, אַז ער וועט שטיצען די, אָדער אַנ'אַנדער אינסטיטוציע. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט פּאָזנאַנסקי'ס שפּיטאָל. פּאָזנאַנסקי האָט געהאָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט אינגאַנצען אויסהאַלטען און פיהרען דאָס שפּיטאָל. די אַרבייט איז אָבער פערנאַכלעסיגט געוואָרען און די קראַנקע האָבען זיך בעקלאָגט אויף דער בעהאַנדלונג אין שפּיטאָל.



Universitätsbibliothek Johann Christian Senckenberg Frankfurt am Main

דער רב האָט איינמאָל געשיקט נאָך פּאָזנאַנסקי׳ן און איהם פאָרגעהאַלטען וועגען שפּיטאָל און אויך וועגען די זאַכען, וואָס פּאָזנאַנסקי האָט כּלומרשט פערגעסען. איך וועל אייך דערצעהלען אַ קליינע געשיכטע, האָט דער רב געזאָגט:

דער בעל-שם האָט געהאַט אַנ׳איינייקעל אַ גרויסען למדן, אַ יראת שמים, אָבער אַ געוואַלדיגער אָרימאַן.

ער האָט אַלץ פאַר ליב גענומען און געזעסען יומם ולילה און געלערענט. איין זאַך וואָס האָט איהם געעגבערט דעם מוח און נישט געלאָזט רוהען איז געוועזען די ערציהונג פון זיינע קינדער. צוליב זיין גרויס אָרימקייט האָט ער נישט געקאָנט זיינע קינדער ווי געהעריג ערציהען. ער האָט געהאַט פון דעם גרויס צער. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבען, איינמאָל איז דער דאָזיגער ייד געקומען אין שוהל אַריין. ער האָט דערזעהן אויף דער מזרח-וואַנד שטעהן די פּני פון שטאָט, אַלע גבירים, אדירים, וואָס האָבען נישט קיין דאגות פרנסה און קענען ערציהען זייערע קינדער, ווי זייער האַרץ גלוסט און אויך אַליין דינען דעם אויבערשטען בשלימות, ער האָט זיי חלילה נישט מקנא געווען, נאָר אַזעלכע רעיונות האָבען זיך איהם אַריינגעגנב׳עט ווען ער איז געקומען אין שוהל אַריין. פּלוצלונג איז איהם איינגעפאַלען אַ געדאַנק און ער איז איהם צוגעטרעטען גלייך אַדורכצופיהרען. ער איז צוגעגאַנגען צו די גבירים אויף דער מזרח - וואַנד און האָט צו זיי געזאָגט:

— איהר ווייסט, יודען, אַז איך האָב מיך צו אייך קיינמאָל נישט געווענדעט נאָך הילף און איך האָב אייער הילף, וואָס איהר האָט מיר פון אייגענעם ווילען געוואָלט געבען אויך נישט צוגענומען. איצט האָב איך צו אייך פאָלגענדע בקשה. איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר אַראָפּנעהמען אַנ׳עול פון קאָפּ און מיר ערלויבען צו לערנען אָהן דאגות און זאָרגען, איך וויל, אַז איהר זאָלט מיר צוזאָגען, אַז איהר וועט מיר העלפען צו ערציהען און ערנעהרען מיינע קינדער. די גבירים האָבען איהם דאָס גערן צוגעזאָגט און דעם בעל-שם-טוב׳ס איינייקעל איז אַוועק. ווען ער האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן פון שוהל, האָט ער זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט און געטראַכט:

— רבונו של עולם, וואָס האָב איך געטון, נאָכוואָס האָב איך מיך צו זיי געווענדעט. דאָס הייסט דאָך, אַז איך ווער אַ בוטח באדם, אַז איך האָב האָפנונג אויף אַ מענש און איך אַליין

ווייל פֿון מיר אַראָפּוואַרפֿן דעם עול פֿון גידול בנים. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געזאָגט:

רבונו של-עולם, איך בעט דיך זעהר שטראָף די דאָזיגע גבירים, וואָס שטעהען אויף דער מזרח-וואַנד מיט שכחה, אַז זיי זאָלען פֿערגעסען וועגען וואָס איך האָב זיי געבעטען.

מ׳דאַרף נישט קיין איבריג וואָרט צו פֿערלירען, כדי צו וויסען, אַז די דאָזיגע גבירים האָבען סיי-ווי-סיי פֿערגעסען אין דעם צוזאָג וואָס זיי האָבען געגעבען. אַרויסגעהענדיג פֿון שוהל האָבען זיי אַפּילו אינגאַנצען פֿערגעסען וועגען דעם בעל-שם-טוב׳ס אייניקעל און זיין בקשה.

— דאָס איז די געשיכטע, וועלכע איך האָב אייך געוואָלט פֿערצעהלען, איך וועל אָבער דעם רבונו-של-עולם נישט בעטען איצט, אַז ער זאָל אייך שטראָפֿען מיט שכחה און איהר זאָלט פֿערגעסען וועגען וואָס איך האָב אייך געבעטען, קודם-כל דער-פֿאַר, ווייל עס האַנדעלט זיך נישט דאָ וועגען מיינע אייגענע קינדער נאָר וועגען כלל יודישע קינדער און צוויטעבס, ווייל איך וועל נישט אַראָפּנעהמען דעם עול פֿון זיך, נאָר אַ גרויסען עול נאָך געהמען אויף זיך.

ישראל קלמן פּאָזנאַנסקי האָט גענומען אין אַכט דעם רב׳ס ווערטער און זיך גענומען ענערגיש פֿיהרען דאָס יודישע שפּיטאָל.

ווען ר׳ אליהו חיים איז אַמאָל געזעסען ביי זיך אין צימער און מיט זיינע נאָהענטע געשמועסט וועגען פֿערשידענע כלל ענינים האָט זיך געעפֿענט די טיר און ס׳איז אַריינגעקומען דער לאָדזער אָנגעזעהענער גביר און כלל-טוער אַ געוויסער ג., וועלכער איז גלייכצייטיג געווען אַ גרויסער למדן און אַ פֿרומער מענש.

איהר ווייסט, רבי, האָט געזאָגט ג. איך האָב בעקומען איצט אַ טעלעגראַפֿישע ידיעה, אַז אין איטאַליען איז געשטאָרבען דער היגער גביר נ. מ׳וועט זיין טויטען קערפּער ברענגען צו קבורה אין לאָדז. איך וואָלט אייך דעריבער געבעטען רבי, אַז איהר זאָלט קומען צו דער לויה און איהם מספּיד זיין.

ר׳ אליהו חיים איז געווען אין אַ גרויס פֿערלעגענהייט און גאָרנישט געענטפֿערט. דער פֿערשטאָרבענער נ. איז טאַקי געווען אַ גרויסער עושר, אָבער ער איז געווען ווייט פֿון יודישע כלל-זאַכען און האָט ביים לעבען גאָרנישט געטון אַזעלכעס, מיט וועל-כען ער זאָל זיך פֿערדינען דעם הספּד פֿון רב.

דער אַריינגעקומענער ג. האָט באַמערקט דעם רב׳ס פֿערלעגענהייט און האָט געזאָגט.

— איך פֿערשטעה רבי, אַז איהר האָט נישט געהאַלטען שטאַרק פֿון דעם פֿערשטאָרבענעם צוליב זיין גלייכגילטיגען פֿערהאַלטען זיך צו פֿערשידענע געזעלשאַפֿטליכע און צדקה-ענינים און פֿאַר אייך איז דעריבער שווער צו האַלטען דעם הספּד.

— איך בין טאַקי אין אַ פֿערלעגענהייט האָט געזאָגט דער רב, וואָס זאָל איך אין אַזאַ הספּד זאָגען? ליגען וויל איך דאָך נישט זאָגען, זאָל איך זאָגען דעם אמת, קען איך נאָך חלילה פּוגע זיין דעם כּבוד פֿון מת, אָפּזאָגען זיך אינגאַנצען ווען מ׳האָט מיך דירעקט איינגעלאַדען צו דער מצוה פֿון הלוית המת קען איך ווידער נישט. אַלזאָ, ס׳איז טאַקי אַ זעהר שווערע הלכה.

— איך וועל אייך דאָך נישט לערנען, רבי, האָט געזאָגט ג. טוט ווי איהר פֿערשטעהט.

צומאָרגענס איז ר׳ אליהו חיים געקומען צו דער לויה פֿון ג. אַרויסקומענדיג אויפ׳ן בית·עולם האָבען שוין אַלע מלוים געוואוסט, אַז ר׳ אליהו חיים וועט האַלטען אַ הספּד. און טאַקי איז דער רב צוגעגאַנגען צום קבר און אָנגעהויבען דעם הספּד. ער איז געווען אַ גאַנץ קורצער. ווי געוועהנליך יעדער הספּד, האָט דער רב אָנגעהויבען מיט אַ משל.

— ס׳איז אַמאָל געווען, האָט געזאָגט דער רב — אַן אָרימער טרעגער, האָט געאַרבייט זעהר שווער און ערנעהרט זיין פֿרוי און קינדער מיט׳ן שווייס פֿון פּנים. מיטאַמאָל איז דער טרעגער קראַנק געוואָרען און אָנגעהויבען שטאַרק צו הוסטען. ער האָט אָנגעווענדעט צוערשט היימישע מיטלען, געמיינט, אַז עס וועט אַדורכגעהן, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפֿען, דערנאָך איז דער טרעגער געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר, האָט געגעבען פֿערשידענע מעדיצינען, אָבער דעם קראַנקען איז אַלץ געוואָרען ערגער און ערגער. די דאָקטוירים האָבען דאַן ערקלעהרט, אַז די איינציגע רעטונג פֿאַר דעם קראַנקען איז, אַז ער זאָל אוועקפֿאָהרען קיין איטאַליען און דאָרט פֿערבלייבען, אָבער ווי אַזוי קאָן זיך אַן אָרימאַן, אַ טרעגער ערלויבען צו פֿאָהרען קיין איטאַליען, איז ער געבליבען אין דערהיים און לאַנגזאַם אָפּגעשטאָרבען און איבערגעלאָזען אַן אַלמנה און יתומים אין גרויס עלענד און דחקות.

איז ווידער געווען, האָט דער רב ווייטער געזאָגט אַ גרויסער גביר, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אַלע תענוגי עולם. זיך נישט

געזשאַלעוועט קיין שום זאַך, נישט געקלערט וואָס וועט זיין מאָרגען און נישט געדענקט, אַז זײַנע מיטמענטשן פלאָגן זיך און קרעכצן אונטערן יאָך פון אָרימקייט און קראַנקהייטן. און דער דאָזיגער גביר האָט שוין געהאַט בענאָסען פון אַלע פערגעניגענס ביי זיך אינדערהיים, איז איהם איינגעפאַלען אין ווינטער אָוועקצופאָהרען אין די וואַרימע לענדער, ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבען איטאַליען. דעם גביר האָט אָבער נישט געדינט דער איטאַליענישער קלימאַט און ער האָט אָנגעהויבען קראַנק צו ווערען, מ'האָט צו איהם גערופען אַלע גרעסטע פראָפעסאָרען פון איטאַליען און אפילו געבראַכט פון אַנדערע לענדער, עס האָט גאָרנישט געהאָלפען, דער גביר איז אָפגעשטאָרבען.

דאָ האָט דער רב איבערגעריסען זיין הספד. אויפ'ן בית-עולם איז געווען שטיל, דער גרויסער עולם האָט שוין פערשטאַנען דעם משל און איינער האָט זיך איבערגעקוקט מיט'ן אַנדערען.

אַזוי איז אויך דער וועלט, האָט פערענדיגט דער רב, אַז מ'לעבט אָהן אויסרעכענונג, אַז מ'האָט נישט אין זינען דעם צווייטען, ווען דער דאָזיגער גביר, וועגען וועלכען איך האָב אייך דערצעהלט, וואָלט אָוועקגעגעבען די קאָסטען פון זיין רייזע קיין איטאַליען דעם שווינדזיכטיגען אָרימאַן און איהם דאָרט אַהין געשיקט און ער אַליין וואָלט געבליבען אין דערהיים, וואָלט אָפגעראַטעוועט געוואָרען אפשר צוויי לעבענס. דאָס איז דער משל נאָר אין אַנ'איינצעלנעם פאַל. אין אַלגעמיין גענומען גייט עס נאָך ווייטער. ווען די מענשען, וואָס האָבען אַ סך, וואָלטען געדענקט וועגען די, וואָס האָבען גאָרנישט, וואָלט אָפגעראַטעוועט געוואָרען זעהר פיל מענשען און דאַדורך וואָלט אויסגעלייזט געוואָרען די וועלט פון גלות, וועלכען זי ריכט איצט אָפּ.

אין אַ דאָרף הינטער לאָדז האָט געוואוינט אַנ'אָרימער שוויי-נער, מענדעל. ער האָט שווער געאַרבייט אויף פרנסה און זיין רוהיג געלעבט מיט זיין הויזגעזינד. מענדעל האָט שוין געהאַט אַ דערוואַקסענע טאָכטער, מיט וועלכער ער האָט געדאַרפט אַ שידוך צו טון. ס'פערשטעהט זיך, מענדעלס השגות האָבען נישט דערגרייכט אין שטאָט אַריין, נאָר האָט געזוכט פאַר זיין טאָכטער אַ זיווג אין די שכינות'דיגע דערפער, אָדער קליינע שטעטלעך.

לאַנג אַרומגעזוכט און צום סוף געפונען. מענדעל האָט אַ שידוך געטון מיט זיין טאָכטער פאַר אַ יונגערמאַן, אַ הענדלער פון

בהלות אין נראָבאָווע. מענדעל האָט געמאַכט אַ פֿיינע תּנאָים און די חתונה איז פֿאַרגעשמועסט געוואָרן אויף עטליכע חדשים. מענדעל האָט אָנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטן, געמאַכט דער טאָכטער אַן אויסשטייער און זיך געגרייט צו מאַכן אַ חתונה־מאָהלצייט פֿאַר זיין טאָכטער, אַז ער זאָל נישט פֿערשעהמט בלייבען ביי די געסט.

דער טערמין פֿון דער חתונה האָט זיך דערנעהנטערט, מענדעלס וואוינונג האָט מען גערייניגט און געציירט, מ׳האָט געבאַקען און געקאָכט, באַשטעלט כּלי־זמרים פֿון אַ דערבייאיג שטעטיל, אפילו אַ בדחן באַשטעלט.

געקומען דער טאָג פֿון דער חתונה, עס האָבען זיך אָנגעהויבען צונויפֿצופֿאָהרען די געסט. מענדעלס נאָהענטע און ווייטע קרובים. די קרובים פֿון נעכע׳ן, מענדעלס ווייב. ס׳איז געקומען דער פּריץ, פֿון וועמען מענדעל האָט גענומען מילך. געקומען דער וואָיט און דער נאַטשאַלניק, בכלל די גאַנצע „מאַכט" פֿון שטעטיל. עס זענען אויך געקומען דעם חתנ׳ס קרובים. מ׳האָט אָנגעטאָן די כּלה, אויפֿגעשפּילט און זי אָוועקגעפֿיהרט אין דעם אָרט, וואו ס׳האָט געזאָלט פֿאָרקומען די חתונה, אַלע האָבען געוואַרט אויפֿ׳ן חתן מיט זיין מוטער. קיין פֿאָטער האָט שוין דער חתן נישט געהאַט.

ס׳איז שוין נאָכמיטאָג און דער חתן איז נאָך אַלץ נישטאָ. ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז מ׳האָט זיך נאָך נישט גערעכענט מיט קיין שום שלעכטס און דערווייל זיך משמח געווען, די כּלי־זמרים האָבען געשפּילט, די מיידלעך, חבר׳טעס פֿון דער כּלה, האָבען געטאַנצט, און די מחותּנים האָבען מכבּד געווען די געסט. ס׳איז אָבער פֿערביי געגאַנגען אַ שעה נאָך אַ שעה און דער חתן קומט נישט און קיין ידיעה איז פֿון איהם אויך נישטאָ. די מחותּנים האָבען זיך שוין אָנגעהויבען באַאונרוהיגען, געמיינט עפּיס אַן אומגליק געטראָפֿען און זיך נישט געקענט פֿערטייטשען די סבּה. ס׳איז געוואָרען שפּעט אין אָוונד און דער חתן איז נישטאָ. איינער פֿון די געסט איז שנעל געפֿאָהרען אין שטעדטעל אהין דעפּעשירען. דער כּלה׳ס פֿאָטער איז אַרומגעגאַנגען אַ צומישטער און מיט אַ געמאַכטען שמייכעל אויף די ליפּען האָט ער געפּרובט צו פֿערהאַלטען די געסט. די כּלה אַליין איז געווען בלייך ווי די וואַנד און שיער נישט משוגע געוואָרען פֿאַר עגמת נפש. די געסט איז די לאַגע געוואָרען זעהר פּיינליך און האָבען געקוקט ווי זיך

אַרויסצובעקומען פון דער חתונה. זיי האָבען אָבער נישט געוואָלט פערשעהמען די כלה און געבליבען. ס'איז געווען שטיל ווי ביי אַ אבל אין שטוב, נאָר די כלי־זמר האָבען געמאַכט מיט די מיטשקעס אַהין און צוריק ווי אויף אָפּקומעניש.

ס'איז שוין געוואָרען 12 אין דער נאַכט. מ'הערט נישט און מ'זעהט נישט. די לאַגע האָט אַזוי לאַנג נישט געקענט דויערן. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען פונאַנדערצוגעהן. די כלה האָט אין אַ היסטערישען געוויין אויסגעטאָן דעם שלייער. די נעהענטערע קרובים האָבען זיך געווישט די אויגען צוזאַמען מיט דער מחותנת.

די ליכט אין דעם גרויסען הענגעל־לייכטער זענען אויסגעגאַנגען, די כלי־זמרים האָבען איינגעפּאַקט זייערע אינסטרומענטען און זענען אַוועק.

אַלע האָבען זיך גערעכענט דערמיט, דאָס ס'איז געשעהען אַ גרויס אומגליק. קיינעם איז עפּיס אַנדערש נישט איינגעפאַלען. דאָס איז געווען אין א דינסטאָג. אָבער ווען דאָנערשטאָג אין דערפריה האָט זיך פּלוצלינג בעוויזען אַ פוהר, אויף וועלכער ס'איז געזעסען דער חתן מיט זיין מוטער, געזונטע און פרישע איז די חרפּה געווען זעהר גרויס.

דאָס גאַנצע דאָרף, וועלכע האָט געוואוסט פון דער דאָזיגער געשיכטע איז זיך צונויפגעלאָפען אויף איין אָרט, כדי זיך צו דערוויסען וועגען דער סיבה פון דעם חתנ'ס פערשפּעטיגונג.

אויך מענדעל מיט זיין ווייב, וועמען מ'איז געקומען אָנזאָגען די בשורה, אַז דער חתן איז געקומען זענען אַרויסגעלאָפען צו דער פוהר.

דער חתן איז געזעסען אַ תמ'עוואַטער און האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר, וואָס איז דער צוזאַמענלויף און וואָס מ'קוקט אויף איהם ווי אויף אַ בייז וואונדער, ס'איז אויף איהם געווען קענטיג, אַז ער פערשטעהט נישט דאָס ער איז בעגאַנגען, וועלכען ס'איז פערברעכען. מ'האָט דעם חתן אָנגעהויבען אויספרעגען, פאַר וואָס ער איז נישט געקומען דינסטאָג אַזוי ווי ס'איז אָפּגעשמועסט געוואָרען די חתונה האָט ער געענטפערט:

— איך בין געווען בעשעפטיגט. איך האָב געהאַט צו טון מיט מיין שותף צוליב אַ קאַלב, וואָס מיר האָבען ביידע געקויפט האָב איך נישט געקענט קומען. וואָס איז דאָ דאָס אומגליק, אַז היינט וועט פאָרגעקומען די חופּה.

די מוטער פון חתן אַ עלטערע דאָרפישע יודינע האָט כמעט נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. ווען דער זוהן האָט זי מיטגענומען אויף דער חתונה איז זי געפאָהרען.

מענדעל מיט זיין ווייב האָבען גאָרנישט געוואוסט, וואָס זיי זאָלען אָנהויבען צו טון. נאָך לאַנגען טראַכטען האָבען זיי מספים געווען צו שטעלען די חופה. די כלה האָט אָבער נישט געוואָלט דערפון הערען און מעהר נישט געוואָלט וויסען פון איהר חתן. ס'האָבען זיך אָנגעהויבען אַריינצומישען זייטיגע מענשען, אָבער די כלה האָט נישט געוואָלט וויסען מעהר דערפון. וואָס איז געווען צו טון?

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען זיך צו ווענדען תיכף וועגען דעם ענין צום לאָדזער רב. נאָך דעם זעלבען טאָג זענען אַלע אָוועקגעפאָהרען קיין לאָדז. דער רב האָט אויסגעהערט די געשיכטע און האָט מיט דער גאַנצער פשוט'קייט געטענה'ט, אַז קודם'ער פון אַלץ איז פרנסה און דעריבער איז ער קיין שום פערברעכען נישט בעגאַנגען. דער מחותן האָט ווידער גע'טענה'ט, אַז ער בעשטעהט צו שטעלען די חופה, אָבער זיין טאָכטער וויל דאָס בשום אופן נישט, דעריבער פערלאַנגט ער, אַז דער רב זאָל זיין טאָכטער געבען פטורים.

מ'האָט נאָכאַמאָל געפרעגט די כלה, אָבער זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט.

דער רב האָט דאַן גענומען דעם חתן-בחור אויף אַ שמיקעל פערהער. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ פראָסטער נפש, וועלכער ווייסט נישט וואָס אַנ'אות איז. ער האָט די גאַנצע געשיכטע נישט געטון צוליב שלעכטיגקייט אָדער ביידזוויליגקייט נאָר צוליב אינוויסענהייט און עם-הארצות. נאָך אַ קורצען געשפרעך האָט דער רב אַרויסגעגעבען אַ פסק, אַז ער וועט איצט נישט געבען קיין פטורים, נאָר ערשט אין אַ האַלב יאָהר אַרום. קיינער האָט נישט פערשטאַנען דעם רב'ס פסק און האָבען זיך געקליבען אַהיימצופאָהרען, פאַר'ן אַוועקפאָהרען האָט דער רב אַריינגערופען דעם חתן און איהם געזאָגט:

— דו וועסט אויף מייגע הוצאות קומען קיין לאָדז אויף יעדען שבת. דער חתן, ווי שווער עס האָט איהם נישט געזאָלט זיין דאָס קומען יעדע וואָך פון גראַבאָווע האָט געפאָלגט און איז געקומען. באַלד דעם ערשטען שבת איז שוין געווען צוגעגרייט אַ מלמד, וועלכער האָט אָנגעהויבען מיט דעם חתן-בחור צו לער-

נאָך א״ב. דער מלמד האָט אויך געשמועסט דורכ'ן גאַנצען שבת מיט איהם וועגען פערשידענע ענינים און אַזוי איז פערגאַנגען אַ האַלב יאָהר. מיט יעדען שבת האָט דער גראַבאָווער חתן אַלץ מעהר געקענט און אַלץ מעהר פערשטאַנען, ער האָט אויך שוין אָנגעהויבען צו פערשטעהן די גרויסע עולה און די גרויסע חרפה, וואָס ער האָט פערשאַפט זיין כלה און זיינע מחותנים, בעת זיין חתונה־טאָג. ער איז דעריבער אַוועקגעפאָהרען צו די מחותנים, כדי זיי איבערצובעטען. דאָס איז איהם אויך געלונגען, נאָך אַ האַלב יאָהר איז געקומען דער מחותן זיך צו בעראָטען מיט'ן רב, וואָס צו טון, ס'איז איהם געווען אַ גרויסע שאָד אָפצולאָזען דעם שידוך, ווייל ער האָט בעמערקט, אַז דער חתן איז געוואָרען גאָר אַן אַנדער מענש, דער רב האָט דערצעהלט מענדלען וואָס ס'איז פאָרגעקומען און געהייסען פרעגען די כלה, די זי בעשטעהט אויפ'ן שידוך.

די כלה איז בעשטאַנען און ס'איז געפּראַוועט געוואָרען אַ חתונה, דאָס פּאָר־פאָלק האָט שטענדיגע יאָהרען צווישען זיך געלעבט זעהר גוט.

אין שטאָט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ס'איז געשטאָרבען איינער פון די אינהאַבער פון דער פירמע הערצענבערג און ראַפּאָפּאָרט. דער פערשטאָרבענער האָט געהערט צו די אָנגעזעהענע אַסימילאַטאָרען ביי אונז אין שטאָט. די אַלמנה און די קינדער האָבען דורכאויס פערלאַנגט, אַז דער פערשטאָרבענער זאָל בעגראָבען ווערען אין אַ ארון.

די אַלמנה האָט זיך געשטעלט אין פערבינדונג מיט איהר מאַנס אידען־חברים, אַז זיי זאָלען אויספּועל'ן ביים לאָדזער רב, דאָס דער פערשטאָרבענער זאָל בעגראָבען ווערען לויט זיין פערלאַנג אין אַן אָרון. די אסימילאַטאָרען האָבען אָבער געוואוסט אַז דאָס איז אַ שווערע הלכה, ווייל ר' אליהו חיים איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע געגנער פון דער דאָזיגער רעפאָרם, דאָך האָבען זיי בעשלאָסען דאָסמאָל אונבעדינגט אויסצופּועל'ן ביים רב זיין הסכמה.

צוויי פאָרשטעהער פון די אַסימילאַטאָרען זענען אַוועק צום רב איהם דערצעהלט, אַז דער פערלאַנג פון געשטאָרבענעם איז געווען בעגראָבען צו ווערען אין אַן אָרון, דעריבער פערלאַנגען זיי פון רב אַ הסכמה.

— איהר האָט מיט מיר גאָרנישט וואָס צו רעדען — האָט דער רב שטרענג געזאָגט — איך וועל נישט ערלויבען.

— מיר פערלאַנגען אַ פערזאַמלונג פון די דאָזאָרעס מיט ייגע אָנגעזעהענע בעלי-בתים. די דאָזיגע פערזאַמלונג זאָל דעצידירען וועגען דעם דאָזיגען ענין, האָט געזאָגט די דעלעגאַציע.

— אַ פערזאַמלונג? מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, האָט געזאָגט דער רב, אַדרבא. אָבער איהר זאָלט וויסען, איך זאָג אייך פריהער-אויס, אַז אין דער דאָזיגער הינזיכט וועט קיינער ביי מיר גאָרנישט אויספועל'ן, און קיין שום אויטאָריטעט וועט פאַר מיר נישט זיין מאַסגעבענד.

די פערזאַמלונג איז טאַקי נאָך דעמזעלבען טאָג פאָרגעקומען ביים רב אין שטוב. ס'האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַלע דאָזאָרעס און די אָנגעזעהענסטע בעלי-בתים פון דער שטאָט. די אַסימילאַטאָרען האָבען זיך געגרייט צו געבען דעם רב די לעצטע שלאַכט.

— מיר מוזען זיגען — האָט איינער פון זיי פאַר דעם אָנהויב פון דער פערזאַמלונג געזאָגט.

די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבען. דער ראש המדברים פון די אַסימילאַטאָרען איז געווען דער אַלטער שטילער פון דער פירמע שטילער און ביעלאַשעווסקי. דער רב האָט רוהיג אויסגעהערט זיין שעה'דיגע רעדע. מיט קיין איין וואָרט נישט איבערגעריסען. נאָכדעם, ווי ה' שטילער האָט געענדיגט, האָט דער רב זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך בין נישט מסכים. אייערע אַרגומענטען האָבען מיך גאָרנישט איבערגעצייגט, להיפך, איך בין איצט נאָך זיכערער, דאָס איך בין גערעכט און איך זאָג אייך נאָכאַמאָל, דאָס איך וועל אויף דעם קיינמאָל נישט ערלויבען.

די איבעריגע אָנטייל-נעהמער אין דער פערזאַמלונג האָבען שוין פערשטאַנען, אַז ס'איז אַ ברכה לבטלה אַז ס'וועט גאָרנישט העלפען צו זאָגען יאָ, אָדער ניין. ווען דער רב האָט איינמאָל זיין אויטאָריטאַטיוו וואָרט געזאָגט וועט אַזוי בלייבען. קיינער האָט דעריבער נישט געפונען פאַר נויטיג צו נעהמען אַ וואָרט אין דער פראַגע. נאָר איין שטילער, וועלכער האָט זיך נישט געקענט בערוהיגען איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און האָט געזאָגט:

— אויב אַזוי, אויב דער רב איז נישט מסכים וועלען מיר זיך ווענדען אַנדערשוואו. מיר וועלען זיך ווענדען צו דער מאַכט וועגען דעם גאַנצען ענין און אויב איצט וואָלט דאָס געווען אַ פראַגע פון ערלויבען צו בעגראָבען אין אָרונות נאָר אין איינצעל-

נע פֿאַלן ווען אַ רעגירונגס־פֿאַראָרדנונג חל זיין אויף אַלע ייִדן.

דער רב איז געוואָרן בלייך און האָט אינגאַנצן געציטערט פֿאַר אויפֿרעגונג.

— וואָס האָט איהר געזאָגט, האָט דער רב נישט מיט זיין קול געשריגן, איהר ווערט זיך ווענדן צו דער מאַכט? אַנו, פּרובט צו ווערן אַ מסר. אַזוי לאַנג ווי איך האָב גרויע האָר אין מיין באָרד וועל איך אייך גאָרנישט ערלויבן. איך בין לאַדזשער רב. און אַזוי לאַנג ווי איך בין דאָ וועט איהר מיך מוזן הערן און איצט אַרויס פֿון מיין שטוב און געהט צו דער מאַכט, האָט דער רב שטילער׳ן אָנגעוויזן די טיר.

די לאַגע איז געוואָרן פּיינליך, די געמיטער אויפֿגערעגט און מ׳האָט געמוזט געפֿינען אַן אויסוועג. די אָנוועזנדע דאָזאָרעס האָבן צווישן זיך בעשלאָסן, אַז מ׳זאָל אַוועקשיקן אַ דעלעגאַציע צו דער אלמנה פֿון פֿערשטאָרבענעם, אַז זי זאָל רעזיגנירן פֿון בעגראָבן איהר מאַן אין אַן אָרון און אַזוירום מאַכען פֿאַרלויפֿיג אַ סוף צו דער געשיכטע.

און באַלד איז אַוועק אַ דעלעגאַציע וואָס איז בעשטאַנען פֿון די דאַמאָלסדיגע דאָזאָרעס ע. שיקער און י. אויערבאַך. אויפֿן וועג האָט די דעלעגאַציע בעגעגנט פּאָזנאַנסקיס אַיידעם יאַקוב הערץ, וועלכער איז ערשט איצט געגאַנגען צו דער פֿערזאַמלונג.

— וואוהין געהט איהר דאָס, האָט געפֿרעגט הערץ.

דאָזאָר שיקער האָט הערצ׳ן דערצעהלט וועגן דעם גאַנג פֿון דער פֿערזאַמלונג און וועגן דער אויפֿרעגונג וואָס איז צום סוף ענטשטאַנען צוליב דעם אונטאַקטישען אַרויסטריט פֿון שטילערן.

— געהט נישט, האָט געזאָגט הערץ און קומט צוריק צום רב.

אַלע דריי זענען צוריקגעגאַנגען אין רב׳ס שטוב, די אויפֿרעגונג איז נאָך דאָרט געווען זעהר גרויס. אַלע האָבן געוואַרט אויפֿ׳ן צוריקקעהר פֿון דער דעלעגאַציע.

— וואָס זאָגט איהר, רבי, צו דעם גאַנצען ענין, האָט הערץ זיך געווענדעט צום רב.

— איך האָב שוין מיינס געזאָגט, האָט דער רב געענטפֿערט, איך וועל נישט ערלויבען קיין יורשן מקבר צו זיין אין אַן אָרון און ווער עס וויל קען זיך ווענדען צו דער מאַכט.

— אויב אַזוי, האָט הערץ געזאָגט, איז איבעריג אייער זיצען דאָ. עס וועט זיין אַזוי ווי דער רב האָט געהייסען.

אַלע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און ס׳איז טאַקי אַזוי געבליבן ווי דער רב האָט געהייסן.

אַמאָל נאָך ניי־יאָהר, ווען די לאָדזער שענקערס און רעסטאָראַנטאָרען זענען געגאַנגען בעניטן זייערע קאָנצעסיעס האָט מען כמעט אַלע יודישע קאָנצעסיאָנערען אָפּגעזאָגט צו בעניי׳ען זייערע קאָנצעסיעס. קיין שום מאָטיווען האָט מען דערביי נישט אָנגעגעבען, ס׳איז געווען קענטיג, אַז דאָס איז אַן׳אַנטיסעמיטיש שפּיצעל. צווישען די יודישע שענקערס איז געוואָרען אַ מהומה. מ׳האָט אָנגעהויבען זיך בעמיהען און אָנווענדען כל־ערליי פּראָטעקציעס. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפען, די לאָדזער בעאַמטע האָבען געענטפערט, אַז דאָס איז אַ פעראָרדנונג פון דער פּיעטריקאָווער גובערניע און זיי קענען גאָרנישט צו דעם טון. ווען די שענקערס האָבען שוין נישט געהאַט קיין שום עצה האָבען זיי זיך געווענדעט צום לאָדזער רב.

ס׳איז באמת געווען זעהר אַן׳ערנסטער ענין. ס׳האָט געדראָהט דערמיט, אַז הונדערט יודישע משפחות זאָלען פערלירען זייער פרנסה. דער רב האָט זיך דעריבער גלייך פערנומען מיט דעם ענין. איבערצייגענדיג זיך, אַז ס׳איז ווירקליך פערהאַן אַ געהיימער צירקולאַר צוציגעהמען ווי ווייט מעגליך ביי די יודען זייערע קאָנצעסיעס, האָט דער רב בעשלאָסען גלייך אַריבערצופאָהרען קיין פּיעטריקאָוו צום גובערנאַטאָר.

גובערנאַטאָר איבער דער פּיעטריקאָווער גובערניע איז דעמאָלס געווען מילער. דער רב איז אַוועקגעפאָהרען קיין פּיעטריקאָוו. אין קאָלושקי האָט מען זיך געדאַרפט איבערזעצען אויף דעם ציג, וואָס איז געגאַנגען צו דער גרעניץ. אויף דעם דאָזיגען ציג האָט מען געדאַרפט וואַרטען עטליכע מינוט. דער רב איז אריין אין וואָקזאַל און האָט געוואַרט. פּלוצלינג האָט דער רב דערהערט הינטער זיך אַ קול אויף רוסיש:

גוט מאָרגען ה׳ ראַבינער, וואוהין פאָהרט איהר?

דער רב האָט זיך אומגעדרעהט און דערזעהן פאַר זיך דעם גובערנאַטאָר מילער. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט איז דער גובערנאַטאָר געפאָהרען אין דינסט־אָנגעלעגענהייטען פון פּיעטריקאָוו קיין לאָדז און איז אין קאָלושקי אראָפּגעגאַנגען, ווייל ער האָט דורכ׳ן פענסטער דערזעהן דעם לאָדזער רב, פון וועלכען דער גובערנאַטאָר האָט זעהר שטאַרק געהאַלטען.

— איך פאָהר טאַקי צו אייך, ה׳ גובערנאַטאָר האָט געזאָגט דער רב.

— צו מיר, האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט, אין וואָס פאַר אַנ׳אָנגעלעגענהייט.

— איהר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ ענינים איך קען האָבען צו אייך, דאָס איז כלל-זאַכען, אויסבעסערען בעגאַנגענע עולות, אָדער עפּעס עהנליכעס.

איך בין גרייט אייך אויסצוהערען האָט געזאָגט דער גובערנאַטאָר, זאָגט ה׳ ראַבינער וואָס איהר פערלאַנגט.

— ניין, איצט וועל איך אייך נישט זאָגען, האָט געענטפערט דער רב, איך וויל נישט, אַז דער ענין זאָל זיין אַ צופּעליגער. מיר האָבען זיך דאָך צופּעליג דאָ געטראָפען. איך וועל דעריבער קומען צו אייך אַנ׳אַנדערש מאָל.

דער גובערנאַטאָר האָט אָבער דוקא פערלאַנגט, אַז דער רב זאָל איהם דאָ אויפ׳ן אָרט זאָגען אין וואָס פאַר אַנגעלעגענהייט ער פאָהרט צו איהם, ווען דער רב איז דעראויף נישט איינגעגאַנגען האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט:

— אויב אַזוי פאָהר איך צוריק מיט אייך קיין פּיעטראָקאָוו און מיר וועלען דאָרט דעם ענין ערלעדיגען. און כך - הוא. דער גובערנאַטאָר איז צוזאַמען מיט׳ן רב צוריקגעפאָהרען קיין פּיעטריקאָוו און דאָרט האָט ערשט דער רב דערצעהלט וועגען וואָס פאַר אַ ענין ער איז געקומען.

ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט האָט דער גובערנאַטאָר בכלל נישט געוואוסט פון דעם דאָזיגען צירקולאַר, דאָס איז געווען אַנ׳אויפטו פון דער הויפּט-אַקציז-פערוואַלטונג. דער גובערנאַטאָר האָט גלייך אויפ׳ן אָרט אַנולירט די דאָזיגע געהיימע פעראָרדנונג און צוזאַמען מיט׳ן רב צוריקגעפאָהרען קיין לאָדז.

אַלע יודישע שענקערס און רעסטאָראַטאָרען האָבען צוריק בעקומען זייערע קאָנצעסיעס.